STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00739

# MAYN HEYMSHTETL STRIKOV

Abraham Unger

•

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Sara Efron*
*in memory of*
*father, Abraham Nelson*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# מיין היימשטעטל סטריקאָוו

אברהם פנחס אונגער

# מײַן הײמשטעטל סטריקאָוו

געשילדערט פון אַ לעבן אין דער אַלטער הײם
און אין אַמעריקע

מיט אַ פאָרוואָרט פון
מ. ווײַנרײַך

אַרויסגעגעבן דורך אַ קאָמיטעט

פאַרלאַג אַרבעטער־רינג
ניו־יאָרק, 1957

AVRUM PINKHES UNGER

# MAYN HAYMSHTETL STRYKOV

Copyright, 1956
by The Educational Department
of the Workmen's Circle,
New York, N. Y.

Printed by
FUTURO PRESS, Inc.
476 Broadway, New York, N. Y.
200

# אַ פאָרוואָרט פון קאָמיטעט

דאָס בוך פון אברהם אונגער וואָס מיר ברענגען צו די לייענער, זיינען זכרונות פון אַ יידישן אַרבעטער און פאָלקס־מענטש, וועלכער איז דורכ־געגאַנגען אַ שווער אָבער זייער אינטערעסאַנט לעבן.

ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן דער אַרבעטער און סאָציאַליסטישער באַוועגונג נאָך אין זיין יוגנט, אין זיין היימשטעטל סטריקאָוו און אין דער שטאָט לאָדזש. ער איז געקומען קיין אַמעריקע אין יענע יאָרן ווען די טרייד־יוניאָן־באַוועגונג איז נאָך געווען זייער שוואַך און מען האָט באמת געדאַרפט זיין אַ אידעאַליסט, סיי אָנצושליסן זיך אָן דער יוניאָן, און סיי צו קעמפן פאַר דעם אַז די יוניאָן זאָל ווערן אַ וויכטיקער אינסטרומענט אין קאַמף פאַר אַ בעסערן לעבן פאַר די אַרבעטער. ער האָט דאָס געטאָן מיטן גאַנצן האַרצן.

ער איז געוואָרן אַ פרעסער פון קלאָוקס און זיך אָנגעשלאָסן אָן לאָ־קאַל 35, פרעסערס יוניאָן. צענדליקער יאָרן איז ער דאָרטן אַ מיטגליד געווען, ביז וואַנען ער האָט „ריטיירד" צוליב זיין עלטער. ער איז זיין גאַנצן לעבן געוועזן אַ געטרייער מיטגליד אין אַרבעטער־רינג, אין דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, אין דער אַרבעטער־רינג שול־באַוועגונג, אי־בעראַל האָט ער פאַרטיידיקט און געפּריידיקט דעם אידעאַל פון מענטש־לעכקייט, דעם אידעאַל פון ברידערלעכקייט, דעם אידעאַל פון סאָציאַליזם, אומעטום האָט ער ערלעך דערפילט זיינע פליכטן.

ווען זיין לעבנס־געשיכטע וואָס ער האָט אָנגעשריבן, איז אויסגע־צייכנט געוואָרן דורכן יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט — ייוואָ, האָבן זיך אַ גרופּע פריינד פאַראינטערעסירט אַרויסצוגעבן זיינע דערינערונגען אין דרוק. די איניציאַטיוו אַרויסצוגעבן דאָס בוך האָט אויף זיך גענומען דער לאָקאַל 35, פרעסערס־יוניאָן, וואו ער איז לאַנגע יאָרן געווען אַ מיט־גליד. אַ גאַנצע רייע לאָקאַלען פון דער אינטערנעשאַנעל, און אויך דער מיאַמער ברענטש פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד האָבן געהאָלפן שאַפן די פאַנדן דאָס בוך אַרויסצוגעבן.

מיר דאַנקען זיי אַלעמען פון טיפן האַרצן.

מיר דאַנקען אויך דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט — ייוואָ, וועלכער האָט באַפולמעכטיקט זיין מיטאַרבעטער משה קליגסבערג, אַז ער

זאל טאן די אַרבעט כדי דאָס בוך זאָל קענען דערזען די ליכטיקע וועלט; מיר דאַנקען באַזונדער דעם פּ׳ משה קליגסבערג וואָס האָט פּאַרטיק געמאַכט דאָס בוך צום דרוק.

מיט גרויס פאַרגעניגן באַגריסן מיר דעם מחבר פון בוך, וואָס אין זיין טיפן עלטער האָט ער געאַרבעט שווער, מיט ליבע, אַנצושרייבן זיין לעבנס־געשיכטע. אמת, דאָס זיינען זכרונות פון אברהם אונגערס לעבן אָבער אין דעם בוך וועלן זיך דערקענען טויזנטער און טויזנטער יידישע אַרבעטער, וועלכע זיינען אַליין דורכגעגאַנגען דעם וואונדערבאַרן קאַמף פון דער סאָציאַליסטישער און אַרבעטער־באַוועגונג, סיי אין דער אַלטער היים, און סיי דאָ אין אַמעריקע.

**י. ברעסלאָו**, טשערמאַן

**מ. גאָלדאָווסקי**, טרעזשורער

**נ. כאַניך**, סעקרעטאַר

איצט, ווען אברהם אונגערס בוך איז פאַרטיק, זע איך, ווי רייך און ווערטיק עס איז דער אינהאַלט, און איך בין באמת צופרידן, וואָס איך האָב געהאַט אַ חלק אין מעורר זיין דעם מחבר, ער זאָל זיך נעמען צו דער אַרבעט.

אונגערס אויטאָביאָגראַפיע האָט ניט אין זיך קיין סענסאַציעס. ווען איר נעמט אַרויס די אינדיווידועלע פּרטים האָט איר פאַר זיך די זעלביקע סכעמע ווי אין פיל הונדערטער טויזנטער לעבנס־געשיכטעס פון די לעצטע צוויי דורות: געבוירן אין אַ פּיצעלע שטעטל — אַריבער אין אַ גרעסערער שטאָט — עמיגרירט קיין אַמעריקע. אָבער דאָס איז טאַקע די מעשה, אַז מען טאָר די פּרטים ניט אַרויסנעמען אַזוי ווי מען טאָר ביי אַ בלום ניט אַראָפּצופּן די בלעטלעך. די אינדיווידועלע פּרטים זענען דער עיקר. דעריבער בין איך זיכער, אַז מיט איטלעכן לייענער וועט טרעפן דאָס אייגענע וואָס מיט מיר; ווי נאָר ער וועט זיך באַקענען מיט די ערשטע פּאָר זייטלעך וועט ער זיך שוין ניט וועלן אָפּרייסן. ס׳איז אונדז דאָ צו־געקומען אַ מעמואַרן־בוך פון אַ הויכער קוואַליטעט.

וואָס איז דער חילוק פון אַ מעמואַריסט ביז אַ היסטאָריקער? דער היסטאָריקער זוכט די גרונטיקע ליניעס אין אַ תקופה, מיט פּרט־פאַקטן באַנוצט ער זיך נאָר אויף צו אילוסטרירן זיינע אַלגעמיינע אויספירן. דער גוטער מעמואַריסט טוט פאַרקערט: ער ווייזט אייך קאָנקרעטע לעבנס־סיטואַציעס, די אַלגעמיינע אויספירן לאָזט ער איבער פאַר אייך. אין דעם איז ער געגליכן צום בעלעטריסט — מערניט וואָס אַ בעלעטריסט אָפּע־רירט מיט זאַכן וואָס האָבן געקאָנט זיין און מעמואַרן מוזן דערציילן דאָס וואָס ס׳איז געווען.

אונגער, מיין איך, האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען. ער שטאַמט פון אַ טיף חסידישער סביבה, אָבער מאַלנדיק זיינע איבערלעבונגען פאַרמעסט ער זיך ניט אויף קיין קולטור־געשיכטע פון חסידות. איר געפינט אין בוך ווייטער אָפּגלאַנצן פון סמאָלענסקינס השכלה־פּראָפּאַגאַנדע, פון דער מאָ־דערנער יידישער ליטעראַטור, פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, אָבער אַלץ נאָר אויף וויפל עס רירט אָן דעם שרייבער. ער איז דער צענטער, און אַזוי דאַרף זיין. דער יחיד איז נאָר אַ טראָפּן אין דעם ים געשעעניש, אָבער אין דעם דאָזיקן טראָפּן וואַסער שפּיגלט זיך אָפּ די זון.

מיר זיינען זיך נוהג צו ריידן וועגן „איבערגאַנג־צייט" ווען מיר טראַכטן וועגן די יאָרן וואָס אונגער פירט דאָ אַרויס, און ס'איז טאַקע ניט קיין קליינער מהלך פון זינט מען פלעגט אין סטריקעווער טייך אַלע אָנהייב זומער אַריינוואַרפן אַ קאַץ כדי דאָס וואַסער זאָל יענעם סעזאָן שוין ניט מאָנען קיין מענטשלעכע קרבנות. אָבער ווען מען טראַכט זיך אַריין זעט מען, אַז דער סאַמע עיקר אינעם בילד זיינען ניט די קאָנטראַסטן, נאָר דאָס אויסשטימען די קאָנטראַסטן, דער צונויפוואוקס פון אַלט און ניי. דער גרויסער קעגנאַנאַנד איז ניט סטאַבילע צייט און איבערגאַנג־צייט, נאָר צייט און אומצייט, פשוט גערעדט: לעבן און טויט. סטריקעוו אין 1939 איז געווען נאָך ווייטער אַוועקגעגאַנגען פון אונגערס קינדערוועלט, און פאַרט וואָלט זי זיך געלאָזט דערקענען. דער אומברענג האָט געמאַכט אַ סוף צו אַלע פאַרגלייכן. ניטאָ קיין היינט, פאַראַן נאָר אַ נעכטן און אַן אייער־נעכטן.

אָבער אָט לעבן אויף פאַר אונדז צוריק סטריקעוו און עלקיש: יידן צווישן זיך, יידן מיט פויערים און פריצים; יידן אין די קראָמען און וואַר־שטאַטן און אויף די ירידים; דאָס לערנען וואָס פילט אָן די יידישע הייזער מיט גייסטיקייט; די סאָציאַלע קאָנפליקטן און די קעמערלעך פון דער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע. מיר זעען פאַר זיך פון דאָס ניי סטריקעוו און עלקיש און אַנדערע סטריקעווס און עלקישעס — דאָס אייביקע יידישע שטעטל של מעלה.

מ. ווינרייך

סעפּטעמבער 23, 1956

געווידמעט מײַן פֿרוי דבורה־רייזל,
מײַנע קינדער און אייניקלעך

# אינהאַלט:

## ערשטער טייל

## אין דער אַלטער היים

זייט


קאַפּיטל 1. דאָס שטעטל סטריקאָוו אַמאָל — 3
קאַפּיטל 2. סטריקאָווער יידישע פּרנסות — 6
קאַפּיטל 3. סטריקאָווער אַלטער שטייגער — 13
קאַפּיטל 4. דער סטריקאָווער רבישער הויף — 18
קאַפּיטל 5. אונדזער משפּחה — 21
קאַפּיטל 6. לעאָש, אַ פּאַריידישטער שגץ — 24
קאַפּיטל 7. אין חדרים — 28
קאַפּיטל 8. דאָס שטעטל קריגט אַן אייגענעם חזן — 33
קאַפּיטל 9. איך ווער אַ יתום — 36
קאַפּיטל 10. אין גמרא־חדר — 41
קאַפּיטל 11. איך הייב אָן לייענען ביכער — 44
קאַפּיטל 12. סטריקאָווער יאַרידים — 47
קאַפּיטל 13. אין בית־המדרש — 56
קאַפּיטל 14. די השכלה פּאַרשפּרייט זיך אין שטעטל — 61
קאַפּיטל 15. אין ישיבות אין דער פּרעמד — 69
קאַפּיטל 16. צוריק אין היימשטעטל — 76
קאַפּיטל 17. אין דער ישיבה אין זדונסקע־וואָליע — 87
קאַפּיטל 18. ביי דער באָבען אין עלקיש — 100
קאַפּיטל 19. אַ לערנער אין בענדין — 112
קאַפּיטל 20. כ׳לערן צוריק אין עלקיש — 116
קאַפּיטל 21. מען רופט מיך צום פּריזיוו — 122
קאַפּיטל 22. אַ נייע היים — אַ פּרעמדע היים — 126
קאַפּיטל 23. סטריקאָוו הייבט אָן פּראָגרעסירן — 135
קאַפּיטל 24. דער ערשטער סטרייק אין סטריקאָוו — 138
קאַפּיטל 25. איך הענג צווישן צוויי וועלטן — 140
קאַפּיטל 26. מען בויט אַ באַן אין סטריקאָוו — 144
קאַפּיטל 27. אַ שידוך ווערט אָפּגעלאָזן צוליב אַ משומדת — 148

זייט

קאַפּיטל 28. איך ווער מיט מזל אַ חתן — — — — — — — — — — — — 152
קאַפּיטל 29. אין לאָדזש צווישן אַרבעטער און סאָציאַליסטן — — — — — — — — 160
קאַפּיטל 30. מיין חתונה — — — — — — — — — — — — — — — 167
קאַפּיטל 31. ווידער אין לאָדזש: אַ קרעמער און אַ קאָנספּיראַטאָר — — — 175
קאַפּיטל 32. מיט דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג נאָך 1905 — — — — — — 183
קאַפּיטל 33. איך פאָר קיין אַמעריקע — — — — — — — — — — — 191


## צווייטער טייל

## אין אַמעריקע


קאַפּיטל 34. די ערשטע טריט אין אַמעריקע; די לאַנדסלייט, זאָלן לעבן — — 205
קאַפּיטל 35. איך ווער אַ פּרעסער — — — — — — — — — — — — 215
קאַפּיטל 36. דער היסטאָרישער סטרייק פון די קלאָוקמאַכערס — — — — — 220
קאַפּיטל 37. די חבלי־לידה פון אַ גרינעם; צוריק אין דער אַרבעטער־באַוועגונג 231
קאַפּיטל 38. איך ברענג אַריבער מיין פאַמיליע — — — — — — — — — 239
קאַפּיטל 40. דאגות־פּרנסה און צער־גדול־בנים — — — — — — — — — 249
קאַפּיטל 41. אַ קריטישע צייט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג — — — — — — — 254
קאַפּיטל 42. איך ווער קראַנק — — — — — — — — — — — — — — 259
קאַפּיטל 43. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה — — — — — — — — — — 262
קאַפּיטל 44. מיין משפּחה און מיינע לאַנדסלייט פון יענער זייט ים — — — — 267
קאַפּיטל 45. אונדזערע קינדער און קינדס־קינדער — — — — — — — — — 270



דער מחבר, פאָטאָגראַפירט אין 1954

ערשטער טייל

# אין דער אַלטער היים

## קאַפּיטל 1

# דאָס שטעטל סטריקאָוו אַמאָל

סטריקאָוו איז געווען אַן אַלטער יידישער ישוב, די שטאָט געפינט זיך אין דער געגנט פון זגיערזש, לאָדזש, ברעזין, לוויוויטש, אָזאָרקאָוו, גלאָוונע און קוטנע. אין יאָר 1784 האָבן זיך אין לאָדזש געפונען צוויי יידישע פאַמיליעס מיט זיבן נפשות; אין כאָינע, אַ דאָרף לעבן לאָדזש, האָט זיך געפונען איין יידישע פאַמיליע פון צוויי נפשות. אין באַלוט, אַ פאָרשטאָט פון לאָדזש, האָט זיך געפונען איין יידישע פאַמיליע פון פיר נפשות. די אַלע יידן פון די דאָזיקע שטעטלעך האָבן צו יענער צייט באַלאַנגט צו דער סטריקאָווער יידישער קהילה. די שטאָט סטריקאָוו האָט שוין צו יענער צייט געהאָט אַ גרויסע שול מיט אַ גרויסן פאָליש, וואו עס האָט זיך געפונען אַ גרויסע באַנק אַריינגעמויערט אין דער וואַנט. פון ביידע זייטן פון דער וואַנט און אויך אין דער וואַנט, פונקט אין מיטן פון דער באַנק, זיינען געווען אַריינגעמויערטע צוויי האַלבע קיילעכדיקע אייזערנע קייטן, אַזוי אַז אַ מענטשלעכער האַלדז זאָל קענען אַריינגיין אין דער קיילעכדיקער קייט. ביים סוף פון די האַלבע קייטן זיינען געווען צוויי לעכער, אַז אַ שלאָס זאָל קענען אַריינגיין צו פאַרשליסן די קייטן. די דאָזיקע קייטן זיינען פאַרבליבן פון די אַלטע צייטן. אין יענער צייט, ווען אַ ייד האָט זיך פאַרזינדיקט ביי קהל אין סטריקאָוו, אָדער איז באַגאַנגען אַ זינד פון אַ מענטש צו מענטש, האָט דער בית־דין דעם פאַרזינדיקטן פאַרמישפט צו זיצן אויף דער באַנק אין פאָליש. און דער האַלדז פון דעם פאַרמישפטן איז געווען פאַרשלאָסן אין דער קייט. מען פלעגט פאַרמישפטן צו זיצן אַזוי אַ פּאָר שעה, אָדער מער, לויט דער זינד וואָס דער פאַרמישפטער איז באַגאַנגען.

איך געדענק ווען איך בין נאָך געווען אַ ייִנגל, איז אונדזער גרויסער דיכטער י. ל. פרץ געוועזן אין סטריקאָוו אין אַ פרייטיק און האָט געבעטן דעם שמש פון דער שול, אַז ער זאָל אויפמאַכן די שול. י. ל. פרץ האָט געוואָלט זען די שול און דעם פאָליש, וואו עס האָט געהאַנגען די קייט, און די ווייבער שול.

מען האָט געזאָגט, אַז ביים אָנשרייבן „אין פאָליש אויף דער קייט“

האָט פּרץ גענומען פאַר אַ מוסטער דעם סטריקאָווער פּאַליש, וואו עס האָט נאָך געהאַנגען די האַלדז־קייט. די סטריקאָווער שול איז געווען זייער אַ גרויסע, מיט גרויסע, ברייטע, לאַנגע פענצטער, מיט אַן הויכן באַלעמער מיט אַ סך שטיגן אַרויפצוגיין צום באַלעמער. דער אָרון־קודש איז געווען זייער אַ ברייטער און אַ טיפער. אין אָרון־קודש זענען געשטאַנען צענדליקער ספר־תורהס, וועלכע האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין משך פון דורות. די שול איז געווען אַ ווייס־געקאַלכטע מיט אַ שיינעם געוועלבטן סופיט. די ווענט פון דער שול זיינען געווען זייער דיקע. די שול האָט אויסגעזען ווי אַ פעסטונג. סטריקאָוו האָט אויך געהאַט אַ בית־מדרש, מיט זייער אַ סך אַלטע ספרים, וועלכע איך געדענק נאָך.

סטריקאָוו און די שטעטלעך אַרום האָבן מיט לאַנגע יאָרן צוריק באַלאַנגט צו אַ פּריץ, וואָס האָט גוט באַהאַנדלט די יידן. ער האָט זיי געלאָזט וואוינען און אויך געלאָזט האַנדלען אין די דערפער. און די יידישע בעלי־מלאכות האָט דער פּריץ געגעבן פאַרשיידענע פּרי־ווילעגיעס, און ער האָט זיי געלאָזט אויך וואוינען אין די דערפער.

סטריקאָוו האָט געהאַט אַ טייך, וועלכער איז געלאָפן נעבן דער שטאָט. עס זאָגט זיך אַזוי, געלאָפן, ס׳איז געווען אַ קליין, פלאַך טייכל, וואָס איז קוים געקראָכן. הינטער דער שטאָט האָט דער טייך זיך אויסגעברייטערט און טיף געוואָרן. מ׳האָט דאָס אָרט גערופן „דער טיפער סטאַק". זומער־צייט פלעגן יידן זיך באָדן אין סטאַק. יעדן ערב שבועות פלעגט מען אין וואַסער געפינען אַ טויטע קאַץ. מען האָט קיינמאָל נישט געוואוסט ווער ס׳האָט די קאַץ אַריינגעוואָרפן, אָבער געטאָן האָט מען עס פאַר אַ סגולה, אַז קיינער זאָל דעם זומער נישט דער־טרונקען ווערן.

זומער־צייט פלעגן די סטריקאָווער יידן ניט גיין אין מרחץ אַריין, וואו מען האָט געמוזט באַצאָלן צען גראָשן, אַ חוץ דעם האָט אַ ניי בעזעמל געקאָסט 20 גראָשן (אַ ניי בעזעמל האָט מען געקענט נוצן היפּשע עטלעכע וואָכן), נאָר זיי זיינען געגאַנגען זיך באָדן צום סטאַק, וואו דאָס וואַסער איז געווען אַ ריינס און אַ טיפס.

באַלד נאָך שבועות איז די באָד געבליבן כמעט ליידיק און יעקב דער בעדער איז פאַרבליבן כמעט אָן פּרנסה. פלעגט זיך אָפט טרעפן אַ שבת נאָך שבועות, נאָכן לייענען די תורה, איידער מען האָט אַריינגעשטעלט די ספר־תורה אין אָרון־קודש אַריין, האָט ר׳ יעקב דער בעדער, וואָס איז אויך געווען שמש אין שול, געגעבן אַ קלאַפּ אין בעלעמער און האָט גע־האַלטן אַ דרשה פאַרן עולם, אַז היות מען האָט אויפגעהערט קומען פרייטיק אין מקווה אַריין, וועט ער נישט הייצן די מקווה אין די זומער־חדשים

און עס וועט אויך נישט זיין קיין פּאַרע אין שוויצבאָד. עס איז באַלד געוואָרן אַ טומל אין שול און נאָכן דאַוונען האָט דער רב ר׳ בעריש צוגערופן צו זיך דעם דאָזאָר ר׳ דודל און די גבאים, ווי אויך דעם בעדער. דערביי זיינען אויך געשטאַנען אַ פּאָר שיינע בעלי־בתים. דער רב האָט אַלעמען געבעטן, זיי זאָלן קומען צו אים נאָך הבדלה אין בית־דין־שטוב צו געפינען אַן אויסגלייך. נאָך דער אסיפה מיט די בוררים און גבאים איז מען אַדורכגעקומען, אַז אויף דער צייט צווישן שבועות און ראש השנה וועט קהל געבן דעם בעדער צושטייער דריי פורעלעך האָלץ צום הייצן. אַחוץ דעם מעג ער נעמען 25 גראָשן מער ביי אַן אָרעמער פרוי וואָס קומט נעמען טבילה (וואָרעם אַ רייכע צאָלט סיי ווי מער). נאָך ראש השנה וועט זיין אַ נייע אסיפה און מען וועט דאַמאָלט באַשליסן וואָס ווייטער צו טאָן. צוגעגעבן איז, דער פרוי האָט ר׳ יעקב אויסגערופן ביים דאַוונען די נייע באָד־תקנות.

דער סטריקאָוּוער הקדש האָט זיך געפונען ניט ווייט פון מרחץ און האָט געהאַט צוויי שטובן. דורכגייענדיקע אָרעמעלייט האָבן זיך דאָרט אויפגעהאַלטן. אַן אָרעמאַן האָט מער ווי דריי נעכט ניט געקענט שלאָפן אין הקדש, כדי אַנדערע דורכגייענדיקע אָרעמעלייט זאָלן האָבן וואו אײַנצושטיין... בערצוגעכטיקן. שלאָפן אין הקדש האָט געקאָסט צוויי גראָשן. פאַר מאַן און ווייב — דריי גראָשן. קהל האָט געהאַט זיינע אייגענע געמאַכטע פּרוטות. די יידן פון שטאָט האָבן די פּרוטות געקויפט ביי קהל. די פּרוטות האָט מען געגעבן די דורכגייענדיקע אָרעמעלייט. די פאַרמעגלעכע בעלי־בתים האָבן געגעבן די אָרעמעלייט אַ גראָשן, אָדער אַ קאָפּיקע. טייל־מאָל האָבן די אָרעמעלייט אויך געקראָגן אָפּצועסן. ווען אַן אָרעמאַן איז אַוועק פון שטאָט האָט ער אויסגעטוישט די פּרוטות. פאַר דריי פּרוטות האָט ער געקראָגן איין גראָשן. יעדע קהילה האָט געהאַט אירע אייגענע פּרוטות.

## קאַפּיטל 2

# סטריקאָווער יידישע פּרנסות

סטריקאָוו איז געווען אַ שטאָט מיט אַ מערהייט יידן. די יידן זיינען געווען שניידערס, שוסטערס, פּעלצן־מאַכערס, היטל־מאַכערס, קאָוואַלעס, סאַדאָווניקעס אאַז"וו. עס זיינען אויך געווען הענדלערס וואָס האָבן געהאַט אייזן־געוועלבער, האָבער־געוועלבער, וואו מען האָט פאַרקויפט היי, האָבער, שעטשקע, בייטשן און באַמעטעס פאַר די פערד. שפּייז־געוועלבער, געוועלבער פון שניט־סחורה, וואו מען האָט פאַרקויפט וואָלענע און באַוועלנע סחורות און אויך גאַלאַנטעריע־געוועלבער. עס זיינען אויך געווען תבואה־סוחרים וואָס פלעגן אויפקויפן תבואה ביי די פּויערים אין די דערפער און ביי די פּויערים אויף די ירידים.

די אַלע וואָס האָבן געהאַט געוועלבער פלעגן זיך דער עיקר דערנערן פון די ירידים, וואָס פלעגן פאָרקומען אין די דאָנערשטאָגס, איין מאָל אין צוויי אָדער איין מאָל אין פיר וואָכן. אין צווישנצייט, צווישן די ירידים, פלעגן די אייגנטימערס פון די קליינע געוועלבלעך פאָרן אין די דערפער און פאַרקויפן דאָרט זייערע סחורות. אָפט פלעגן די קרעמערס פאַרברענגען אין די דערפער פון מאָנטיק ביז פרייטיק. אַ סך פון די סוחרימלעך האָבן געהאַט זייערע אייגענע פערד און וועגענער. זיי פלעגן פאָרן פון איין דאָרף צום צווייטן צו פאַרקויפן זייערע סחורות און זיי האָבן אַהיימגעבראַכט פון דאָרף אייער, אַ הון, אַ גאַנדז, אַמאָל אַ קעלבל, פעל פון שעפסן און פון קראָליקעס און אַנדערע דאָרף־פּראָדוקטן. דאָס אַלץ האָבן זיי פאַרקויפט אין זייערע געוועלבלעך אָדער פאַרקויפט צו אַנדערע קרעמערס. אויך די שניידערס, שוסטערס און פּעלצן־מאַכערס, ווען זיי האָבן ניט געהאַט קיין אַרבעט אין שטאָט, זענען געגאַנגען זוכן אַרבעט אין די דערפער; אַ שוסטער האָט געפונען ווייניק אַרבעט אין דאָרף, ווייל די פּויערים האָבן מערסטנס געטראָגן טרעפּעס (דאָס זענען געווען הילצערנע שיך מיט אַ לעדערנעם פּאַסעקל צוגעקלאַפּט מיט נעגעלעך און אַריבערגעוואָרפן איבערן פוס). אויך פרויען און קינדער האָבן די טרעפּעס געטראָגן אַ גאַנצע וואָך, סיי ווינטער און סיי זומער; זונטיק, ווען דער

פויער מיט זיין פאַמיליע זענען געגאַנגען אין קאָשטשאָל אַריין, האָבן זיי אָנגעטאָן לאַנגע שטיוול. אויך צו אַ חתונה, אָדער ווען זיי זענען געפאָרן אין שטאָט אַריין האָבן זיי געטראָגן די שטיוול, אָבער שטענדיק האָבן זיי מיטגענומען אויך די טרעפּעס. אויב זיי האָבן געהאַט אַ צו שווערע מאַסע אָנגעלייגט אויפן וואָגן, זענען זיי געגאַנגען לעבן וואָגן און האָבן אָנגעטאָן די טרעפּעס. אַ פּאָר שטיוול האָט אַ פּויער געהאַט לאַנגע יאָרן און אַ סך מאָל זענען די שטיוול איבערגעגאַנגען בירושה צו די קינדער.

די בעסערע יידישע שוסטערס, וועלכע האָבן געקענט מאַכן אַ שיינע פּאָר שיך פאַרן פּריץ, זיין פרוי און קינדער, אָדער אַ פּאָר שטיוול מיט שטייפע כאָלעוועס, צו רייטן אויף אַ פערד, — אַזאַ גוטער שוסטער האָט שטענדיק געפונען אַרבעט אין דאָרף, ספּעציעל ווען דער פּריץ האָט חתונה געמאַכט אַ טאָכטער, אָדער אַ זון, — דעמאָלט האָט דער פּריץ געמאַכט שיך פאַר דער גאַנצער פאַמיליע און צו עטלעכע פּאָר שיך פאַר דער טאָכטער, אָדער פאַר דעם זון וואָס האָט חתונה געהאַט; צו מאַכן די שיך האָט ביים שוסטער גענומען עטלעכע וואָכן. אויך פּעלצן־מאַכערס האָבן געהאַט אַרבעט ביי די פּויערישע פּעלצן, וועלכע זענען געמאַכט געוואָרן פון גוטע שעפּסענע פעלן אָן אויבערצייג. אויב אַ פּעלצן־מאַכער האָט ניט געהאַט קיין אַרבעט ביי די פּעלצן, האָט ער געמאַכט סורדוקעס פאַר די פּויערים. אַ סורדוק איז געווען אַ מאַנטל מיט פאַלדן פון דער טאַליע אַראָפּ און איז געמאַכט געוואָרן פון גראָבער לייוונט מיט זייער אַ קליינעם פּראָצענט וואָל. אַזאַ סורדוק האָט דער פּויער געטראָגן צו אַ חתונה, אָדער ווען ער איז געגאַנגען אין קאָסשטשאָל. צום בעסטן האָבן זיי מילכיקס, ווי מילך, פּוטער, ברויט און קאַרטאָפל. דער שניידער. ווען אַ פּריץ האָט חתונה געמאַכט זיינס אַ טאָכטער אָדער אַ זון, האָט דער שניידער געהאַט אַרבעט ביים פּריץ אויף לאַנגע וואָכן.

ווען דער שניידער איז געקומען אין דאָרף צום פּריץ נייען די קליידער, האָט דער פּריץ אים אָפּגעגעבן צוויי שטובן, אין איין שטוב האָט דער שניידער געהאַט זיין ווערקשטאַט, אין דער צווייטער שטוב האָט דער שניידער מיט זיינע געזעלן געוואוינט, געגעסן און געשלאָפן. געגעסן האָבן זיי מילכיגס, ווי מילך, פּוטער, ברויט און קאַרטאָפל. דער שניידער האָט מיטגענומען אין דאָרף אַריין אַ טלית און תפילין און אויך טעפּלעך צום קאָכן. יעדן מאָנטיק אין דער פרי האָט דער פּריץ געשיקט אַ פור נאָכן שניידער מיט זיינע געזעלן און זיי צוריק אַהיימגעבראַכט יעדן פרייטיק, אַזוי — די גאַנצע צייט, וואָס דער שניידער האָט געאַרבעט ביי דעם פּריץ. געוויינטלעך פלעגט דער שניידער פּאַרטיק ווערן ביים

פריץ פאַר־פּורים, ווייל פון פּורים אָן האָט ער שוין געהאַט אַרבעט אין שטאָט.

אָט איז אַ בילד וואָס איז מיר פאַרבליבן קלאָר אין מיין זכרון פון מיינע ייִנגלשע יאָרן: ס'איז אַ קאַלטער ווינטער־טאָג, די סטריקאָ־ווער גאַסן זענען גליטשיק און די סטריקאָווער איינוואוינער קענען ניט גיין אין גאַס אָן אַ שטעקן. דער מאַרק־פּלאַץ איז פול מיט שניי, ווייל קיינער האָט דעם שניי ניט אַוועקגענומען. מען וואַרט אַז אַ פערד און וואָגן זאָלן אַדורכפאָרן דעם מאַרק־פּלאַץ אָדער אַ שליטן זאָל זיך אַדורכ־שליטלען, כדי פלאַכער צו מאַכן דעם שניי. סיידן ס'איז געווען אַ מאַרק־טאָג און די הענדלערס האָבן געמוזט צוזאַמענשאַרן דעם שניי און מאַכן פון אים גרויסע קופּעס, אַז זיי זאָלן האָבן וואו אַוועקצושטעלן זייערע טישלעך מיט סחורות.

אין אַזאַ קאַלטן טאָג איז פון סוסערקער וועג געקומען צו פאָרן אַ שיינער, טיפער, אויסגעבעטער שליטן, איינגעשפּאַנט מיט צוויי שיינע ווייסע פערד אָנגעטאָן אין אַ שיינעם געשפּאַן. אויפן געשפּאַן זענען געווען אָנגעהאַנגען פאַרשיידענע קאָלירטע גלעקלעך. דער שליטן האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אהרנען דעם דאַמסקן שניידער און יאַן דער קו־טשער, וועמען אַלע אין סטריקאָוו האָבן געקענט, האָט געהאָלפן אַרויסגיין פון שליטן די פּריצטע קולבאַק מיט איר טאָכטער. ווי נאָר אהרן דער דאַמסקער שניידער האָט דערזען דורך די שפּאַרעס פון זיינע פאַרפרוי־רענע פענסטער דעם שליטן זיך אָפּשטעלן ביי זיין הויז און די מאַדאַם קולבאַק מיט איר טאָכטער זענען אַרויסגעגאַנגען פון דעם שליטן, איז ער צו זיי אַרויס און זיך באַגריסט מיט זיי און האָט זיי אַריינגעבעטן אין זיין הויז. די מאַדאַם האָט געזאָגט אהרנען, אַז ער זאָל מאַכן אַלע צוגרייטונגען, אַז אויף דער קומענדיקער וואָך זאָל ער מיט זיינע געזעלן אַרויסקומען צו איר אין דאָרף, אָנצוהייבן אַרבעטן אויף די חתונה־קליי־דער פאַר איר טאָכטער. אהרנס וויב האָט געשטעלט צום טיש טיי מיט קוכן און זיי געבעטן טרינקען. צום טרינקען טיי האָט מען אַריינגערופן אין שטוב אַריין אויך יאַנען דעם קוטשער. בעת יאַן איז געווען ביי אהרנען אין שטוב, זענען זיך אַרום שליטן צוזאַמענגעקומען חדר־ייִנג־לעך, זיי האָבן געגלעט די פערד און געקלונגען מיט די גלעקלעך. אויך דערוואַקסענע מענער האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום דעם שיינעם שליטן און יעדער איינער האָט געפּרוּווט אָפּשאַצן וויפל דער שליטן מיט די פערד זענען ווערט.

אין מיטן פון דער דיסקוסיע איז מאַדאַם קולבאַק מיט איר טאָכטער אַרויסגעקומען פון אהרנס שטוב. דער קוטשער האָט זיי געהאָלפן אַריינ־גיין אין שליטן אַריין און ער איז מיט זיי אַוועקגעפאָרן און דאָס קלינגען

פון די גלעקלעך האָט זיך לאַנג געהערט פון דערווייטנס. די פאַרזאַמלטע זענען נאָך לאַנג געשטאַנען און געשפּאַרט זיך וועגן דעם ווערט פון שליטן מיט די פערד.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז אַ שליטן מיט צוויי פערד, געשיקט פון דער פּריצטע קולבאַק, צוגעפאָרן צו אהרנען, דעם דאַמסקן שנײַדער, און האָט אים גענומען מיט זײַנע צוויי געזעלן אין דאָרף אַרײַן. די צוויי געזעלן זענען געווען: אברהם — אַ הויכער, אַ שײַנער, און יצחקל — אַ קליין־געוויקסיקער. אויף דעם שליטן האָט מען אויך אַרויפגעלייגט די אַלע זאַכן, וואָס אַ שנײַדער דאַרף האָבן צו דער אַרבעט. פאַרשיידענע קאָלירן באַוועלנע און זײַדענע פאָדעם, נאָדלען צום נייען, אַ פּרעסאײַזן און אַ פּרעסברעט, פאַרשיידענע מאָדעלן פון פּאַפּיר, אַ פיגור אד״גל. ר׳ אהרן האָט אויך מיטגענומען זײַן טלית און תפילין און אַ סדור. די געזעלן, אברהם און יצחקל, האָבן אויך יעדער מיטגענומען אַ פּאָר תפילין און אַ סדור. מען האָט אויך מיטגענומען טעפּלעך, שיסלען, לעפלען, גאָפּלען און מעסערס — צו האָבן אין וואָס צו קאָכן און מיט וואָס צו עסן. אויך ברויט און פּוטער האָבן זיי מיטגענומען פון דער היים. קאַר־טאָפל און אַנדערע גרינסן, ווי אויך מילך, האָבן זיי געקראָגן ביים פּריץ.

אַז אהרן מיט זײַנע געזעלן זענען אָנגעקומען אין דאָרף אַרײַן האָט די פּריצטע זיי אָפּגעגעבן צוויי גרויסע שטובן: איין שטוב מיט טישן צום אַרבעטן און אַ צווייטע שטוב, מיט בעטן, דער שנײַדער מיט זײַנע געזעלן זאָלן האָבן וואו צו שלאָפן, צו עסן און צו דאַווענען.

אהרן מיט זײַנע געזעלן האָבן זיך תיכף גענומען צו דער אַרבעט. זיי האָבן אַזוי אָפּגעאַרבעט היפּשע עטלעכע וואָכן און זענען צוריק אַהיים־געקומען ערשט פאַר פּורים.

בעת אַזאַ מין אַרבעט פלעגט זיך אָפּט אײַנשטעלן אַ גאַנץ פרײַנד־לעכע באַציאונג צווישן די ייִדישע שנײַדערס און די קריסטלעכע באַ־דינערס פון פּריץ. געוויינטלעך פלעגן די ייִדישע שנײַדערס, בעת דער אַרבעט, זינגען שטיקלעך פון שבתדיקן אָדער יום־טובדיקן דאַווענען. די קריסטן האָבן זייער ליב געהאַט די ייִדישע ניגונים און פלעגן אַרײַנ־קומען אין דער שנײַדער־שטוב הערן זינגען אָדער בעטן, זיי זאָלן עפּעס אויפזינגען. נישט איין מאָל האָט זיך אײַנגעשטעלט אַ שטילע ליבע צווישן אַ ייִדישן שנײַדער־געזעל און אַ שיקסע פון דער פּריצישער דינערשאַפט.

ווען אהרן איז פאַר פּורים צוריק געקומען פון פּריץ איז ער באַלד פאַרלייגט געוואָרן מיט אַרבעט ביז נאָך פּסח.

אהרן דער דאַמסקע שנײַדער, וואָס מען האָט אים גערופן אהרן פּאַוואָליע, איז געווען אַ מענטש אַ שטילער און זייער אַ פײַנער. ער האָט

זיינע געזעלן זייער פיין באַהאַנדלט, כאָטש ער פלעגט זיך מאַנכעס מאָל אָנבייזערן אויף זיי, האָבן אים די געזעלן פשוט ליב געהאַט. און פונקט אַזוי ווי די געזעלן האָבן ליב געהאַט אהרנען, האָבן זיי פיינט געהאַט אהרנס ווייב, וועלכע איז געווען שלעכט צו זיי. עס האָט זעלטן פּאַסירט, אַז אַ געזעלן זאָל אַרבעטן ביי אהרנען מער ווי איין זמן, טאַקע צוליב זיין ווייב. דער שיינער אברהם, אַזוי האָט מען אים גערופן, האָט נאָר געגעסן ביי אהרנען. שלאָפן איז ער אַהיימגעגאַנגען צו זיינע עלטערן: אָבער איציקל איז געקומען פון אַ צווייטער שטאָט. איז ער אויך געשלאָפן ביים שניידער. בלימעלע, אהרנס ווייב, האָט איציקלען געגעבן ווייניק עסן און זי האָט אים בכלל שלעכט באַהאַנדלט. געשלאָפן איז איציקל אין איין בעט מיט צוויי קליינע קינדער, וועלכע האָבן אים באַנעצט ביינאַכט. אַז עס איז געקומען פסח האָט איציקל מער ניט געוואָלט אַרבעטן ביי אהרנען און ער האָט זיך געוואָלט פאַרדינגען צו אַן אַנדער שניידער; אַז אהרן האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט ער גערופן דעם צווייטן שניידער, שלמה טאַנדעטניק, צו אַ דין־תורה, ווייל עס איז געווען אַן אָפּמאַך אין סטריקאָוו, אַז איין שניידער טאָר ניט צונעמען ביי דעם צווייטן שניידער קיין געזעלן. אהרן און איציקל האָבן אויסגעקליבן אַ בוררות פון דריי בעלי־בתים, צו וועלכע ביידע צדדים האָבן צוגעשטימט; די בוררים האָבן גערופן אהרנען דעם דאַמסקע שניידער און שלמה טאַנדעטניק און איציקל און זיי האָבן אָנגעהויבן אויסצוהערן די צדדים. ר׳ זלמן, איינער פון די בוררים, האָט געפרעגט איציקלען, פאַרוואָס ער וויל מער ניט אַרבעטן ביי אהרנען און וויפל ער קריגט אַ זמן. פופצן רובל, האָט איציקל געענטפערט. — מען האָט מיר צוגעזאָגט אַז יעדע וואָך וועל איך קריגן אַ פריש געפרעסט העמד, און מען גיט מיר ניט; מען האָט מיר צוגעזאָגט, אַז איך וועל האָבן אַליין אַ בעט צום שלאָפן, האָט מען מיך געלייגט שלאָפן אויף דער ערד, אויף אַ שטרוי־זאַק קוים אָנגעפילט מיט אַ ביסל שטרוי. אַז איך האָב זיך קעגנגעשטעלט און ניט געוואָלט שלאָפן אויף דער פּאָדלאָגע, האָט מען מיר געגעבן אַ בעט צום שלאָפן, אָבער מען האָט מיר צוגעלייגט אין בעט אַריין אַ קינד צו שלאָפן, און מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט מען מיר צוגעלייגט נאָך אַ קינד אין בעט אַריין צום שלאָפן. איז איין קינד באַנעצט מיך פון איין זייט און דאָס צווייטע קינד באַנעצט מיך פון דער צווייטער זייט... וויל איך גיין אין דער פרי דאַווענען אין בית־המדרש, הייבט בלימעלע אָן צו מרוקען אַז איך זאָל ניט גיין. אַז איך האָב איר געפרעגט וואו זאָל איך דאַווענען: דאָ ביי דער ציגס שמוץ, אָדער ביים נאַסן בעט? האָט זי מיר געענטפערט אַז מיין דאַווענען דויערט צו לאַנג. אַ פּאַראַבעק ביים פּריץ לאָזט מען אויך גיין אין קאָשטשאָל... און אַז איך קום אַהיים פון

דאַוונען, איידער די באַלעבאָסטע גיט מיר אָנבייסן, איז מען מיך מכבד אַז איך זאָל אַרויסגיסן די פּאָמעניצע, און נאָך דעם איז מען מיך מכבד אַז איך זאָל אויסמעלקן די ציג. דאָס איז אַזוי אָנגעגאַנגען אַ צייט, ביז איך האָב איר געזאָגט, אַז איך וועל מער ניט מעלקן די ציג, ווייל די פינגער טוען מיר ווי פון מעלקן. אויף אָנבייסן לייגט זי מיר אַוועק אַ שטיקל ברויט מיט אַ קליין פּיצל פּוטער און אַ גלאָז ציקאָריע־וואַסער, קוים אָפּגעווייסט מיט אַ ביסל מילך, און אַז איך בעט אַ שטיקל צוקער, נעמט זי אַרויס פון איר ספּאָדניצע אַ האַלב שטיקל צוקער און וואַרפט עס מיר אַרויף אויף דעם טיש און גיט זיך נאָך אַ בייזער אויף מיר: נאַ דיר צוקער! אויף מיטאָג קריג איך אַ שטיקל ברויט אָן פּוטער און אָן קעז און אַ ביסל שוואַרצע קליסקעלעך מיט אַ ביסל מילך און אַ סך קלישטאנקע (דאָס איז דאָס וואַסער פון די קליסקעלעך). אויף וועטשערע קריג איך אַ שטיקל הערינג און אַ שיסל קאַרטאָפל מיט וואַסערדיקע יויך, מיט עטלעכע קליינטשיקע שטיקלעך פלייש. אָבער פלייש קריג איך נאָר צוויי מאָל אַ וואָך. שבת־צו־נאַכטס, נאָך הבדלה, טרייבט די באַלעבאָסטע באַלד צוריק צו דער אַרבעט. און אַז מען רעדט איר דאָס אויס, פאַרענטפערט זי זיך, אַז זי וועט געבן אַ גוטע מלווה־מלכה. אַזאַ גוטע מלווה־מלכה איז באַשטאַנען געווייניטלעך פון אַ קאַפּושניאַק (אין וועלכן מען לייגט אַריין קעפּ פון הערינג וואָס די באַלעבאָסטע זאַמלט אַ גאַנצע וואָך) און קאַרטאָפל אין די שאָלן; און אַז עס איז נאָך פאַר־בליבן אַ שטיק קישקע פון טשאָלנט און אַ שטיק לאָקשן־קוגל, קריגט מען פון דעם צו שטיקלעך. און אַז איך בעט ביים בעל־הבית אַז ער זאָל מיר געבן אַ פּאָר רובל, ווייל איך האָב מיר געוואָלט מאַכן אַ פּאָר שטיוול אויף פּסח און אַ נייעם אָנצוג, האָט ר׳ אהרן מיר ניט געוואָלט געבן קיין געלט. ער האָט מיר געזאָגט, אַז איך דאַרף דאָס געלט אַהיימ־ברענגען דעם טאַטן.

ר׳ אהרן האָט זיך פאַרענטפערט אַז איציקל האָט אַ קישקע אָן אַ דנאָ, אַז וויפל מען גיט אים האָט ער ווייניק. איידער ער איז געקומען צו דער אַרבעט, האָט דאָס ברויט וואָס זיין ווייב האָט געבאַקן גע־סטייעט אויף אַ גאַנצע וואָך, איצט מוז מען צוקויפן ברויט. אָבער ער האָט מודה געווען אַז איציקל האָט גאָלדענע הענט און ער וויל אים דעריבער נישט אָפּלאָזן פון דער אַרבעט. די בוררים — ר׳ זלמן, דער ראש פון די בוררים, ר׳ לייביש אייזנהענדלער און ר׳ יוסף, אַ חסיד און אַ תבואה־סוחר, — האָבן געבעטן די צדדים זיי זאָלן אַרויסגיין. נאָך אַ שטיקל צייט האָט מען צוריק אַריינגערופן ר׳ אהרנען, איציקלען און ר׳ זלמן האָט זיי געזאָגט דעם פּסק־דין, אַז איציקל מוז קריגן גענוג און גוט צו עסן, און אויך אַ בעט צו שלאָפן אַליין, אָן די קינדער,

און ער זאָל קריגן אויך אַן העכערונג אויף זיין לוין פינף רובל די ערשטע דריי חדשים, און פינף רובל די צווייטע דריי חדשים פון דעם זמן. צו ר׳ אהרנען האָט ער געזאָגט, אַז ער מוז מאַכן אַ ווענטל צווישן דעם אָרט וואו איציקל שלאָפט און דעם אָרט וואו ער שלאָפט און זיין ווייב. ר׳ יוספל האָט געזאָגט צו אהרנען: איר זענט דאָך ניט קיין גראָבער מענטש און איר ווייסט אַז עס איז ניט שיין אַז אַ דערוואַקסענער מענטש זאָל שלאָפן אין איין שטוב וואו מאַן און ווייב שלאָפן. ר׳ אהרן האָט געזאָגט צו די בוררים אַז ער נעמט אָן דעם פסק־דין און ער האָט זיי געבעטן, אַז זיי זאָלן זאָגן שלמה שניידער אַז ער זאָל ניט אָפריידן איציקלען פון דער אַרבעט.

## קאַפּיטל 3

# סטריקעווער אַלטער שטייגער

סטריקאָוו האָט געהאַט דריי מאַרק־פּלעצער: דער אַלטער מאַרק, דער נייער מאַרק און דער פערד־מאַרק. אויף דעם אַלטן מאַרק האָט זיך גע־פונען די שול, הינטער די שול האָט זיך געפונען די מקווה און הינטער איר — דער הקדש, וואו דורכגייענדיקע אָרעמעלייט האָבן איבערגענעכ־טיקט. לעבן דער שול איז געשטאַנען דער בית־המדרש. פון דער צווייטער זייט פון בית־המדרש האָט געוואוינט דער רב.

אַרום דעם אַלטן מאַרק זענען געשטאַנען הייזער און געוועלבער אָפּגע־טיילט דורך שמאָלע געסלעך. אין מיטן מאַרק איז געווען אַ ברונעם, פון וועלכן סטריקאָווער יידן האָבן געשעפּט קאַלט וואַסער צום טרינקען.

אַרום דעם נייעם מאַרק זענען געשטאַנען עטלעכע געמויערטע צוויי־שטאָקיקע הייזער, וואו עס האָבן געוואוינט צו איין אָדער צוויי פאַמיליעס. אין מיטן מאַרק איז געשטאַנען דער קאָשטשאָל. בלאָטעס אין זומער און שניי אין ווינטער האָבן אַרומגעצוימט דעם קאָשטשאָל, ווייל דער מאַרק־פּלאַץ איז ניט געווען ברוקירט.

אַרום דעם מאַרק האָבן זיך געפונען פאַרשיידענע געוועלבער, וואו מען האָט פאַרקויפט וואַלענע און באַוואָלנע סחורות. אַן אייזן־געוועלב, וואו מען האָט פאַרקויפט טעפּ, פּענדלעך, טשוועקעס אד״גל. עס איז אויך דאָרט געווען אַ גאַלאַנטעריע־געוועלב, עטלעכע שענקען און אַריינפאָר־הייזער.

די געוועלבער זענען געווען פונאַנדערגעשיידט מיט אַ גאַס, וואָס האָט געפירט צום אַלטן מאַרק. פון דער צווייטער זייט מאַרק איז געווען אַ שאָסיי, וואָס האָט געפירט פון איין זייט קיין זגיעזש און לאָדזש און פון דער צווייטער זייט קיין גלאָוונע און לוויוויטש. אַביסל ווייטער פון שאָ־סיי האָט זיך געפונען דער חזיר־מאַרק, וואו עס איז צוגעגאַנגען דער האַנדל מיט פערד, בהמות און חזירים.

ווען די זון האָט אָנגעהויבן אויפטייען דעם שניי, וואָס האָט באַדעקט דעם מאַרק־פּלאַץ, האָבן די קריסטן אַרויסגעשיקט זייערע חזירים צו דער לאָנקע ביים טייך. אָבער דאָס גראָז איז נאָך ניט גענוג הויך אויפגעוואַקסן,

אַז די חזירים זאָלן האָבן גענוג צו פרעסן. האָבן זיי זיך געלאָזט צום מאַרק־פּלאַץ, וואו דער שניי און אייז זענען שוין אויך געווען צעשמאָלצן, און גראָז האָט אויף אים אָנגעהויבן צו שפּראָצן.

ווען עס איז געוואָרן וואַרעם, האָבן אויך די יידן אַרויסגעשיקט זייערע ציגן, זיי זאָלן זיך פּאַשען אויף די לאָנקעס. (ווינטער האָט מען די ציגן געפּאַשעט מיט קאַרטאָפל־שאָלעכץ). די פרויען וועלכע האָבן ניט גע־האַדעוועט קיין ציגן, האָבן זייערע שאָלעכץ אָנגעזאַמלט און פאַרקויפט צו זייערע שכנים, אָדער קריסטן, וועלכע האָבן געהאַט צו פאַרקויפן זאַמד. די קריסטן זענען אַרומגעפאָרן אין שטאָט מיט וועגעלעך זאַמד און גע־שריגן: „פּיאַסעק דאָ ספּשעדאַניאַ, לופּיני קופּויעם״ (דאָס הייסט: זאַמד צו פאַרקויפן, איך קויף שאָלעכץ). מיט דעם זאַמד האָט מען אויסגעשיט די פּאָדלאָגעס פרייטיק פאַרנאַכט אָדער ערב־יומטוב, אָדער ווען מען האָט דערוואַרט געסט אין הויז.

צוריקגייענדיק צו די ציגן: זיי האָבן אויף די לאָנקעס ניט געפונען גענוג פּאַשע פאַר זיך, ווייל ניט די חזירים און ניט די ציגן האָבן דער־לאָזט, אַז די גראָזן זאָלן אויפוואַקסן גענוג הויך: זיינען די ציגן אַהיים־געגאַנגען הונגעריקע פון דער מאָגערער לאָנקע, פלעגט זיך טרעפן אַז זיי האָבן דערזען פאַרן געוועלב פון רחל דעם שוואַרצן אברהמס ווייב ליגן עטלעכע בינטלעך היי, אַ זעקל מיט האָבער און אַ זעקל מיט שעטשקע, האָבן די ציגן זיך גענומען צום זעקל האָבער, דערנאָך צום היי און צו דער שעטשקע.

ווען רחל דעם שוואַרצן אברהמס האָט דערהערט דאָס מעקען פון די ציגן, איז זי אַריין אין געוועלב און, דערזעענדיק ווי די ציגן האָבן פאַר־כאַפּט איר געוועלב און געמאַכט אַ לאָך אין דעם זאַק האָבער און פון די בינטלעך היי איז אויך ווייניק וואָס געבליבן, האָט זי געמאַכט אַ געשריי און גערופן איר מאַן אברהם ער זאָל זען וואָס פאַר אַ חורבן די ציגן האָבן דאָ אָנגעטאָן.

דער געשטאַנק וואָס די חזירים האָבן אָנגעמאַכט אויפן מאַרק האָט זיך געפילט ניט בלויז אין די אָפענע געוועלבער אַרום דעם מאַרק, נאָר אויך אין דעם קאָשטשאָל, וועלכער איז געשטאַנען אין מיטן מאַרק, אַרומ־געצוימט מיט אַ פּלויט פון ברעטער. ניט איין מאָל האָט דער גלח געזאָגט צו די פירערס פון קאָשטשאָל, אַז זיי זאָלן אַריינגעבן אַ ווענדונג צו די נאַטשאַלסטווע פון פּאָוויאַט ברעזין, צו וועלכן סטריקאָוו האָט געהערט, אַז מען זאָל אויסברוקירן דעם מאַרק, כדי פּטור צו ווערן פון די חזירים. אָבער דער פּאָוויאַט האָט נאָר באַווילגט אויסצוברוקירן אַ טייל גאַסן, אָבער ניט דעם מאַרק. האָבן די פירער פון דעם קאָשטשאָל געלאָזט ברו־

קירן אויף אייגענע הוצאות אַ שמאָלן וועג פֿון דעם גלחס הויז ביז צום קאַשטשאָל.

נאָך פסח פלעגן די יידן פון סטריקאָוו שטיין אין די גאַסן און זיך געוואָרעמט אויף דער זון, צווישן זיי זענען אויך געשטאַנען די שניידערס און שוסטערס און געקלערט וואָס צו טאָן, ווייל די שוסטערס און שניי־דערס האָבן נאָך ניט געהאַט קיין נייע אַרבעט, און די אַרבעט וואָס זיי האָבן געהאַט פון פאַר פסח האָבן זיי שוין געהאַט פאַרטיק געמאַכט.

די שניידערס און שוסטערס, וועלכע האָבן שוין געהאַט געדונגען סעדער, האָבן געהאַט לאַנג צו וואַרטן, ביז זיי וועלן פאָרן אין די סעדער אַריין אַראָפּצורייסן די פריע קאַרשן. צווישן עולם זענען געשטאַנען אויך די סאַדאָווניקעס, וועלכע האָבן נאָך ניט געהאַט געדונגען קיין סע־דער, ווייל זיי האָבן געוואַרט און געוואָלט זען, ווי גרויס די בליעכץ אויף די עפּל־ביימער און באַרן־ביימער און פלוימען־ביימער וועלן זיין, כדי צו וויסן וויפל צו באַצאָלן פאַרן סאַד. וואָרעם ניט איין מאָל האָט געטראָפן, אַז אַ סאַדאָווניק האָט איבערגעצאָלט פאַר זיין סאַד און עס פלעגט אויך טרעפן, אַז די עפּל, די באַרנעס, אָדער פלוימען זענען גע־וואָרן ווערעמדיק נאָך אויף די ביימער, אָדער זענען ניט אויסגעוואַקסן געוונוג, דעמאָלט האָט דער אָרעמער סאַדאָווניק אַפילו ניט אַרויסגענומען דעם קרן, וואָס ער האָט איינגעצאָלט פאַרן סאַד. געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן נאָך ניט געהאַט דאָס געלט צו דינגען אַ סאַד. זיי האָבן גע־וואַרט צו קריגן אַ גמילת־חסד ביי אַ פריינד אָדער ביי אַ רייכן קרוב. אויך קהל האָט געהאַט אַ גמילת־חסדים, וואָס האָט געבאָרגט געלט אָרע־מעלייט צו דינגען אַ סאַד, אָדער צו קויפן אַ ביסל סחורה.

איין מאָל, דאָס איז געווען סוף ניינציקער יאָרן, זענען די סטריקאָווער יידן אַזוי געשטאַנען אין אַ רעדל אין מאַרק און געשמועסט וועגן די געדונגענע סעדער, אָדער וועלכע סעדער זענען נאָך ניט פאַרדונגען, זענען אָנגעקומען צו פאָרן פון זגיערזשער שאָסיי דריי ברישקעס צו צווי פערד איינגעשפּאַנט אין יעדער. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי פּערל די שענקערין. פון די ברישקעס זענען אַרויס עטלעכע דייטשן, זיי זענען אַריין אין שענק און געטרונקען דאָרט ביר. נאָכדעם זענען זיי אַרויסגע־גאַנגען אָנקוקן די שטאָט און האָבן געפרעגט ביי די יידן, וועלכע זענען געשטאַנען אין מיטן מאַרק, וועגן די דערפער און דער אומגעגנט פון סטריקאָוו; יודעלע קאַלישער, דער איידעם פון שמואל אייזענהענדלער, איז געשטאַנען אין שווערס געוועלב. אַז ער האָט געזען אַ רעדל אין מיטן גאַס, איז ער צו זיי צוגעגאַנגען. יודעלע האָט גערעדט גוט דייטש, ווייל ער איז געווען אַ געבוירענער פון קאַליש, וואָס געפינט זיך ביי דער דייטשישער גרעניץ. האָט יודעלע גערעדט מיט די דייטשן דייטש. ווען

די דייטשן האָבן געזען אַז ער רעדט גוט דייטש, האָבן זיי אים דער־ציילט, אַז זיי ווילן אָפּקויפן אַ סך לאַנד אין סטריקאָוו און אַרום סטרי־קאָוו און אויפבויען פאַבריקן פון וואָלענע און באַוועלנע סחורות, נאָר זיי קענען ניט דורכקומען מיט די פּריצים, צו וועמען דאָס לאַנד געהערט: ערשטנס, פאַרלאַנגען זיי צופיל געלט, צווייטנס ווילן זיי ניט פאַרקויפן גענוג לאַנד פאַר די פאַבריקן און הייזער פאַר די אַרבעטער. יודעלע האָט געפרעגט די דייטשן אפשר זאָל ער פאָרן צו די פּריצים און מיט זיי ריידן, מעגלעך אַז ער וועט קענען מיט זיי דורכקומען. האָבן די דייטשן געענטפערט, אַז זיי זענען שוין געווען ביי די סטריקאָווער פּריצים עטלעכע מאָל, אָבער עס איז גאָרניט צו מאַכן מיט די „פערדומטע פּאָלנישע קערלס". פאָרן זיי איצט פאַרהאַנדלען אויך מיט די פּריצים פון אַרום לאָדזש און זגיערזש.

דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך באַלד דערוואוסט וועגן די דייטשן, וועלכע ווילן בויען פאַבריקן אין סטריקאָוו. פאַרנאַכט, צו מנחה, האָט זיך אין בית־המדרש געטומלט. דער וויכוח איז געווען אַזוי גרויס, אַז דער שמש האָט געמוזט עטלעכע מאָל קלאַפּן אין בעלעמער, אַז מען זאָל לאָזן אָפּדאַוונען מנחה און מעריב. באַלד ווי מען האָט אָפּגעדאַוונט, האָט זיך אָנגעהויבן אַ מחלוקת: איינער האָט געזאָגט, אַז די דייטשן וועלן נאָר אויפבויען איין פאַבריק, אַ צווייטער האָט געזאָגט: — וואָס ווייסט איר, איך האָב דאָך אַליין געהערט, ווי די דייטשן האָבן גערעדט מיט יודלען אַז זיי ווילן בויען אַ פּאָר פאַבריקן באַלד און שפּעטער וועלן זיי אויפבויען נאָך פאַבריקן. — מען האָט זיך געשפּאַרט און געאַמפּערט, ביז מען האָט צוגערופן יודעלען און ער האָט איינגע־שטילט דעם עולם: ער מיינט, אַז פון דעם גאַנצן טומל וועט גאָרניט ווערן, ווייל די דייטשן האָבן געזאָגט, אַז די סטריקאָווער פּריצים האַלטן זיך אין גרויסן, זיי ווייסן גאָרניט ווּיפיל צו פאַרלאַנגען פאַר אַ שטיק זאַמדיק לאַנד. און דער סוף וועט זיין, אַז ביז אונדזערע פּריצים וועלן ביי זיך באַשליסן נאָכצולאָזן פון פּרייז, וועלן די פּריצים פון זגיערזש, באַלוט און לאָדזש פאַרקויפן די דייטשן געניג ערד. און די סטריקאָווער יידן זענען ווייטער אָנגעגאַנגען מיט זייער טאָגטעגלעכן לעבן; די וועלכע האָבן געהאַט אַרבעט, האָבן געאַרבעט. די סאַדאָווניקעס האָבן זיך אָנגעהויבן גרייטן צו פאָרן אין די סעדער; די דאָרפס־הענדלער זענען געפאָרן אין די דערפער.

איינמאָל אין אַ מיטן טאָג, האָט מען דערהערט, ווי ברענקעוויטש, דער שטאָט־סטרוזש, האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין מיטן מאַרק און געפּויקט אויף זיין גרויסער פּויק, און ברענקעוויטש האָט אַזוי לאַנג געפּויקט, ביז עס האָבן זיך אַרום אים אָנגעזאַמלט אַ סך מענטשן, האָט

ער אויפגעהערט צו פויקן און האָט אויסגעשריגן אויפן הויכן קול, אַז די אַלע מענטשן וועלכע ווילן אַרבעטן און קענען אַרבעטן ביי בויען הייזער, ווי פונדאַמענטן־לייגערס, קאַלך־לעשערס, מויערערס, ציגל־טרעגערס, אייזן־אַרבעטערס און סטאָלערס זאָלן זיך יאָווען צום וואָיט אין דער גמינע דאָברע, ווען דער וואָיט געבן אַדרעסן אין לאָדזש, צו וועמען זיך צו ווענדן, וואו מען וועט קריגן גענוג אַרבעט און מען וועט קענען גוט פאַרדינען. דאָס האָט ברענקעוויטש איבערגעחזרט אַ גאַנצע וואָך, ביז דאַנערשטיק, ווען עס איז געווען אַ מאַרק־טאָג אין סטריקאָוו.

אַ קורצע צייט שפּעטער האָט זיך אין סטריקאָוו אָנגעהויבן באַמערקן אַ גרויסע אויפלעבונג ביי די הענדלערס. אין די מאַרק־טעג פלעגן די פּויערים און זייערע ווייבער מער קומען אין שטאָט איינקויפן עסנוואַרג און קליידונג; מער האָט אויך אַ סך מער געקויפט ביי די יידישע דאָרפסהענדלערס אויפן דאָרף. אַ סך פּויערים, פּויערטעס און זייערע זין זענען געוואָרן אויס פּאַראָבקעס און זענען געפאָרן אַרבעטן אין לאָדזש ביי בויען די נייע פאַבריקן און הייזער פאַר די אַרבעטער.

לאָדזש איז געוואָרן גרעסער פון טאָג צו טאָג, סיי אין מענטשן סיי אין האַנדל. די שטעטלעך אַרום לאָדזש האָבן אויך גענאָסן דערפון און סטריקאָוו איז געווען איינע פון זיי. סטריקאָוו גופא האָט זיך אַנטוויקלט ווי אַ שטאָט פון גאַרבערייען. סטריקאָווער יידן זענען אַרומגעפאָרן איבער רוסלאַנד, דייטשלאַנד און פוילן, זיי האָבן אויפגעקויפט שעפּסענע פעלן. מען האָט פון די פעלן אָפּגעציפּט די וואָל, די וואָל האָט מען געוואַשן און געטריקנט און פאַרקויפט צו די לאָדזשער וואָל־שפּינערס. די טרוקענע פעל האָבן לעדער־פאַבריקאַנטן אויפגעקויפט און געמאַכט פון זיי לעדער.

ניט יעדער ייד האָט געוואָלט זיך לערנען דאָס פאַך פון וואָל־שינדן אָדער דאָס גאַרבעריי־פאַך. זיי זענען געווען באַטראַכט ווי שמוציקע פאַכן, עס האָט זיך זייער געשפּירט ביים אויסאַרבעטן די פעלן, און דאָך האָבן זייער אַ סך יידן אין סטריקאָוו זיך באַשעפטיקט מיט פעל־ציפּעריי און גאַרבעריי, כדי צו דערנערן זייערע פאַמיליעס. ווי זאָגט דער תלמוד: פשוט נבלתא בשוקא, שינד אָפּ אַ נבלה אין גאַס און קום ניט אָן צו קיין מענטשנס הילף. אַזוי האָבן סטריקאָווער יידן געהאַנדלט, געפאָרן אויפן דאָרף און געאַרבעט שווער, כדי צו דערנערן זייערע פאַמיליעס אויף אַן ערלעכן אופן.

## קאַפּיטל 4

# דער סטריקאָווער רבישער הויף

אין די 1860ער יאָרן האָט אין טשעכאַנאָוו געוואוינט דער רבי ר׳ אברהמלע לאַנדוי. דער פאַרשטאָרבענער פּאָעט זישע לאַנדוי איז געווען זיינס אַן אור־אייניקל.

דער טשעכאַנאָווער רבי האָט געהאַט אַ זון, ר׳ וואָלף, וועלכער איז געווען זייער באַליבט ביי דעם דאָזיקן רבינס חסידים. סוף־כל־סוף האָבן אַ טייל חסידים, דער עיקר וואַרשעווער און לאָדזשער, גע־קרוינט ר׳ וואָלפן פאַר זייער רבין און זיי האָבן אויסגעקליבן די שטאָט סטריקאָוו וואו דער נייער רבי זאָל פראַווען ראַבייסטווע. איך ווייס ניט גענוי צי דער טשעכאַנאָווער רבי האָט נאָך דעמאָלט געלעבט, אָדער די חסידים האָבן דאָס געטאָן ערשט נאָך זיין טויט.

סטריקאָוו איז געווען אין גאַנצן דריי מייל פון לאָדזש. לאָדזש האָט שוין דעמאָלט געהאַט אַ גרויסע יידישע באַפעלקערונג. עס זענען שוין אין לאָדזש געווען צוויי אייזנבאַנען, איין באַן איז געגאַנגען ביז וואַרשע און אַ צווייטע איז געגאַנגען ביז דאָמבראָווע, בענדין און סאָסנאָוויעץ. פון דאָמבראָווע איז אַ באַן געגאַנגען ביז איוואַנגראַד. די איוואַנגראַדער באַן איז דורכגעגאַנגען קעלצער גובערניע און ראַדאָמער גובערניע. דאָס האָט זייער פיל מיטגעהאָלפן אַז חסידים פון קעלצער און ראַדאָמער געגנט זאָלן קומען צום סטריקאָווער רבין. די חסידים האָבן פאַר זייער רבין אין סטריקאָוו אויפגעבויט אַ גרויס און באַקוועם הויז און אַ זייער גרויס בית־המדרש, וועלכן מען האָט גערופן „דער קאַלטער בית־המדרש״. אַחוץ דעם האָבן זיי אויך אויפגעבויט אַ קליין בית־מדרש. אין דעם גרויסן בית־מדרש האָט מען געדאַוונט נאָר שבועות, ראש השנה און יום כפור, ווייל אויף די דאָזיקע ימים־טובים זענען געקומען צום רבין עטלעכע הונדערט חסידים. דער קליינער בית־מדרש איז געווען אַ לאַנגער מיט אַ סך פענצטער פוןביידע זייטן ווענט, מיט אַ גרויסער שאַנק ספרים. אין דעם קליינעם בית־מדרש האָט מען געדאַוונט אין די וואָכנדיקע טעג, אין שבתים און אויך אין די ימים־טובים, ווען עס זענען ניט געקומען קיין סך חסידים, ווי פסח און סוכות. פון איין זייט פון

בית־מדרש איז געשטאַנען אַ גרויס הויז מיט אַ טויער אַריינצופאָרן און אַ צווייטע טיר אַריינצוגיין אין בית־מדרש און אין רבינס הויז.

פון דער צווייטער זייט הויף איז געווען אַ פרוכט־גאָרטן. אין גאָרטן זענען געשטאַנען צוויביידלעך מיט טישלעך און בענקלעך אינעווייניק, וואו דער רבי האָט זיך אָפּגערוט נאָך אַ שפּאַציר אין גאָרטן. אין די ביידלעך האָט דער רבי אויפגענומען רייכע חסידים און רבנים וואָס זענען געקומען פרעגן דעם רבין עצות וועגן זייערע קהילות, אָדער האָבן גערעדט מיטן רבין תורה. ביים עק פון קליינעם בית־המדרש האָט זיך געפונען דעם רבינס שטוב, וואו דער רבי האָט געגעבן שלום די חסידים וואָס זענען געקומען צו אים. אין דער שטוב האָבן די חסידים זיך אויך געזעגנט מיטן רבין ווען זיי זענען צוריק אַהיימגעפאָרן.

צום רבין ר׳ וואָלף זענען געקומען פאַרשיידענע חסידים, רייכע און אָרעמע. עס זענען אויך געקומען כלי־קודש, רבנים פון קלענערע און גרעסערע שטעט, חזנים, יונגע לייט, וועלכע האָבן געגעסן קעסט ביי שווער און שוויגער אאַז״וו. טייל פון די יונגע לייט זענען געקומען צום רבין, ער זאָל זיי געבן סמיכות אויף רבנות.

דעם רבינס שמש האָט געהייסן גרונם. זיין אַרבעט איז געווען אויסצוקלייבן ווער פון די חסידים זאָל זיצן ביים רבינס טיש. נאָכן דאַוו־נען האָט גרונם נאָכאַמאָל אויסגערופן יעדן חסיד ביים נאָמען, אַז ער זאָל אַריינגיין עסן ביים רבינס טיש. ער האָט אויסגעזעצט די חסידים יעדן אויף זיין אָרט און ווען דעם רבינס זין און איידעמס האָבן זיך געהאַט אויסגעזעצט, איז גרונם אַריינגעגאַנגען צום רבין זאָגן אַז דער טיש איז שוין אויסגעזעצט, ער איז צוריק אַריינגעקומען און געזאָגט אויפן קול: זאָל זיין שטיל, דער רבי קומט. אַלע וואָס זענען געזעסן אַרום טיש האָבן בכרף־עין זיך אויפגעשטעלט. דער רבי האָט געמאַכט קידוש איבער אַ גרויסן בעכער וויין, מען האָט יעדן איינעם אין גלעזל אַריין געגעבן אַ ביסל וויין פון רבינס קידוש־בעכער און מען האָט כסדר צוגעגאָסן וויין אין רבינס בעכער אַריין, כדי עס זאָל זיין גענוג איינצוטיילן פאַר אַלע. מאַנכע חסידים האָבן באַהאַלטן דעם וויין פון דעם רבינס קידוש, אַהיים־צדברענגען פאַר אַ קראַנקן, ער זאָל טרינקען פדן רבינס קידוש־וויין און זאָל דערפון געזונט ווערן.

דער רבי האָט זיך געוואַשן, נאָך אים — די חסידים. דער רבי האָט געמאַכט המוציא, יעדער האָט געקראָגן אַ שטיקל פון זיין חלה. נאָך דעם האָט מען דעם רבין דערלאַנגט אַ גרויסע שיסל מיט פיש, ער זאָל האָבן גענוג צו טיילן שיריים. ווען דער רבי איז פאַרטיק געוואָרן מיטן טיילן פאַר די וואָס זענען געזעסן אַרום טיש, האָט גרונם אַוועקגעשטעלט די שיסל מיט די איבערגעבליבענע פיש אין מיטן טיש. עס האָט זיך

אָנגעהויבן אַ כאַפּעניש פון די שיריים, פון די חסידים, וואָס זענען נישט געזעסן ביים רבינס טיש. זיי האָבן פרי אָפּגעגעסן, כדי זיי זאָלן קענען קומען באַצייטנס און הערן דעם רבין זאָגן תורה.

ווען דער רבי האָט געזאָגט תורה איז געווען אַזוי שטיל אַז מען האָט געקענט הערן אַ שפּילקע פאַלן אויף דער פּאָדלאָגע. אַז דער רבי האָט אויפגעהערט זאָגן תורה האָט ער מכבד געווען אַ חסיד, וועלכער איז געווען אַ מנגן, ער זאָל זינגען זמירות. אויב דער חזן פון שטאָט איז געווען ביים רבינס טיש, האָט דער רבי צו אים געזאָגט: — ר׳ יצחה לייב, זינגט אַ זמרל. — דער סטריקאָווער חזן האָט געהאַט אַ שם פאַר אַ גוטן זינגער. נאָכן בענטשן האָבן די חסידים געטאַנצט ביז צו מנחה. נאָך דעם האָט מען אָפּגעגעסן שלש־סעודות און געדאַוונט מעריב.

דעמאָלט זענען די חסידים געקומען זיך געזעגענען מיטן רבין. יעדער פלעגט דערלאַנגען אַ קוויטל מיט זיינע פאַרלאַנגען (פּרנסה, חתונה־מאַכן אַ טאָכטער, געזונט אד״גל) און דערביי געגעבן אַ פּדיון. דער שמש ר׳ גרונם פלעגט פריער אַריינלאָזן צום רבין די רייכע חסידים און די יחסנים.

## קאַפּיטל 5

# אונדזער משפחה

מיין מוטער פלעגט אונדז קינדער שטענדיק דערציילן וועגן איר חתונה מיט אונדזער פאָטער. וואָס פאַר אַ שיינע חתונה דאָס איז געווען, וויפיל געסט עס זענען געקומען. אויך צו די שבע־ברכות זענען יעדן טאָג געקומען געסט. ביי די לעצטע שבע־ברכות האָבן געשפילט קלעזמאָרים און עס איז געקומען אַ גרויסער עולם געסט.

נאָך דער חתונה האָבן מיינע עלטערן עטלעכע יאָר געגעסן קעסט. איין יאָר נאָך דער חתונה האָט מיין מוטער געבוירן אַ יינגל. מען האָט אים אַ נאָמען געגעבן דוד זעליק, נאָך זייערעביידנס פאָטערס, וואָס האָבן שוין דעמאָלט נישט געלעבט.

אין יאָר 1880, דעם ערשטן טאָג פסח, האָט מיין מוטער געבוירן אַ יינגל, וואָס מען האָט אים אַ נאָמען געגעבן אברהם־פּנחס — דאָס איז ד'ער שרייבער פון די זכרונות.

ווען מיינע עלטערן האָבן שוין געהאַט אָפּגעגעסן די עטלעכע יאָר קעסט, האָבן זיי פאַרלייגט אין סטריקאָוו אַ שענק און אַ גאָרקיך, אָבער קיין גרויסע גליקן האָבן זיי דערביי ניט געמאַכט.

אין יאָר 1882 האָט מיין מוטער געבוירן אַ מיידל, מען האָט איר אַ נאָמען געגעבן מלכה. אין יאָר 1884 האָט מיין מוטער געבוירן נאָך אַ מיידל. מען האָט איר אַ נאָמען געגעבן דבורה. האָבן מיינע עלטערן געהאַט פיר קינדער. אָבער קיין פּרנסה האָבן זיי נאָך אַלץ ניט געהאַט.

מיין פאָטער איז געווען אַ שטענדיקער איינגייער אין סטריקאָווער רבינס הויז. דעם רבינס איידעם, ר' מרדכי קלעפּפיש, דעם רבינס זין, ר' רפאל און ר' מאָטל, זענען אַלע געווען מיין פאָטערס פריינד; זיי פלעגן לערנען צוזאַמען און פלעגן אַלע מאָל גיין איינער צום צווייטן צו גאַסט.

איינמאָל אַן אָוונט, ס'איז געווען ווינטערצייט, האָב איך געהערט אַ געשריי אויף דער גאַס און אַ יאָמערלעך געוויין פון מיין מוטער. זי איז אַריינגעקומען אין שטוב און האָט זיך געריסן די האָר פון קאָפּ. באַלד איז מיין פאָטער אַריינגעקומען און ער האָט אויך שטאַרק געוויינט. ער האָט געשפּרייזט איבער דער שטוב און געשריגן אוי! אוי! אוי!... איך בין דע־

מאָלט אַלט געווען אַרום פיר יאָר. איך האָב מיין פאָטער געפרעגט: — טאַטע, וואָס ווייניסטו? — האָט ער מיר ניט געוואָלט זאָגן. אַז איך האָב געפרעגט מיין מוטער: — מאַמע, פאַרוואָס וויינסטו? — האָט זי מיר געענטפערט: — דו ביסט אַ קליין ייִנגל, דו דאַרפסט ניט אַלץ וויסן. — אויך פון גאַס האָט מען געהערט יאָמערלעכע געוויינען און ווי פערד און וואָגן איז אַריינגעפאָרן אין אַנטקעגנאיבערדיקן הויז, דאָס הויז וואו עס האָט געוואוינט ר׳ יאָסעלע, מיין חבר אברהם יאנאס פאָטער. צומאָרגנס אין דער פרי האָב איך דערזען אברהם אַלטערן ביי אונדז אין הויז. ער איז געווען עלטער פון מיר מיט צוויי יאָר. מיין מוטער האָט אים געגעבן עסן, אָבער ער האָט ניט געגעסן, נאָר געוויינט. אַז איך האָב אברהם אַלטערן געפרעגט פאַרוואָס ער וויינט, איז זיין ענטפער געווען, אַז מען האָט זיין טאַטן דערהרגעט. כאָטש איך בין דעמאָלט אַלט געווען פיר יאָר, האָט די דאָזיקע פאַסירונג זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון. די שרעקלעכע פאַסירונג האָט אָנגעמאַכט אַ מוראדיקן רושם איבער אַלע שטעט און שטעטלעך אַרום סטריקאָוו. געשען איז עס אַזוי:

ר׳ יאָסעלע יאנא און זיין שוועסטערקינד קדיש זענען געווען שותפים. זיי האָבן געהאַנדלט מיט שעפּסענע פעל, פון וועלכע זיי פלעגן אַראָפּציען די וואָל און זי פאַרקויפן אין לאָדזש. איינמאָל, ווען זיי זענען אַהיימגעפאָרן פון לאָדזש און האָבן ביי זיך געהאַט דאָס געלט פאַר די וואָל, וואָס זיי האָבן פאַרקויפט, זענען גזלנים זיי באַפאַלן אין וואַלד און דערהרגעט ר׳ יאָסעלען און ר׳ קדישן און ביי ביידן צוגערויבט דאָס געלט. מען האָט די מערדער קיינמאָל ניט געכאַפּט.

ר׳ יאָסעלע יאנא און מיין פאָטער זענען געווען נאָענטע גוטע פריינד. זיי זענען ביידע געווען למדנים און זיי האָבן ביידע אויך זייער גוט געקענט די העברעאישע שפראַך.

דעם טאָג ווען מיין חבר אברהם אַלטער איז געווען ביי אונדז אין הויז, האָבן מיינע עלטערן פאַרמאַכט די שענק. ביי טאָג זענען מיין פאָטער און מוטער אַוועק פון הויז און האָבן מיטגענומען מיט זיך אברהם אַלטערן. איך געדענק ווי אונדזער דינסטמיידל האָט מיך אַרויפגעשטעלט אויף אַ בענקל לעבן פענסטער. איך האָב געזען אַ סך מענטשן אויף דער גאַס און עס האָבן זיך געהערט געשרייען און געוויינען. איך האָב געזען ווי עטלעכע מענטשן פון איין זייט און עטלעכע מענטשן פון דער צווייטער זייט האָבן געהאַלטן אויף זייערע אַקסלען קיילעכדיקע דרענגער און צווישן די דרענגער איז געלעגן אַ הויכע לאַנגע קיילעכדיקע זאַך צוגעדעקט מיט אַ גרויס שוואַרץ טוך. די מענטשן האָבן געוויינט. איך האָב געפרעגט רויזען — דאָס דינסטמיידל — וואו אַהין טראָגן די יידן אברהם אַלטערס טאַטע? האָט מיר רויזע געזאָגט, אַז די יידן טראָגן אים אויפן בית עולם, וואו אַלע

טויטע ליגן. און אַז ער וועט שוין מער קיינמאָל פֿון דאָרט ניט צוריק אַהיימקומען. פֿון רויזען האָב איך זיך דאָס ערשטע מאָל דערוואוסט, וואָס עס מיינט טויט.

מיין חבר אברהם אַלטער איז געוואָרן אַ יתום.

מיין ברודער דוד זעליג איז געווען עלטער פֿון מיר מיט צוואַנציק חדשים. מיינע עלטערן האָבן צו מיר אַרויסגעוויזן מער ליבשאַפֿט ווי צו מיין ברודער. קען זיין, ווייל איך בין געווען אַ קרענקלעכער. איך האָב אָנגעהויבן גיין ווען איך בין אַלט געווען צוויי און אַ האַלב יאָר. ווען איך בין אַלט געוואָרן דריי יאָר, בין איך קראַנק געוואָרן אויף אַ לונגען־אָנצינדונג. מיין מוטער האָט מיר געגעבן געקאָכטע פֿלוימען און אַ האַלבע פּאָמעראַנץ, האָט מיין יונגע שוועסטער, מלכה, אַרויסגעכאַפּט פֿון מיין טעלערל אַ פֿלוים און מיין ברודער האָט צוגעכאַפּט אַ שטיקל פּאָמעראַנץ און ביידע, די שוועסטער און דער ברודער, זענען אַרויסגעלאָפֿן פֿון שטוב. איך האָב געוויינט, מיין פֿאָטער איז אַריינגעקומען און האָט מיך גע־פֿרעגט, פֿאַרוואָס איך וויין. איך האָב אים געזאָגט, אַז מלכה האָט צו־געכאַפּט א פֿלוים און דוד זעליג האָט צוגענומען אַ שטיקל פּאָמעראַנץ. מיין פֿאָטער האָט אָנגעשריגן אויף זיי. ער האָט זיי געזאָגט, אַז מען האָט געמוזט פֿאַר מיר ברענגען אַ פּאָר פּאָמעראַנצן אַזש פֿון לאָדזש און אַז זיי זאָלן ניט צוגיין צו מיין בעט, ווייל איך בין נאָך ניט אינגאַנצן אויס־געהיילט פֿון דער קרענק.

ווען איך בין געזונט געוואָרן, האָב איך שוין געקענט גוט גיין, כאָטש איך האָב געהאַט פּלאַטשיקע פֿיס (פּלעטפֿוס).

## קאַפּיטל 6

# לעאָש, אַ פֿאַריידישטער שגץ

באַלד נאָך מיין קראַנקהייט האָט מיין פֿאָטער גענומען מיט מיר לערנען דער אלף־בית פֿון אַ גרויסן סידור. דער אלף־בית איז אין סידור געווען געדרוקט אין גרויסע אותיות און איך האָב זיך אים אויסגעלערנט אין אַ קורצער צייט. איך האָב זיך דעמאָלט אַ סך געשפּילט מיט מיינע חברים: משה דיימאָנד (ער איז פֿאַראַיאָרן געשטאָרבן דאָ אין אַמעריקע), אַלטער יאַנא און פּנחס, וואָס איז געווען אין זעלבן עלטער וואָס איך. מיט אונדז האָט זיך אויך געשפּילט אַ שגצל, וואָס איז געווען עלטער און אַ סך העכער פֿון אונדז אַלע. ער האָט גערעדט יידיש אַזוי גוט ווי מיר. ער איז געווען אַ טונקעלער און האָט געהאַט שוואַרצע, געקרייזלטע האָר. זיין נאָמען איז געווען לעאָש. ער האָט ניט געהאַט קיין עלטערן. אים האָט אויפֿגעצויגן זיינס אַ מומע. די מומע האָט געהייסן פֿראַנצישקע. זי איז געווען העכער פֿון מיטעלן וואוקס, אַ פֿעסט־געבויטע און האָט געהאַט אַ שיינעם קאָפּ העלע האָר און אַ העל פּנים. ווי ווייט איך געדענק האָט זיך ניט געהאַט קיין מאַן און האָט ניט געהאַט קיין קינדער. זי האָט געוואוינט אין אַ קעלער־שטוב מיט צווי הייזער ווייטער ווי מיר. די פּאָדלאָגע אין איר שטוב איז געווען אַ ליימענע אַנשטאָט אַ הילצערנע, די ווענט זענען געווען ווילגאַטנע און עס האָט פֿון זיי גערונען טראָפּנס וואַסער. אין שטוב האָבן זיך געפֿונען אַן אַלט בעט און אַ שלאָפֿבאַנק. די שלאָפֿבאַנק איז געווען געמאַכט ווי צווי האַלבע קאַסטנס. אינעווייניק, אין דער שלאָפֿבאַנק, איז געלעגן אַ זאַק מיט שטרוי. אויף דער שלאָפֿבאַנק איז לעאָש געשלאָפֿן. אַחוץ דעם איז דאָרט געשטאַנען אַ רויטער ציגעלנער אויוון, וואָס האָט געדינט צו וואַרעמען די שטוב. געהייצט האָט מען דעם אויוון מיט טאָרף (דאָס איז געווען אַ מין האַרטע, פֿעטע, ברוינע ערד, דורכגעוואַקסן מיט גראָז). אַז מען האָט איינגעהייצט מיטן טאָרף, האָט זיך געפֿילט אַ שלעכטער ריח. אין שטוב איז אויך געווען אַ קוימען, אַזאַ ווי אין אַ קוזשניע. אין דעם קוימען זענען געלעגן צווי שטיינער. אויף די שטיינער זענען געלעגן צווי שטיקער אייזן, אויף וועלכע מען האָט אַרויפֿגעשטעלט די טעפּ

צום קאָכן. אונטער די אייזנס האָט מען געלייגט האָלץ אָדער טאָרף. ווייטער איז אין שטוב געשטאַנען אַ טיש מיט עטלעכע היבקעדיקע בענק־לעך. אויף דער וואַנט, ביי דער זייט פון קוימען, איז געהאַנגען אַ קליין בילדל פון אַ קריסטלעכן הייליקן. דאָס בילדל איז שטענדיק געווען נאָס פון דער ווילגאָטנער וואַנט, אַז מען האָט ניט געקענט זען קיין פּנים אויפן בילד. די שטוב איז געווען באַלויכטן פון אַ קליין פענצטערל. די זון האָט קיינמאָל אין דער שטוב ניט אַריינגעשיינט. לעאָשעס מומע איז געווען אַ וועשערין. זי האָט געוואַשן וועש אין יידישע הייזער. אַז פראַנצישקע איז אינדערפרי אַוועקגעגאַנגען וואַשן, האָט זי מיטגענומען לעאָשן מיט זיך אויפן גאַנצן טאָג. לעאָש האָט זיך געשפּילט מיט די קינדער אין די יידישע הייזער וואו זיין מומע האָט געוואַשן און אַזוי האָט זיך לעאָש אויסגעלערנט רעדן גוט יידיש. ער האָט זיך אַפילו אויך אויסגעלערנט זאָגן די ברכה „מודה־אני״. אַזוי ווי לעאָש האָט אויך געגעסן צוזאַמען מיט די קינדער אין די יידישע הייזער, האָט ער זיך אויך אויסגעלערנט זאָגן די ברכה „המוציא לחם מן הארץ״, וואָס ער פלעגט מיטזאָגן מיט די יידישע קינדער ווען זיי האָבן צוזאַמען געגעסן. אויך פראַנצישקע האָט געקענט רעדן גוט יידיש. איך געדענק, אַז ווען פראַנצישקע האָט ביי אונדז געוואַשן, האָט זי מיט מיין מוטער גערעדט יידיש. איין מאָל האָט זי געטומען אַ פולע באַליע וואַסער אַרויסצוגיסן אויפן גאַס, האָט מיין מוטער געזאָגט צו איר: „פראַנצישקע, עס וועט זיין צו שווער מיט איין מאָל אַרויסצוטראָגן די באַליע״, האָט פראַנצישקע געזאָגט צו מיין מוטער אויף יידיש: „זאָל די באַלעבאָסטע ניט מורא האָבן פאַר מיר, קיין צלם טראָג איך ניט, אין קאָשטשאָל גיי איך ניט. אָבער עשוס גבורה האָב איך״. מיין מוטער האָט אַלע מאָל געזאָגט, אַז פראַנצישקען קען מען אַנגעטרויען אַפילו אומגעציילט געלט.

פאַר דער שטאָט זענען פראַנצישקע און לעאָש געווען אַ רעטעניש. קיינער אין שטאָט האָט ניט געוואוסט ווער זיי זענען און פון וואַנען זיי קומען. פראַנצישקע האָט זיך באַזעצט אין סטריקאָוו ווען זי איז נאָך געווען יונג און זי האָט מיט זיך מיטגעברענגט לעאָשן.

ביים הויף, וואו מיר יינגלעך פלעגן זיך שפּילן, איז געשטאַנען אַ גרויסער שפּייכלער. דער אייגנטימער פון שפּייכלער, ר׳ הערשל סענדערס, האָט אין אַ האַלבן שפּייכלער געהאַלטן טרוקענע שעפּסענע פעל, ווי אויך וואָל פון די פעל. דעם צווייטן האַלבן שפּייכלער האָט ער פאַרדונגען צו אַ סאַדאָווניק, וואָס האָט דאָרט געהאַלטן עפּל און אַנדערע פרוכטן. די הינער פון די אַרומיקע באַלעבאַטים האָבן זיך אויסגעקליבן אַן אָרט הינ־טער דעם שפּייכלער וואו צו לייגן די אייער זייערע. לעאָש פלעגט אָפּ־וואַרטן ביז די הינער פלעגן אַרויסקומען פון הינטער דעם שפּייכלער,

ער איז באַלד אַרונטערגעקראָכן און האָט אַרויפגעברענגט די אייער, וואָס די הינער האָבן נאָר וואָס געהאַט געלייגט.

מיר ייִנגלעך האָבן שוין אויף אים געוואַרט פון דער ווייטנס. לעאָש האָט גענומען דאָס קלינגל פון זיין קליין מעסערל, האָט געמאַכט לעכלעך אין די אייער און האָט אונדז דערביי פאַרזיכערט, אַז דאָס מעסערל איז אַ כשרס, ווייל ער שניידט ניט דערמיט קיין טריפהנע וואורשט. מיר האָבן אַריינגעשיט זאַלץ אין די אייער און זיי אויסגעטרונקען.

איינמאָל זענען עטלעכע ווייבער געקומען זוכן זייערע הינער זיי אַהיימצונעמען, האָבן זיי דערזען, ווי מיר טרינקען די אייער און די אייער־שאָלעכצן ליגן אויף דער ערד. האָבן זיי שוין פאַרשטאַנען וואָס דאָ פלעגט פאַרקומען. זיי האָבן געהאַט אַ טענה צו לעאָשן, פאַרוואָס ער נעמט אַפער די אייער פון הינטערן שפייכלער. האָט לעאָש געזאָגט צו זיי מיט אַ שמייכל: — נו, נעמט איר אַליין אפער די אייער! — איין גויע האָט געזאָגט צו לעאָשן: — איז דאָס שיין אַז אַ פוילישער כלאָפּאַק זאָל צונעמען די אייער פון פּאַליאַקן און זיי אַוועקגעבן די פאַרשאָלטענע ייִדישע ייִנגלעך? ניט בחינם רופט מען דיך פּול־זשידאָוו־סקי כלאָפּאַק (אַ האַלב־ייִדיש ייִנגל). — לעאָש האָט איר אָפּגעענטפערט: — דו ביסט אַליין אַ פאַרשאָלטענע, דו קענסט אַפילו ניט זאָגן די פוילישע „מאָליטוועס" און איך קען גוט זאָגן אי די פוילישע מאָליטוועס אי די ייִדישע. — און ער האָט באַלד פאַר איר אָפּגעזאָגט דעם גאַנצן „מודה אני", דעם „המלך" און אַן „המוציא". אַז די גויע האָט געהערט לעאָשן זאָגן די ייִדישע ברכות, האָט זי זיך איבערגעצלמט און געסטראַשעט לעאָשן אַז זי וועט אַלץ דערציילן זיין מומען.

אַז די גויע איז אַוועקגעגאַנגען האָט לעאָש צו אונדז געזאָגט: — זי וועט אייך שוין מער ניט רופן „פאַרשאָלטענע"!

לעאָש פלעגט אונדז, ייִנגלעך, זאָגן, אַז ווען ער וועט גרעסער ווערן און וועט קענען פאַרדינען צו געבן אַ ווייב פּרנסה, וועט ער אויסזוכן אַ שיין ייִדיש מיידל, וועט זיך לאָזן מל־זיין און וועט זיין אַ בעסערער ייִד ווי די מאַנקולאַקעס זענען. (די מאַנקולאַקעס זענען געווען ייִדישע אַרענדאַרן פון הינטער סטריקאָוו און זיי זענען אָנגעגאַנגען אין שטעטל פאַר גרויסע עמי־הארצים). און לעאָש האָט אונדז אַריינגערופן אין שטוב און האָט אונדז געוויזן, אַז ער טראָגט ניט קיין צלם אויפן האַלדז.

מיר, ייִנגלעך, האָבן ליב געהאַט זיך צו שפּילן מיט לעאָשן, ווייל ער איז געווען אונדזער שומר. טאָמער האָט אַ שגצל אָדער אַ ייִדיש ייִנגל געוואָלט ביי אונדז צוכאַפּן אַ פּאָר קנעפּלעך, אָדער אַ פּאָר שניי־דער־אַרבעס (די געשפּרענקלטע אַרבעס האָט מען דעמאָלט גערופן שניי־דער־אַרבעט) — האָט לעאָש ניט געלאָזט. שפּילן אין קנעפּלעך איז דע־

מאָלט געווען שטאַרק אין דער מאָדע און ניט איין יינגל פלעגט פאַר־
שפּילן די קנעפּלעך פון זיינע אייגענע מלבושים און ניט איין מאָל
פלעגט ער אָפּשניידן די קנעפּלעך פון מלבושים פון זיינע הויז־מענטשן,
ווען ער האָט זיינע אייגענע קנעפּלעך פאַרשפּילט.

אין אַ יום־טוב פלעגט מען שפּילן אין ניס. מיין מוטער האָט מיר
אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל יום־טוב נישט אויסגראָבן קיין גריבל. (ביים
שפּילן אין ניס האָט מען געדאַרפט אַריינטרעפן אין אַ גריבל.) ניס האָבן
געהאַט מער חשיבות ווי קנעפּלעך. אין ניס פלעגן מיר יינגלעך גע־
ווינטלעך שפּילן אום חול־המועד פּסח, אָדער חול־המועד סוכות. אַז
אַ יינגל האָט געוואונען אַ סך ניס, האָט ער נאָך דעם שפּילן צעקנאַקט
אַביסל ניס און צעטיילט צווישן די יינגלעך, וואָס האָבן מיט אים גע־
שפּילט. אַז לעאָש האָט מיט אונדז געשפּילט, האָט ער אַכטונג געגעבן
אַז מיר זאָלן שפּילן ערלעך. אַז מיר זאָלן נישט שטיין צו נאָענט צום
גריבל. טאָמער האָט אַ יינגל אַרויסגעשטעלט אַ פוס פון דעם צייכן
וואו ער האָט באַדאַרפט שטיין, אָדער ער האָט זיך צופיל איינגעבויגן, האָט
לעאָש ניט געלאָזט. לעאָש איז געווען זייער אַ געשיקטער. טאָמער האָט
אַ קריסטלעך יינגל געוואָלט עפּעס צוכאַפּן ביי אונדז יקדישע יינגלעך,
קנעפּלעך, אַרבעס אָדער ניס, האָט ער נישט געלאָזן. אויב אַ שגצל האָט
געוואָלט שלאָגן אַ יידיש יינגל איז לעאָש באַלד געקומען צו הילף דעם
יידישן יינגל. מיט איין וואָרט: ער איז געווען אונדזער באַשיצער.

לעאָש פלעגט אָפּט אַריינקומען צו אונדז אין הויז. אַז מיין מוטער
אָדער דאָס דינסטמיידל האָבן מיך גערופן עסן, האָט מען אויך גערופן
לעאָשן, ער זאָל עסן מיט מיר צוזאַמען. ער האָט געקראָגן די זעלבע
עסנס וואָס מען האָט מיר געגעבן. ווען לעאָש איז אונטערגעוואקסן, איז
ער אַרומגעגאַנגען צו די מלמדים זיי זאָלן אים צונעמען פאַר אַ באַהעלפער.
ער האָט געבעטן די מלמדים זיי זאָלן אים פאַרהערן, ווילן זיי זען אַז
ער קען גוט עברי. ווען לעאָש איז עלטער געוואָרן, איז ער געפאָרן
קיין לאָדזש און איז דאָרט געוואָרן אַן אַרבעטער. ער איז געוואָרן אַן
איבערגעבענער סאָציאַליסט, און ווי איך האָב שפּעטער געהערט, האָט
אים די רוסישע רעגירונג אומגעבראַכט פאַר זיין רעוואָלוציאָנערער טע־
טיקייט.

## קאַפּיטל 7

# אין חדרים

חול־המועד פּסח איז ר׳ מרדכי מלמד אַריינגעקומען צו אונדז און מיין פאָטער האָט אים געזאָגט, אַז באַלד נאָך פּסח וועל איך אָנהויבן צו לערנען ביי אים אין חדר. אַ טאָג נאָך פּסח, איז אַריינגעקומען צו אונדז דער באַהעלפער פון ר׳ מרדכי מלמד, מיין פאָטער האָט אים אָנגעוויזן אויף מיר. דער באַהעלפער האָט מיך גענומען פאַר דער האַנט, מיין מוטער האָט מיך באַוואָרפן מיט ראָזשינקעס, ניס און צוקערקעס, זי האָט מיך געקושט און מיר נאָכגעוואונטשן, אַז איך זאָל זיין געזונט און קענען גוט לערנען. כ׳זאָל אויסוואַקסן אַ מורה בישראל. מיין פאָטער איז מיט מיר מיטגעגאַנגען אין חדר.

ווען איך און מיין פאָטער זענען אַריינגעקומען צו מרדכי מלמד אין חדר, האָט דער מלמד מיך גענומען פאַר דער האַנט און האָט מיך אַרויפגעזעצט אויף דער באַנק. דער מלמד האָט אויף מיר געמאַכט אַן איינדרוק, וואָס איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן. ער איז געווען אַ הויכער, מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד, מיט אַ פּאַטריאַרכאַלישן אויסזען. די חדר־שטוב איז געווען אַ גרויסע, אַ לאַנגע און אַ ליכטיקע. אין שטוב איז געשטאַנען אַ לאַנגער טיש מיט צוויי לאַנגע בענק. ביי דער וואַנט איז געשטאַנען אַן אויוון מיט אַ קוימען ענלעך צו אַ קוימען ביי אַ שמיד. אויף דעם אויוון האָט מען געקאָכט עסן. אין שטוב איז אויך געשטאַנען אַ צווייטער הויכער אויוון פון רויטע ציגל צו וואַרעמען די חדר־שטוב ווינטערצייט. ר׳ מרדכי האָט אויך געהאַלטן אין חדר־שטוב אַ ציג, וועלכע איז שטענדיק געשטאַנען ביי דער טיר, ווייל ביי דער טיר איז געשטאַנען דער עמער פון וועלכן די ציג האָט געגעסן. די חדר־יינגלעך פלעגן ברענגען קאַרטאָפל־שאָלעכץ פון דער היים פאַר דער ציג. דערפאַר האָט ר׳ מרדכיס ווייב געגעבן די חדר־קינדער מילך פון דער ציג. איך בין באַלד באַפריינדעט געוואָרן מיט די קינדער אין חדר. מיין מוטער פלעגט מיר מיטגעבן אין חדר אַריין ברויט מיט שמאַלץ, אָדער ברויט מיט גריוון, אָדער ברויט מיט פּוטער און קעז, איז ווי נאָר איך האָב אָנגעהויבן עסן, האָבן אַ סך קינדער זיך אַרום

מיר אַרומגעשטעלט און האָבן מיר געבעטן, איך זאָל זיי געבן אַ שטיקל... אָפּטמאָל איז דער באַהעלפער צוגעקומען צו די קינדער און זיי אָנ־געזאָגט, זיי זאָלן אַוועקגיין פון מיר, ווייל איך האָב זיי שוין באַלד דאָס גאַנצע ברויט אַוועקגעגעבן. איך געדענק ניט צי ר׳ מרדכי האָט ווען עס איז געגעבן אַ קלאַפּ אַ קינד. איינמאָל האָט דער באַהעלפער געגעבן אַ קלאַפּ אַ תלמיד, האָט ר׳ מרדכי אים געזאָגט, ער זאָל דאָס מער ניט טאָן. ביי ר׳ מרדכין האָב איך געלערנט צוויי זמנים, ביז איך האָב אָנ־געהויבן לערנען חומש.

ביי מיינע עלטערן אין הויז איז די עקאָנאָמישע לאַגע ניט געווען גוט. מיין מוטער האָט געבוירן נאָך אַ יינגל. מען האָט אים אַ נאָמען געגעבן יצחק מאיר. פון געבוירן אָן האָט דאָס קינד געקרענקט. איך געדענק ווי מיין מוטער האָט צוליב דעם שטענדיק געוויינט. מיינע עלטערן האָבן געבראַכט צום קינד דאָקטוירים פון זגיערזש, האָבן די דאָקטוירים ניט געגעבן קיין האָפענונג, אַז דאָס קינד וועט געזונט ווערן. אָבער מיינע עלטערן האָבן אָנגעווענדט אַלץ וואָס איז נאָר געווען אין זייערע מעגלעכקייטן צו ראַטעווען דאָס קינד. איינמאָל האָב איך באַמערקט ווי מיין מוטער זיצט ביים קינדס וויגל און וויינט; און וואָס זי האָט גע־געבן דעם קינד אין מויל — מעדיצין אָדער עסן — האָט דאָס עס צוריק אָפּגעגעבן. אַז מיר קינדער האָבן געזען ווי אונדזער מוטער וויינט, האָבן מיר אויך געוויינט. מיין פאָטער איז אַהיימגעקומען און האָט געזאָגט, אַז ער קומט פון בית־מדרש, וואו אַ מנין יידן האָבן געזאָגט תהילים פאַרן קינד. ער האָט אָנגעצונדן ליכט אין בית־מדרש און ער האָט אויך געגעבן ליכט אין שול. מען האָט דאָס קינד געמאַכט אַ מי־שברך און אים צו־געגעבן נאָך אַ נאָמען — חיים. ער איז אויך געווען ביי דעם רבין ר׳ וואָלף. דער רבי האָט געוואונטשן דעם קינד אַ רפואה שלמה און אַז דער זכות פון ר׳ יצחק מאירן, דעם פאַרשטאָרבענעם גערער רבי, וואָס דאָס קינד הייסט נאָך אים, זאָל אים ביישטיין און ער זאָל באַלד געזונט ווערן. ווען איך און מיין ברודער זעליג זענען געגאַנגען שלאָפן, האָט די מאַמע גע־זאָגט מיט מיר און מיט מיין ברודער דעם „המלך״. ביים זאָגן דעם פסוק „לישועתך כויתי אדוני״ האָט זי אַרויפגעלייגט איין האַנט אויף אונדזערע קעפּ און די צווייטע האַנט אויף דעם קראַנקן קינדס קאָפּ און זי האָט געזאָגט מיט אונדז דריי מאָל דעם פסוק לישועתך און זי האָט דערביי זייער געוויינט.

צו מאָרגנס אין דער פרי האָב איך געזען, אַז אַ סך מענטשן זענען געווען ביי אונדז אין שטוב. אויך מיין מוטערס ברידער, יעקב אברהם און אהרן מאָרגענשטערן. אונדזער שענק איז געווען פאַרמאַכט. איך האָב געזען ווי אַ ייד מיט אַ גרוילעכע באָרד האָט אַרויסגעטראָגן פון דער שטוב

אַ לאַנג פּעקל איינגעוויקלט אין אַ שוואַרץ טוך. מיין פאַטער און מיין מוטער זענען נאָכגעגאַנגען דעם ייד און האָבן געוויינט. אַלע מענטשן, וועלכע זענען געווען ביי אונדז, זענען אויך נאָכגעגאַנגען און האָבן גע־קרעכצט. מיין פאַטער האָט געזאָגט קדיש און ווען די יידן זענען נאָך דעם דאַוונען אַוועקגעגאַנגען, האָבן זיי געזאָגט צו מיינע עלטערן: „גאָט זאָל איך טרייסטן.‟ אין די זיבן טעג וואָס מיינע עלטערן זענען געזעסן שבעה, זענען אַ סך מענטשן צו אונדז אַריינגעקומען. ווען זיי זענען אַוועקגעגאַנגען האָבן זיי געזאָגט: „גאָט זאָל איך טרייסטן‟. דעם זיבעטן טאָג פון דער שבעה, נאָכן דאַוונען אינדערפרי מיט מנין, האָט מיין פאַ־טער געגעבן צובייסנס. נאָכן דאַוונען האָט מיין פאַטער אויפגעמאַכט די שענק.

דער מלמד, ביי וועמען איך האָב אָנגעהויבן צו לערנען חומש, האָט געהייסן רפאל. ער איז געווען פון מיטעלן וואוקס, אַ דיקלעכער. ער האָט געהאַט אַ ברייטע געלע באָרד. אַז איך האָב אָפּגעלערנט ביי אים אַ פּאָר וואָכן, האָט מען מיך גענומען גרייטן צו דער חומש־סעודה. דער רבי האָט מיט מיר אָנגעהויבן לערנען די פּרשה פון אויסוויינִיק מיט אַ ספּע־ציעלן ניגון, מיט וועלכן מען פלעגט זאָגן די פּרשה אויף דער חומש־סעודה. איך געדענק שוין נישט וועלכע פּרשה דאָס איז געווען, אָבער איך געדענק, אַז שבת נאָך מיטאָג, זענען זיך צוזאַמענגעקומען אין אונדזער הויז מיינע פעטערס און מומעס. מיינע עלטערן האָבן זיי מכבד געווען מיט לעקאַך און בראַנפן, ביר און פאַרשידענע געבעקסן. דער מלמד האָט מיך אַרויפגעשטעלט אויף אַ בענקל און ער האָט אַזוי ווי געזונגען צו מיר: בחורל, וואָס לערנסטו דאָ? — איך האָב אים געענטפערט מיט אַ ספּע־ציעלן ניגון: — חומש. — וואָס איז דער טייטש חומש? — דאָך האָב איך געזאָגט די פּרשה הויך און שאַרף, אַז אַלע פאַרזאַמלטע האָבן מיך געהערט. אַז איך האָב געענדיקט, האָט מיך דער עולם באַוואָרפן מיט ניס, ראָ־זשינקעס, מאַנדלען און צוקערקעס און געוואונטשן, אַז איך זאָל קענען גוט לערנען, אַז איך זאָל זיין אַ גאון. מיין מוטער האָט מיך געקושט און האָט געוויינט. אַלע געסט זענען שוין פאַרבליבן ביי אונדז און געגעסן שלוש־סעודות. זיי האָבן מיך געלויבט, אַז איך האָב גוט געזאָגט די פּרשה.

זונטיק, ווען איך בין געגאַנגען אין חדר אַריין, האָט מיר מיין פאַטער מיטגעגעבן צוויי רובל, איינגעבונדן אין אַ פּאַפּיר, איך זאָל געבן דעם רביך. ביים מלמד רפאל האָב איך געלערנט נאָר איין זמן, ווייל ער איז געווען זייער אַ שלעכטער און האָט געשלאָגן די קינדער. אַחוץ דעם האָט ער דאָס חדר געהאַלטן זייער נישט ריין. צום נייעם זמן האָט מיין פאַטער מיך אָנגעדונגען צו ר׳ לייביש סטאַל. מען האָט אים גערופן ר׳ לייבישל, ווייל ער איז געווען זייער באַליבט אין שטאָט. ביי ר׳ לייבישל

איז דאָס געווען דער ערשטער זמן פון קנעלן. פריער איז ער געווען אַ מעקלער ביי וואָל און פעל, אָבער ער האָט פון דעם מעקלעריי נישט גע־קענט מפרנס זיין ווייב און קינדער, האָט ער זיך גענומען צו מלמדות. מיין פאָטער, וואָס איז געווען זיינער אַ גוטער פריינד, ווי אויך דער סטריקעווער רב, האָבן אים געהאָלפן קריגן תלמידים.

ר' לייבישל איז געווען אַ שיינער מענטש, מיט אַ ברוינער באָרד, העכער פון מיטעלן וואוקס. ער איז געווען אַ גוטער מנגן און אַ שיינער בעל־תפילה. ער האָט צוגעהאָלפן מיין פעטער, אברהם מאָרגנשטערן, זינגען, ווען ער האָט געדאַוונט פאַרן עמוד ראש־השנה און יום־כיפור אין סטריקאָווער בית־המדרש.

די חדר־שטוב ביי ר' לייבישן איז געווען אַ גרויסע און אַ ליכטיקע. ער איז געווען אַ גוטער מלמד. די תלמידים האָבן באַלד פאַרשטאַנען וואָס ער לערנט מיט זיי. מיר יינגלעך האָבן אים ליב געהאַט, ווייל ער האָט קיינמאָל ניט געשלאָגן אַ תלמיד. ער פלעגט האָבן אַ טבע אונטערצוזינגען ניגונים, בעת די תלמידים האָבן פאַר אים געזאָגט די פרשה.

מיין מוטער האָט געבוירן נאָך אַ קינד, אַ מיידל, מען האָט איר אַ נאָמען געגעבן רחל. ביי מיינע עלטערן איז די מאַטעריעלע לאַגע נאָך אַלץ נישט געוואָרן בעסער. כאָטש מיינע עלטערן זיינען נישט געווען קיין פאַר־מעגלעכע, איז אונדזער הויז געפירט געוואָרן אויף אַ בעל־הביתישן שטיי־גער. ביי אונדז האָבן געדינט צוויי דינסטמיידלעך. איינע צום באַדינען די קינדער און די צווייטע — פאַר דער קיך און פאַר דער שענק. מיין פאָטער איז זייער וויניק געשטאַנען אין שענק, ווייל ער איז כסדר פאַרנומען געווען ביים רב און בייב רבין. מיין מוטער איז געווען אי אַ מאַמע, אי אַ קעכין, אי זי איז געשטאַנען אין דער שענק און פאַרקויפט שנאַפּס און ביר. ניט איינמאָל האָט זי מיט אירע אייגענע הענט אַרויסגעוואָרפן גויים און זיי אַריינגעזעצט אין רינשטאָק. מען האָט מיין מוטער גערופן פערל די בריהטע, און זי איז טאַקע דאָס געווען.

אונדזער שענק איז געשטאַנען האַרט ביים זגיערזשער שאָסיי. דער שאָסיי האָט געפירט צו די פאַבריק־שטעט זגיערזש און לאָדזש. די שענק האָבן מיר געהאַלטן אָפן ביז שפּעט ביינאַכט. די פורמאַנעס, וועלכע זע־נען געפאָרן קיין זגיערזש אָדער לאָדזש האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי אונדזער שענק צו נעמען אַ שנאַפּס אָדער אַ גלאָז ביר, אָדער גאָר טיי מיט צו־בייסנס.

אַ יאָר שפּעטער איז ביי אונדז געוואָרן זייער שלעכט. עס איז ניט געווען קיין גערעטעניש אויף די פעלדער און עס זענען אויך זייער ניט געראָטן די פרוכטן אין די סעדער. זענען זייער וויניק סאַדאָווניקעס אַדורכ־געפאָרן פאַרביי אונדזער שענק, ווייל זיי האָבן נישט געהאַט גענוג פרוכטן

צו פירן קיין לאָדזש אָדער זגיערזש. אויך די ירידים אין סטריקאָוו זענען געווען זייער קליינע, ווייל די פויערים האָבן ניט געהאַט וואָס צו פאַרקויפן אין שטאָט, דעריבער זענען אויך זייער ווייניק סוחרים געקומען צום יריד.

דער סטריקאָווער רב, וואָס איז געווען מיין פאָטערס זייער אַ גוטער פריינד, האָט געוואוסט וועגן דער זייער געדריקטער עקאָנאָמישער סיטואַציע ביי אונדז אין שטוב. האָט ער פאַרגעלייגט מיין פאָטער, ער זאָל ווערן אַ מנקר און ער זאָל אויך אַרויסהעלפן ביים פסקענען שאלות און ער וועט שוין זען, אַז קהל זאָל מיין טאַטן ניט טאָן קיין עוולה און דאָס וועט אים אַ סך אַרויסהעלפן אין דער פרנסה. מיין פאָטער האָט געזאָגט דעם רב, אַז ער מוז זיך וועגן דעם מישב זיין מיט מיין מוטער. אַז מיין פאָטער האָט דערציילט מיין מוטער וועגן דעם רבס פלאַן, האָט זי געזאָגט, אַז סיי ווי איז ער דאָך פאַרנומען גאַנצע טעג מיט קהלשע ענינים, דעריבער דאַרף ער אָננעמען דעם רבס פאָרשלאַג, נאָר מיט דעם באַדינג, אַז עס זאָלן ניט זיין צוליב דעם קיין שום מחלוקות אין שטאָט. מיר ווייסן דאָך, האָט מיין מוטער געזאָגט, אַז אין שטאָט זענען פאַראַן נאָך יונגעלייט וואָס קענען פסקענען שאלות, ווי אַ שטייגער אברהמעלע, מרדכי הערש ליפשיצס איידעם, און אויך הערשעלע, מרדכי לייזער לאקס איידעם, און זיין שווער איז דאָך אַן אָנגעזעענער רייכער בעל־הבית און ער לאָזט זיך קאָסטן פאַר קהל. מרדכי לייזער לאקס, אָדער מרדכי הערש ליפשיץ וועלן דאָך זיכער וועלן, אַז זייערע איידעמס זאָלן ווערן מורה־הוראות. האָט מיין פאָטער געזאָגט צו מיין מוטער: — צווישן אונדז זאָל עס בלייבן, מען האָט שוין פריער גערעדט וועגן דעם, אַז איך זאָל ווערן דער מורה־הוראה פון שטאָט. דער רב האָט שוין וועגן דעם גערעדט מיטן שטאָט־דאזאר הערשעלע גאָלד און מיט די צוויי גבאים, אהרן הערשקאָוויטש און גבריאל ליכט צוקער. זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי זענען באַשטאַנען אַז איך זאָל ווערן אי דער מנקר אי דער מורה־הוראה פון שטאָט. זיי האָבן אַפילו געזאָגט, אַז קהל איז מחויב מיר דאָס צו געבן, ווייל איך האָב דאָך אַ חזקה אויף דעם, מחמת איך האָב ביז איצט אַרויסגעהאָלפן דעם רב ביים פסקענען שאלות, ווען ער פלעגט אָוועקפאָרן פון שטאָט.

דעמאָלט איז מיין פאָטער געוואָרן דער מורה־הוראה אין שטאָט. דאָס האָט אים געגעבן אַ שיינעם געהאַלט, וואָס האָט זייער פיל אונדז אַרויסגעהאָלפן אין דער פרנסה.

## קאַפּיטל 8

# דאָס שטעטל קריגט אַן אייגענעם חזן

איך געדענק נאָך גוט פון מיינע קינדער־יאָרן ווי סטריקאָוו האָט ס׳ערשטע מאָל געקראָגן אַן אייגענעם חזן.

יעדן שבת נאָכן דאַווענען האָבן די בעלי־הבתים איינגעטענהט מיטן דאָזאָר און די גבאים, אַז מען מוז זען, די שטאָט זאָל האָבן אַן אייגענעם חזן אויף אַ גאַנץ יאָר. זיי האָבן אַנגעוויזן וואָס פאַר אַ גוטן חזן די שטאָט ברעזין האָט און אפילו אַזאַ טל־ומטר שטעטעלע ווי גלאָוונע האָט אויך אַן אייגענעם חזן. ענדלעך איז באַשלאָסן געוואָרן אַז דער רב זאָל פאַר־רופן אַן אסיפה פון דאָזאָר און פון די גבאים און מען זאָל זען אַז די שטאָט זאָל קריגן אַ חזן. אין עטלעכע טעג אַרום האָט דער רב גערופן די אסיפה פון די גבאים, דעם דאָזאָר און עטלעכע שיינע בעלי־הבתים.

עס איז באַשלאָסן געוואָרן אַז אַזוי ווי מען האָט געהערט, אַז דער גלאָוונער חזן ר׳ יצחק לייב גאָלדבערג וויל נישט מער זיין אין גלאָוונע און אַזוי ווי ער איז אַ גוטער חזן און אויך אַ גוטער שוחט, טאָ זאָלן אַ פּאָר בעלי־בתים פאָרן קיין גלאָוונע און רעדן מיטן גלאָוונער חזן וועגן דעם ענין. זאָל דער רב אויסקלייבן דריי בעלי־בתים, זיי זאָלן פאָרן פרייטיק קיין גלאָוונע און ברענגען דעם חזן קיין סטריקאָוו. דער רב האָט אויס־געקליבן דעם דאָזאָר הערשל גאָלד און דעם גבאי אהרן הערשקאָוויטש און מיין פאָטער.

אין אַ פרייטיק זענען די דריי בעלי־הבתים געפאָרן קיין גלאָוונע און האָבן געבראַכט דעם חזן מיט זיינע משוררים. דער דאָזאָר האָט דערציילט אַז די גלאָוונער בעלי־הבתים האָבן ניט געוואָלט אַוועקלאָזן דעם חזן און אַז דער חזן מיט די משוררים האָבן זיך געמוזט אויסבאַהאַלטן און אַרויס־גנבענען זיך פון שטאָט און אַז מען האָט זיי נאָכגעיאָגט מיט פערד און וואָגן.

אין שטאָט האָט מען זיך באַלד דערוואוסט, אַז דער גלאָוונער חזן מיט זיינע משוררים זענען שוין געקומען צו פאָרן און דער חזן וועט שוין היינט ביינאַכט מקבל־שבת זיין אין שול. און אַז זיי מאַכן איצט פּראָבע ביי ר׳ נחום אונגער אין הויז.

באַלד ווי די ידיעה האָט זיך פאַרשפּרייט האָבן זיך פאַר אונדזער פענסטער אָנגעהויבן זאַמלען זייער אַ סך מענטשן. די גאַנצע שטאָט האָט זיך גענומען איילן: די שניידער־געזעלן האָבן זיך געאיילט פאַרטיק

צו מאַכן די מלבושים וואָס גיכער, און זיי האָבן געבעטן די בעל־הבתים מען זאָל זיי לאָזן אָפּטראָגן די פּאַלטענס וואָס פריער, ווייל זיי ווילן גיין הערן דעם חזן מאַכן פּראָבע.

אויך די שוסטער־געזעלן האָבן זיך געאײַלט פאַרטיק צו מאַכן די שטיוול, וואָס זיי האָבן געהאַט אָפּצוטראָגן. זיי האָבן פאַרבויגן און צעבראָכן מער שטיפטן ווי זיי האָבן אַרײַנגעקלאַפּט אין די פּאָדעשוועס. די בעל־הבתים האָבן געמאַכט קולות, אָבער עס האָט זיי נישט געהאָלפן. אויך שאול, דער בעל־עגלה, וואָס האָט געפירט די שעפּסענע פעל צום טייך איינצואווייקן זיי זאָלן ווייך ווערן פאַרן אַראָפּציען די וואָל, — אויך ער האָט זיך געאײַלט און האָט שטאַרק געשלאָגן זיין אויסגעדאַרט פערדל, ער זאָל גיין גיכער. אויך די פעל־ציפּערס און די גאַרבערס האָבן דעם פרייטיק אויפגעהערט אַרבעטן פריער ווי יעדן אַנדערן פרייטיק און אַפילו די קרעמערס זענען פריער אַראָפּ פון מאַרק.

אַ סך פריער ווי יונה שמש איז פאַרטיק געוואָרן מיטן רופן ליכט־צינדן, זענען שוין די סטריקאָוועער יידן געגאַנגען אין שול אַריין. ווייל ניט יעדער בעל־הבית האָט געהאַט זיין שטאָט אין שול און אַ סך האָבן געוואָלט קומען אין שול אַריין פריער, זיי זאָלן קענען פאַרכאַפּן אַן אָרט צום זיצן. אַפילו פרויען מיט קליינע קינדער האָבן אָנגעפילט די ווייבער־שול. איידער מען האָט נאָך אָנגעהויבן דאַוונען האָט יונה שמש צוגע־שטעלט לאַנגע בענק, אַז אַלע וואָס זענען געקומען אין שול הערן דעם נייעם חזן, זאָלן האָבן וואו צו זיצן. די שול איז געווען איבערגעפילט מיט מענטשן. אַפילו דער וואָיט פון דער גמינע דאָברע און דער איינציקער פּאָליציאַנט, דער קליינער יאַקאָוולעוו, — גערופן האָט מען אים „דאָס קליינע קאָזעלע‟, — זענען אויך געקומען הערן דאַוונען דעם נייעם חזן.

אַז דער חזן איז צוגעגאַנגען צום עמוד און נאָך אים די משוררים און זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט — די אַלטן אויף איין זייט פון עמוד און טענאָרן, באַריטאָנען און דער באַס — פון דער צווייטער זייט עמוד, — און יונה שמש האָט געגעבן אַ קלאַפּ אין בעלעמער און גע־זאָגט אויפן הויכן קול: „שתיקה יפה בשעת התפילה‟, — איז באַלד געוואָרן אַזוי שטיל, אַז מען וואָלט געקענט הערן ווי אַ שפּילקע פאַלט אויף דער פּאָדלאָגע.

דער חזן האָט אָנגעהויבן „לכו נרננה‟. ווען דער חזן מיט זיינע צוויי זין, אברהם און חיימל, און מיט די משוררים האָבן אָנגעהויבן זינגען „לא תבשי ולא תכלמי‟, האָבן די בעלי־הבתים זיך איבערגע־קוקט ווי זיי וואָלטן געזאָגט: „אַזאַ לכה דודי זינגען האָט מען נאָך דאָ ניט געהערט‟. ווען די משוררים האָבן עטלעכע מאָל איבערגעחזרט

דעם פסוק „ונבנתה עיר על תלה“, האָבן אַ סך מענטשן געוויינט, און פון דער ווייבער־שול האָט זיך געהערט אַ געוויין אויפן הויכן קול, אַז דער שמש האָט אַזש געמוזט אַרויפשרייען צו די ווייבער, זיי זאָלן זיין שטיל, ווייל דער חזן קען ניט דאַווענען.

ווען דער חזן האָט געהאַט אָפּגעדאַוונט זענען אַלע בעלי־בתים און דער רבי צוגעגאַנגען צו אים און אים מיט די משוררים געגעבן אַ יישר־כוח. אַז ער האָט געמאַכט קידוש האָבן אַלע קינדער זיך אַרומ־געשטעלט אַרום אים און געוואַרט זיי זאָלן קריגן ווייַן פון קידוש. דער חזן האָט געמוזט עטלעכע מאָל צוגיסן ווייַן אין קידוש־בעכער, אַז ער זאָל האָבן איינצוטיילן אַלע קינדער.

נאָך דעם ווי דער חזן מיט די משוררים האָבן אָפּגעגעסן ביי אונדז, זענען זיי אַוועקגעגאַנגען צום רבין. דער רבי האָט דעם חזן מכבד געווען, ער זאָל זינגען זמירות און ער זאָל איבערזינגען לכה דודי וואָס ער האָט געזונגען אין שול. צום סוף האָט דער רבי פאַרבעטן אַז מאָרגן זאָל ער מיט די משוררים קומען עסן צו זיין טיש. צומאָרגנס איז די שול געווען איבערגעפּאַקט מיט דאַוונערס, ווייל די חסידים פון אַלעקסאַנדער־שטיבל און אויך די וואָס האָבן געדאַוונט ביי דער שניי־דער־חברה און קצבים־חברה, זענען געקומען הערן דעם נייעם חזן דאַוונען און ראש־חודש בענטשן.

דער חזן איז פאַרבליבן אין סטריקאָוו חזן און שוחט ביז זיין טויט.

ביידע זין פון חזן, אברהם און חיימל, האָב איך געזען אין אַמע־ריקע. אברהם האָט געוואוינט אין קליוולאַנד און חיים — אין סעילעם, פענסילוויינִיע. אגב: דער ניו־יאָרקער קלאָוק־מאַנופעקטשורער סעם גאָלד־בערג, איז אויך אַ זון פון סטריקאָווער חזן.

צום נייעם זמן האָט מיין פאָטער מיך אַנגעדונגען צו לערנען ביי גאָדל מלמד. ביי אים האָב איך געלערנט גמרה מיט רש״י און תוספות און תנך. די חדר־שטוב איז געווען זייער אַ גרויסע מיט אַ סך פענסטער, וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען אויף אַ ליידיקן פלאַץ. ר׳ גאָדל איז געווען אַ הויכער, מיט אַ שיינער, גרוילעכער באָרד, גאָדלס ווייב איז אויך געווען אַ הויכע, שיינע בלאָנדע פרוי, זי האָט געהאַנדלט מיט גאַלאַנטעריע. גע־האַנדלט האָט זי נאָר אין די דאָנערשטאָגס, ווען עס איז געווען אין סטרי־קאָוו אַ מאָרג אָדער אַ יריד. כאָטש גאָדל האָט געהאַט אַ גרויס חדר מיט צען דערוואַקסענע תלמידים, האָט זיין ווייב געמוזט צוהאַנדלען, ווייל ער האָט געהאַט פינף טעכטער, צוויי פון זיי דערוואַקסענע מיידלעך, הויכע און שיינע. ביידע זענען געווען ראו־לחופּה. איינע פון זיי האָט געקענט גוט לערנען חומש. אין אַ מאַרק־טאָג האָט גאָדל אַרויסגעהאָלפן זיין פרוי אין מאַרק.

## קאַפּיטל 9

# איך ווער אַ יתום

איינמאָל שבת צונאַכט איז לוי מאיר קצב ברייטבאָרד (דער וועלט־באַרימטער גיבור, זישע ברייטבארד, וואָס האָט געבראָכן אייזנס מיט די הענט, איז געווען אַן אייניקל פון דעם קצב) אַריינגעקומען צו אונדז און געזאָגט צו מיין פאָטער: „ר׳ יצחק לייב, דער חזן־שוחט האָט מיך געשיקט נאָך אייך, ווייל ס׳איז פאַראַן אַ גרויסע סירכה אויף דער לונג פון דער בהמה, וואָס ער האָט געשאָכטן פאַר מיר. דער שוחט האָט מיר געזאָגט, אַז איר מוזט די סירכה אַליין זען. ווייל דער רב איז ניט דאָ אין שטאָט, ער איז געפאָרן קיין אַלעקסאַנדער צום רבין". דאָס וועטער איז געווען זייער אַ שלעכטס. עס איז געווען אַ גרויסער שניי־שטורעם און אַ פראָסט. צומאָרגנס האָב איך געהערט ווי מיין מוטער האָט געפרעגט מיין פאָטער, וואָס איז געוואָרן מיט דער שאלה אויף לוי מאירס אַ בהמה. מיין פאָטער האָט געענטפערט, אַז ער האָט געכשרט די בהמה, נאָר ס׳פליייש וועט נישט זיין גלאַט כשר. ער האָט געמוזט אַזוי פסקענען, ווייל אַנדערש וואָלט עס געווען אַ גרויסער היזק און לוי מאיר איז דאָך אַ גרויסער אָרעמאַן.

צו מאָרגנס, זונטיק, איז מיין פאָטער קראַנק געוואָרן און ער האָט שוין מער ניט געקענט אַרויסגיין פון בעט. ער איז געוואָרן קראַנקער פון טאָג צו טאָג. יעדן טאָג איז געקומען צו אים אַ דאָקטאָר פון זגיערזש, ווייל סטריקאָוו האָט צו יענער צייט ניט געהאַט קיין אייגענעם דאָקטאָר. דער דאָקטאָר האָט קיין גרויסע האָפענונגען ניט געגעבן. יעדן טאָג איז אונדזער הויז געווען איבערגעפולט מיט מענטשן וועלכע זענען געקומען מבקר־חולה זיין מיין פאָטער. צווישן די געסט איז אויך געווען ר׳ אליעזר שטיינשניידער. ער און מיין פאָטער האָבן צוזאַמען אַבאָנירט די „הצפירה". אַלע וואָס האָבן זיך דעמאָלט געפונען ביי אונדז האָבן זיך געוואונדערט אויף זיין וויזיט, ווייל מען האָט געוואוסט אין שטאָט, אַז ער איז אַ שאַר־פער משכיל, אַז ער לייענט טריפהנע ביכער און אַז ער איז אַ גרויסער קעגנער פון חסידות, מען האָט אַפילו געזאָגט אין שטאָט, אַז ער רויכערט אום שבת.

אַ פּאָר טעג פאַר פסח האָט מיין פאָטער זיך דערפילט אַביסל בעסער,

האָט ער זיך אויפגעהויבן און האָט צוגעגרייט דעם סדר. דאָס אָפּריכטן דעם סדר איז דעמאָלט צוגעגאַנגען אומעטיק. אַז איך האָב געפרעגט מיין פאָטער, וואָס איך וועל קריגן פאַר אָפּגעבן אים דעם אפיקומן, האָט ער מיר געגעבן אַ קוש און מיר געזאָגט, אַז די מאַמע וועט מיר געבן אַ מתנה און אַז ווען ער וועט אם ירצה־השם געזונט ווערן, וועט ער אויך מיר געבן אַ מתנה. באַלד נאָך פסח איז מיין פאָטער שטאַרק קראַנק געוואָרן. מען האָט אים צוגעגעבן נאָך אַ נאָמען, פישל, נאָך אַ גרויסן סטריקאָווער רבין, מען האָט אויך אין שטוב געזאָגט תהילים. ביינאַכט האָבן ביי אונדז געגעכטיקט עטלעכע יידן פון דער חברה ביקור־חולים. צומאָרגנס זענען געקומען צוויי דאָקטוירים, פאַרנאַכט האָט מיין פאָ־טער געזאָגט צו מיין מוטער, אַז זי זאָל צוברענגען די קינדער צו זיין בעט. מיין מוטער האָט מיט טרערן אין די אויגן גענומען די קינדער און איז מיט אונדז צוגעגאַנגען צו מיין פאָטערס בעט. מיין פאָטער האָט צום ערשטן געבענטשט מיין עלטערן ברודער דוד זעליג, און נאָך אים האָט ער מיך געבענטשט און מיינע שוועסטערן, מלכה און דבורה. אַז מיין מוטער האָט צוגעברענגט מיין יינגסטע שוועסטער, רחל, וואָס איז אַלט געווען איין יאָר, האָט זי אויסגעבראָכן אין אַ גרויס געוויין און האָט געשריגן: „נחום, ווי לאָזסטו מיך איבער מיט פינף קליינע קינדער?״ מיין מוטערס געוויין און אויך די קינדערס געוויין איז געוואָרן אַזוי גרויס, אַז ניט נאָר די האָבן די מענטשן וועלכע זענען דע־מאָלט געווען ביי אונדז אין שטוב יאָמערלעך געוויינט, צוזעענדיק דאָס בילד ווי מיין פאָטער האָט אונדז געבענטשט, נאָר ס׳וועט ניט זיין איבערגעטריבן צו זאָגן, אַז אויך די ווענט האָבן געוויינט, זיך צוהערנדיק און צוזעענדיק ווי אַ יונגער פאָטער, וועלכער איז נאָך ניט אַלט געווען קיין פולע דרייסיק יאָר, געזעגנט זיך פאַר זיין טויט מיט זיינע פינף קינדער. אַז איך בין אַוועקגעגאַנגען פון מיין פאָטערס בעט, האָבן מיר מיינע טרערן געשטיקט אין האַלדז, ווייל מיין מוטערס געשריי: „נחום, ווי לאָזסטו מיך איבער מיט די פינף קליינע קינ־דער?״ האָבן זיך איינגעקריצט אין מיין גאַנצן וועזן און זיי זענען פאַרבליבן אין מיין זכרון אויף מיין גאַנץ לעבן.

דעם גאַנצן אָוונט זענען אַ סך מענטשן אַריינגעקומען צו אונדז אין הויז און זענען אַוועקגעגאַנגען מיט טרויעריקע פּנימער. דאָס גע־זעגענען זיך מיט מיין פאָטער מיט זיינע קינדער איז באַלד באַוואוסט געוואָרן אין דער גאַנצער שטאָט. אויך פיל קריסטלעכע שכנים זענען אַריינגעקומען צו אונדז זיך געזעגענען מיט מיין פאָטער, ווייל ער איז געווען זייער געאַכטעט ביי דער גאַנצער באַפעלקערונג פון שטאָט. ווען עס איז געוואָרן נאַכט, האָט מיין מוטער געזאָגט צו מיר, אַז איך זאָל

זיך לייגן שלאָפן. אין מיטן שלאָף האָט מיך אויפגעוועקט אַ טומל. אַז איך האָב אויפגעמאַכט די אויגן, האָב איך באַלד געקוקט אויף דעם בעט וואו מיין פאָטער איז געלעגן און איך האָב געהערט ווי מיין פאָטער האָט צו־גערופן צו זיין בעט איצעלע פראשקער און געזאָגט צו אים: „וואו איז פערעלע?" (ד"ה מיין מוטער). אַז מיין מוטער איז צוגעקומען צו זיין בעט, האָט ער איר אָנגעקוקט און האָט זיך אויסגעדרייט מיט זיין פנים צו דער וואַנט און איז איינגעשלאָפן מיטן אייביקן שלאָף.

באַלד איז געוואָרן אַ געשריי ביי אונדז אין הויז. עטלעכע יידן האָבן געזאָגט צו מיין מוטער אַז זי זאָל אַרויסגיין פון דער שטוב. מיך און מיין ברודער האָט מען צוריק געלייגט שלאָפן אין אַ צווייטער שטוב. אין דער פרי, אַז איך בין אויפגעשטאַנען פון שלאָף, האָב איך געזען, אַז אויף דער פאָדלאָגע איז געלעגן אויסגעשפרייט אַביסל שטרוי און אויף דעם שטרוי איז געלעגן אַ לאַנגער זאַק צוגעדעקט מיט אַ שוואַרצן טוך און אָנגעצונדענע ליכט זענען געשטאַנען אויף דער פאָדלאָגע. אַז איך האָב געגעבן אַ קוק אויף מיין פאָטערס בעט און כ'האָב געזען, אַז ס'איז ליידיק, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז אויף דעם שטרוי ליגט מיין פאָטער.

אינדערפרי זענען אַ סך מענטשן אַריינגעקומען אין אונדזער הויז און זיי האָבן אַריינגעבראַכט גרויסע טעפּ. יידן האָבן געלערנט משניות און האָבן אויך געזאָגט תהילים. אויך אין אונדזער קיך האָט מען גע־וואַרעמט טעפּ וואַסער, און מען האָט זיי אַריינגעטראָגן אין דער שטוב וואו מיין פאָטער איז געלעגן. מיין מוטער האָט ניט אויפגעהערט וויינען און מיר קינדער האָבן זיך געטוליעט צו איר. מיין מוטער האָט וויינענדיק נאָך אַלץ געשריגן „נחום, ווי לאָזסטו מיך איבער מיט די פינף קליינע קינדער?" און מיר קינדער האָבן געוויינט און געקושט אונדזער מוטער. פון דער שטוב וואו מיין פאָטער איז געלעגן האָט מען געהערט זאָגן הויך: „טהור הי טהור הי". באַלד זענען אַריינגעקומען מיין מוטערס ברידער און שוועסטער און געזאָגט צו מיין מוטער, אַז זי זאָל אַרויסגיין מיט זיי פון שטוב און זיי האָבן גענומען אונדז, קינדער, פאַר די הענט און זענען מיט אונדז אַרויסגעגאַנגען אין גאַס. אין גאַס זענען געשטאַנען זייער פיל מענטשן. איך האָב ביז דעמאָלט נאָך קיינמאָל ניט געזען אַזויפיל מענטשן אויף איין אָרט. צווישן דעם עולם איז אַרומגעגאַנגען יעקב שמש. ער האָט געהאַלטן אין האַנט אַ בלעכן טעפּל און האָט אויסגעזונגען „צדקה תציל ממות". אַ סך פון די פאַרזאַמלטע האָבן אַריינגעוואָרפן אין בלעכענעם טעפּל פאַרשיידענע מטבעות. באַלד האָבן יידן אַרויסגעטראָגן אויף זייערע אַקסלען די מיטה מיט מיין פאָטער, צוגעדעקט מיט אַ שוואַרצן דעק. מיין מוטער האָט אונדז קינדער גענומען צו זיך און מיר זענען נאָכגעגאַנגען די מיטה. ווען מען האָט מיין פאָטער געטראָגן איבער די גאַסן פון שטאָט, זענען

אַלע געוועלבער געווען צוגעמאַכט און די מענטשן פון די געוועלבער זענען מיטגעגאַנגען מיט דער לוויה. מיין מוטער האָט ניט אויפגעהערט צו שרייען: „נחום, ווי לאָזסטו מיך איבער מיט פינף קליינע קינדער?" מיין מוטערס געשריי: „נחום, ווי זאָלסטו מיך איבער" געדענק איך נאָך ביז היינט, כאָטש עס איז שוין אַריבער 65 יאָר זינט מיין פאָטער איז געשטאָרבן.

אַז מען האָט מיין פאָטער אַריינגעטראָגן אויפן בית־החיים האָבן אַלע באַגלייטער געזאָגט: צדק לפניו יהלך. ווען מען האָט אים אַריינגעלייגט אין קבר אַריין האָט מיין מוטער און מיר קינדער ווידער אויסגעבראָכן אין אַ יאָמערלעך געוויין. איך און מיין ברודער האָבן געזאָגט קדיש. יידן האָבן אָנגעהויבן שיטן ערד אויפן קבר, זיי האָבן פאַרדרייט דעם שפאָדל אויף דער לינקער זייט און אָנגענומען ערד און אַרויפגעשאָטן אויף מיין פאָטערס קבר. נאָך דער לוויה זענען אַ סך מענטשן מיטגעגאַנגען מיט מיין מוטער צו אונדז אין הויז. אַז מיר זענען אַריינגעקומען אין שטוב, איז געשטאַנען אַ נידריק קליין טישל און אַ נידריק בענקל. אויף דעם טישל איז געלעגן אַ בייגל, פּוטער און אייער און אַ טעלערל מיט אַש. מיין מוטער האָט איינגעטונקט אַן איי און די בייגל אין אַש און האָט געגעסן. איך האָב אויך געוואָלט איינטונקען דאָס איי, וואָס איך האָב געגעסן, אין אַש, האָט מיין מוטער מיר ניט געלאָזט.

די זיבן טעג וואָס מיין מוטער איז געזעסן שבעה האָט מען ביי אונדז געדאַוונט דריי מאָל אַ טאָג. איך און מיין ברודער האָבן געזאָגט קדיש. דורך דער צייט פון דער שבעה האָבן מיין מוטערס ברידער, אברהם און יעקב מאָרגענשטערן, און מיין מוטערס שוואָגער, יחזקאל קראָם, אַרומגערעדט מיט איר וועגן אָנדינגען מיך און מיין ברודער אין חדר. מיינע פעטערס האָבן געזאָגט מיין מוטער, אַז זי זאָל זיך ניט זאָרגן וועגן שכר־לימוד און וועגן קליידן אונדז. דער פאָטער אברהם האָט געזאָגט, אַז ער איז זיך מתחייב צו באַצאָלן פאַר שכר־לימוד, מעג עס אים קאָסטן טייער, ווייל ער וויל מיך אָנדינגען צו אַ גוטן מלמד. ער האָט געזאָגט, אַז יצחק לייזער, דעם שוואַרצן פישלס איידעם, וועט זיין אַ גוטער מלמד פאַר מיר. דער פעטער יעקב האָט געזאָגט, אַז ער וועט באַצאָלן שכר־לימוד און וועט קליידן מיין עלטערן ברודער, דוד זעליג. דער פעטער יחזקאל האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט מיך באַזאָרגן מיט הלבשה. מיינע פעטערס האָבן אויך באַרואיקט די מאַמע, זי זאָל זיך ניט זאָרגן, אַז אין אַ מאַרקטאָג וועלן זיי איר באַזאָרגן אַ מענטשן, וואָס זאָל איר אַרויסהעלפן אין דער שענק און אין דער גאָרקיך. דער פעטער אברהם, וועלכער האָט געהאַט אַ גרויס הורט־געשעפט פון בראַנפן, ביר און וויין, און דער פעטער יעקב, וואָס איז געווען אַ רייכער מאַן, האָבן געגעבן

מיין מוטער געלט, זי זאָל קענען אָנגיין מיט דער גאָרקיך און מיט דער שענק.

מיין מוטער האָט פּלוצלינג אויסגעבראָכן אין אַ גרויס געוויין: „ווען מיין מאַן האָט געלעבט", האָט זי געזאָגט, „האָבן מיר ניט גע־דאַרפט, אַז מען זאָל אונדז אַרויסהעלפן מיט שכר־לימוד און קליידונג פאַר אונדזערע קינדער. און איצט, מיינע ליבע ברידער און שוואָגער, טיילט איר זיך איין, ווער עס זאָל צאָלן שכר־לימוד און ווער עס זאָל קליידן די קינדער." מיינע פעטערס האָבן מיין מוטער געטרייסט און געזאָגט, אַז זי האָט קיינמאָל ניט פאַרלאַנגט פון זיי קיין הילף, אָבער איצט איז זי פאַראָרעמט געוואָרן צוליב מיין פאָטערס קדענק, וואָס האָט אָפּגעקאָסט אַ סך געלט, זענען זיי מחויב איר אַרויסצו־העלפן. קיינער אין שטאָט וועט ניט וויסן אַז זיי צאָלן דעם שכר־לימוד און זי וועט באַצאָלן די מלמדים.

צו מאָרגנס אינדערפרי, נאָכן לעצטן דאַווענען אין אונדזער הויז, האָט מיין מוטער געשטעלט פאַר די דאַוונערס בראַנפן מיט צובייסנס. די מוטער און מיר קינדער האָבן זיך געזעצט אויף די נידעריקע בענקלעך און די מענטשן האָבן אונדז געוואונטשן, אַז מיר זאָלן מער ניט וויסן פון קיין צער.

ווען מיין מוטער האָט צוריק געעפנט די שענק, זענען אַ סך מענטשן אַריינגעקומען אין געוועלב, האָבן געקויפט בראַנפן און געוואונטשן איר, אַז זי זאָל מער ניט וויסן פון קיין צער, אַז זי זאָל זיין אַ געזונטע מאַמע צו אירע קליינע יתומים. מיין מוטער האָט כסדר געוויינט און האָט אַלע־מען באַדאַנקט.

דעם טאָג ווען מיר זענען אויפגעשטאַנען פון שבעה, איז אליעזר שטיינשניידער אַריינגעקומען צו אונדז און געזאָגט צו מיין מוטער, אַז זי זאָל אים געבן אַלע שריפטן, וועלכע מיין פאָטער האָט אָנגעשריבן אויף לשון־קודש און אויך עטלעכע לשון־קודשדיקע ביכער. צו מאָרגנס, אַז איך און מיין ברודער זענען געגאַנגען זאָגן קדיש אין בית־המדרש, האָבן אַ סך יידן אַרומגעשטעלט זיך אַרום אונדז און האָבן הויך נאָכגעזאָגט אמן.

## קאַפּיטל 10

# אין גמרא־חדר

יצחק לייזער איז געווען אַ הויכער, אַ דיקלעכער מיט אַ לאַנגע שוואַר־צע באָרד, דורכגעוואָרפן מיט גרויע האָר. ער האָט געהאַט לאַנגע, שוואַרצע ברעמען און זייער אַ בייזן אויסזען און ער איז טאַקע געווען זייער אַ שלעכטער צו זיינע תלמידים. ווען ער האָט געגעבן אַ קוק אויף אַ תלמיד, איז יענער ממש פאַרציטערט געוואָרן. יצחק לייזערס ווייב האָט אויס־געזען יונגער פון אים. זי איז געווען אַ בלאָנדע מיט אַ דין נעזל און דינע ליפּעלעך. זי האָט געהאַט אַ געוועלב מיט היי, האָבער, כאָמעטן און בייטשן פאַר פערד. זי האָט גערעדט עטלעכע שפּראַכן: פּויליש, רוסיש, דייטש און אַ ביסל לשון קודש. זי האָט אויך געקענט זייער גוט שרייען און שעלטן. אויב זי האָט ניט געקענט פאַרקויפן אַ בינטל היי אָדער אַ פאָר פונט האָבער, אָדער אַ בייטש, האָט זי איר צאָרן אויסגעלאָזט צו איר מאַן, מיין מלמד, און דער מלמד האָט דעם ווייבס קללות פאַר־וואַנדלט אין קלעפּ פאַר אונדז תלמידים. געשלאָגן האָט ער אונדז מיט בייטשן פאַר פערד. דער מלמד האָט געהאַט אַן איינציקן זון. יאַנצע האָט ער געהייסן. ער איז געווען אַ בלינדער. אָבער טראָץ דעם האָט ער געטאָן פאַרשיידענע אַרבעטן אין הויז, ווי אַריינקלאַפּן אַ נאָגל אין וואַנט, העלפן אין קיך, וואַשן דאָס געפעס און אַנדערע הויז־אַרבעטן. ער האָט געקענט זייער גוט לערנען. ווען דער פאָטער איז אַ מאָל אַרויסגעגאַנגען פון חדר, האָט יאַנצע מיט אונדז געלערנט די גמרא. טאָמער האָט אַ ייִנגל אַ שטיף געטאָן, האָט יאַנצע באַלד דערקענט ווער דאָס איז. ער איז געווען פּונקט אַזאַ שלעכטער ווי זיינע עלטערן. אַז דער מלמד איז צוריקגעקומען, האָט יאַנצע באַלד פאַרמסרט די ייִנגלעך און דער מלמד האָט זיי באַלד מקיים פּסק געווען. ביי יצחק לייזערן האָב איך געלערנט צוויי זמנים.

די גאַנצע צייט האָט ער אונדז, יונגע ייִנגלעך, געשלאָגן אָן רחמנות. מיר, תלמידים, האָבן זיך דורכגערעדט וואָס צו טאָן, און מיר האָבן באַ־שלאָסן איינצושמירן די בייטשן מיט עסיק און איינרייבן דעם קאַנטשיק מיט קנאָבל. אויף מיר איז געפאַלן דער גורל איך זאָל ברענגען דעם עסיק און דעם קנאָבל, ווייל מיר האָבן אַ גאָרטן. צומאָרגנס האָב איך

מיטגעברענגט דעם עסיק און דעם קנאָבל און מיר האָבן איינגעריבן די בייטש. אַז דער מלמד האָט גענומען די בייטש אין האַנט אַריין, האָט ער דערפילט דעם עסיק און דעם קנאָבל און האָט באַלד מיך חושד געווען, אַז איך האָב עס געטאָן און האָט מיך גענומען שלאָגן. צומאָרגנס בין איך געקומען אין חדר אַריין שפּעטער ווי אַלע קינדער, ווייל איך בין געגאַנגען קדיש זאָגן, האָט דער מלמד ווידער מיך מכבד געווען מיט עטלעכע שמיץ פון די בייטשן. בינו־לבינו האָט ער אויך אַנדערע תלמידים מכבד געווען מיט קלעפּ. באַלד האָבן זיך אַלע תלמידים אויפגעשטעלט און געזאָגט, אַז אויב ער וועט אונדז ניט אויפהערן שלאָגן, וועלן מיר מאָרגן מער ניט קומען אין חדר. ער האָט אָבער ניט אויפגעהערט שלאָגן. בין איך דעמאָלט אויפגעשטאַנען און אַרויס פון חדר און אַלע ייִנגלעך זענען נאָך מיר אויך אַרויס. דער מלמד איז באַלד געקומען צו לויפן צו אונדז אין הויז און דערציילט מיין מוטער ,אַז איך בין אַנטלאָפן פון חדר און אַז איך האָב געהייסן אַלע ייִנגלעך אַז זיי זאָלן מיטגיין. מיין מוטער האָט מיך געפרעגט צי דאָס איז אמת און פאַר וואָס איך האָב אַזוי געטאָן. האָב איך איר געזאָגט, ווי אַזוי דער מלמד באַהאַנדלט אונדז. אַז פאַר יעדע קלייניקייט שלאָגט ער אונדז. איך האָב אויסגעטאָן דאָס העמד און געוויזן מיין מוטער די צייכנס אויפן לייב און אויף די הענט. בינו לבינו זיינען אַריינגעקומען נאָך ייִנגלעך פון חדר און זיי האָבן באַשטעטיקט אַלץ וואָס איך האָב דערציילט. דעמאָלט האָט מיין מוטער געהייסן מיך און די ייִנגלעך אַריינגיין אין אַ צווייטער שטוב. מיר האָבן אָבער זיך צוגעהערט, ווי מיין מוטער האָט געזאָגט צום מלמד, אַז זי און די עלטערן פון די אַנדערע ייִנגלעך האָבן אַריינגעגעבן זייערע קינדער צו אים אין חדר אַז ער זאָל מיט אונדז לערנען, אָבער פון די צייכנס אויף די קינדערס לייבער קען מען זען ווי ער באַהאַנדלט אונדז. זי האָט אים געוואָרנט אַז אויב ער וועט מיך ווייטער שלאָגן, וועט זי מיך מער ניט לאָזן גיין צו אים אין חדר און אַזוי וועלן אויך טאָן די עלטערן פון די אַנדערע ייִנגלעך. דער מלמד האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט מער ניט שלאָגן די תלמידים. מיר האָבן געוואונען. דער מלמד האָט אונדז מער ניט געשלאָגן. אָבער די פּאַסירונג האָט אָנגעמאַכט אַ רושם אין שטאָט. איך בין געווען דער זיגער איבער אַ מלמד, אַן אכזר. דער סוף איז געווען, אַז דער מלמד איז דעם קומענדיקן זמן אַרויס פון מלמדות. ער האָט מער ניט געקענט קריגן קיין ייִנגלעך צום לערנען. מעגלעך אַז מיין ערשטער נצחון אין קאַמף האָט געמאַכט אַז איך זאָל ווערן אַ קעמפער, אַ סאָציאַליסט.

ערב פּסח האָט מיין פעטער אברהם מאָרגענשטערן, דער, וועלכער האָט געצאָלט פאַר מיר שכר־לימוד, געזאָגט מיין מוטער אַז ער האָט גערעדט מיט די פאָטערס פון די ייִנגלעך, וועלכע האָבן געלערנט צוזאַמען

מיט מיר ביי יצחק לייזערן, וועגן קריגן אַ נייעם מלמד. און זיי האָבן אָפּגעשמועסט, מען זאָל שיקן נאָך מענדל גרינשפּאַן פון ווישאַגראַד, אַ סטריקאָווער חסיד, ער זאָל קומען קיין סטריקאָוו און ווערן אונדזער מלמד. מענדל גרינשפּאַן האָט מסכים געווען. ער האָט צו ערשט געהאַט אַכט תלמידים און האָט געקראָגן צוויי רובל אַ וואָך פון אַ תלמיד. מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער האָט ער צוגעקראָגן נאָך צוויי תלמידים. דער נייער מלמד איז געווען אַ גרויסער למדן. ער איז געווען אַ יונגערמאַן אין די דרייַ־סיקער יאָרן, אַ הויכער, מיט אַ שוואַרצער באָרד, זייער אַ פריינדלעכער און אַן ערנסטער. ער האָט די תלמידים געהאַלטן זייער דיסציפּלינירט. בעת מיר האָבן געלערנט די שווערע מסכתות — בבא־בתרא, נדרים מיטן רן און ביצה. פאַרן רוב תלמידים איז עס אין אָנהויב געווען צו שווער צו פאַרשטיין. יעדע צוויי וואָכן האָבן מיר געלערנט אַ נייעם שיעור. נאָך אַ געוויסער צייט האָט דער מלמד מיך און נאָך אַ ייִנגל געהייסן קומען צום סטריקאָווער רב, ער זאָל אונדז פאַרהערן. דער רב האָט מיך פאַרהערט דעם ערשטן (די גמרא ביצה). ער האָט מיר געשטעלט פראַגן און איך האָב זיי געענטפערט. אויך דאָס צווייטע ייִנגל וואָס איז געווען מיט מיר, האָט דער רב פאַרהערט און אויך ער האָט גוט געקענט די גמרא און האָט אויך גוט געענטפערט אויף אַלע פראַגן. דער רב האָט געזאָגט צו מיין פעטער אברהם און צום ייִנגלס פאָטער, אַז עס איז פשוט אַ פאַר־געניגן צו הערן ווי די צוויי ייִנגלעך זאָגן גוט דעם שיעור. נאָך דעם האָט דער פעטער אברהם מיר געזאָגט, אַז איך און מיין ברודער זעליג זאָלן דעם צווייטן שבת קומען צום רבין, ווייל ער וויל אַז דער רבי ר׳ וואָלף זאָל אונדז אויך פאַרהערן. ווען איך און מיין ברודער זענען געקומען צו דעם רבין, האָט ער געפרעגט גרונם שמש צי די צוויי ייִנגלעך זענען נחומס. דער שמש האָט געענטפערט אַז יאָ. דער רבי האָט מיך צוגערופן. צוגייענדיק צום רבין האָבן זיך מיר מיינע קניען געבויגן און איך האָב געציטערט, ווייל איך בין דאָס ערשטע מאָל געשטאַנען אַזוי נאָענט צו אַ רבין. דער רבי איז געווען אַ נידעריקער, האָט געהאַט אַ ווייס פּנים און איז געווען אין גאַנצן גרוי. ער האָט מיך געהייסן זאָגן דעם שיעור, נאָך דעם האָט ער געשטעלט אַ פּאָר פראַגן, איך האָב אים אויף אַלץ גע־ענטפערט. דער רבי האָט אויך פאַרהערט מיין ברודער דוד־זעליק. אויך ער האָט גוט געקענט זיין שיעור. דעמאָלט האָט דער רבי געהייסן דעם משמש אַז ער זאָל אונדז געבן צו גלעזלעך זיסן וויין.

## קאַפּיטל 11

# איך הייב אָן לייענען ביכער

קיין סטריקאָוו פלעגן אָפט קומען מוכר־ספרימניקעס וואָס האָבן געהאַט צו פאַרקויפן ספרים, תפילין, טליתים, מזוזות אאַז״וו. בסוד האָבן זיי אויך געהאַט צו פאַרקויפן מעשה־ביכלעך, אַזוי אַז קיין חסיד זאָל דאָס ניט זען. איך האָב זיך דערוואוסט דערפון פון מיין פריינד שלמה שפּיצעק, וועלכער האָט געקויפט ביי דעם מוכר־ספרימניק עטלעכע „זשאַרגאָנישע״ מעשה־ביכלעך. ער האָט מיר אָנגעזאָגט אַז איך זאָל דאָס האַלטן בסוד־סודות, ווייל אויב מען זאָל זיך דערפון דערוויסן, וועט מען דעם מוכר־ספרימניק אַרויסטרייבן פון שטאָט. שלמה איז מיט מיר געגאַנגען צום מוכר־ספרימניק און כ׳האָב געקויפט אַ מעשה־ביכל. איך האָב דאָס ביכל געלייענט צוזאַמען מיט שלמהן אויף אַ לאָנקע, ווייט הינטער דער שטאָט. פונקט דעמאָלט זענען צוויי דאָרפסגייערס פאַרבייגעגאַנגען וואו מיר זענען געזעסן און זיי האָבן געזען אונדז לייענען דאָס ביכל. זיי האָבן דערציילט מיין מוטער אַז זיי האָבן געזען מיך און שלמה שפּיצעק זיצן אויף אַ לאָנקע און לייענען אַ ביכל. ווען איך בין אַהיים געקומען, האָט מיין מוטער מיך געפרעגט וואָס פאַר אַ ביכל מיר האָבן געלייענט אויף דער לאָנקע. האָב איך איר געענטפערט, אַז מיר האָבן געלייענט אַ ספרל. מיין מוטער האָט מיר ניט געוואָלט גלויבן. זי האָט געזאָגט, אַז שלמה קען ניט לייענען קיין לשון־קודש און אַ ספרל קען מען לייענען אין שטוב אָדער אין בית־המדרש.

פון אָט דעם ערשטן ביכל וואָס איך האָב געלייענט, האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער גאַנג אין מיין לעבן. עס האָט מיך געצויגן צו לייענען מעשה־ביכלעך. אויך מיין מלמד האָט זיך דערוואוסט אַז איך האָב געלייענט אַ ביכל אויף דער לאָנקע. ווען נאָר איך האָב געזאָגט די גמרא ניט אַזוי שנעל, פלעגט ער מיר זאָגן אַז ער וועט מיט מיר גיין אויף דער לאָנקע, דאָרט וועל איך אפשר זאָגן די גמרא אַזוי שנעל ווי איך לייען מעשה־ביכלעך. דער מלמד האָט מיך געסטראַשעט אַז אויב מען וועט מיך נאָך אַ מאָל זען לייענען אַ ביכל, וועט ער וועגן דעם דערציילן מיין פעטער אברהם מאָרגענשטערן. אָבער מיך האָט

פּאַרט געצויגן צום לייענען, האָב איך געבעטן מיין פריינד שלמה, ער זאָל מיר געבן נאָך אַ ביכל. איך האָב דאָס ביכל געלייענט אַ לאַנגע צייט, ווייל איך האָב זיך אויסגעהיט, מען זאָל מיך ניט זען לייענען. עס איז אַוועק אַ היפּשע צייט און קיין סטריקאָוו איז ניט געקומען קיין מוכר־ספרימניק און איך האָב שוין מער קיין ביכלעך ניט געהאַט.

אַ געוויסן טאָג, ווען איך בין געקומען אין בית־המדרש, האָב איך אָנגעטראָפן אַ מוכר־ספרימניק, וואָס האָט שוין געהאַט אויסגעלייגט אויפן טיש פאַרשיידענע ספרים, מחזורים און צאינה־וראינהס. איך האָב אַריינ־געקוקט אין אַ צאינה־וראינה און געלייענט. האָט מיך דער מוכר־ספרימ־ניק געפרעגט: „וואָס לייענסטו די צאינה־וראינה?" האָב איך אים גע־זאָגט מיט אַ ציטערדיקער שטימע — און איך האָב זיך אַרומגעקוקט צי קיינער הערט ניט: „וואָס דען האָט איר צו לייענען?" האָט ער מיר געענטפערט, אַז ער האָט צו פאַרקויפן מעשה־ביכלעך אין „זשאַרגאָן" און אויך אין לשון־קודש. דאָס האָט מיך אַריינגעבראַכט אין אַ פאַרצווייפלטער שטימונג: פון איין זייט האָב איך געוואָלט קויפן די מעשה־ביכלעך, אָבער פון דער צווייטער זייט האָב איך מורא געהאַט פאַרן מלמד און פאַרן פעטער אברהם. אַהיימגייענדיק פון בית־המדרש האָב איך כסדר געטראַכט: קויפן צי ניט קויפן, אָבער מיך האָט גע־צויגן צום לייענען, האָב איך באַשלאָסן אַז איך זאָל קויפן און זאָל זיין וואָס ס'וועט זיין. איך האָב געקויפט איין ביכל און עס אַריינגעלייגט אין מיין סידורל. צו מאָרגנס אין דער פרי האָב איך געקויפט נאָך אַ ביכל, אַ לשון־קודשס. דעם מחברס נאָמען איז געווען מאַפּו. איך געדענק שוין ניט דעם נאָמען פון ביכל. דאָס יידישע ביכל האָב איך שנעל אויס־געלייענט. אָבער דאָס לשון־קודשדיקע איז מיר אָנגעקומען שווער צו לייענען, ווייל עס איז געווען מיין ערשט ביכל אין לשון־קודש. איך האָב די ביכלעך גוט באַהאַלטן אין אונדזער הויז, אַז קיינער זאָל זיי ניט קענען געפינען.

דער מלמד האָט געהאַט אַ זון, אברהם מרדכי, וואָס איז געווען עלטער פון מיר. ער האָט געלערנט צוזאַמען מיט אונדז ביי זיין פאָטער. ער האָט מיך עטלעכע מאָל געבעטן, אַז איך זאָל אים געבן ביכלעך צום לייענען. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך האָב מורא, טאָמער וועט זיך זיין פאָטער דערפון דערוויסן, וועט ער מיך אַרויסוואַרפן פון חדר. האָט אברהם־מרדכי מיך פאַרזיכערט, אַז קיינער וועט פון דעם ניט וויסן.
— אויב דו מיינסט אַז איך דאַוון, אָדער איך בין פרום, האָסטו אַ טעות
— האָט ער צוגעגעבן. איך און מיין פריינד שלמה האָבן אים דע־מאָלט געבאָרגט אַ פּאָר ביכלעך. מיך האָט געצויגן אַלץ מער און מער צו לייענען ביכלעך. און איך האָב געזוכט וועגן, ווי צו קריגן צו

באָרגן אַ ביכל. און ווי זאָגט די גמרא: יגעתי ומצאתי (אַז מען זוכט, געפינט מען). איך האָב געהאַט אַ חבר שמואל, אברהם ברעטשניידערס זון. אברהם ברעטשניידער איז ניט געווען קיין חסיד. ער האָט געטראָגן אַ דריי־פּערטלדיקע קאַפּאָטע. ביי אים אין הויז האָט מען געלייענט אַ פּוילישע צייטונג. ער האָט אויך געקויפט פאַר זיינע יינגלעך ביכער צום לייענען. אַז איך בין איין מאָל אַריינגעקומען צו שמואל ברעטשניידער אין הויז און כ'האָב דאָרט געזען דעם אוצר פון ביכלעך און צייטונגען, בין איך געוואָרן העכסט נשתומם. איך האָב דערציילט שמואלן אַז איך לייען ביכלעך, האָט ער מיך געבעטן, אַז איך זאָל אים ברענגען מיינע ביכלעך צום לייענען און ער וועט מיר געבן זיינע ביכלעך צום לייענען.

ביי מענדל ווישעגראָדער האָב איך געלערנט דריי זמנים. ביז איך האָב שוין געקענט אַליין לערנען גמרא. דעם קומענדיקן זמן האָט מען מיך אָנגעדונגען צו לערנען ביים מלמד יצחק מאיר זיידעל. ער איז געווען אַ גרויסער למדן און אַ פאַנאַטישער חסיד. ביי אים האָבן געלערנט בלויז זעקס יינגלעך. דער שכר־לימוד ביי אים איז געווען אַ הויכער. דער מלמד האָט געהאַט דריי דערוואַקסענע מיידלעך. אַלע מיידלעך זענען געווען זייער אינטעליגענטע, כאָטש זייערע עלטערן זענען געווען שטאַרק פרום, האָבן די מיידלעך געקענט גוט לייענען און שרייבן עטלעכע שפּראַכן. זיי האָבן זיך אַליין געלערנט. אַז זיי זענען עלטער געוואָרן, זענען זיי געפאָרן קיין לאָדזש אַרבעטן. ווען זיי פלעגן אַהיימקומען, פלעגן זיי קומען צו אברהם ברעטשניידער און צו יעקב פערל און האָבן ביי זיי געלייענט ביכער און צייטונגען. (יעקב פערל איז געווען אַ זייער אינטעליגענטער מענטש. ביי אים איז געווען דער טרעפפּלאַץ פון די סטריקאָווער משכילים). אַז איך האָב צום ערשטן מאָל געזען ביי אברהם ברעטשניידערן מיין מלמדס טאָכטער, בין איך געוואָרן פאַרציטערט. אָבער זי האָט צו מיר געזאָגט, אַז איך זאָל ניט מורא האָבן. זי וועט קיינעם ניט דערציילן וועגן דעם. (זי וואוינט איצט אין לאָס אַנדזשעלעס).

ביי יצחק מאיר זיידל האָב איך געלערנט איין ווינטער־זמן. איך האָב זיך פאַרהערט ביי דעם רב. איין מאָל, ווען ער האָט מיך פאַרהערט האָט ער מיך געפרעגט צי איך וועל דעם קומענדיקן זמן אויך לערנען ביי איטשע מאיר זיידעל. איך האָב אים געענטפערט, אַז ווי מיין מוטער האָט מיר געזאָגט, איז דאָס דער לעצטער זמן וואָס איך וועל לערנען אין חדר. דער רב האָט מיך געפרעגט, צי איך וואָלט געוואָלט לערנען ביי אים. איך האָב געענטפערט אַז איך וואָלט געווען דערפון זייער צופרידן. האָט דער רב מיר געזאָגט, אַז נאָך פסח וועט ער מיט מיר אָנהויבן לערנען און ער וועט זאָגן וועגן דעם מיין פעטער אברהם.

## קאַפּיטל 12

# סטריקאָווער יאַרידים

יאַרידים אין סטריקאָוו זענען געווען צווייערליי. נאָך פּסח און נאָך סוכות. דער נאָך־פּסחדיקער יאַריד איז געווען אַ קלענער, ווייל נאָך פּסח האָט דער פּויער נישט געהאַט קיין סך צו פאַרקויפן. ער האָט נאָך נישט געהאַט אַראָפּגענומען פון פעלד, נישט קיין תבואה, נישט קיין קאַרטאָפל און נישט קיין גרינצייג. אויף אַ נאָך־פּסחדיקן יאַריד האָט אַ פּויער גע־בראַכט צו פאַרקויפן אַ קו וואָס האָט נישט געגעבן גענוג מילך, אַן אַלט פערד וואָס קען שוין נישט שלעפּן דעם אַקעראייזן, אַן אַלטן אָקס, וועלכן דער פּויער האָט שוין מער נישט באַדאַרפט, הינער וואָס האָבן שוין נישט געלייגט קיין אייער, אָדער אַלטע הענער אאַז״וו. די סטריקאָווער שניידערס, פּעלצן־מאַכערס, היטל־מאַכערס און שוסטערס האָבן נישט צו פיל אָנגעגרייט אויף די נאָך־פּסחדיקע יאַרידים, ווייל זיי האָבן גע־וואוסט אַז דער פּויער דאַרף נישט קיין סך אויף זומער: נישט קיין שעפּ־סענעם פּעלץ, נישט קיין סורדוט און נישט קיין שטיוול.

אַזוי ווי נאָך פּסח זענען נישט געווען קיין גרויסע יאַרידים, האָט זיך דאָס אויך אָפּגערופן אויף מיין מוטערס שענק. נישט מיר האָבן פאַרקויפט אַ סך בראַנפן און ביר, און נישט קיין סך געבראָטענע גענדז אָדער אַנדערע שפּייזן.

גאַנץ אַנדערש זענען געווען די נאָך־סוכותדיקע יאַרידים. דעמאָלט זענען די יאַרידים געווען גרויסע. נישט נאָר איז דער נייער מאַרק אין סטריקאָוו געווען אָנגעפּילט מיט אָנגעלאָדענע וועגענער, נאָר אויך דער אַלטער מאַרק און דער פערדס־מאַרק. אַלץ וואָס נאָר דער פּויער האָט געקענט ברענגען צו פאַרקויפן: פון אייער, אַ בינטל היי און שטרוי, ביז אַ קעלבל און אַן אָקס, האָט ער געבראַכט צום נאָך־סוכותדיקן יאַריד. אויך פּריצים זענען געקומען צום נאָך־סוכותדיקן יאַריד און האָבן גע־בראַכט צו פאַרקויפן זייערע פּראָדוקטן. וואָכן לאַנג פאַר אַזאַ גרויסן יאַריד האָט מען געקענט זען ווי די סטריקאָווער בעלי־מלאכות האָבן געאַרבעט פון באַלד אין דער פרי ביז אַרום צוועלף און איינס אַזייגער ביינאַכט, כדי אָנצוגרייטן גענוג קליידער, שיך, היטלען און אַנדערע

סחורות פֿאַר די יאַרידים. אַפֿילו די קאָוואַלעס האָבן אָנגעגרייט אַ סך פֿאַדקאָוועס מיט שפּאָרנס, נייע וועגענער און שליטנס, אָדער האָבן צו־רעכט געמאַכט אַלטע וועגענער און שליטנס. אַלע שטאָט־סוחרים זענען אויך געווען פֿאַרקאָכט פֿאַר די יאַרידים.

אויך מיין מוטער האָט אָנגעגרייט אויף די נאָך־סוכותדיקע יאַרידים געגוג בראַנפֿן, ביר, געבראָטענע גענדז, אייער און אַנדערע געקאָכטע עסנס. פֿון דינסטיק אין דער פֿרי ביז דאָנערשטיק ביינאַכט נאָכן יאַריד איז מיין מוטער געווען פֿאַרנומען. דינסטיק אין דער פֿרי האָט מענדל קונה־הכל געבערענגט צו אונדז געגנדז. מען האָט מענדלען גערופֿן קונה־הכל, ווייל ער האָט טאַקע געקויפֿט אַלץ וואָס עס האָט זיך געטראָפֿן צו קויפֿן. אָבער ער האָט קיין זאַך ניט געקויפֿט ביז ער איז געווען זיכער, אַז ס׳איז ניט קיין געגנבעטע סחורה. אויך מענדלס ווייב האָט צוגעהאַנדלט. זי האָט אַריינגעטראָגן צו די פֿאַרמעגלעכע בעל־הביתטעס אייער, אַ הון, אַ גאַנדז און אַנדערע עסנוואַרגס. מענדל איז געווען אַ ייד אַ בן־תורה. ער האָט געהאַט זיבן קינדער — דריי יינגלעך און פֿיר מיידלעך. די עלטערע צוויי מיידלעך האָבן געאַרבעט אין לאָדזש. ווען זיי זענען אַהיימגעקומען אויף אַ יום־טוב, פֿלעגן זיי גיין אָנגעטאָן אין שיינע נייע קליידער. אַז זיי זענען אַרויסגעגאַנגען אין גאַס, האָב אַ סך מיידלעך זיי נאָכגעקוקט מיט קנאה. מען האָט אויך געזאָגט אין שטאָט אַז זיי פֿלעגן אַהיימברענגען פֿאַר טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברודער שיינע מתנות און דערצו געגעבן זיי אַ שיינע פֿאַר רובל אויך.

מיין מוטער האָט ביי מענדלען געקויפֿט געגנדז, און די שוחטים ר׳ לוי־יצחק און דער חזן־שוחט ר׳ יצחק־לייב האָבן די געגנדז געשאָכטן.

מיטוואָך נאָך מיטאָג בין איך ניט געגאַנגען אין בית־המדרש לער־נען; איך האָב געמוזט שטיין אין שענק, ווייל מיין מוטער איז געווען פֿאַרנומען אין קיך מיט צוגרייטן די מאכלים פֿאַרן דאָנערשטאָגדיקן יאַריד. דאָנערשטאָג גאַנץ פֿרי האָב איך אויפֿגעמאַכט די שענק ווייל עס האָבן שוין געוואַרט סוחרים, וועלכע זענען געקומען אין שענק אָנצוואַרעמען זיך מיט אַ גלעזל בראָנפֿן אָדער טיי. סוחרים האָבן זיך געאיילט צו קומען וואָס פֿריער כדי צו פֿאַרכאַפּן אויפֿן מאַרק אַ גרעסער און בעסער אָרט וואו זיך אַוועקצושטעלן מיטן טיש. דעם טיש האָט מען אַזוי געמאַכט: מען האָט אַריינגעשטעלט פֿיר גראָבע דרענגער ביי די פֿיר עקן פֿון טיש און פֿון אויבן אויף די דרענגער האָט מען צו־געבונדן אין דער קווער אַנדערע דרענגער, אַז מען זאָל אויף זיי קענען אויפֿהענגען שטיוול (פֿאַר מענער און פֿרויען), טרעפּעס (האָלצערנע שיך) אאַז״וו. עס זענען אויך געשטאַנען טישלעך מיט שניט־סחורה, טישלעך פֿון היטל־מאַכערס, טישלעך מיט בשמים. ווייטער האָבן זיך אויפֿן מאַרק

געפונען טריפהנע קצבים, בעקערס מיט טישן ברויט. אַנדערע האָבן פאַר־קויפט צוקערקעס און זיסע בייגעלעך אויפגעצויגן אויף שטריקלעך. עס זענען אויך געשטאַנען טישלעך מיט צלמים און מיט בילדער פון קריסט־לעכע הייליקע אד״גל. ניט זעלטן איז צו אונדז אין שענק דערגאַנגען אַ געשריי פון מאַרקפלאַץ, ווען סוחרים האָבן זיך געקריגט איבער אַ שטיקל אָרט וואָס איינער האָט געוואָלט פאַרכאַפּן ביים צווייטן. ווען ניט ברענ־קעוויטש, דער שטאָט־סטרוזש, און יאַקאָוולעוו, דער קליינער סטראַזשניק, וואָס זענען באַלד צוגעקומען צום אָרט פון דער קריגערייַ צו מאַכן שלום, וואָלטן זיך די סוחרים צעשלאָגן.

אַזעלכע קריגערייען פלעגן פאָרקומען אויך צווישן נאָענטע קרובים און אַפילו צווישן אַ טאַטן און אַ זון.

אַ באַזונדער אָרט האָבן פאַרנומען די דריי פּוילישע בעטלערס, וועלכע האָבן געהאַט זייערע שטענדיקע ערטער אויפן יאַריד. זיי זענען געזעסן סיי זומער און סיי ווינטער אויף זעק מיט שטרוי. הינטער דעם זאַק, אַרויף צו דער פּלייצע, איז געשטאַנען אַ ברייט ברעט, ווי אַן אָנלען פאַר דער פּלייצע. באַלד אין דער פרי האָבן זיי אָנגעהויבן צו זינגען די פּוילישע געבעט־לידער. געזעסן זענען זיי אויפן בייעם מאַרק, זיי האָבן זיך אַלע מאָל געביטן מיט די געבעט־לידער. ווען איין בעטלער האָט אויפגעהערט זינגען זיינע „מאָליטוועס״, האָט דער צווייטער אָנגעהויבן זינגען די „מאָ־ליטוועס״, וואָס דער ערשטער בעטלער האָט אויפגעהערט. נאָכן יאַריד זענען די בעטלערס אַריינגעקומען צו אונדז אין שענק עסן. אַלע דריי האָבן געגעסן ביי איין טיש, זיי האָבן אָפּגעציילט דאָס געלט וואָס זיי האָבן געקראָגן אויפן יאַריד און האָבן זיך צעטיילט.

דער טומל אויפן יאַריד איז געווען געוואַלדיק גרויס. עס האָט זיך געהערט דאָס מעקען פון די קי, דאָס הירזשען פון די פערד, דאָס רעווען פון די אָקסן, דאָס קוויטשען פון די חזרים, דאָס קרייען פון די הענער און קוואַקען פון די הינער. ניט איין מאָל האָט זיך געטראָפן אַז אַ פּויער האָט זיך אָנגעשיכורט און עס האָט זיך אים אויסגעדאכט אַז אַ ייד האָט אים אָפּגענאַרט, האָט ער אָנגעהויבן שרייען „ביטשע זשידאָוו״ („שלאָגט די יידן״) און עס איז אויסגעבראָכן אַ געשלעג צווישן יידן און גויים. דעמאָלט איז פּנחס פאָזערע תיכף געקומען צו לויפן אויפן מאַרק, ער האָט געכאַפּט אַ דישעל פון אַ וואָגן און האָט אָנגעהויבן שלאָגן די פּויערים. האָבן זיי באַלד אויפגעהערט שרייען: „ביטשע זשידאָוו״. אַז ברענקעוויטש, דער שטאָט־סטרוזש, און יאַקאָוולעוו, דער קליינער סטראַזשינק, האָבן געזען אַז פּנחס בן־ציונס האָט שוין געהאַט גוט צעממיתט די פּויערים, זענען זיי צוגעקומען צו די פּויערים און זיי שטרענג אַ זאָג געטאָן זיי

זאָלן זיך איבערבעטן מיט די זשידקעס און אויך מיט פּנחס פּאזוערע, אַז ניִשט וועלן די זשידקעס ביי זיי מער ניט קויפן. די צעביילטע פּויערים האָבן געוואָרפן די שולד פאַרן געשלעג איינער אויפן צווייטן. אַפילו דער פּריץ קאָזלאָווסקי, וואָס איז אויך געווען ריכטער אין סטריקאָוו און איז אויך געקומען אויפן מאַרק פאַרקויפן בהמות און עופות פון זיין מאַ־יאָנטעק, איז צוגעקומען צו די צעשלאָגענע פּויערים און זיי גוט אויס־געמוסרט, פאַר וואָס זיי האָבן פאַרפירט אַ געשלעג מיט די זשידקעס.
אַז די פּויערים האָבן געוויזן דעם ריכטער די ביילן אויף זייערע הענט וואָס פּנחס פּאזוערע האָט זיי געמאַכט, האָט ער געזאָגט צו זיי: גוט אויף אייך, דער סטראַזשינק האָט מיר געזאָגט אַז איר האָט זיך אָנגעשיכורט און איר האָט די ערשטע אָנגעהויבן שלאָגן די זשידקעס. דער ריכטער האָט זיי אָנגעזאָגט, אַז אויב זיי וועלן נאָך אַ מאָל אויף אַ יאַריד זיך שלאָגן, וועט ער זיי פאַרמשפּטן צו זיצן פיר וואָכן אין דער „קאָזע" (תפיסה). די פּויערים האָבן אַריינגערופן די יידן ווי אויך פּנחסן צו אונדז אין שענק און געפונדעוועט די יידן בראָנפן און צובייסן. אויך ברענקעוויטש און דער סטראַזשניק האָבן געקראָגן צו טרינקען. נאָך דער פונדע האָבן די גויים געגעבן דעם סטראַזשניק אַ רובל, ער זאָל מאַכן אַ שוויַיג און ניט מאַכן קיין פּראָטאָקאָל אויף זיי. דער סטראַזשינק האָט זיך אַרומגעקוקט צי קיינער זעט ניט און האָט צוגענומען דעם רובל.

טייל מאָל האָט זיך אויפן יאַריד פּלוצלינג געמאַכט אַ געלויף פון קינדער און פון דערוואקסענע נאָך זיי. דאָס זענען זיי נאָכגעלאָפן שמואל־יעקב קאָוואַל. נאָך דעם ווי ער האָט געהאַט פאַרדינט עטלעכע רובל פון אונטערקאָווען אַ פערד, האָט ער זיך אָנגעשיכורט, איז אַוועקגעלאָפן צום קאָשטשאָל, האָט אַנידערגעקניט פאַרן בילד וואָס איז געשטאַנען ביים אַריינגאַנג פון קאָשטשאָל, האָט געקושט דעם צלם און דאָס בילד פון יעזוסן און געשריגן: „פּאַניע באָזשע", העלף מיר, איך זאָל קענען אַרבעטן און פאַרדינען אויף חיונה און אויף גענוג בראָנפן. דערביי האָט ער גע־שאָלטן דעם רב, דעם רבין און דעם יידישן גאָט. אַז דער גלח האָט אים געזען ליגן פאַרן קאָשטשיאָל, האָט ער צו אים געגעבן אַ געשריי: „גיי אַהיים שלאָפן!" ווען שמואל־יעקבס קינדער האָבן זיך דערוואוסט, אַז זייער טאַטע ליגט שוין ווידער אַ שיכורער פאַרן קאָשטשיאָל, זענען זיי גיך אַהין געלאָפן און אים אַהיימגעשלעפּט. צו מאָרגנס אין דער פרי, ווען ער איז געקומען דאַוונען אין שול אַריין, האָט ער אַפילו נישט געוואוסט אַז ער איז נעכטן געווען שיכור און איז געלאָפן קושן דעם צלם.

ווען ביי אונדז אין שענק זענען ניט געווען קיין סך מענטשן, בין איך אַרויסגעגאַנגען אויפן מאַרק זען ווי דער האַנדל גייט צו. איך האָב זיך צוגעקוקט ווי שלמה טאַנדייטער מעסט אָן אַ פּאַלטן אויף אַ פּויער און

אויפן פויערס זון. דער פּאַלטן איז אויפן ייִנגל געווײַנטלעך געווען צו גרויס. האָט שלמה טאַנדייטער אַרײַנגעשטעלט זײַן האַנט אין ייִנגלס קאָל־נער און מיט דער צווייטער האַנט האָט ער צוזאַמענגענומען די פּראָנטן פון פּאַלטן, אַז דער פּאַלטן זאָל אויסזען פּונקט געפּאַסט אויפן שנײַדער. דער פויער האָט געזאָגט צום טאַנדייטער: שלאָמעק, זעסטו ניט, אַז דער פּאַלטן איז צו גרויס אויפן כלאָפּאַק? — האָט שלאָמעק געענטפערט: וואָס ווילסטו אים קויפן, אַ פּאַלטן וואָס זאָל זײַן צו ענג און אין אַ פּאָר וואָכן אַרום זאָל ער שוין דאַרפן אַ נײַעם פּאַלטן? — אַז מען איז שוין געווען פּאַרטיק מיטן פּאַלטן פּאַרן שנײַדער, האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אַ דינגע־ניש וועגן פּרייז. וויפל דער טאַנדייטער האָט געבעטן פאַרן פּאַלטן, האָט דער פויער געוואָלט געבן אַ העלפט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קלאַפּן אין די הענט צווישן דעם פויער און דעם טאַנדייטער, אַז מען האָט גע־הערט די קלעפּ איבערן גאַנצן מאַרק. מען האָט זיך אַזוי לאַנג געדונגען אַז בײַ בײדן זענען די הענט רויט געוואָרן. ביז מען איז משווה־געווען צו אַ פּרייז.

לעבן שלמה טאַנדייטניקס טיש איז געשטאַנען ר׳ הערשל היטלמאַכער מיט זײַן טיש היטלען, מיט גלאַנציקע און ניט־גלאַנציקע דאַשקעס — וואַרעמע קוטשמעס געמאַכט מיט וואַרעמע פּאַדשעווקעס און וואָלענע לעפּלס פאַר די אויערן, אאַז״וו. ער האָט אויך געהאַט צו פאַרקויפן ייִדישע היטלען מיט קליינע דאַשקעס. ער האָט געהאַט אַ שם פאַר אַ גוטן בעל־מלאכה. מען פלעגט זאָגן, אַז ווען מען טוט אָן הערשלס אַ היטל קריגט מען אַ נײַ פּנים. אַפילו חסידים האָבן ליב געהאַט צו טראָגן ר׳ הערשלס אַ היטל. אויך אַ זײַדן אָדער אַ סאַמעטן קאַפּל האָט מען בײַ אים געקויפט. ער האָט ניט פאַרקויפט קיין היטל אָדער אַ קוטשמע אויב עס האָט ניט געפּאַסט אַקוראַטנע. מען האָט אים גערופן אין שטאָט הערשל דער אַקו־ראַטנער. ער איז געווען זייער אַ פרומער ווי אויך אַ בן־תורה. ער האָט געלערנט משניות אין עין־יעקב מיט דער חברה שנײַדערס.

אויפן יאַריד פלעגט אויך זײַן אַ קאַטערינאַזש, וואָס פלעגט שפּילן פאַרשיידענע פּוילישע ניגונים. אויף זײַן קאַטערינקע איז געווען אָנגע־קלאַפּט אַ געפּאַרבט ברעטל און אויפן ברעטל איז געשטאַנען אַ שטײַגל מיט אַ קאַנאַריקל. בײַם שטײַגל איז געשטאַנען אַ קליין קעסטעלע מיט פּאַפּירעלעך, אויף וועלכע ס׳זענען געווען אָנגעשריבן פאַרשיידענע טרע־פונגען: אַז מען וועט לאַנג לעבן, זײַן רײַך אאַז״וו. פאַר אַ פּאָר גראָשן האָט דער קאַטערינאַזש געהייסן דעם קאַנאַריקל אַרויסציִען אַזאַ קוויטל. אַז אַ פויער אָדער פויערטע האָבן געקויפט אַ קוויטל, האָבן זיי דאָס געגעבן דעם קאַטערינאַזש איבערצולייענען, ווײַל זיי האָבן ניט געקענט לייענען. אָבער די פויערים האָבן ניט געוואָלט פאַרלאָזן זיך אויפן קאַטע־

רינאַרזש, זענען זיי געגאַנגען צום בעטלער, ער זאָל פאַר זיי בעטן, אַז דאָס וואָס איז אָנגעשריבן אויף דעם קוויטל זאָל מקוים ווערן.

אַז די פויערים האָבן אָפּגעלייזט אַלץ וואָס זיי האָבן געהאַט צום פאַרקויפן, זענען זיי אַרומגעגאַנגען איבערן מאַרק פון טיש צו טיש, פון געוועלב צו געוועלב איינצוקויפן וואָס זיי האָבן באַדאַרפט. די פויערים זענען געווען שווערע קונים. זיי האָבן זיך לאַנג געדונגען ביז זיי האָבן עפּעס געקויפט. אַפילו ווען זיי האָבן געקויפט אַ זאַך פאַר עטלעכע גראָשן, האָבן זיי געקלאַפּט אין די הענט ביים שליסן דעם מיסחר.

איין מאָל בעת אַ יאַריד־טאָג איז צו אונדז אין שענק אַריינגעקומען אַ ייד און געבעטן מיין מוטער, זי זאָל אים דערלויבן אַרויסצושטעלן אַ קעסטל אויף אַ טיש. פון קעסטל זענען נאָכגעהאַנגען גומענע רעדלעך צו האַלטן ביים אויער. אַז דער ייד האָט אָנגעדרייט דאָס קעסטל, האָט מען געהערט פון דעם קעסטל ריידן און זינגען. פאַר צוהערן פון אַזאַ טרובקע האָט ער גענומען עטלעכע קאָפּיקעס. אַז אַ פויער האָט זיך צוגעהערט צום קעסטל, האָט ער זיך דערנאָך איבערגעצלמט און האָט געזאָגט, אַז אַ טייוול רעדט אַרויס פון קעסטל. אַ סך פויערים האָבן די ערשטע צייט פּשוט מורא געהאַט צו הערן ריידן און זינגען פון דעם קעסטל. זיי האָבן אַרונטערגעקוקט אונטערן טיש וואו דאָס קעסטל איז געשטאַנען, צו זען, צי עמעץ ליגט ניט אונטערן טיש און זינגט אָדער רעדט. אָבער נאָך אַ קורצער צייט האָבן זיך די פויערים צוגעוואוינט צו הערן פון קעסטל זינגען און שפּילן. דאָס קעסטל מיט די רעדלעך איז געווען דער ערשטער פּאַנאָגראַף וואָס האָט זיך ביי אונדז אין שטעטל באַוויזן.

נאָך דעם ווי די פויערים האָבן געהאַט איינגעקויפט וואָס זיי האָבן באַדאַרפט, זענען זיי אַריינגעקומען צו אונדז אין שענק עסן און טרינקען. דאָס געלט האָט אַלע מאָל געהאַלטן די פויערטע. געוויינטלעך האָט זי דאָס געלט געהאַלטן אין אַ ברייטער און טיפער קעשענע פון אונטער־קלייד.

יאַקאָוולעוו איז, ווי געזאָגט, געווען דער איינציקער סטראַזשניק אין סטריקאָוו. ער האָט זעלטן געמאַכט אַ פּראָטאָקאָל קעגן אַ יידישן סוחר. אַז ער איז זונטיק פאַרבייגעגאַנגען אַ יידיש געוועלב און געזען דאָס געוועלב אָפן, האָט ער אַריינגעשריגן אין געוועלב אויף האַלב־יידיש און האַלב־פויליש: „העי, איציק, פאַרמאַך דיין סקליעפּ״. אויף דעם האָט דער סוחר געענטפערט אויף פויליש: „פּשעפּראַשאַם פּאַניע וואַכמיסטשו, איך האָב גאָר ניט געזען אַז די טירן פון געוועלב זענען אָפן.״ אַז מען האָט יאַקאָוולעוון טיטולירט „וואַכמיסטזש״ האָט מען אים פּשוט איבער־געקויפט, ווייל אַ סטראַזשניק איז געווען אַ פיל קלענערער ראַנג ווי

אַ וואַכמיסטוש. אַז עס איז געקומען אַ קריסטלעכע חגא, האָבן די סטרי־קאָוועי סוחרים און בעלי־בתים פון הייזער אים געגעבן געלט און מתנות פאַר זיין פרו און קינדער.

עס איז דעמאָלט געווען אַ געזעץ, אַז אַ ייד איז ניט געווען דערלויבט צו טראָגן אין גאַס אַ שטריימל אָדער גיין אָנגעטאָן אין אַן אַטלעסענער קאַפּאָטע אָדער אין אַ טלית. אָבער יאַקאָוולעוו האָט זיך דאָס אַלץ געמאַכט ניט זען. ער האָט געקראָגן זייער אַ קליינע שכירות און פלעגט שטענדיק זיך קלאָגן פאַר די יידן, אַז פון דעם געהאַלט וואָס ער קריגט, קען ער ניט האָבן געננג אויף חיונה, נאָר פון דעם וואָס מען גיט אים אין אַ זייט, פון דעם קען ער לעבן. ביי די ווערטער האָט ער די האַנט אַרונ־טערגעשטעלט פון הינטן, אַז מען זאָל וויסן וואָס ער מיינט. יאַקאָוולעוו פלעגט פריער אָנזאָגן די סוחרים וועלכע האָבן געהאַט נאָר אַ האַלבן פּאַטענט אויף צו האַנדלען, ווען דער רעוויזאָר דאַרף קומען אין שטאָט אַריין, זיי זאָלן באַצייטנס פאַרמאַכן זייערע געוועלבער. ניט איין מאָל האָט זיך געטראָפן אַז ווען דער רעוויזאָר איז געקומען אין סטריקאָוו נאָך ביי־יאָר אויף אַ רעוויזיע האָט ער געטראָפן כמעט אַלע געוועלבער פאַרמאַכט: ער האָט געפרעגט דעם סטראַזשניק אויף רוסיש: „טשטאָ, יעווורעאי אימעיוט סעוואָדניאַ פראַזדניק?" — דער סטראַזשניק האָט גע־ענטפערט: „יאַ ניע זנאַיו".

איין מאָל האָט מיין מוטער דערזען דעם רעוויזאָר אָנקומען, ווייל אונ־דזער שענק איז געווען האַרט ביים שאָסיי. האָט מיין מוטער אַריינגע־שריגן צו מיר אין שענק: „דער רעוויזאָר גייט". האָב איך געכאַפּט אַ פלאַש מיט מעד און זיסן בראַנפן וואָס מיין מוטער האָט אַליין געמאַכט, און כ'בין דערמיט אַרויסגעלאָפן פון שענק. דער רעוויזאָר האָט מיך באַ־מערקט און איז מיר נאָכגעלאָפן, אָבער איך בין געלאָפן שנעלער פון אים. אַז איך בין צוגעקומען צו אונדזער הויז, האָב איך די פלעשלעך צע־בראָכן. דער רעוויזאָר האָט דאָס געזען, האָט ער געשריגן אויף מיר און האָט מיר געמאַכט אַ רוסישן מי־שברך. ער האָט געזאָגט צו מיין מוטער, אַז אויב ער וועט אונדז נאָך אַ מאָל כאַפּן מיט אַ פלעשל געמאַכטן מעד אָדער זיסן בראַנפן, וועט זי באַצאָלן אַ טאָפּלטע שטראָף. אַזוי איז טאַקע איין מאָל געשען. אין אַ געוויסן יאַריד־טאָג איז דער רעוויזאָר פּלוצלינג אַריינגעקומען צו אונדז אין שענק און האָט געפונען אַן אָפן פלעשל בראַנפן. ער האָט דאָס פלעשל צוגענומען און עס פאַרחתמעט און דאָס פלעשל איבערגעגעבן דעם וואָיט פון דער גמינע דאָברע. עס איז געווען צו באַ־צאָלן אַ שטראָף פון עטלעכע הונדערט רובל און צו זיצן אין טורמע עטלעכע חדשים. די פּאַסירונג האָט אָנגעמאַכט אַ טומל אין שטאָט. וואָס, מען וועט דערלאָזן אַן אלמנה, אַ מאַמע פון פינף קליינע קינדער, זאָל זיצן

אין טורמע? — מיין פעטער, אברהם מאָרגענשטערן, וועלכער האָט געהאַט די פּראָפּענאַציע (הורט) פון שנאַפּסן און ביר אין סטריקאָוו, ווי אויך מיין פעטער, דער גביר ר׳ יעקב מאָרגענשטערן, האָבן געדונגען אַן אַד־וואָקאַט און זיי זענען געפאָרן צו דער אַקציז־נאַטשאַלסטווע אין לאָדזש און אין פּיעטראָקאָוו. מען האָט אָפּגעמאַכט אַז מען זאָל זען דאָס פלעשל מיט זיסן בראַנפן אויפצומאַכן און אַריינגיסן אין דעם זיסע קאַווע. אַז מען וועט דאָס פלעשל אויפעפענען אין געריכט אין פּיעטראַקאָוו, וועט מען אָפּלאַכן פון דעם רעוויזאָר, ווייל ער האָט ניט פאַרזוכט וואָס עס איז געווען אין פלעשל, און מיין מוטער וועט ווערן באַפרייט. מיינע פעטערס האָבן אויך גערעדט מיטן סטראַזשניק, ער זאָל זען עפּעס צו טאָן, אַז מיין מוטער זאָל ניט דאַרפן גיין זיצן אין טורמע און ניט צאָלן קיין שטראָף. ער האָט געזאָגט צו מיינע פעטערס: זאָרגט אייך ניט, איך וועל ניט דערלאָזן אַז אונדזער פּערל זאָל זיצן אין טורמע, אָדער צאָלן אַ שטראָף. אין אַ צייט אַרום, ווען דער וואַיט איז ניט געווען אין דער גמינע, האָט יאַקאָוולעוו געעפנט דאָס פלעשל, אַרויסגעגאָסן דעם זיסן בראַנפן, אַריינגעגאָסן זיסע קאַווע און צוריק פאַרחתמעט. ווען עס איז פאָר־געקומען דער משפּט אין פּיעטריקאָוו, האָט דער ריכטער געפרעגט מיין מו־טער, צי זי האָט אַליין געמאַכט דעם זיסן בראַנפן. מיין מוטער האָט געענט־פערט, אַז זי מאַכט ניט קיין זיסן בראַנפן, נאָר זי קאָכט אין אַ יאַריד־טאָג טיי און קאַווע צו פאַרקויפן. דער ריכטער האָט אויפגעמאַכט דאָס פלעשל און האָט פאַרזוכט וואָס עס איז געווען אין פלעשל. ער האָט געגעבן דעם רעוויזאָר צו פאַרזוכן, און האָט אים געזאָגט: „דאָס איז גאָר שוואַרצע קאַווע אָפּגעזיסט מיט צוקער און עס שמעקט ניט פון בראַנפן״. דער ריכטער האָט אויך געגעבן צו פאַרזוכן דעם פּראָקוראָר. דער פּראָקוראָר האָט אויך געזאָגט, אַז עס איז אַלטע זיסע קאַווע און עס שמעקט ניט פון בראַנפן. דער רעוויזאָר האָט געזאָגט צום ריכטער אַז מע׳ן האָט דאָס פלעשל מיט דעם געמאַכטן זיסן בראַנפן מסתמא פאַר־ביטן אויף זיסע קאַווע, האָט דער ריכטער געזאָגט צו אים, אַז ער האָט ניט קיין באַווייזן דערויף — און פון משפּט איז גאָר נישט געוואָרן. ווען אַלע זענען אַוועק פון געריכט, האָט דער רעוויזאָר געזאָגט צו מיין מוטער, אַז זי איז קליגער פון אים, אַז זי וואָלט זיך בעסער אויס־געטויגט צו זיין אַ רעוויזאָר ווי ער. האָט זי אים געענטפערט: „מיר קענען זיך שוין אַזוי לאַנג, און דו האָסט ניט געהאַט קיין רחמנות אויף מיר. דו ווייסט אַז מיין מאַן איז געשטאָרבן און איך האָב פינף קליינע קינדער צו דערנערן, און דו האָסט געוואָלט מיך איינזעצן אין טורמע און מיך רואינירן מיט צאָלן אַ גרויסע שטראָף.״ דער רעוויזאָר האָט זיך איבערגעבעטן מיט מיין מוטער. פון דעמאָלט אָן איז ער מער ניט געקומען

זוכן ביי אונדז אין שענק. ער פלעגט אַמאָל יאָ אַריינקומען צו אונדז, האָט מיין מוטער אים געגעבן אַ פיינעם מאָלצייט אָפּצועסן. ער האָט איין מאָל געזאָגט מיין מוטער, אַז ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז דער סטראַזשניק האָט איבערגעביטן דעם זיסן בראַנפן אויף זיסע קאַווע; אַז די סטריי־קאָווער סוחרים קויפן ניט קיין פּאַטענטן, אַז אַזוי היט עס דער סטראַזש־ניק די געזעצן פון צאַר.

נאָך אַ גוטן יאַריד פלעגן די סטריקאָווער בעלי־מלאכות און די סוחרים אַרומגיין פריילעכע. אַפילו למך, דער הויכער וואַסערטרעגער, האָט פאַרדינט פון אַ יאַריד. אַ פּרייטיק נאָך אַ גוטן יאַריד איז ער געווען שטאַרק פאַרנומען ביים טראָגן וואַסער, ווייל די בעלי־הבתים האָבן אַליין ניט געוואָלט טראָגן וואַסער אין אַ פּראָסטיקן טאָג. זיי האָבן זיך געלאָזט קאָסטן און געהייסן למכן ברענגען וואַסער.

## קאַפּיטל 13

# אין בית־המדרש

נאָך פּסח בין איך געקומען צום רב ר׳ בעריש ראָזנבערג און ער האָט מיר געזאָגט אַז איך וועל ביי אים לערנען צוויי שעה אַ טאָג. די איבעריקע צייט זאָל איך לערנען פאַר זיך אַליין אין בית־המדרש. אויב איך וועל ניט עפּעס פאַרשטיין אין לערנען, זאָל איך זיך ניט שעמען אַריינצוקומען צו אים פרעגן, אַחוץ דעם וועט ער פאַר מיר קריגן אַ יונגנמאַן, וועלכער זאָל מיט מיר לערנען עטלעכע שעה אַ טאָג.

דער רב איז געווען אַ שיינער ייד, אַ הויכער מיט אַ גרויל־לעכער באָרד. די רביצין איז געווען פון מיטעלן וואוקס און ניט קיין מיאוסע פרוי. זיי האָבן געהאַט איין זון און דריי טעכטער — אַלע הויכע און שיינע. די ייִנגסטע טאָכטער, יענטעלע, איז געווען אַ יפת־תואר. ווען נאָר יענטעלע איז פאַרבייגעגאַנגען דעם בית־המדרש, האָבן מיר, די בית־המדרש־בחורים, איר נאָכגעקוקט.

אליעזר, דעם רבס זון, האָט געאַרבעט אין לאָדזש. פון לאָדזש איז ער אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע. ווען מען האָט זיך אין סטריקאָוו דער־וואוסט אַז דעם רבס זון איז געפאָרן קיין אַמעריקע, האָט דאָס געמאַכט אַ רושם אין שטאָט. די שטאָט איז געגאַנגען אויף רעדלעך. עפּעס אַ קלייניקייט: אליעזר, דעם רבס זון, איז אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע.

אין אַ געוויסן פרימאָרגן האָט מען געפונען אויף דעם רבס טיר און פענצטער אויפגעקלעפּט אַ קאַריקאַטור, וואָס ווייזט ווי דעם רבס זון, אליעזר, בראָט אָפּ אַ חזירל און עסט עס. די בילדער האָבן אָנגעמאַכט אַ מחלוקה אין שטאָט. מען האָט זיך געאַמפּערט וועגן דעם, צי קען מען האָבן אין שטאָט אַ רב וואָס זיין זון איז געפאָרן אין טריפהנעם לאַנד, אַמעריקע. איין צד האָט געטענהט: ווי קענען מיר געטרויען אַזאַ רב, ווי קען אַזעלכעס געשען אַז אין אַ רבס הויז זאָל מען דערציִען אַזאַ זון וואָס זאָל אין אַ שיינעם העלן טאָג אַנטלויפן נאָך אַמעריקע? ער וועט דאָרט מסתמא ווערן אַ גוי. מען שמועסט שוין טאַקע אין שטאָט אַז עט־לעכע בחורים און חתונה־געהאַטע יונגעלייט קלייבן זיך צו פאָרן קיין אַמעריקע. ווער ווייסט וויפיל עגונות מיר וועלן האָבן אין שטאָט.

דער צווייטער צד האָט געטענהט: וואָס איז דער רב שולדיק אַז זיין זון איז געפאָרן קיין אַמעריקע? צי זענען מיר דען זיכער אַז אונדזערע קינדער וועלן מאָרגן ניט אַהינפאָרן? אויב מען וויל זיין אַ ייד, קען מען זיין וואו מען זאָל זיך ניט געפינען. ווייסט איר וויפל חסידישע יידן פאָרן קיין אַמעריקע? — נו, הערט מען דען אַז זיי זענען חלילה גע־וואָרן גויים און היטן ניט אָפּ יידישקייט, אָדער זיי זענען חלילה מחלל שבת? — מען הערט דאָך, אַז עס זענען פאַראַן אין אַמעריקע גרויסע שולן און תלמוד־תורהס און ישיבות, און וויפיל צדקה די אַמעריקאַ־נער יידן געבן פאַר די ישיבות אין פוילן!

אָבער די מחלוקה האָט ווייטער אָנגעהאַלטן אין שטאָט. ווי נאָר צוויי יידן זענען זיך צוזאַמענגעקומען האָט מען זיך געקריגט וועגן דעם. ביז דער סטריקאָווער רבי, ר' וואָלף, האָט גערופן צו זיך די צוויי צדדים. אַז דער רבי האָט אויסגעהערט די טענות פון דעם רבס קעגנערס, האָט ער זיך גוט אָנגעבייזערט אויף זיי און האָט זיי גע־פרעגט צי זיי זענען זיכער אַז זייערע קינדער וועלן ניט פאָרן קיין אַמעריקע, און אויב זיי וועלן חלילה יאָ פאָרן, צי וועט מען מעגן זאָגן, אַז עס איז זייער שולד? — דער רבי האָט זיי אָנגעזאָגט, זיי זאָלן זען אַ עס זאָל מער ניט זיין קיין מחלוקה אין שטאָט. און אַז זיי זאָלן אַריינ־גיין צום רב און אים איבערבעטן. מען זאָגט דאָך אַז דער רב איז געזעסן שבעה נאָך זיין זון, כאָטש מען דאַרף דאָס ניט טאָן לויטן יידישן דין.

איינער פון דעם קריגערישן צד האָט געזאָגט צום רבין: „רבי, האָט דען שלמה מלמד ניט געמוזט אויפגעבן זיין מלמדות אין סטריקאָוו און זיך אַוועקציען קיין לאָדזש, זוכן אַן אַנדער מלמדות?" האָט דער רבי געענטפערט: „נו, וואָס ווילט איר, אַז דער רב זאָל אַוועק פון שטאָט און איר וועט קענען האָבן אַ נייע מחלוקה אין שטאָט וועגן אַ נייעם רב?" דער רבי האָט זיי אָנגעזאָגט, אַז זייער חוב איז צו זען, אַז אין שטאָט זאָל מער קיין מחלוקה ניט זיין. די צדדים זענען אַוועק צום רב און האָבן אים איבערגעבעטן. מיט דעם האָט זיך געענדיקט די גרויסע מחלוקה צוליב דער עמיגראַציע פון רבס זון קיין אַמעריקע.

---

איך און נאָך אַ ייִנגל האָבן אָנגעהויבן צו לערנען ביים רב. מיר האָבן אָנגעהויבן מיט דער גמרא חולין. אַז איך האָב געהאַט אָפּגעלערנט דעם ערשטן שיעור האָט מיך פאַרהערט יעקב־יוסף, ר' יצחק מאַקאָווערס איידעם. איך האָב דעם שיעור גוט געקענט. יעקב־יוסף האָט מיר גע־זאָגט אַז ער וועט מיך לערנען צוויי שעה אַ טאָג. ביי יעקב־יוספן האָב איך געלערנט די גמרא בבא־בתרה. פון דעם לערנען ביים רב און ביי יעקב־יוספן, וועלכער איז געווען איינער פון די גרעסטע לומדים

אין שטאָט, האָב איך זיך געפּילט דערהויבן. איך האָב אויך געהאַט מער צייט צו לייענען אַ בוך. יעדן טאָג נאָכן לערנען און נאָכן איבער־חזרן דעם שיעור האָב איך מיר גענומען צייט אַריינצוגיין יעדן טאָג צו מיין פריינד שמואל ברעטשניידער צו לייענען אַ צייטונג, אָדער אַ ביכל, ווייל אין שטאָט האָט מען שוין גערעדט אַז ביי אברהם ברעטשניידער קומען זיך צוזאַמען בחורים און מיידלעך און לייענען טריפהנע ביכלעך. ווי איבערראַשט בין איך געוואָרן ווען איך האָב איין מאָל ביי אברהם ברעטשניידערן געטראָפן מיין פריינד אברהם־אַלטער יאַנאַ. ער האָט גע־לייענט מאַפּוס אַ ביכל „אהבת ציון" און אַ העברעאישע צייטונג. איך האָב אים געפרעגט, פאַר וואָס ער האָט מיר ניט געזאָגט אַז ער לייענט ביכער, האָט ער מיר געענטפערט, אַז ער ווייסט שוין פון לאַנג אַז איך לייען מעשה־ביכלעך, נאָר אַזוי ווי איך האָב אים ניט געזאָגט, האָט ער מיר ניט געוואָלט זאָגן, אַז ער לייענט.

אין סטריקאָוו האָט געוואוינט זייער אַ פרומער ייד וואָס מען האָט אים גערופן דער פרומער אַרקע. ר' אַרקע האָט אַכטונג געגעבן אַז פּריי־טיק פאַרנאַכט זאָלן די יידן פאַרמאַכן זייערע געוועלבער אין צייט. טאָמער האָט איינער ניט פאַרמאַכט זיין געוועלב ווען דער שמש האָט גערופן ליכט־צינדן, איז ר' אַרקע צוגעלאָפן צום געוועלב, האָט מיט רוגזה פאַרמאַכט די טירן און האָט אַריינגעשריגן צום קרעמער: „דו זאָלסט וויסן אַז איך וועל דיך ניט היטן יעדן פרייטיק. דו זאָלסט צומאַכן דיין געוועלב צו דער צייט און ניט מחלל שבת זיין. אויב איך וועל נאָך אַ מאָל דאַרפן צומאַכן דיין געוועלב, וועל איך דאָס מפורסם זיין אין בית־מדרש!" ר' אַרקע האָט אויך אַכטונג געגעבן, אַז אין בית־המדרש זאָל קיינער ניט רעדן אין מיטן דאַוונען. טאָמער האָט ווער אויסגערעדט אַ וואָרט ביים דאַוונען, האָט רב אַרקע אויף אים געגעבן אַ בייזן קוק. דער דאָקטאָר, דוד גרינבערג, וואָס וואוינט אין דער בראָנקס, ניו יאָרק, איז ר' אַרקעס אַן אייניקל.

איין מאָל, ביים דאַוונען אין בית־מדרש, האָב איך געשמועסט מיט מיין פריינד אברהם־אַלטערן. ר' אַרקע האָט מיך געזען רעדן. נאָכן דאַוונען איז ער צוגעקומען צו אונדז און געזאָגט צו מיר אַז עס איז ניט שיין פאַר אַ בחור וואָס לערנט ביים רב און ביי יעקב־יוספן זאָל רעדן אין מיטן דאַוונען און אַז אַחוץ דעם בין איך אַריינגעקומען אין בית־המדרש ווען מען האָט שוין געזאָגט ברכי און כ'האָב זיך גלייך מיט אַלעמען געשטעלט זאָגן שמונה־עשרה. איך האָב ר' אַרקען געענטפערט, אַז איך קען זאָגן גוט עברי און כ'קען שנעל דאַווענען. אויף דעם האָט ר' אַרקע געזאָגט, אַז איך זאָג די עברי שוין אַ ביסל צו שנעל. פון דע־מאָלט אָן, אַז איך בין געקומען אין בית־המדרש דאַווענען און כ'האָב

געזעץ רבֿ אַרקען, האָב איך זיך געהיט איך זאָל ניט אויסריידן אַ וואָרט אין מיטן דאַוונען. ביסלעכווייז בין איך אָבער געוואָרן באַפריינדעט מיט ר' אַרקען. ער האָט מיר אָנגעהויבן דערציילן לעגענדעס פון אַמאָליקן סטריקאָוו. ער האָט מיר דערציילט אַ מעשה וואָס ער האָט געהערט פון זיין פאָטער, אַז אין סטריקאָוו האָט מיט אַ סך יאָרן צוריק געוואוינט אַ רבי, וואָס האָט געהייסן ר' פישעלע. און אַז דער רבי ר' פישעלע האָט געהאַט אַן אייגענע קו, וועלכע מען האָט גערופן ברכה, דעם נאָמען האָט מען דער קו געגעבן דערפאַר, ווייל אויב עס זענען צום רבין געקומען אַ סך חסידים אויף שבועות, האָט די קו געגעבן אַזוי פיל מילך, וויפיל מען האָט געדאַרפט פאַר אַלע חסידים.

ר' אַרקע האָט מיר אויך דערציילט, אַז אין סטריקאָוו איז געווען אַן אַלטע כישופמאַכערין פאַר וועלכע מען האָט זייער מורא געהאַט, זי זאָל, חלילה, ניט אָנטאָן קיין כישוף. מען האָט געזאָגט, אַז טאָמער האָט די כישופמאַכערין געגעבן אַ בייזן קוק אויף אַ מענטשן, איז ער באַלד קראַנק געוואָרן. האָט מען גערופן די כישופמאַכערין און איר געגעבן אַ פאָר גראָשן און זי האָט געגאָסן וואַקס אונטערן בעט פון קראַנקן, זי האָט געזאָגט אַ שפּרוך און דעם קראַנקן איז באַלד בעסער געוואָרן.

---

מיין מוטער האָט מיר געזאָגט, אַז עס איז פאַר איר צו שווער צו שטיין אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט אין שענק און זי האָט מיך געבעטן, אַז איך זאָל איר אַרויסהעלפן, אַז פון ניין אַזייגער ביז צוועלף ביינאַכט זאָל איך שטיין אין שענק, ווייל אָפט מאָל האָט מען ביינאַכט מער גע־לייזט ווי אַ גאַנצן טאָג. מיין מוטער האָט מיר געוויזן די פאַרשיידענע פרייזן פון בראַנפן און די פרייזן פון די גלעזלעך פון פאַרשיידענער גרויס. דעם בראַנפן האָט מען געמוזט האַלטן אין פעסלעך, ווייל דער אַקציז האָט ניט דערלויבט צו פאַרקויפן בראַנפן פון אַ פלאַש.

אונדזער שענק האָט זיך געפונען ביים שאָסיי, וואָס האָט געפירט צו די פאַבריק־שטעט זגיערזש און לאָדזש. פון דער צווייטער זייט האָט דער שאָסיי געפירט צום שטעטל גלאָוונע און צו דער שטאָט לוויטש. אַ סך דורכפאָרערס האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי אונדזער שענק. איך געדענק אַז איין מאָל, אין זייער אַ פינצטערער נאַכט, זענען אַריינגעקומען אין שענק עטלעכע גויים און האָבן פאַרלאַנגט אַז איך זאָל זיי געבן בראַנפן. איך האָב געפאָדערט, אַז זיי זאָלן מיר באַצאָלן פאַרן בראַנפן פאָרויס, ווייל עס איז געווען אַ געזעץ, אַז אַ שענקער מעג פאָדערן דאָס געלט פאַרן געבן דעם בראָנפן אָדער ביר. זיי האָבן אָנגעהויבן צו שרייען אויף מיר, און האָבן געסטראַשעט אַז אויב איך וועל זיי ניט געבן קיין בראַנפן, וועלן זיי זיך אַליין נעמען אי בראַנפן אי צובייסן און זיי וועלן מיר

אין גאַנצן ניט באַצאָלן. ביי אַ צווייטן טישל זענען געזעסן עטלעכע גויים און זיך צוגעהערט צו דער קריגעריי. זענען זיי צוגעגאַנגען צו די נייאַריינגעקומענע און זיי געזאָגט אַז זיי וועלן זיך אַליין קיין בראנפן ניט נעמען, אַז זיי קומען שוין אַריין אין דער שענק לאַנגע יאָרן, ווען מיין פאָטער האָט נאָך געלעבט. ווען זיי האָבן דערמאָנט מיין פאָטערס נאָמען האָבן זיי זיך איבערגעצלמט און דערביי געריִמט מיין טאַטן אַז ער איז געווען אַ גוטער מענטש. אַז ער איז געווען דער פאָד־ראַבין פון שטאָט.

פון דרויסן, ביי דער טיר פון שענק, איז געשטאַנען ברענקעוויטש. דער איינציקער שטאָט־היטער, וואָס האָט ביינאַכט געהיט די שטאָט פון גנבות און שרפות. אַז ברענקעוויטש האָט געהערט ווי די גויים קריגן זיך מיט מיר, איז ער אַריינגעקומען אין שענק מיט זיין געווער אין האַנט — אַ גראָבן ווייסן שטעקן (דעם ווייסן שטעקן האָט ברענקעוויטש געטראָגן מען זאָל אים דערזען פון דער וויטנס ווען ער גייט אַרום ביינאַכט). ער האָט געהאָלפן איינשטילן די קריגעריי צווישן די גויים. אַז מיין מוטער האָט געהערט די קריגעריי, איז זי אויך אַריינגעקומען אין שענק און האָט געהאָלפן איינשטילן די געסט. די גויים האָבן זיך ענדלעך איבערגעבעטן צווישן זיך, האָבן איינער דעם צווייטן געפונדעוועט בראָנפן און זיי האָבן אויך ניט פאַרגעסן אין ברענקעוויטשן דעם שטאָט־היטער.

## קאַפּיטל 14

# די השכלה פאַרשפּרייט זיך אין שטעטל

איך האָב זיך דערוואוסט, אַז אברהם, דעם חזנס זון, לייענט אויך ביכלעך. אברהם איז געווען עלטער פון מיר. איך פלעג אָפט מאָל אַריינקומען צום חזן. אמרהם און זיין יינגערער ברודער, חיימל, זענען געווען מיינע פריינד. איך האָב געבעטן אברהמען, ער זאָל מיר געבן אַ ביכל צום לייענען. איין מאָל האָט אברהם מיך געפרעגט צי איך וויל זיך לערנען טאַנצן. (ער איז געווען ניט נאָר אַ גוטער זינגער, נאָר האָט אויך גוט געקענט טאַנצן). מיר האָבן באַשטימט אַז שבת נאָכן עסן זאָלן מיר אַוועקגיין אויף אַ לאָנקע הינטער דער שטאָט און דאָרט וועט ער מיך לערנען טאַנצן. מיר האָבן אַזוי געטאַנצט עטלעכע שבתים. איין מאָל, ווען איך בין אַריינגעקומען זונטיק צום רב לערנען, האָט דער רב מיך געפרעגט צי עס איז אמת וואָס מען האָט אים געזאָגט, אַז איך טאַנץ שבת מיט אברהם דעם חזנס זון אויף אַ לאָנקע. איך האָב געענטפערט אַז עס איז אמת און כ'האָב דעם רב געפרעגט, צי מען טאָר ניט טאַנצן. חסידים טאַנצן דאָך שבת און יום־טוב ביים רבין. האָט דער רב געזאָגט אַז טאַנצן מעג מען, נאָר איך האָט געטאַנצט שבת אויף דער לאָנקע און טאַנצנדיק האָב איך מיט די שטיוול צעטראָטן דאָס גראָז און דאָס איז חילול־שבת. און, אַז איך בין נאָך צו יונג צו טאַנצן. איך האָב דעם רב געזאָגט אַז גירסא דינקותא לא משתכה, דאָס וואָס מען לערנט אין דער יוגנט פאַרגעסט מען ניט ווען מען ווערט עלטער. דער רב האָט געשמייכלט און געזאָגט: „פאַר דיר איז ניט שיין צו טאַנצן אויף דער לאָנקע אין שבת." פון דעמאָלט אָן טאַנץ איך טאָקע ניט מער.

איך האָב ניט דורכגעלאָזן קיין איין טאָג, אַז איך זאָל ניט לייענען אַ בוך. און איך האָב זיך אויך אַליין געלערנט שרייבן און לייענען רוסיש און פויליש (כאָטש איך האָב צו פיל צייט ניט געהאַט). צוליב דעם האָבן די עלטערע משכילים אין סטריקאָוו געקוקט אויף מיר ווי אויף אַ זייעריקן. ווען נאָר עס האָט עמעצער פון זיי געהאַט אַ ניי בוך צו לייענען, האָט מען מיר געזאָגט וועגן דעם און מען האָט מיר דאָס בוך געבאָרגט. (עטלעכע פון די משכילים, אַ שטייגער, די ברידער יעקב

און שמואל פּערעל, אברהם ברייטשניידער, אהרן הערשקאָוויטש, איטשע מענדל פרידמאַן, אליעזר שטיינשניידער, האָבן געהערט צו דער „חברה מפיצי השכלה").

שבת נאָכן עסן, ווען איך האָב געהאַט איבערגעחזרט דאָס לערנען פון דער וואָך, בין איך געגאַנגען זיך פאַרהערן צו עמעצן וואָס האָט געקענט גוט לערנען. עס איז געווען אַ מינהג אַז שבת זענען די יינגלעך געגאַנגען זיך לאָזן פאַרהערן צו די יונגעלייט וואָס זענען געווען גוטע לערנערס. איך דערמאָן זיך היינט, ווי אינטערעסאַנט עס איז געווען צו זען, ווי יעדן שבת נאָכן עסן האָבן די גמרא־יינגלעך זיך אַרויס־געלאָזט איבער די סטריקאָווער גאַסן און געגאַנגען זיך לאָזן פאַרהערן פון די לומדים אין שטעטל, יונגעלייט אָדער עלטערע מענטשן. עס האָט אויסגעזען פונקט ווי פּורים, ווען די יינגלעך פלעגן פונאַנדערטראָגן שלח־מנות איבער די סטריקאָווער גאַסן. ביי די יינגלעך איז ניט אַזוי געווען וויכטיק דאָס פאַרהערן, ווי דאָס קריגן שבת־אויבס נאָכן פאַר־הערן: צוקערלעך און טשאָקאָלאַד זומערצייט און לעקעך ווינטערצייט. אויך די, וואָס האָבן פאַרהערט די יינגלעך, זענען געווען צופרידן, ווייל דאָס האָט זיי געגעבן אנערקענונג אַלס למדנים. אַ סך טאַטעס פלעגן מיטגיין מיט די יינגלעך כדי זיך צוצוהערן ווי זייערע קינדער זאָגן דעם שיעור און לויט דעם באַשליסן צי לאָזן דאָס יינגל לערנען ביים זעלבן מלמד דעם קומענדיקן זמן. כאָטש איך האָב געלערנט סיי ביים רב סיי ביי יעקב־יוספן, פלעג איך נאָך אויך גיין זיך פאַרהערן צו יונגעלייט, וואָס האָבן געהאַט אַ שם פאַר לומדים. איין מאָל, שבת, ווען איך האָב געדאַוונט אין רבינס בית־המדרש, איז צוגעקומען צו מיר דעם רבינס זון, ר' רפאל, ווי אויך ר' מאָטל, זיי האָבן מיך גע־פרעגט וואָס איך לערן און זיי האָבן מיך געבעטן, איך זאָל קומען צו זיי אַ שבת און זיי וועלן מיך פאַרהערן. דעם קומענדיקן שבת בין איך געגאַנגען צו ר' רפאלן. ער האָט מיך פאַרהערט די גמרא חולין. נאָכן פאַרהערן האָט ער מיך געפרעגט, צי איך וואָלט געוואָלט ביי אים לערנען. איך האָב געזאָגט אַז יאָ. דעם צווייטן שבת בין איך געגאַנגען זיך פאַרהערן צו ר' מאָטלען. ער האָט מיך פאַרהערט די גמרא בבא בתרא.

אַזוי ווי איך האָב געלערנט ביים רב אַ לענגערע צייט, בין איך באַקאַנט געוואָרן מיט זיינע קינדער. איין מאָל, ווען דער רב איז ניט געווען אין בית־דין־שטוב, איז דעם רבס יינגסטע טאָכטער, יענטעלע, אַריינגעקומען און מיך געפרעגט וואו דער טאַטעשי איז און צי איך וויל טרינקען אַ גלאָז טיי (איך פלעג אַלע מאָל טרינקען טיי צוזאַמען מיטן רב). איך האָב איר געזאָגט אַז יאָ. ווען יענטעלע האָט די טיי

אַוועקגעשטעלט אויפן טיש, האָב איך באַמערקט ווי זי האָט בכיוון זיך אַריבערגעבויגן איבער מיר זי זאָל קענען אָנרירן מיין האַנט. דאָס אָנרירן מיין האַנט און דאָס קוקן מיר מיט אַ שמייכל אין פּנים אַריין האָט אויפגעציטערט מיין קערפּער, ווייל דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס אַ מיידל האָט אָנגערירט מיין האַנט און האָט צו מיר געשמייכלט און יענטעלע איז געווען זייער אַ שיינע, אפשר דאָס שענסטע מיידל אין סטריקאָוו. זי האָט געזאָגט צו מיר: אברהם פּנחס, מען האָט מיר געזאָגט אַז דו לייענסט מעשה־ביכלעך. בעט איך דיך, באָרג מיר אַ מעשה־ביכל. איך האָב איר געפרעגט, ווער ס'האָט איר געזאָגט אַז איך לייען מעשה־ביכלעך. איך האָב איר צוגעזאָגט, אַז איך וועל איר ברענגען ביכלעך מיטן תנאי, זי זאָל קיינעם נישט אויסזאָגן, ספּעציעל נישט יעטען און לייטשען, מיין פעטער אברהמס טעכטער (זיי וואוינען איצט ביידע אין ניו יאָרק), און זי האָט מיר דאָס צוגעזאָגט. דאָס ביכל פלעג איך אַריינלייגן אין מיין תפילין־זעקל און ווען דער רב איז געווען ביים דאַווענען פלעג איך איר דאָס געבן. איין מאָל האָט מיר יענטעלע געזאָגט, אַז איך זאָל איר מער נית ברענגען קיין ביכער צום לייענען, ווייל מיינע געשוועסטער־קינדער, יעטע און לייטשע ,באָרגן איר ביכער און אַז די צוויי מיידלעך האָבן איר געפרעגט צי זי נעמט פון מיר ביכלעך, ווייל זיי ווייסן גאַנץ גוט אַז איך לייען ביכער. זי האָט זיי געענטפערט אַז זי באָרגט נית ביי מיר קיין ביכלעך. איך בין דערפון געווען זייער צופרידן, ווייל כ'האָב נישט געוואָלט, אַז מיין פעטער אברהם זאָל וועגן דעם זיך דערוויסן. יענטעלע האָט זיך אויך געלערנט לייענען און שרייבן פּויליש, רוסיש און דייטש. מיט דער צייט איז זי געוואָרן אַ זייער אינטעליגענט מיידל. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען איך בין געווען דער סעקרעטאַר און קאַסירער פון סטריקאָווער רעליף, האָט זי געשריבן בריוו צו מיר, אַז מען זאָל איר שיקן הילף. מען האָט איר באַלד געשיקט הילף און זי האָט דערפאַר זייער באַדאַנקט. פון דעמאָלט אָן האָב איך פון איר נית געהערט. ווער ווייס צי זי איז נית אומגעקומען צוזאַמען מיט די זעקס מיליאָן יידן־קדושים.

ביים סטריקאָווער רב האָב איך געלערנט דריי זמנים. דעם לעצטן זמן האָב איך געלערנט בשר וחלב און דעם יורה־דעה. די בית־מדרש בחורים, וואָס זענען געווען אייפערזיכטיק אויף מיר ווייל איך האָב געלערנט ביים רב, פלעגן מיך קיבעצן אַז דער רב לערנט מיט מיר בשר בחלב און דעם יורה־דעה, כדי איך זאָל קענען ווערן אַ רב און ווערן יענטעלעס חתן.

די צווייטע שטוב וואו איך בין אַריינגעקומען לערנען איז געווען ביי

יעקב־יוספן, ר׳ לייביש מאַקאָווערס איידעם. ער האָט געהאַנדלט מיט אויסלענדישע לאָטעריע־צעטלעך, וועלכע ער האָט פאַרקויפט בשתיקה, ווייל ס׳איז ניט דערלויבט געווען צו פאַרקויפן אויסלענדישע צעטלען. ער האָט אויך פאַרקויפט פוילישע רעגירונגס־צעטלען וואָס זענען אַרויס־געגאַנגען אין וואַרשע, אָבער קיין פרנסה דערפון האָט ער ניט געהאַט; קיין גרויסע געווינסן זענען קיין מאָל ביי אים ניט אַרויס.

לייבוש מאַקאָווערס ווייב האָט געהאַט אַ בשמים־געוועלב. ווען זי איז געשטאָרבן, האָט זייער איינציקע טאָכטער, יעקב־יוספס ווייב, איי־בערגענומען דאָס געוועלב. אַחוץ דעם האָט זי אויך געהאַנדלט מיט גאַלאַנטעריע־סחורה. די פרנסה־געבערין איז טאַקע געווען יעקב־יוספס ווייב. זיי האָבן געהאַט צוויי טעכטער, רבקה און חוה.ביידע טעכטער זענען געווען זייער שיינע. די עלטערע, רבקה איז געווען אַ נידעריקע און אַ דיקלעכע. זי איז געווען זייער אַ פעאיקע, האָט גערעדט און גע־שריבן פויליש, רוסיש און אַ ביסל לשון־קודש און האָט אויך געקענט אַ ביסל שרייבן און רעדן דייטש. ווען זי איז עלטער געוואָרן, האָט זי געהאַנדלט מיט גאַלאַנטעריע־סחורה און אויך מיט פאַטשיילעס פאַר פרויען. מען האָט געזאָגט אין שטאָט, אַז רבקה פאַרדינט מער פון איר גאַלאַנטעריע־סחורה אין איין יאַריד־טאָג, ווי איר מוטער האָט פאַרדינט אַ גאַנצע וואָך אין איר בשמים־געוועלב, ווייל רבקהלע האָט מיט איר רעדן פשוט פאַרכישופט דעם קונה. אַז אַ גויע איז נאָר צוגעגאַנגען צו איר טישל אויפן יאַריד, איז זי ניט אַוועק ביז זי האָט עפּעס געקויפט. איין מאָל, ווען איך בין געקומען לערנען אין דער פרי און איר פאָטער איז ניט געווען אין דער היים, איז רבקהלע אַריינגעקומען אין דער שטוב וואו איך בין געזעסן און האָט מיך געפרעגט, צי איך לערן זיך שרייבן פויליש אָדער רוסיש. איך האָב איר געענטפערט, אַז איך לערן זיך פון אַ יידיש ביכל. האָט זי געזאָגט, אַז פון אַ ביכל קען מען זיך ווייניק אויסלערנען און אויב איך וויל, וועט זי מיך לערנען שרייבן און לייענען. איך האָב זיך געוואָקלט, ווייל כ׳האָב מורא געהאַט, אַז איר פאָטער קען זיך נאָך דערוויסן. האָט זי מיר געזאָגט: „דו מיינסט אַז איך וויים ניט, אַז דו לייענסט ביכער און דו ביסט ניט אַזוי פרום ווי דו מאַכסט זיך? איך לייען אויך ביכלעך און איך בין אויך ניט קיין פאַ־נאַטישע און כ׳האָב ניט קיין מורא פאַר מיין פאָטער". זי האָט מיר געהייסן ברענגען גרויסע געגנדזענע פעדערן, וועט זי מאַכן פון זיי פעדערס צו שרייבן און איך זאָל אויך ברענגען געווירעט פּאַפּיר. טינט האָט זי. כ׳זאָל מאָרגן קומען פריער ווי געווינטלעך, וועט זי מיט מיר אָנהויבן לערנען.

איין מאָל, ווען רבקהלע האָט מיר געגעבן אַ לעקציע, האָב איך

באַמערקט אַז זי פֿאַרמאַכט די טיר וואו מיר זענען געווען און זי האָט פּלוצלינג אַ זאָג געטאָן צו מיר: „אברהם פּנחס, דו ביסט אַ שיינער", און האָט מיך מכבד געווען מיט אַ קוש. דעם ערשטן מיידלשן קוש וואָס איך האָב געקראָגן. איך האָב איר געפֿרעגט ווי קען זי דאָס טאָן אַזאַ זאַך און ווי קומט דאָס צו איר, אַ חסידישע טאָכטער, זאָל קושן אַ בחור. האָט זי מיר געענטפֿערט: „איך בין טאַקע אַ חסידישע טאָכטער, אָבער איך בין ניט קיין פֿרומע" און זי האָט מיר צוגעגעבן מוט: „שעם זיך ניט, גיב מיר אַ שטאַרקן קוש", אָבער זי האָט נישט געוואַרט, האָט מיך צו־ געדריקט צו זיך און האָט מיך ווייטער געקושט — און איז אַרויסגעלאָפֿן פֿון שטוב. באַלד ווי רבקהלע איז אַרויסגעגאַנגען, האָב איך אין איי־ לעניש אַרונטערגענומען אירע בלאָנדע האָר וואָס זענען געבליבן קלעפּן אויף מיין פּאַלטן און אויף דער גמרא וואָס איז געלעגן אויף דעם טיש, אַז איר פֿאָטער זאָל זיי חלילה אַ מאָל נישט דערזען. ווען איך בין נאָכן לערנען אַהיימגעגאַנגען, האָב איך איבערגעטראַכט וועגן דעם, וואָס עס איז פֿאָרגעקומען צווישן מיר און רבקהלען. איך האָב זיך געטראַכט: וואָס וואָלט איך געטאָן, ווען איר פֿאָטער וואָלט אַריינגעע־ קומען אין שטוב גראָד דעמאָלט, ווען מיר האָבן זיך געקושט? ער וואָלט זיכער מיט מיר מער ניט געוואָלט לערנען. פֿאַר דעם, אַז ער זאָל וועמען אין שטאָט דערציילן, האָב איך נישט קיין מורא געהאַט. ער וועט דאָך ניט וועלן פֿאַרשעמען זיין אייגענע טאָכטער. און איך האָב ביי זיך באַשלאָסן אַז נעמען אַ לעקציע ביי רבקהלען וועל איך ווייטער, אָבער אַ לעקציע אין קושן זיך וועל איך מער ניט נעמען!

ווען איך בין דעם צווייטן טאָג געקומען לערנען האָט מיך רבקהלע אויפֿגענומען מיט אַ ברייטן שמייכל. זי האָט מיר ווייטער געגעבן אַ לעק־ ציע. אַזוי זענען אַוועק אַ פּאָר טעג און איך האָב שוין אָנגעהויבן לייענען רוסיש. האָט רבקהלע צו מיר געזאָגט: „זעסט דו, קענסט שוין באַלד גוט לייענען רוסיש, און מיר קענען זיך אויך געבן קושן." האָב איך צו רבקהלען געזאָגט, אַז מיר וועלן מוזן אויפֿהערן זיך קושן ווייל אירע עלטערן קענען זיך נאָך דערוויסן דערפֿון. אָבער זי האָט נישט געלייגט קיין אַכט, זי האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן מיר און ביים לערנען מיך שרייבן האָט זי מיר געמאַכט קאָמפּלימענטן אַז איך בין זייער אַ שיינער, אַז זי וואָלט וועלן מיך האָבן פֿאַר אַ חתן. איך האָב איר געענטפֿערט, אַז איך בין דאָך צו יונג פֿאַר איר. האָט זי געזאָגט אַז זי וועט וואַרטן אויף מיר ביז איך וועל עלטער ווערן. פֿון דעמאָלט אָן האָב איך גענומען אַלץ ווייניקער לעקציעס ביי רבקהלען און זי האָט אויך אויפֿגעהערט מיר געבן לעקציעס און קושן זיך.

איין מאָל, ווען איך בין אַריינגעקומען לערנען, האָט רבקהלע מיך

געפרעגט פאַרוואָס איך קום מער ניט אַ ביסל פריער אַז זי זאָל מיר געבן אַ לעקציע. האָב איך איר געענטפערט אַז איך בין זייער פאַרנו־מען אין דער שענק און אַז איך לערן זיך אַליין פון אַ ביכל ביינאַכט, ווען איך זיץ אין דער שענק. דעם אמת געזאָגט, איז איינע פון די סיבות פאַר וואָס איך האָב נישט געוואָלט דעם פלירט מיט רבקהלען איז געווען, אַז חוהלע, רבקהלעס יינגערע שוועסטער, זאָל זיך נישט דערוויסן אַז איך קוש זיך מיט איר עלטערער שוועסטער. זי וואָלט דען נישט דערציילט אירע עלטערן און אירע חברטעס? חוהלע איז אגב געווען אַ סך שענער און העכער פון רבקהלען. ניט איין מאָל, ווען איך בין אַריינגעקומען אין דער פרי צו זיי, האָט חוהלע פילדייטיק געשמייכלט און איך האָב מורא געהאַט, אַז זי ווייסט וואָס עס קומט פאַר צווישן מיר און איר שוועסטער. איך האָב זיך אַריינגעטראַכט אין דעם און כ׳האָב ביי זיך באַשלאָסן, אַז איך מוז אויפהערן צו לערנען ביי יעקב־יוספן וואָס וואָלט מיין מוטער געזאָגט, ווען זי וואָלט זיך דערפון דערוואוסט? זי וואָלט דאָך מיך אַרויסגעטריבן פון הויז, אָדער זי וואָלט מיך אַוועקגעגעבן צו אַ שניידער אויף דער לער. אין בית המדרש וואָלט איך זיך געשעמט פאַר מיינע חברים מיט וועלכע איך האָב געלערנט צוזאַמען, ווען זיי דערוויסן זיך פון אַזאַ מעשה.

האָב איך באַשלאָסן אַז איך זאָל אויפהערן צו לערנען ביי יעקב־יוספן און כ׳זאָל לערנען בלויז אין בית־המדרש. איך וועל האָבן מער צייט צו לייענען אַ בוך, לערנען זיך שרייבן און כ׳וועל קענען מער אַרויס־העלפן מיין מוטער אין שענק. ווען מיין מוטער האָט מיך געפרעגט פאַר־וואָס איך האָב אויפגעהערט לערנען ביי יעקב־יוספן האָב איך איר געזאָגט, אַז איך דאַרף אים שוין נישט, אַז איך לערן שוין פאַר זיך אַליין אין בית־המדרש. אַזוי האָב איך זיך אַרויסגעדרייט פון דעם פלאָנ־טער, וואָס איך האָב זיך געהאַט אַריינגעפּלאָנטערט אין עלטער פון פופצן יאָר.

אין דער זעלבער צייט בין איך און מיין פריינד אברהם־אַלטער יאנא געוואָרן אַלץ מער אַקטיוו ביים פאַרשפּרייטן די השכלה־ביכלעך. איך האָב אָנגערעדט בעריש, ר׳ רפאלס זון און אַן אייניקל פון סטריקאָווער רבין, ער זאָל ביי מיר נעמען אַ ביכל צום לייענען. ער איז דערפון געווען זייער צופרידן. בעריש האָט געקענט גוט לייענען און שרייבן לשון־קודש. איך האָב אים געגעבן אַ ביכל מיט מאַפּוס שריפטן. איך געדענק שוין איצט ניט דעם נאָמען פון ביכל. אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָב איך אָנגע־רעדט ר׳ רפאלס עלטערן זון, אברהם, אַז אויך ער זאָל נעמען ביי מיר ביכלעך צום לייענען און אויך ער האָט מסכים געווען. אַזוי איז די השכלה אַריינגעדרונגען אפילו אין רבינס הויף.

מען האָט מיר דערציילט, אַז איין מאָל ווען די חסידישע יונגעלייט, אַלע איידעמלעך אויף קעסט, האָבן געדאַווענט אין בית־המדרש ביים לעצטן מנין, האָט בערל שלמה זאַנוולס, דעם מעל־סוחרס איידעם, געפרעגט יעקב־יצחקן, שמואל אייזענהענדלערס איידעם: האָסט דו געהערט וואָס מען רעדט אין שטאָט, אַז אַ סך בית־המדרש־בחורים און יונגעלייט און אַפילו חסידישע טעכטער לייענען ספרים חיצונים, רחמנא־לצלן?״ ער האָט אויסגערעכנט אַ טייל נעמען: די ברידער יעקב און שמואל פערעל, אהרן הערשקאָוויטש, לייביש מאַקאָווערס איידיקלעך, יעקב־יוספס טעכטער, דעם רבס יינגסטע טאָכטער, יענטל, אברהם אַלטער, מרדכי הערשס איינקל, שמואל ברייטשניידער און זיין פאָטער אברהם ברייטשניידער. מען זאָגט אַז אברהם־פנחס פערעלעס לייענט אויך ביכלעך (דאָס האָבן זיי געמיינט מיך), און דאָס לאָזט זיך גאָרניט גלויבן: ער לערנט דאָך ביים רב און ער האָט געלערנט ביי יעקב־יוספן, ער קען דאָך גוט לערנען, ער זאָל אויך לייענען ספרים חיצונים? איינער האָט געפרעגט: צי ווייסט דער רב, אַז אברהם פנחס לייענט ספרים חיצונים. אַ צווייטער האָט באַמערקט, אַז מען דאַרף האַלטן בסוד, אַז יענטעלע לייענט אויך ביכלעך, כדי מען זאָל דעם רב נישט מצער זיין, טאָמער איז דאָס ניט וואָר? — מאַלע וואָס מענטשן זאָגן! מען זאָגט דאָך אויך אַז אַפילו אברהם מאָרגענשטערנס טעכטער לייענען ביכלעך!

נאָך דעם איז דער שמועס איבערגעגאַנגען אויף עמך: מען זאָגט אויך אַז די געזעלן גייען שפּאַצירן מיט די דינסטמיידלעך ביינאַכט הינטער דער שטאָט און זיי זינגען לידער. און שבת נאָכן עסן רופן די שניידער־ און שוסטער־געזעלן אַרויס די דינסטמיידלעך פון די הייזער און גייען מיט זיי אין פאַרשיידענע שטובן צו טאַנצן און זינגען. מען האָט איין מאָל אַריינגעקוקט דורך אַ פענצטער, האָט מען געזען ווי די בחורים מיט די מיידלעך האָבן געטאַנצט. נו, קען מען צולאָזן צו דעם, אַז אין אונדזער שטאָט זאָל אַזעלכעס פּאַסירן? — און ווער איז שולדיק אין דעם? — נאָר די טריפה־פּסולע ביכלעך וואָס מען גיט זיי צום לייענען! — מען האָט דערציילט אַז דעם פאָריקן שבת איז דער פרומער אַרקע און שמואלטשע שמש געגאַנגען אין אַזאַ שטוב וואו בחורים מיט מיידלעך האָבן געטאַנצט, כדי זיי פונאַנדערצוטרייבן. אַז זיי זענען אַריינגעקומען אין דער שטוב האָט שמואלטשע שמש דאָרט געטראָפן טאַנצן זיין אייגענעם זון. שמואלטשעס זון איז באַלד אַרויסגעלאָפן פון שטוב, אָבער די אַנדערע געזעלן מיט די מיידלעך האָבן ווייטער געטאַנצט און האָבן פּשוט געוואָלט אַרויסטרייבן ר׳ אַרקען פון שטוב מיט אַ בעזים. מען זאָגט אַפילו, אַז ר׳ אַרקע האָט דאָס אַלץ דערציילט דעם רב. האָט דער רב געזאָגט, אַז מען קען גאָר ניט טאָן

קעגן דעם וואָס זיי טאַנצן אין די הייזער, אַזוי לאַנג ווי זיי טוען ניט קיין שלעכטס.

איינער פון די יונגעלייט האָט זיך אָנגערופן: הערט מיך אויס וואָס איך וועל אייך זאָגן. מיר מוזן זען אַז אין שטאָט זאָלן ניט אַריינקומען קיין טריפה־פסולע ביכער. און מיר מוזן אויך זען אַז יונגען מיט מוידן זאָלן ניט טאַנצן צוזאַמען. און ווי נאָר מען וועט זען אַז איינער לייענט אַ טריפה־פסול ביכל, זאָל מען דאָס ביכל ביי אים צונעמען און באַלד צערייסן. און יעדן שבת נאָכן עסן זאָלן מיר אַרויסגיין איבער דער שטאָט און ווי נאָר מיר וועלן זיך דערוויסן אַז אין אַ שטוב טאַנצן יונגען מיט מוידן, זאָלן מיר אַריין אין דער שטוב און זיי ניט לאָזן טאַנצן. אָבער די רעשט יונגעלייטלעך האָבן ווייניק געהאַלטן פון דעם פּלאַן. זיי האָבן פשוט מורא געהאַט צו טשעפּען מיט די „יונגען און מיידן".

אין אַ פּאָר טעג אַרום, ווען איך בין אַריינגעקומען צום רב לערנען, האָט דער רב מיך געפרעגט, צי ס'איז אמת וואָס מען זאָגט, אַז איך לייען ביכלעך, אַז ער וואָלט קיין מאָל ניט געגלויבט אַז איך לייען לשון־קודשע צייטונגען און טריפה־פסולע ביכער. איך האָב געענטפערט, אַז ס'איז וואָר, איך לייען די „הצפירה" אָבער מה רעש, וואָס מאַכט מען אַזאַ טומל דערפון? פאַר וואָס טאָר מען נישט לייענען אַ בלאַט און וויסן די נייעס וואָס קומט פאָר אויף דער וועלט? — דער רב האָט מיר געזאָגט: „אברהם פנחס, הער מיך אויס: ס'איז אַ טומל אין שטאָט. ניט נאָר וועגן דיר, נאָר אויך וועגן אַ סך אַנדערע וואָס לייענען ספרים חיצונים. מען זאָגט אַפילו אַז עס טוען זיך אָפּ ערגערע זאַכן ווי לייענען ביכער. פאָלג מיך און פאָר אַוועק פון סטריקאָוו. פאָר לערנען אין אַ צווייטער שטאָט. איך עצה דיר זאָלסט פאָרן קיין זגיערזש. עס איז ניט וווּיט פון דער היים. איך וועל דיר מיטגעבן אַ בריוו צום זגיערזשער רב, אַז ער זאָל מיט דיר לערנען און ער וועט שוין זען, אַז דו זאָלסט האָבן וואו צו עסן טעג ביי די בעלי־בתים." איך בין אַהיימגעקומען און דאָס דערציילט מיין מאַמען, האָט זי געזאָגט צו מיר: „דו מיינסט אוודאי אַז איך ווייס נישט אַז דו לייענסט ביכער און די צייטונג „הצפירה"?

— און זי האָט מיר געזאָגט, אַז איך זאָל טאַקע אַזוי טאָן ווי דער רב הייסט מיך. נאָר אויף אַ יאָריד זאָל איך אַהיימקומען איר צוהעלפן אין שענק. „אָבער איך זאָג דיר", האָט זי צוגעגעבן, „אַז דו זאָלסט אין זגיערזש ניט טאָן דאָס זעלבע וואָס דו האָסט דאָ געטאָן".

## קאַפּיטל 15

# אין ישיבות אין דער פרעמד

איך האָב מיר אַליין געמאַכט אַ קליין קעסטל און צוגעמאַכט אַ שלאָס צו פאַרשליסן, מען זאָל חלילה ניט אַרויסנעמען מיין פאַרמעגן, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ פּאָר תּפילין, אַ סידורל, אַן אַרבע־כּנפות, אַ גאַרטל (די גאַרטל איז געווען אַ האַלב זיידענע, כ׳האָב זי געקראָגן אַ מתּנה פון מיין פעטער אברהם, ווען איך האָב אָנגעהויבן צו לייגן תּפילין) און אַ ביסל וועש — ווי העמדער, זאָקן. אָבער איך האָב אויך ניט פאַרגעסן מיטצו־נעמען אַ ביכל. ווען איך בין געקומען קיין זגיערזש בין איך מיט דעם קעסטל אַריינגעגאַנגען צו מיין מוטערס געשוועסטערקינד, פראַשקער. באַלד נאָך דעם בין איך אַוועקגעגאַנגען צום זגיערזשער רב און אים איבערגעגעבן דעם סטריקאָווער רבס בריוו. דער זגיערזשער רב האָט איבערגעלייענט דעם בריוו און אַזוי לייענענדיק האָט ער מיך אָנגעקוקט. נאָך דעם האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער וועט מיט מיר לערנען, און ער האָט מיך געהייסן גיין אין בית־המדרש צו מנחה־מעריב. ער וועט דאָרטן רעדן מיט עטלעכע בעלי־הבתּים וועגן געבן מיר טעג צו עסן. אַזוי איז עס געווען: דער רב האָט געקראָגן פאַר מיר אַלע טעג צו עסן. ביי איין רייכן וואַל־סוחר, וואָלף סאַניק, וועלכער האָט זייער גוט גע־קענט מיין מוטער און מיין פאַרשטאָרבענעם פאָטער, האָב איך געקראָגן צוויי טעג צו עסן. שבת, האָט מיר דער רב געזאָגט, וועל איך עסן ביי אים.

צומאָרגנס בין איך שוין געגאַנגען עסן דעם ערשטן אָנבייסן צו אַ בעל־הבית וועלכן דער רב האָט מיר אָנגעוויזן. כ׳האָב אים רעכט נישט געקענט. גייענדיק אַזוי, האָב איך ביי זיך געטראַכט: מיט וואָס בין איך בעסער פון אַ שנאָרער וואָס איז אַריינגעקומען צו אונדז אין שענק, מען זאָל אים געבן אַ ביסל עסן? — פון איצט אָן בין איך אַליין אַ נע־ונדניק אין דער פרעמד. אַז איך בין אַריינגעקומען אין שטוב האָב איך געגעבן אַ קוש די מזוזה און האָב געזאָגט „גוט מאָרגן". עס איז מיר אַנטקעגן געקומען אַ שיינע, הויכע, יונגע פרוי און האָט מיר גע־ענטפערט מיט אַ שמייכל „גוט יאָר", און האָט מיך געפרעגט: „דו

ביסט דאָס דער בחור וואָס דאַרף ביי מיר עסן צוויי טעג אין וואָך?" איך האָב איר געענטפערט שעמעוודיק אַז יאָ. די פרוי האָט מיך גע־פרעגט ווי איך הייס, איך האָב געזאָגט מיין נאָמען און זי האָט פאַר־ענדיקט: „שעם זיך ניט, אברהם פנחס, איך וועל דיר געבן עסן פון כל־טוב". אַזוי רעדנדיק איז אַריינגעקומען איר מאַן, וועלכער איז געווען פיל נידעריקער פון איר, ער האָט געטראָגן אַ געשוירענע שוואַר־צע באָרד, וועלכע האָט אויסגעזען אַ ביסל צו גרויס אויף זיין קליין און איינגעדאַרט פנים. דער מאַן האָט מיר געגעבן שלום און האָט מיר געזאָגט, אַז ער קען מיין מוטער און האָט אויך געקענט מיין פאַר־שטאָרבענעם פאָטער און אַז ער קען מיינע פעטערס און מומעס.

דער ערשטער אָנבייסן וואָס די פרוי סאָניק האָט פאַר מיר אַרויפ־געשטעלט אויפן טיש וואָלט געקענט זיין גענוג פאַר דריי מענטשן. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש און האָט מיך כסדר געמונטערט: „אברהם פנחס, שעם זיך ניט, אַז דו וועסט עסן וועסט דו קענען לער־נען". ווען איך בין אַוועקגעגאַנגען האָט זי מיר אָנגעזאָגט אַז איך זאָל ניט פאַרגעסן צו קומען אויף מיטאָג. ווען איך בין אַריינגעגאַנגען צום רב לערנען, האָט ער מיך פאָרגעשטעלט פאַר די פיר בחורים וואָס האָבן ביי אים געלערנט און ער האָט זיי פאָרגעשטעלט פאַר מיר. דער רב איז געווען העכער פון מיטעלן וואוקס און זייער אַ דאַרער. די בחורים האָבן מיר דערציילט, אַז דער רב האָט געפאַסט פערביק טעג. ער האָט געהאַט אַ שם פאַר אַ גרויסן למדן. מיר האָבן געלערנט ביי אים די גמרא חולין. נאָך דעם ווי איך האָב זיך באַקענט נענטער מיט די בחורים, האָט איינער פון זיי, געצל, מיר אָנפאַרטרויט אַז ער לייענט די צייטונג „הצפירה" און לייענט אויך לשון־קודשע און יידישע ביכער. אָבער ער האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז איך מוז דאָס האַלטן בסוד. איך האָב אים געזאָגט, אַז אויך איך לייען די „הצפירה" און ביכער. ער האָט מיר דערציילט אַז אין בית־המדרש זענען פאַראַן נאָך עטלעכע אַזעלכע בחורים. ווען איך האָב זיך באַקענט מיט זיי, האָב איך אויסגעפונען אַז אַנטקעגן זייער פרומקייט בין איך אַ צדיק. עטלעכע האָבן שוין געררויכערט אום שבת. אין זגיערזש זענען בכלל געווען פופצן ישיבה־בחורים וואָס האָבן געלערנט אין בית־המדרש און ביי יונגעלייט אויף קעסט. אָבער אַ היפש ביסל פון די ישיבה־בחורים זענען ניט גע־ווען קיין פרומע. צו יענער צייט האָבן אָרעמע פאַמיליעס, וואָס האָבן געוואָלט האָבן מיט איין עסער ווייניקער אין שטוב, אַוועקגעשיקט זייערע זין אין דער פרעמד לערנען.

ווען איך בין געקומען עסן מיטאָג צו דער פאַמיליע סאָניק, האָב איך ווייטער באַקומען פיינע מאכלים און די פרוי סאָניק האָט מיך ווייטער

געמונטערט איך זאָל עסן וואָס מער. נאָכן עסן האָט זי מיר געזאָגט איך זאָל נאָך אַביסל פאַרבלייבן און זי האָט מיך געפרעגט צי איך לייען ביכער. איך האָב איר געזאָגט אַז ניין, האָט זי מיר דערציילט, אַז זי לייענט יאָ ביכער, יידישע, פוילישע און דייטשישע. זי האָט מיך צוגערעדט איך זאָל ביי איר נעמען ביכער צום לייענען און אַז איך קען לייענען ביי איר אין הויז. — עס איז זייער גוט צו קענען לערנען, — האָט זי געזאָגט, — אָבער מען דאַרף ניט זיין קיין פאַנאַטיקער און אויך לייענען ביכער און צייטונגען און וויסן וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. — זי האָט מיך אַריינגערופן אין אַ צווייט צימער וואו עס איז געשטאַנען אַ שאַנק מיט ביכער און זי האָט מיר געגעבן אַ ביכל צום לייענען. נאָכן איבערלייענען דאָס ערשטע זייטל, האָט זי צו מיר געזאָגט: — ווי איך זע, פאַרשטייסטו גוט וואָס דו לייענסט און דאָס איז ניט דאָס ערשטע בלעטל פון אַ ביכל וואָס דו לייענסט, דו דאַרפסט זיך ניט היטן פאַר מיר אַז דו לייענסט ביכער. ווען דו וועסט נאָר וועלן אַ בוך, זאָלסטו מיר זאָגן, וועל איך דיר געבן.

די וועטשערע איז ווידער אַ מאָל געווען אַ מלכותדיקע. נאָכן עסן האָב איך פאַרטרויט פאַר פרוי סאָניק אַז איך לייען טאַקע ביכער, אַז איך בין ניט קיין פאַנאַטיקער און איך האָב איר דערציילט די גאַנצע געשיכטע פאַר וואָס איך בין אַוועק פון סטריקאָוו. איך האָב איר אָפּגעשילדערט וואָס איך האָב געפילט און געטראַכט, ווען איך בין נעכטן אין דער פרי געגאַנגען צום ערשטן מאָל עסן אין אַ פרעמד הויז. זי האָט מיך געטרייסט אַז איך זאָל ניט זיין פאַרצווייפלט, ווייל זי באַטראַכט מיך ניט ווי קיין אורח, אַז זי קען די אַלע מענטשן ביי וועמען איך וועל עסן, זיי זענען פאַרמעגלעכע און זי איז זיכער, אַז די פרויען וועלן מיך גוט באַהאַנדלען.

ווען איך בין געקומען די צווייטע וואָך עסן צו פרוי סאָניק, האָט זי מיר געבאָרגט 5 רובל, איך זאָל האָבן אַ ביסל קעשענע־געלט אויף קליינע הוצאות.

ווען איך בין געגאַנגען עסן צום צווייטן בעל־הבית, האָב איך אויך אויפן וועג געטראַכט וועגן מיין טרויעריקן מצב, אָבער שוין נישט מיט אַזוי פיל ביטערקייט ווי דאָס ערשטע מאָל. איך בין אַריינגעקומען אין דער נייער שטוב. עס איז מיר אַנטקעגנגעקומען אַ הויכע, שיינע און שיין־געקליידעטע פרוי. איך האָב איר געזאָגט ווער איך בין, האָט זי מיר אָנגעוויזן וואו עס שטייט דאָס וואַסער צום וואַשן און האָט מיר געזאָגט אַז איך זאָל זיך זעצן צום טיש, וואו עס איז שוין געווען אָנגעשטעלט פון כל־טוב. באַלד זענען אַריינגעקומען צוויי מיידלעך און זיי האָבן זיך אויך אַוועקגעזעצט עסן. די צוויי מיידלעך האָבן זיך געלערנט

אין דער זגיערזשער גימנאַזיע. נאָך אַ צייט עסן אין דער דאָזיקער שטוב האָב איך זיך מער באַקענט מיט די מיידלעך און אויסגעפונען אַז אויך זיי לייענען ביכער און זענען ניט פרום.

שבתים האָב איך געגעסן ביים רב. איך וועל קיין מאָל ניט פאַרגעסן דעם עונג־שבת וואָס איך האָב דאָרט געהאַט. אין מיטן עסן פלעגן אַריינקומען צום רב חסידישע יונגעלייט און בעלי־הבתים. זיי פלעגן מיטברענגען וויין, מען האָט געטרונקען און געטאַנצט אַ ריקודל. ניט איין מאָל האָבן מיך די בית־המדרש־בחורים מקנא געווען פאַר די פריילעכע שבתים ביים רב. שבת נאָכן עסן בין איך אַוועקגעגאַנגען צו אַ באַקאַנטן, וואו מיר האָבן — איך, געצל און נאָך עטלעכע ישיבה־בחורים — געלייענט צייטונגען און ביכער אַז קיינער זאָל ניט וויסן.

נאָכן לערנען אין בית־המדרש פלעגן מיר, ישיבה־בחורים, גיין שפּאַצירן. איך בין שטענדיק געגאַנגען מיט די בחורים וואָס האָבן געלייענט ביכער און די „הצפירה", מיר פלעגן געוויינטלעך אַרומריידן די אַרטיקלען וואָס זענען דאָרט געווען געדרוקט. צום בעסטן באַהאַוונט אין וועלטלעכע פראַגן איז געווען געצל. מיר האָבן אים גערופן „דער היכער געצל". ער איז געקומען פון אַ קליין שטעטל אין פּיעטריקאָווער גובערניע. מיט געצלען בין איך געווען מער באַפריינדעט ווי מיט די אַנדערע בית־המדרש־בחורים. ער האָט געקענט בעסער שרייבן און לייענען לשון־קודש ווי איך, ער האָט מיך צוגעלערנט אַ ביסל לשון־קודש. און מיר האָבן זיך פאַרטרויט איינער דעם אַנדערן מיט אונדזערע איבערלעבונגען.

אין טאָג פון תענית שבעה־עשר־בתמוז בין איך מיט געצלען געגאַנגען הינטער דער שטאָט. מיר האָבן געקויפט אין אַ קריסטלעך געוועלב ברויט, פּוטער און קעז. ער האָט אויך געוואָלט קויפן וואורשט, אָבער איך האָב אים ניט געלאָזט. מיר האָבן דאָס עסן גוט איינגעפּאַקט און מיר זענען אַוועק אויף אַ לאָנקע און זיך אַוועקגעזעצט עסן. אָבער ווי דערשטוינט זענען מיר געוואָרן ווען מיר האָבן פון דער ווייטנס געזען נאָך ישיבה־בחורים וואָס האָבן געלערנט ביים רב, אָפּהאַלטנדיק די זעלבע שבעה־עשר־בתמוזדיקע סעודה. מיר האָבן זיך דעמאָלט צוזאַמענגערעדט אַז מען זאָל קיינעם וועגן דעם נישט דערציילן, און יעדער פון אונדז האָט טאַקע געהאַלטן וואָרט.

עטלעכע טעג פאַר תשעה־באָב האָבן מיר, די בחורים וואָס האָבן שבעה־עשר־בתמוז געגעסן אויף דער לאָנקע, זיך אָפּגעשמועסט, אַז מיר זאָלן אויך תשעה־באב פאַרברענגען הינטער דער שטאָט און דאָרט מאַכן אַ סעודה. תשעה־באָב אין דער פרי, באַלד נאָכן אָפּזאָגן די קינות, זענען מיר אַוועקגעגאַנגען אויפן אַלעקסאַנדערער וועג. מיר האָבן מיטגענומען

געגנוג עסן, כדי מיר זאָלן, חלילה, ניט פאַרהונגערט ווערן, און מיר זענען אַוועק צום וואַסער, וואו עס זענען געשטאַנען שיפלעך זיך אַריבערצושיפן צום צווייטן ברעג. פאַרנדיק איבערן וואַסער, האָבן מיר פלוצלינג דערזען פון דער ווייטנס ווי עס קומען אָן עטלעכע מענטשן. מיר האָבן זיך גיך צוגעשיפט צו קוסטעס, האָבן זיך אונטער זיי באַהאַלטן און האָבן זיך גענומען צו דער סעודה. ווען מיר האָבן אויפגעגעסן אַלץ וואָס מיר האָבן געהאַט און מיר האָבן געזען אַז קיינער איז ניטאָ ביים ברעג פון טייך, האָבן מיר זיך צוריק־געשיפט צום צווייטן ברעג טייך און מיר זענען צוריקגעגאַנגען אין שטאָט. ווען איך בין צוגעקומען צום בית־המדרש איז מיר אַנטקעגן געקומען איין בחור און האָט מיר געזאָגט, אַז חסידישע יונגעלייט האָבן צעשלאָגן מיט שטיקער האָלץ עטלעכע ישיבה־בחורים וואָס מען האָט זיי געזען זיך שיפן און עסן, און אַז די שטאַרקערע בחורים האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט און האָבן צוריק געשלאָגן די יונגעלייט. אַז איך האָב דאָס געהערט, בין איך ניט אַריין אין בית־המדרש, נאָר איך בין אַוועקגעגאַנגען אין שול דאַווענען. אין שול זענען אויך געווען עטלעכע בחורים וועלכע האָבן זיך צוזאַמען מיט מיר געשיפט. איך האָב זיך דערוואוסט, אַז די וואָס מען האָט געזען שיפן זיך און עסן האָבן ניט אויסגעזאָגט, ווער נאָך עס איז געווען מיט זיי צוזאַמען. אַז איך האָב דאָס דערהערט בין איך געוואָרן מלא־שמחה. ווען איך בין נאָכן עסן געקומען אין בית־המדרש, האָבן מיר די בחורים דערציילט, אַז געמסרט האָט איין בחור, דער קליינער חנניה, וואָס האָט געזאָלט מיט אונדז מיטגיין. קיינער פון די בית־המדרש־בחורים האָבן מער ניט גערעדט צו אים און אין עטלעכע טעג אַרום איז ער אַהיימגעפאָרן.

אַ פּאָר טעג שפּעטער, ווען מיר זענען אַריינגעקומען צום רב לער־נען, האָט ער אונדז געזאָגט, אַז מען האָט אים דערציילט וועגן דעם שיפן זיך און עסן אין תשעה־באָב, אַז דאָס איז זייער ניט שיין און אַז אַ סך בעלי־הבתים פון שטאָט ווייסן שוין דערפון. איך האָב דעם רב געפרעגט פאַר וואָס מען זאָל זיך ניט טאָרן שיפן אין תשעה באָב? — דער רב האָט געענטפערט, ווייל אין תשעה־באָב איז דער בית־המקדש פאַר־ברענט געוואָרן, שיפן זיך איז אַ פאַרגעניגן און אין תשעה־באָב טאָר מען ניט האָבן קיין פאַרגעניגנס.

אַ פּאָר טעג נאָך דעם, ווען איך בין געקומען צו אַ בעל־הבית עסן, האָט ער מיך געפרעגט, צי איך האָב זיך אויך געשיפט. איך האָב אים געענטפערט אַז איך ווייס אין גאַנצן ניט דערפון. נאָכן עסן האָט דער בעל־הבית געזאָגט צו מיר, אַז איך זאָל מער ניט קומען צו אים עסן ווייל זיין ווייב פאָרט אַוועק אויף זומער. ער האָט מיר געוואָלט געבן אַ רובל, איך זאָל האָבן צו קויפן עסן דעם קומענדיקן טאָג, האָב איך

דעם רובל ניט געוואָלט נעמען. דעם צווייטן טאָג בין איך געקומען עסן צו אַ צווייטן בעל־הבית, האָט ער מיך אויך געפרעגט דאָס זעלבע, און איך האָב אויך פּאַר אים געלייקנט. נאָכן עסן האָט ער אויך גע־זאָגט אַז זיין פרוי פּאַרט אַוועק אויף זומער און אַז איך זאָל מער ניט קומען צו אים עסן. ווען איך בין געקומען אין בית־המדרש אַריין, האָבן מיר עטלעכע בחורים דערציילט, אַז עטלעכע זייערע בעלי־הבתים האָבן זיי אויך אָפּגעזאָגט דאָס עסן און אַז עס איז זיי זייער שווער אָנ־געקומען צו שאַפן זיך נייע בעלי־הבתים צו עסן טעג. ווען איך בין געקומען עסן צו דער פרוי סאָניק, האָט זי מיך אויך געפרעגט צי איך האָב זיך געשיפּט אום תשעה־באב, איר האָב איך דערציילט דעם אמת. האָט זי מיר געזאָגט, אַז אויב איך האָב געוואָלט עסן אום תשעה־באָב, האָב איך געדאַרפט קומען צו איר אין הויז, ווייל זי פאַסט אויך ניט. אויב עס פעלט מיר איצט אויס אַ טאָג צום עסן, וועט זי מיר געבן נאָך אַ טאָג. איך האָב איר פאַרשלאָג אָנגענומען.

ווען איך בין געקומען עסן מיין טאָג אין דעם זייער רייכן הויז (וואו עס זענען געווען די צוויי טעכטער־גימנאַזיסטקעס) האָט מען מיך גאָר ניט געפרעגט. נאָר נאָכן עסן האָבן די מיידלעך מיך פאַרבעטן אין צווייטן צימער און זיי האָבן מיך געפרעגט צי איך האָב געפאַסט תשעה־באָב. איך האָב געענטפערט אַז יאָ. האָבן זיי מיר געזאָגט, אַז זיי פאַסטן ניט. זיי האָבן אָנגעהויבן מיך אַגיטירן אַז ניט פאַסטן קען העלפן די יידן, נאָר מען מוז אָנהויבן אַ שטאַרקע באַוועגונג פאַרן ציוניזם. זייער פאָטער איז געווען אַ מיטגליד אין דער געזעלשאַפט „חובבי־ציון״ און זיי האָבן מיך צוגערעדט, אַז איך זאָל אויך דאָרט אַריינטרעטן. איך האָב זיי גע־ענטפערט אַז איך בין נאָך צו יונג צו ווערן אַ מיטגליד אין אַ חברה.

איך האָב געלערנט אין זגיערזש ביז צוויי וואָכן אין חודש אלול. איידער איך בין אַהיימגעפאָרן, האָב איך זיך געזעגנט מיט דער פאַמיליע סאָניק. די פרוי סאָניק האָט מיך צוגערעדט איך זאָל צוריק קומען קיין זגיערזש לערנען און זי האָט מיר צוגעזאָגט, אַז אויב איך וועל ניט האָבן גענוג טעג צו עסן, וועל איך קענען די רעשט טעג עסן ביי איר. איך האָב דער פרוי סאָניק זייער באַדאַנקט און כ׳האָב זיך מיט איר גע־זעגנט מיט טרערן אין די אויגן. כ׳בין אַוועק זיך געזעגענען מיט דער רייכער פאַמיליע און מיט די צוויי טעכטער. ווען איך האָב זיך געזעגנט מיטן רב, האָט ער מיר געזאָגט, אַז אויב איך וויל צוריק קומען אין זגיערזש לערנען, וועט ער מיט מיר ווייטער לערנען און וועט מיר ווייטער העלפן צו קריגן טעג צו עסן.

ווען איך בין אַהיימגעקומען האָט מיין מוטער מיך באַלד געפרעגט, צי עס איז וואָר, אַז איך האָב זיך געשיפּט אום תשעה־באָב. איך האָב

זיך מודה געווען. האָט זי צו מיר געזאָגט: „שיין נחת האָב איך פון דיר, איך האָב געמיינט אַז דו וועסט זיין אַ רב און צום סוף ביסטו געוואָרן אַן אַפּיקורס! די גאַנצע שטאָט ווייס שוין דערפון אַז דו האָסט זיך גע־שיפט אום תשעה־באָב. איך זע דאָך, אַז עס וועט שוין גאָר ניט אַרויס־קומען פון דיין לערנען, טאָ בלייב שוין בעסער אין דער היים און העלף מיר אַרויס אין דער שענק". אויף דעם האָב איך געענטפערט, אַז מיר וועלן זען נאָך די ימים־טובים.

ווען איך בין צו מאָרגנס אַריינגעקומען דאַווענען אין בית־המדרש, האָב איך געקריגן אַ סך שלום־עליכמס, אַפילו פון די יונגעלייט וואָס האָבן מיך אַנומלט פאַרמסרט פאַרן רב אַז איך לייען ביכער. ראש־השנה בין איך געגאַנגען דאַווענען אין רבינס בית־המדרש. דאָרט האָט אויך גע־דאַוונט מיין פעטער יעקב מאָרגענשטערן. ער האָט געוואוינט אין אַ דאָרף וואָס האָט אין גאַנצן באַלאַנגט צו אים. ער האָט געהאַט איין זון, אברהם־שלמה, פאַר וועמען ער האָט געהאַלטן אַ ספּעציעלן מלמד אין דאָרף. אברהם־שלמה איז געווען אָנגעטאָן אין אַן אַטלעסענער זשיפּיצע, אַרומ־געוויקלט מיט אַ זיידענעם גאַרטל, אין אַ סאַמעטן היטל און לאַנגע ווייסע זאָקן. ער פלעגט פון זיך כסדר בלאָזן און אַז איך האָב גערעדט צו אים, האָט ער געענטפערט אַזוי ווי ער וואָלט מיר געטאָן אַ טובה. „איך האָב געהערט אַז דו האָסט זיך געשיפט אין תשעה־באָב", האָט אברהם־שלמה מיר געזאָגט מיט זיין גדלותדיקן טאָן. אָבער דער פעטער האָט וועגן דעם גאָרנישט דערמאָנט.

## קאַפּיטל 16

# צוריק אין היימשטעטל

דעם צווייטן טאָג ראָש־השנה איז מיין מוטער אַוועק פרי אין שול אַריין. ווען איך האָב זיך אָנגעטאָן, האָב איך דערזען אַז אַ קנעפּל פון מיינע הויזן איז אָפּגעריסן אין סאַמע פראָנט. קיין אַנדערע גוטע הויזן אָנצוטאָן האָב איך ניט געהאַט. גיין אין די הויזן אין שול קען איך ניט, וואָס זשע זאָל איך טאָן? טאָן אַן עבירה און צונייען דאָס קנעפּל, אָדער ניט גיין דאַווענען? — עס האָט גובר געווען דער יצר־הרע. איך האָב אויסגעזוכט אַ נאָדל מיט באַוול, איך האָב זיך פאַרמאַכט אין אַ שטוב, ווייל איך האָב זיך געמוזט אויסהיטן פאַרן דינסטמיידל און פאַר מיינע שוועסטערס מלכה און דבורה. בשעת איך האָב גענייט, האָב איך ביי זיך געטראַכט, אַז דאָס איז מיין ערשטע גרויסע עבירה. איך קען די עבירה ניט פאַרגלייכן צו שיפּן זיך און אַפילו עסן אום תשעה־באָב, ווייל עסן אום תשעה־באָב איז ניט פאַרבאָטן אין דער תורה. אָבער נייען אום ראָש־השנה איז דאָך אַ מלאכה און טאָן אַ מלאכה אין ראָש־השנה איז פאַרבאָטן אין דער תורה. איך האָב גענומען מיין מחזור און כ׳בין אַרויס פון דער שטוב מיטן געפיל, אַז איך האָב אָפּגעטאָן מיין ערשטע גרויסע עבירה. כ׳בין געשווינד געגאַנגען אין רבינס בית־המדרש דאַווענען. אויפן וועג האָב איך געטראָפן מיין געשוועסטערקינד, אברהם־שלמה. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַן אַטלעסענער זשופּיצע און אַ פּאָר שיך מיט לאַנגע ווייסע זאָקן. איך האָב אים געזאָגט „גוט יום טוב" און ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ צו מיר, אַזוי ווי ער וואָלט מיר געטאָן אַ טובה.

נאָכן דאַווענען בין איך צוגעגאַנגען צום פעטער יעקב און האָב אים געוואונטשן אַ גוט יאָר. דאָס זעלבע — צו זיינע דריי איידעמס. איינער פון זיי, נחמיה מאַלין, וואָס איז געווען אַ זון פון בריסקער מורה־הוראה, האָט מיך געפרעגט וואָס איך האָב געלערנט ביים זגיערזשער רב. איך האָב אים געזאָגט וועלכע שעורים. האָט ער מיר געזאָגט, אַז איך זאָל קומען נאָכן עסן צום פעטער אברהם מאָרגענשטערן, וועט ער מיט מיר שמועסן אַ ביסל תורה. נאָכן עסן זענען מיר אַלע, מיין מוטער און ברו־דער און שוועסטערס, געגאַנגען צום פעטער אברהם. נחמיה האָט מיך

פֿאַרהערט די שעורים וועלכע איך האָב געלערנט ביים זגיערזשער רב, און שמואל־יצחק לאנדא, וואָס איז שפּעטער געוואָרן דער סאָכאַטשעווער רב, האָט מיך אויך געפּרעגט פּראָגעס און איך האָב זיי אַלע פֿאַר־ענטפֿערט. מיין מוטער האָט זיך צוגעהערט ווי איך ווייס צו ענטפֿערן אויף יעדער פֿראַגע און זי האָט געשעפּט נחת. אויך מיינע פֿעטערס האָבן געהאַט הנאה פֿון מיינע ענטפֿערס. נחמיה האָט צו מיר געזאָגט, אַז איך זאָל ניט אַוועקפֿאָרן אין דער ישיבה נאָר ער וועט מיט מיר לערנען. אויך מיינע פֿעטערס אברהם און יעקב מאָרגענשטערן האָבן מיר געזאָגט, אַז איך זאָל ניט אַוועקפֿאָרן נאָר איך זאָל בלייבן און אַרויסהעלפֿן מיין מוטער אין שענק.

פֿאַר יום כּיפּור האָט מיין מוטער געקויפֿט כּפּרות פֿאַר יעדן איי־נעם אין הויז. אַפֿילו פֿאַר חנהן, דעם דינסטמיידל. פֿאַר מיר האָט זי געקויפֿט אַ ווייסן האָן, אָבער אַ טאָג פֿאַר ערב יום כּיפּור איז מיין ווייסער האָן קראַנק געוואָרן און איז געפּגרט. מיין מוטער האָט דערפֿון געהאַט גרויס עגמת־נפֿש. איך האָב איר געפּרעגט פֿאַר וואָס זי ערגערט זיך אַזוי, האָט זי מיר געענטפֿערט, אַז אויב עס פּגרט אַ כּפּרה איז עס ניט קיין גוטער סימן. איך האָב מיין מוטער געזאָגט, אַז איך וועל זיך באַגיין אָן אַ כּפּרה, ווייל איך גלויב ניט אין כּפּרות־שלאָגן. האָט זי דערויף מיט אַ זיפֿץ באַמערקט: „ווי איך זע, גלויבסטו יעדן טאָג אַלץ ווייניקער.״ קיין האָן האָט זי שוין ניט געקענט קריגן. האָט זי פֿאַר מיר געקויפֿט אַ לעבעדיקן קאַרפּ צו שלאָגן כּפּרות. אַ טאָג פֿאַר ערב יום־כּיפּור האָב איך שוין אָנגעהויבן טראַכטן, צי זאָל איך פֿאַסטן אָדער ניט פֿאַסטן יום־כּיפּור. מען קען ניט פֿאַרגלייכן יום־כּיפּור צו תּשעה־באָב, ווייל תּענית תּשעה־באָב איז ניט קיין דין פֿון דער תּורה און יום־כּיפּור איז דאָך אַ דין. איך האָב זיך דערמאָנט אין דעם פּסוק פֿון ישעיה (קאַפּ׳ 58): למה צמנו ולא ראית... פֿאַר וואָס פֿאַסט איר? — און דער נביא האָט געענטפֿערט, אַז זיי פֿאַסטן נאָר פֿאַר זייערטוועגן, זיי בייגן איין זייערע קעפּ ווי די וואַסער־ריטלעך און גאָט זאָגט: דאָס איז ניט דאָס פֿאַסטן וואָס איך האָב אויסגעוויילט, נאָר דאָס פֿאַסטן, וואָס מאַכט לויז די קייטן פֿון אומרעכט, און בינדט אויף די שטריק פֿון יאָך צו דיינע אַרבעטער, זיי זאָלן ניט זיין קיין שקלאַפֿן און פֿון דיין ברויט זאָלסטו זיך טיילן מיט די אָרעמע מענטשן. און אַז דו זעסט אַן אָרעמאַן וועלכער האָט ניט קיין מלבוש זיך צוצודעקן, זאָלסט דו אים געבן אַ מלבוש ער זאָל זיך צודעקן. דעמאָלט וועט דיך גאָט בענטשן. אויך אין תּלמוד שטייט געשריבן אַז די עבֿירות וואָס אַ מענטש זינדיקט קעגן גאָט וועט אים גאָט פֿאַרגעבן, נאָר דער וואָס זינדיקט קעגן אַ מענטש מוז פֿריער דעם מענטש איבערבעטן, אַנטקעגן וועלכן ער האָט געזינדיקט, אָדער אים

צוריק אָפּגעבן דאָס, וואָס ער האָט ביי אים צוגענומען, דעמאָלט, זאָגט גאָט, וועל איך זיך צוהערן צו אייער געבעט און איך וועל מוחל זיין אייערע זינד. איך האָב ביי זיך געטראַכט, אַז איך האָב ניט געזינ־דיקט ניט קעגן גאָט און ניט קעגן מענטש. איך האָב ביי קיינעם גאָר ניט צוגענומען און אַפילו קיינעם ניט באַליידיקט. איז למה צמנו? — פאַר וואָס זאָל איך פאַסטן? אָבער וואו וועל איך נעמען עסן אָנצוגרייטן אויף יום כיפור, און וואו וועל איך באַהאַלטן דאָס וואָס איך וועל אָנגרייטן? מיין מוטער האָט געבאַקן קוילעטשן און קוכן און בול־קעס אויף יום כיפור, האָב איך צוגענומען אַ בולקע מיט אַ ביסל קיכ־לעך און אַ שטיק קעז און עס באַהאַלטן אונטערן שטרוזאַק וואו איך בין געשלאָפן, און כ'האָב באַהאַלטן אַ פּופּיק הינטער אַ טאָפּ. יום־כיפור, באַלד אין דער פרי, ווען אַלע זענען נאָך געשלאָפן, האָב איך גענומען אַ שטיק פון דער בולקע וואָס איז געלעגן הינטערן שעניק, כ'האָב איבערגעדעקט דעם קאָפּ מיט דער פערענע און כ'האָב אויפ־געגעסן אַ שטיק בולקע מיט קעז. נאָך דעם האָב איך זיך אָנגעטאָן, פאַרמאַכט די שלאָפבאַנק, כ'האָב זיך אויסגעשווענקט דאָס מויל און כ'בין געגאַנגען אין בית־המדרש אַריין דאַווענען. בעתן לייענען די תורה בין איך אַהיימגעגאַנגען אויפצועסן דעם פּופּיק און די רעשט שטיק בולקע. ווען איך בין אַריינגעקומען אין שטוב, האָב איך געזען ווי אונדזער דינסטמיידל ווישט זיך אָפּ די ליפּן. זי איז געוואָרן בלאַס און רויט. — חנה, וואָס האָסטו געטאָן? — האָב איך איר געפרעגט. — דו האָסט געגעסן אין יום כיפור? — האָט זי מיך געבעטן, איך זאָל קיינעם ניט דערציילן דערפון. — איך ווייס אַז דו ביסט ניט אַ פרומער, — האָט זי געזאָגט, און האָט מיך געפרעגט צו איך וויל עפּעס עסן, וועט זי מיר געבן דעם פּופּיק וואָס איך האָב באַהאַלטן הינטערן טאָפּ. איך האָב איר געפרעגט פון וואַנען זי ווייסט, אַז איך האָב באַהאַלטן אַ פּופּיק, — האָט זי מיר געענטפערט אַז פאַר אַ הויז־גנב קען מען זיך ניט אויסהיטן. זי האָט מיר טאַקע געגעבן דעם פּופּיק מיטן קוי־לעטש און זי האָט דערביי פאַרקייטלט די טיר, איך זאָל קענען רואיק עסן. דערביי האָט חנה מיר געזאָגט: „אברהם־פּנחס, פון היינט אָן זאָלסטו זיך פאַר מיר ניט היטן, דו קענסט טאָן וואָס דו ווילסט נאָר, איך וועל קיינעם ניט דערציילן". איך בין אַ זאַטער צוריק געגאַנגען אין בית־המדרש אַריין צום דאַווענען מוסף. (חנה איז מיט עטלעכע יאָר צוריק געשטאָרבן אין ניו־יאָרק).

שמיני־עצרת ביינאַכט האָט מען פלוצלינג דערהערט פייקן אין שטאָט. האָט מען שוין געוואוסט אַז עפּעס נייעס איז געשען אין שטאָט. איך און מיין ברודער און שוועסטער זענען אַרויסגעלאָפן אין גאַס זיך צו דער־

וויסן פאַר וואָס מען פּויקט. האָבן מיר דערזען ווי דער שטאָט־סטרוזש, ברענקעוויטש, פּויקט אויף דער גרויסער פּויק און שרייט הויך: „סטאַדאָלאַ שען פּאַלי״. (אַ שייער מיט תבואה ברענט). איך האָב אַ קוק געטאָן און כ׳האָב געזען אַ גרויס פייער הינטער דער שטאָט, ניט ווייט פון דעם יידישן בית־החיים. איך בין דאָרט באַלד צוגעלאָפן. עס זענען שוין געווען דאָרט פאַרזאַמלט אַ סך יידן. באַלד זענען אָנגעקומען די סטריקאָווער פייר פייער לעשערס מיט וועגענער און פעסער וואַסער און די יידן האָבן אָנגעהויבן לעשן דאָס פייער. פּלוצלונג האָט מען דערהערט אַ געזאַנג. עס זענען אָנגעקומען אַ גרופּע קריסטן. זיי האָבן געטראָגן הייליקע בילדער און צלמים און האָבן זיך געשטעלט מיט די בילדער און צלמים לעבן דעם ברענענדיקן הויז. איך האָב געזאָגט צו אַ באַקאַנטער פּויערטע: „בעסער וואָלסטו גענומען אַן עמער וואַסער און געהאָלפן לעשן דאָס פייער, איידער צו שטיין מיטן צלם און צו זינגען „מאָליטוועס״.״ האָט זי געזאָגט צו מיר: „מיין סטאַדאָלע מיט תבואה ברענט און דיר גלוסט זיך צו לאַכן!״ איר מאַן איז צוגעקומען און האָט מיך געפרעגט: „פּינקוס, וואָס קריגסטו זיך מיט מיין ווייב?״ איך האָב אים איבערגעחזרט מיין עצה, האָט ער געזאָגט צו זיין ווייב: „פּינקוס איז גערעכט, לייג אַנידער דעם צלם און נעם אַן עמער וואַסער.״ אין האַלבער נאַכט האָט מען שוין געהאַט דאָס פייער איינגעלאָשן. אָבער 39 שייערן מיט תבואה, וואָס האָבן באַלאַנגט צו זייער אָרעמע פּויערים, זענען אָפּגעברענט געוואָרן.

נאָך יום טוב האָט מען אין שטאָט געזאַמלט געלט פאַר די פּויערים וועמענס שייערן עס זענען אָפּגעברענט געוואָרן. אַפילו דער אָרעמסטער ייד האָט געגעבן געלט פאַר דעם צוועק. דער גלח האָט זונטיק אין קאָשטשיאָל באַדאַנקט די סטריקאָווער יידן, וועלכע האָבן צום מערסטן געהאָלפן לעשן דאָס פייער. אַחוץ דעם האָט דער גלח באַדאַנקט דעם רב און דעם דאָזאָר פאַרן געלט וואָס די יידן האָבן בייגעשטייערט פאַר די פּויערים.

שמחת־תורה צו די הקפות איז די שול פול געווען מיט די סטריקאָווער יידן, אָבער אויך אַ סך גויים און אַפילו יאַקאָווליעוו דער סטראַזשניק און ברענקעוויטש דער שטאָט־סטרוזש זענען געקומען אין שול צו זען, ווי די יידן זינגען און טאַנצן מיט דער תורה. יעדעס מאָל ווען מען איז אַרומגעגאַנגען דעם באַלעמער מיט די ספר־תורהס, וואָס זענען געווען באַהאַנגען מיט זילבערנע עטרות און זילבערנע גלעקלעך און מיט מעגטעלעך, אויף וועלכע עס זענען געווען די עשרת־הדברות אויסגענייט מיט זילבערנע און גאָלדענע פעדים, — האָט זיך יאַקאָווליעוו גלייך געשטעלט אויף אַכטונג און האָט געהאַלטן זיין האַנט ביים היטל. אויך ברענקעוויטש און די גויים האָבן זיך גלייך געשטעלט און אַזוי געשטאַנען ביז מען איז פאַרבייגעגאַנגען מיט די ספר־תורהס. די קינדער

זענען נאָכגעגאַנגען פון הינטן מיט זייערע פענער, מיט רויטע עפּעלעך אויפן שפּיץ פענדל, און מיט אַ ברענענדיק ליכטל אַריינגעשטעקט אין עפּעלע. אַ שגצל, וואָס זיין פּאָטער האָט אים מיטגענומען צוצוזען די צערעמאָניע פון די הקפות, האָט געזען ווי זיין פריינד, אַ ייִדיש יינגל, טראָגט אַ פאָן, האָט ער געשריגן צו אים: „איצעק, דאַי מי טשימאַטש כאַראַנגעוועקע ז׳ יאַבקעם״ (איציק, גיב מיר צו האַלטן די פאָן מיטן עפּל). דער פּאָטער האָט געזאָגט צום שגצל: „איגנאַץ, זיי שטיל, דאָ טאָר מען ניט רעדן. איציק האָט אָבער געגעבן איגנאַצן דאָס פענדל אַ ביסל צו האַלטן.

נאָך די הקפות האָט מען געטיילט בראַנפן און לעקעך אין דער שטוב ביים פּאָליש. מען האָט אויך ניט פאַרגעסן צו געבן בראַנפן און לעקעך דעם סטראַזשניק און ברענקעוויטשן, דעם שטאָט־סטרוזש, און מ׳האָט זיי געגעבן לעקעך אַהיימצונעמען פאַר זייערע פאַמיליעס.

נאָך סוכות האָב איך איבערגעפרעגט מיין מוטער, צי זאָל איך פאָרן אין דער ישיבה לערנען. זי האָט געזאָגט, אַז ניין, ווייל זי דאַרף מיך האָבן אין שענק, און דעם פעטער יעקב איידעמס וועלן מיט מיר לערנען. אויב איך וועל וועלן לערנען ביים רב, וועט זי אים בעטן וועגן דעם. נאָך פּסח, אויב איך וועל וועלן פאָרן, וועט מען דעמאָלט זען. — און אויב דו וועסט וועלן לייענען אַ צייטונג, — האָט זי ווייטער געזאָגט, — וועל איך דיר ניט שטערן, נאָר איך בעט דיך, לייען ניט די טריפה־פּסולע ביכער.

איך האָב טאַקע אָנגעהויבן צו לערנען ביי נחמיהן, דעם פעטער יעקבס איידעם. מיר האָבן געלערנט דעם יורה־דעה און דעם עין־יעקב, וואו עס געפינען זיך די דינים פון בשר וחלב. די צווייטע וואָך האָב איך אָנגעהויבן לערנען ביים פעטער יעקבס צווייטן איידעם, שמואל־יצחק. איך האָב ביי אים געלערנט די גמרות בבא־קמא און בבא־בתרא. אַז דער רב האָט איין מאָל מיך געזען, האָט ער מיך געפרעגט פאַר וואָס איך בין ניט געקומען צו אים ווייטער זיך לערנען. האָב איך אים געזאָגט, אַז איך האָב געמיינט, אַז ער וועט מיט מיר ניט וועלן לערנען, ווייל עט־לעכע יונגעלייט האָבן אויף מיר אָנגערעדט. האָט ער דערויף באַמערקט, אַז די יונגעלייט זענען צו גרויסע בטלנים און ער האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז אויב עס וועט מיר ניט געפעלן דאָס לערנען ביי איינעם פון מיינע שוועסטערקינדער, זאָל איך קומען צו אים לערנען.

בעת די נאָך־סוכות־יאָריקדים איז דאָס לייזן ביי אונדז אין שענק געגאַנגען זייער גוט. אויך אין אַ דאָנערשטיק, ווען עס איז נאָר געווען אַ טאָרג־טאָג, האָבן מיר גוט געלייזט, ווייל עס איז יענעם יאָר געווען אַ גוט געראָטעניש אויף די פעלדער און די פּויערים האָבן געהאַט וואָס

צו פאַרקויפן. מיר האָבן אויך פאַרדינט פון פויערישע חתונות. אָט איז איין מאָל אַריינגעקומען צו אונדז אַ באַקאַנטער פויער און געפרעגט מיין מוטער צי זי וועט אים פאַרדינגען די שענק צו מאַכן די חתונה פון זיין טאָכטער. ער וויל די חתונה מאַכן זונטיק נאָך אייגס אַזייגער ביי טאָג, ווען מען גייט פון קאָשטשיאָל. דער פויער האָט געגעבן מיין מוטער האַנט־געלט און האָט באַשטעלט געגדז און אייער און נאָך עסנוואַרג. דער פויער האָט אויך באַשטעלט דריי ידישע כלי־זמרים: חייקע דעם פידלער, הערשל דעם טראָמפּייטער און מאָקע דעם באַס. מיין מוטער האָט זיי אָפּגעדונגען אַ שטוב פאַר דער חתונה. אַזוי ווי דער קאָשטשיאָל איז געווען אַנטקעגן איבער אונדזער שענק, זענען חתן־כלה און די געסט גלייך פון קאָשטשאָל אַריין אין אונדזער שענק. מען האָט באַלד אָנגעהויבן עסן און טרינקען; די כלי־זמרים האָבן געשפּילט פּוילישע מאַזורקעס און פאַרשיידענע אַנדערע פּוילישע טענץ; דער עולם האָט אַזוי שטאַרק געטאַנצט, אַז די גלעזער אויף די טישן זענען אומגעפאַלן. נאָך יעדן טאַנץ האָבן די געסט פאַרטרונקען מיט ביר און בראָנפן און צוגעגעסן געגדזגס און האָבן אויך ניט פאַרגעסן אַריינצוּוואַרפן אַ פאָר גראָשן אין טעלער פאַר די כלי־זמרים. די גאַס און דער מאַרק־פּלאַץ אַרום אונדזער שענק איז געווען פול מיט מענטשן און אַ סך שקצים און שיקסעס האָבן געטאַנצט אין גאַס אַרום אונדזער שענק. נאָכן טאַנצן זענען די שקצים און די שיקסעס אַריינגעקומען טרינקען. אויך דער סטראַזשניק, יאַקאָווליעוו, און ברענקעוויטש, דער שטאָט־סטרוזש, זענען געווען אויף דער חתונה, האָבן געגעסן און געטרונקען צוזאַמען מיט אַלע געסט.

נאָך דער חתונה האָבן די מחותנים געגעבן געלט דעם סטראַזשניק און דעם סטרוזש פאַרן האַלטן אָרדענונג אין שענק. ווען די חתן־כלה און די מחותנים האָבן פאַרלאָזט אונדזער שענק, האָבן די כלי־זמרים זיי באַגלייט מיט מוזיק ביז זיי האָבן זיך אַריינגעזעצט אין זייערע וועגענער. אונדזער שענק איז געוואָרן אויסגעליידיקט פון עסנוואַרג, ווי ביי אַ ייד די שטוב נאָך פּסח איז לער פון חמץ. מיר האָבן פון דער פּוילישער חתונה מער פאַרדינט ווי פון אַ גאַנצן יאַריד־טאָג. אויך די כלי־זמרים האָבן גוט פאַרדינט. צו מאָרגנס האָט דער גלח געשיקט נאָך מיין מוטער, און איר געפרעגט צי זי האָט גוט געלייזט אויף דער פּוילישער חתונה. מיין מוטער האָט אים געזאָגט אַז זי האָט גוט פאַרדינט. האָט ער גע־זאָגט, אַז ער האָט די פויערים צוגערעדט זיי זאָלן מאַכן ביי איר די חתונה. אַז אין אַ פאָר וואָכן אַרום דאַרף זיין נאָך אַ חתונה, וועט ער זיי אויך שיקן צו איר. מיין מוטער האָט אים זייער געדאַנקט דערפאַר. צו מאָרגנס האָב איך אים אַריינגעטראָגן אַ פלאַש גוטן בראָנפן. האָט ער געזאָגט צו מיר: „נאָך וואָס האָט דיין מוטער מיר געשיקט דעם בראָנפן?

איך האָב דאָס געטאָן פון פריינדשאַפט צו דיין מוטער.״ אָבער דעם בראַנפן האָט ער דאָך צוגענומען. ער האָט מיר געגעבן צוקערקעס און פרוכטן און האָט מיך געפרעגט צי איך פאַר דעם ווינטער ווייטער אַוועק לערנען.

איך בין געווען שטאַרק פאַרנומען סיי מיטן לערנען סיי אין דער שענק. אָבער איך האָב געלייענט צייטונגען און ביכער ביינאַכט אין שענק און טיילמאָל אויך בייטאָג. מיין מוטער האָט מיך געפרעגט צי איך האָב שוין ווידער אָנגעהויבן צו לעזן ביכער. איך האָב איר געענטפערט: מאַמע, מען קען לייענען ביכער און צייטונגען און קענען לערנען. אָבער איך וויל ניט זיין אַזאַ פאַנאַטישער בטלן ווי אַ סך יונגעלייט אין אונדזער שטאָט זענען. איך האָב איר אויך דערציילט, אַז דער רב האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז ווייטער גרייט מיט מיר צו לערנען. האָט מיין מוטער, נאָך אַ ווײַלע, געזאָגט צו מיר: „אברהם פנחס, דו ווייסט אַז דו ביסט שוין אַ דערוואַקסענער בחור, שדכנים ווילן דיר שוין רעדן שידוכים, אַ סך סטריקאָווער יידן ווילן דיך האָבן פאַר אַן איידעם. האָב איך איר געענטפערט: „מאַמע, ווען איך זאָל וויסן אַז איך וועל קיין מאָל ניט חתונה האָבן, וועל איך מיט אַ סטריקאָווער מיידל ניט טאָן קיין שידוך. און אַחוץ דעם: אַז מען האָט חתונה, מוז מען דאָך קענען מפרנס זיין די פרוי, טאָ פון וואַנען וועל איך האָבן פרנסה?״ האָט מיין מוטער געענטפערט: „דו וועסט עסן קעסט און וועסט לערנען, וועסט קריגן היתר־הוראה און וועסט ווערן אַ רב. צו ערשט אין אַ קליין שטעטל און נאָך דעם אין אַ גרויסער שטאָט״. „האָסט געמאַכט אַ גוטן חשבון, איך בין דאָך ערשט אַ ייִנגל פון זעכצן יאָר, ווי קום איך שוין צו ווערן אַ חתן און חתונה האָבן?״ — האָט מיין מוטער געזאָגט: „און אַז מען וועט דיר געבן אַ גרויסן נדן און אַ שיין מיידל, וועסטו שוין ווען ווערן אַ חתן?״...

איין מאָל האָט הערשל קוטנער, אַ רייכער תבואה־סוחר, אַ פּראָסטער ייד אָבער אַן אָנגעזעענער בעל־הבית, געפרעגט מיך אין בית המדרש צי ס׳איז וואָר אַז איך לערן שוין ניט ביים רב. ער האָט געהאַט איין טאָכטער, וועלכע מען האָט גערופן פייגעלע קאָקעטקע. ווען נאָר איך פלעג פאַרבייגיין הערשל קוטנערס געוועלב, האָט מיר זיין ווייב נאָכגעקוקט. איין מאָל בין איך פאַרבייגעגאַנגען הערשל קוטנערס געוועלב בעת זיין ווייב און די טאָכטער זענען געשטאַנען אין דער טיר. אַז איך האָב זיי געזאָגט „גוט מאָרגן״, האָבן זיי ביידע מיר געענטפערט מיט אַ הויכן „גוט יאָר״, און זיי האָבן מיר נאָכגעקוקט. אַ צווייט מאָל, ווען איך האָב שבת אין דער פרי געלערנט אין בית־המדרש, האָט דער געלער יונה, וואָס איז געוואָרן אַ מנקר נאָך מיין פאָטערס טויט, מיך אויך פאַרטשעפּעט וועגן לערנען. דער געלער יונה האָט אויך געהאַט איין

טאָכטער. זי איז געווען אַ סך געלער פון איר פאָטער און אַ סך העכער פון איר מוטער, וועלכע מען האָט גערופן „די הויכע גאָלדע״. גערופן האָט מען זי „די געלע גרויסע לאה, די „הויכע גאָלדעס טאָכטער״. דער געלער יונה האָט אָפט מיט מיר געשמועסט וועגן לערנען. מיין מוטער האָט מיר דערציילט אַז דער געלער יונה האָט געשיקט צו איר אַ שדכן. כדי ניט צו פאַרשעמען דעם געלן יונה, האָט מיין מוטער געזאָגט דעם שדכן, אַז איך בין נאָך צו יונג צו ווערן אַ חתן.

פאַר חנוכה האָט מיין ברודער זעליק און מיינע שוועסטערן דבורה און מלכה מיך געבעטן, איך זאָל פאַר זיי מאַכן גרויסע חנוכה־דריידלעך. איך האָב זיי געזאָגט, זיי זאָלן אָנזאַמלען די בליי אין וועלכע עס זענען איינגעוויקלט פאַפּיראָסן און ציגאַרן, וועל איך פאַר זיי מאַכן די דרייד־לעך. איך האָב גענומען אַ שטעקן, כ׳האָב אים געשפּאָלטן אויף פיר טיילן און כ׳האָב אינעווייניק, אויף יעדער טייל אויסגעקריצט די אותיות: נ, ג, ה און ש. ווען איך האָב געמאַכט די דריידלעך, האָב איך מיינע שוועסטערן דערציילט די גאַנצע מעשה פון נס־חנוכה. אויף דעם האָט מיין שוועסטער דבורה באַמערקט: „אַז די חשמונאים האָבן מנצח געווען די גריכן, דאָס גלויב איך, אָבער אַז אַ קריגל בוימאויל וואָס איז געווען גענוג צו ברענען נאָר איין מעת־לעת, זאָל ברענען אַכט מעת־לעת — דאָס איז מיר שווער צו גלויבן״. אַז מיין מוטער האָט דאָס דערהערט, האָט זי געזאָגט: „ווי איך זע, ווערסט דו שוין זיין אַזוי פרום ווי דיין ברודער אברהם־פּנחס.״ מיין שוועסטער דבורה איז שפּעטער אויסגעוואַקסן אַ זייער אינטעליגענטע פרוי. זי איז פאַרברענט געוואָרן אין אַ היטלערישן קאָנצענטראַציע־לאַגער צוזאַמען מיט איר איינציקן זון, אַ דאָקטאָר־מעדיצין.

ווען מען האָט געבענטשט ראש־חודש שבט, האָבן די שמשים אין שול און אין בית־המדרש אויסגערופן אַז היינט ביי נאַכט, באַלד נאָך הבדלה, וועט מען פאַרדינגען דאָס מצה־מעל. איך האָב זיך אָפּגערעדט מיט מיין פריינד אברהם־אַלטער, אַז מיר וועלן גיין זען ווי אַזוי מען פאַרדינגט דאָס פּסחדיקע מצה־מעל. באַלד נאָך הבדלה זענען מיר אַוועק־געגאַנגען אין בית־המדרש. אויבן אָן, ביי אַ טיש, איז געזעסן דער דאַזאַר רב יעקב גאָלד און נאָך צוויי גבאים. דער דאַזאַר האָט אָנגעפירט מיט דער ליציטאַציע. איינער פון די וואָס האָבן געוואָלט דינגען דאָס מעל, האָט געזאָגט וויפיל ער וויל געבן און באַלד האָט מען געזען ווי עס פליט אַ מעל־זאַק צו דעם וואָס האָט אָנגעבאָטן דעם פּרייז. דאָס זעלבע האָט פּאַסירט ווען אַ צווייטער האָט אָנגעבאָטן אַן אַנדער פּרייז. פון דעם שטויב פון די מעל־זעק איז געוואָרן כמעט פינצטער אין בית־המדרש. באַלד איז אויסגעבראָכן אַ מחלוקה צווישן די סוחרים. איינער האָט געשריגן צום צווייטן: „ווי אַזוי ווערסט דו קענען פאַרקויפן דאָס

— מעל אַזוי ביליק? די לעצטע וואָך איז דאָך וויץ טייערער געוואָרן.״ אין מיטן קריגן זיך האָט מען דערהערט ווי דער דאָזאַר זאָגט „זכה לו״. אַז די צוויי יידן וואָס האָבן זיך געקריגט האָבן דאָס דערהערט, זענען זיי צוגעלאָפֿן צום דאָזאָר און די גבאים און האָבן צו זיי געהאַט אַ טענה, פֿאַר וואָס האָבן זיי אַזוי גיך פֿאַרדונגען דאָס מעל, און דערביי געפֿרעגט: „און וויפֿיל וועט קאָסטן אַ קוואָרט מעל?״ ווען דער דאָזאַר האָט זיי געזאָגט דעם פּרייז, האָבן זיי געשריגן: „מיר האָבן געוואָלט געבן מער געלט און מיר וואָלטן פֿאַרקויפֿט דאָס מעל אַ סך ביליקער, און איר האָט פֿאַרדונגען דאָס מעל פֿאַר ביליקער און אַ קוואָרט מעל וועט קאָסטן טייערער. פֿאַר וואָס האָט איר אונדז ניט פֿאַרדונגען דאָס מעל?״ אויך אַנדערע מעל־סוחרים זענען צוגעקומען און האָבן געהאַט די זעלבע טענות. איינער האָט אויסגעשריגן צו דער רעשט סוחרים: „וואָס, איר ווייסט ניט פֿאַר וואָס? ער האָט דאָך פֿאַרדונגען דאָס מעל זיין ברודער און זיין זון, ווען מען דען האָבן אונדזערע קהלשע פֿאַרזאָרגערס געזאָלט פֿאַרדינגען דאָס מעל? — זיי וועלן שוין געבן דאָס ריכטיקע מעל און די ריכטיקע קוואָרט!״ בעת ס׳איז אָנגעגאַנגען דאָס געשריי, זענען נאָך אַלץ געפֿלויגן מעל־זעק. ווען דער עולם איז אַרויסגעגאַנגען פֿון בית־המדרש, האָבן די מלבושים זייערע אויסגעזען ווי פֿאַרשנייט... אַזוי האָט אין סטריקאָוו אויסגעקוקט דאָס פֿאַרדינגען דאָס פּסחדיקע מעל אויף ליציטאַציע. אַ סך יאָרן האָט איין משפּחה, קרובים פֿון דאָזאָר און פֿון איינעם פֿון די גבאים, געהאַט אַ חזקה אויפֿן מצה־מעל.

אסתר־תענית זענען די סטריקאָווער יידן אַ גאַנצן טאָג אַרומגעגאַנגען פֿריילעכע. אַפֿילו די אָרעמסטע האָבן אָנגעגרייט אויף פּורים פֿון כל־טוב. זיי האָבן געקאַכט קיילעכדיקע אַרבעס, געבאַקן רעסעלעך, המן־טאַשן און צוקער־לעקעכלעך באַשיט מיט רויטן מאָן, וועלכע מען האָט געשיקט אויף שלח־מנות. ווען עס איז געוואָרן נאַכט האָבן אַלע סטריקאָווער יידן מיט זייערע פֿרויען און קינדער פֿאַרפֿולט אַלע בתי־תפֿילות: די שול, דאָס בית־המדרש, דעם רבינס בית־המדרש און אַלע חברות, צו הערן לייענען די מגילה. די קינדער האָבן געהאַט גרעגערס און אַפֿילו פֿרויען האָבן מיטגענומען גרעגערס אונטער די פֿאַטשיילעס. איידער דער בעל־קורה האָט אָנגעהויבן לייענען דעם דריטן קאַפּיטל פֿון דער מגילה, וואו עס ווערט צום ערשטן מאָל דערמאָנט דער נאָמען המן, האָבן זיך אַלע פֿאַרזאַמלטע אין די בתי־תפֿילות אויפֿגעשטעלט אַזוי ווי זעלבער אויפֿן שלאַכט־פֿעלד נאָר אויסצושיסן אויפֿן שונא. ווען דער בעל־קורה האָט געלייענט דעם לעצטן פּסוק אין דער מגילה, אַז מרדכי איז געוואָרן דער שני למלך ביי אַחשורושן, זענען אַלע געוואָרן מלא־שמחה, ווי דער נס וואָלט ערשט איצט געשען.

נאָך פּורים זענען אָפּטמאָל אַרויסגעקומען קריגערייען און אַפילו ברוגזן צוליב שלח־מנותן. איינער אויפן צווייטן איז געווען אָנגעברוגזט אויב ער האָט ניט געקראָגן אַזאַ שיינעם שלח־מנות, ווי ער האָט געשיקט. טייל מאָל האָבן די ייִנגלעך אויסגעטוישט די שלח־מנותן און פון אַזעלכע טעותים זענען אַרויסגעקומען ברוגזן וואָס האָבן אָפּגעהאַלטן ביז ערב יום־כיפּור, ווען אַלע ברוגזע האָבן זיך איבערגעבעטן.

באַלד נאָך פּורים האָבן סטריקאָווער יידן זיך אָנגעהויבן גרייטן צום פּסח. יעדער ייד, ווי אָרעם ער איז ניט געווען, האָט אויף פּסח געמאַכט אַ נייַ מלבוש זיין פרוי און קינדער. טאָמער האָט אַ ייד חלילה ניט גע־האַט קיין געלט אויף פּסח, האָט קהל אים פאַרזאָרגט מיט אַלץ וואָס ער האָט געמוזט האָבן אויף יום־טוב. געלט אויף דעם האָט קהל גענומען פון מעות־חטין. איידער מען האָט אָנגעהויבן צו באַקן מצות אין שטאָט, האָט מען אין דער קהילה אויסגעמאַכט צוויי רשימות. איינע פאַר די מענטשן, וואָס דאַרפן געבן מעות־חטין, יעדער לויט זיינע מעגלעכ־קייטן, און אַ צווייטע — פון די וואָס דאַרפן באַקומען מעות־חטין. דאָס געבן מעות־חטין איז געווען אַן אמתער מתן־בסתר און קיינער אין שטאָט האָט נישט געוואוסט ווער עס געניסט דערפון, ספּעציעל ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אָפּגעקומענע בעלי־הבתים. מעות־חטין. האָט קהל גענומען ביי די בעלי־הבתים, ווען זיי האָבן געקויפט דאָס מעל אויף מצות. טייל מאָל, אַז מען איז געקומען באַקן די מצות, האָט מען געפאָדערט אַ קוויטל געחתמעט פון קהל אַז מען האָט שוין געגעבן אויף מעות־חטין. אַז עמעצער האָט ניט געוואָלט געבן זיין נדבה, האָט מען אים ניט געוואָלט פאַרקויפן קיין מעל אָדער אָפּבאַקן די מצות.

פאַר־פּסח זענען די סטריקאָווער גאַסן געווען אָנגעשטעלט מיט מעבל וואָס מען האָט אַרויסגענומען פון די שטובן, ווייל מען האָט אַלע שטובן אויסגערייניקט אויף פּסח. אַז מען האָט שוין געהאַט אויסגעכשרט די שטובן, האָט מען זיך גענומען צום באַקן מצות. מען האָט געמוזט פריער באַ־שטעלן ביים בעקער אַ צייט צו באַקן די מצות. די חסידים האָבן גע־באַקן די מצה־שמורה ביים ערשטן אויוון. (דאָס האָט געקאָסט טייערער ווי ביים צווייטן און דריטן אויוון). כאָטש קהל האָט באַשטימט אַן אַנדער פּרייז פאַר ווייס מעל און אַן אַנדער פאַר טונקל מעל, האָבן אָבער די סטריקאָווער סוחרים פון פּסחדיקן מעל גענומען דעם זעלבן פּרייז פאַר ביידע סאָרטן מעל. און אַז נאָכן באַקן זענען די מצות אַרויסגעקומען טונקל, האָט מען נישט געהאַט צו וועמען צו רעדן, ווייל דער סוחר איז דאָך געווען דעם דאָזאָרס אַ קרוב. דאָס וואַסער צום קנעטן די מצות האָט מען אָנגעגרייט מיט אַ נאַכט פריער. דאָס באַקן די מצות איז צו־געגאַנגען שנעל, ווייל די אַרבעט איז געווען גענוי פאַרטיילט אויף פאַר־

שיידענע פונקציעס: אַ גיסער, אַ קנעטער, אַ טייג־אויסטיילער, אַ וועל־גערער, אַ רעדלער, אַ צוטראָגער און אַ שיבער. אַלע האָבן ביי דער אַרבעט צוגעזונגען מיט אַ גמרא־ניגון. ווען די מצות זענען פאַרטיק געוואָרן און דער אָפּטראָגער איז שוין געווען גרייט אַוועקצוטראָגן די מצות צום בעל־הבית, האָבן אַלע פאַרנומענע ביים באַקן די מצות זיך אויסגעשטעלט אין אַ רייע און מען האָט יעדן באַצאָלט פאַר זיין אַר־בעט. די מענטשן האָבן דעם בעל־הבית געוואונטשן אַ כשרן יום־טוב, אַז ער זאָל אי״ה דערלעבן איבער אַ יאָר ווייטער צו באַקן מצות.

---

נאָך דעם ערשטן פּאָגראָם אין דער גרויסער פאַבריק־שטאָט לאָדזש, וואָס איז אויסגעבראָכן דעם ערשטן מאַי 1892, איז דער דאָזיקער טאָג פאַרבליבן אין דער פאַרשטעלונג פון יידן אין יענער צייט ווי אַ שרעק־טאָג. די שרעק פאַר די פּאָגראָמען האָט אַרומגענומען די יידישע באַ־פעלקערונג אין די קליינע שטעטלעך אַרום לאָדזש, סטריקאָוו אַריינגע־רעכנט. עס איז ביי דער סטריקאָווער יקדישער קהילה באַשלאָסן געוואָרן אַז מען זאָל אין שטעטל שאַפן אַ זעלבסטשוץ, וואָס זאָל היטן די שטאָט אַ גאַנצע נאַכט און פאַרהיטן, אַז עס זאָל פּלוצלינג ניט אויסברעכן קיין פּאָגראָם. צען מענטשן האָבן געדאַרפט היטן די שטאָט איין האַלבע נאַכט און אַנדערע צען מענטשן — די צווייטע האַלבע נאַכט. די שטאָט האָט געדונגען אַ געהילף צום שטאָט־סטרוזש ברענקעוויטש, וואָס זאָל די צווייטע האַלבע נאַכט מיטגיין איבער די גאַסן מיט דער צווייטער גרופּע זעלבסטשוץ. דער סטרוזש ברענקעוויטש און זיין געהילף האָבן געהאַט אַ גרויסע פויק, טאָמער וועט חלילה פּאַסירן עפּעס שלעכטס, זאָלן זיי באַלד אָנהייבן פויקן. מען האָט באַשטימט אַ מענטש וואָס זאָל פאַר־שרייבן ווער עס דאַרף יעדע נאַכט האַלטן וואַך. יעדער וואַכמאַן האָט געקראָגן אַ גראָבן שטעקן און אַ נאַפט־לאָמפּ, אַז אין פאַל עס וועט עפּעס פּאַסירן, זאָל ער זיך האָבן מיט וואָס צו ווערן. כאָטש עס איז געווען באַשטימט ווען ווער עס דאַרף האַלטן וואַך יעדע נאַכט, איז דאָך שווער אָנגעקומען איינצושטעלן די וואַכן. אַ טייל פלעגן זיך וועלן אַרויס־דרייען. למשל, איןביידע פּסח־נעכט האָט ברענקעוויטש, מאיר־וואָלף און יצחק פיין (זיי זענען ביידע מיט עטלעכע יאָר צוריק געשטאָרבן אין ניו־יאָרק), וואָס זענען מיט אים מיטגעגאַנגען, גערופן הערש לייב מאַנ־קעלאַקן, ער זאָל גיין אויף זיין וואַך, האָט ער געענטפערט, אַז ער וועט היינט ניט גיין, ווייל היינט איז ער אַ מלך. דאָס זעלבע פלעגט אָפט געשען ווען מען האָט גערופן אויף דער וואַך די חסידישע יונגעלייט, אָבער זיי זענען דאָך געגאַנגען, ווייל מען האָט זיי פּעסטראַשעט אַז מען וועט זיי ניט לאָזן שלאָפן.

### קאַפּיטל 17

## אין דער ישיבה אין זדונסקע־וואָליע

נאָך פּסח האָב איך געזאָגט מיין מוטער, אַז איך וויל פאָרן קיין זדונסקע וואָליע אין דער ישיבה. די מוטער האָט געזאָגט, כ׳זאָל ניט פאָרן: „דו האָסט אין סטריקאָוו ביי וועמען צו לערנען און דער רב וויל אויך מיט דיר לערנען, איך בין ניט זיכער צי אין זדונסקע וואָליע וועסט דו לערנען ביי גרעסערע לומדים ווי דעם פעטער יעקבס איי־דעמס, שמואל יצחק ווערט דאָך רב אין סאָבאָטאַ. עס פעלט דיר גאָר ניט אין דער היים. מיר האָבן געהאַט גוטע ווינטער־יאַרידים און איצט לייזט מען נאָך אויך זייער גוט אין דער שענק. כ׳האָב דאַנקען גאָט אַלע קינדער געמאַכט נייע מלבושים. טאָ צו וואָס זאָלסטו אַוועקפאָרן און זוכן אין אַ פרעמד אָרט וואו צו קריגן אַ טאָג צו עסן? איך שטער דיר דאָך ניט צו לייענען אַ ציימונג.״ האָט זי געטענהט. — דו האָסט דאָך מיר צוגעזאָגט, אַז אויף זומער וועל איך קענען אַוועקפאָרן, האָב איך געענטפערט. און איך האָב איר געבעטן און געקושט, זי זאָל מיך לאָזן אַוועקפאָרן, ווייל עס איז אַ סך בעסער פאַר אַ יונגן בחור אַז ער פאָרט אַוועק אין דער פרעמד, ער באַקענט זיך מיט נייע מענטשן, נייע שטעט. און אויב איך וועל זיך אַ ביסל צופּלאָגן, מאַכט דאָס אויך ניט אויס. יעדער מענטש מוז זיך צוגעוואוינען צו אַלץ וואָס ס׳קען מיט אים פּאַסירן. — סוף כל סוף האָט מיר מיין מוטער דערלויבט צו פאָרן, נאָר האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל זיך ניט שיפּן אין תשעה־באָב, אַזוי ווי אין זגיערזש. זי האָט מיר געגעבן דעם אַדרעס פון יעזעווער רבס זון, וועלכער איז אונדזערס אַ קרוב, וואָס וואוינט אין זדונסקע־וואָליע און איז אַ פאַבריקאַנט פון וואָלענע סחורות. ביי אים וועל איך קענען שלאָפן. איך האָב זיך אָנגעהויבן גרייטן צום פאָרן. מיין פעטער אברהם האָט מיר געגעבן אַ בריוו צום יעזעווער רבס זון. ביי זאַוול שניידער האָט מען מיר געמאַכט אַ נייעם באַוועלנעם זומער־כאַלאַט; ביי שמעון שוסטער האָט מען מיר געמאַכט אַ פאָר שיך, איבערגעמאַכט פון אַ פּאָר כאַלעוועס פון אַלטע שטיוול.

אַ דינסטיק אין דער פרי האָב איך זיך געזעגנט מיט מיין מוטער,

מיט מיין ברודער און שוועסטער. מיט מיין מוטער האָב איך זיך צע־קושט און זי האָט זיך צעוויינט. אויך מיין ברודער און שוועסטער האָבן געוויינט און חנה, אונדזער דינסטמיידל, האָט מיר נאָכגעקוקט מיט בענקענדיקע בליקן. מיין מוטער האָט מיר געגעבן פינף רובל. זי איז די גאַנצע צייט געשטאַנען ביים וואָגן ביז איך בין אַוועקגעפאָרן.

ווען איך בין געקומען קיין לאָדזש האָט זייער שטאַרק גערעגנט. איך בין אַריינגעגאַנגען אין אַ גאָרקיך עסן. איך האָב זיך נאָכגע־פרעגט וואו עס שטייען די וועגענער וואָס פאָרן קיין זדונסקע וואָליע. איך האָב אָנגעהויבן צו גיין אין גרויסן רעגן מיט מיין קעסטל. ווען איך בין צוגעקומען צום אָרט, איז געשטאַנען נאָר איין וואָגן וואָס איז געווען אָנגעלאָדן מיט סחורות. דער בעל־עגלה האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט ניט קיין אָרט פאַר מיר, אָבער איך האָב זיך ביי אים איינגעבעטן און ער האָט מיך מיטגענומען. איך און דער בעל־עגלה האָבן געדאַוונט מנחה און מעריב אין אַ שענק און מיר האָבן דאָרט אויך אָפּגעגעסן. נאָכן עסן איז שוין געווען גוט פינצטער. האָט מיך דער בעל־עגלה געהייסן אַריינקריכן אין דעם גרויסן לאַנגן וואָגן, וואָס איז געווען צו־געדעקט מיט אַ גרויסער רעגן־פּלאַכטע, אַזוי ווי אַ בויד. ער האָט אַרויפגעלייגט אויף מיין קעסטל אַ זאַק מיט שטרוי, עס זאָל מיר זיין ווייך צו זיצן. איך בין געזעסן ביי דעם עק פון דעם לאַנגן וואָגן. אַחוץ מיר איז געווען נאָך איין פּאַסאַזשיר, אַ מיידל. אַז דער וואָגן מיט די צוויי דאַרע פערד איז געפאָרן מיט דעם שווער־אָנגעלאָדענעם וואָגן איבערן שטיינערנעם ברוקירטן שאָסיי, האָט עס מיך אַזוי געוואָרפן און געטרייסלט, אַז עס האָט מיך דערמאָנט אין מענדעלע מוכר־ספרים׳ס בויד און קליאַטשע.

ווען דער וואָגן איז אָנגעקומען אין זדונסקע וואָליע האָט שוין אָנ־געהויבן טאָגן. דער בעל־עגלה האָט ביי מיר ניט געוואָלט נעמען קיין געלט. איך בין אַוועק אין בית־המדרש, כ׳האָב זיך געלייגט אויף אַ באַנק און כ׳בין באַלד איינגעשלאָפן. אָבער אַ ייד, וואָס האָט אויפן הויכן קול געזאָגט די תפילה „יגדל אלהים" (נותן לרשע רע ברשעתו), האָט מיך אויפגעוועקט פון שלאָף. איך האָב זיך געוואַשן. כ׳האָב אַרויסגע־נומען מיינע תפילין פון קעסטל און כ׳האָב זיך געשטעלט דאַוונען. ווען מען האָט אָפּגעדאַוונט, האָבן מיך עטלעכע יידן געפרעגט פון וועלכער שטאָט איך קום און ווער זענען מיינע עלטערן. האָט איינער געזאָגט, אַז ער קען מיין מוטער, ער איז אַ געבוירענער פון סטריקאָוו. ער האָט געשטאַמט פון אַ באַלעבאַטישער אַרבעטער־משפחה. ער האָט מיך געפרעגט וואָס איך וועל דאָ טאָן. האָב איך אים געזאָגט, אַז איך וועל לערנען אין בית־המדרש, האָט ער מיר באַלד צוגעזאָגט, אַז ער

וועט מיר געבן אַ טאָג עסן. ער האָט מיר אויך געשאַפן אַ טאָג ביי זיינס אַ פריינד. צו מנחה האָט ער מיר געזאָגט, אַז מאָרגן זאָל איך קומען צו אים עסן. נאָכן דאַווענען בין איך אַריינגעגאַנגען אין אַ גאָרקיך עפּעס אָפּעסן. דער בעל־הבית פון גאָרקיך, יחזקאל קאָזשעניצער האָט ער געהייסן, האָט מיך געזען אַריינקומען, האָט ער מיך געבעטן זיך זעצן. איך האָב אים געזאָגט, ער זאָל מיר געבן צוויי זעמל מיט פּוטער און אַ גלאָז מילך. יחזקאל האָט געריבן זיינע הענט מיט צופרידנקייט: עפּעס אַ קלייניקייט? נאָך אַ ישיבה־בחור איז צוגעקומען אין זדונסקע־וואָליע, און אַז דער ישיבהבחור וועט ניט האָבן וואו צו עסן אַ טאָג, וועט ער דאָך האָבן נאָך אַ קונה. איך האָב זיך אַרומגעקוקט איבער דער גאָר־קיך: אויף איין אָרט איז געלעגן צוגעדעקט אַ שטיקל גרינער טרוקענער קעז. ס׳איז געהאַנגען אַ שטיקל האַרטער וואורשט אויף וועלכן ס׳איז געווען אָנגעזאַמלט אַזוי פיל שימל, אַז מען האָט קיין סימן פון וואורשט ניט אַרויסגעזען און די אָפּגעשניטענע זייט פון וואורשט איז געווען באַזעצט מיט פליגן. אַנדערע פליגן האָבן זיך אויסגעשטעלט אויפן רוקן פון וואורשט צו וואַרטן אויף זייער ריי. עס איז אויך געשטאַנען אַ גרויסער גלעזערנער קליאָש מיט קיכלעך. ביי דער וואַנט איז געשטאַ־נען אַן אויוון אין וועלכן ס׳איז געווען איינגעמויערט אַ קופּערנער קעסל, צוגעדעקט מיט אַ שטאַרץ. די שטאַרץ איז געווען פאַרדעקט מיט אַלטע שמאַטעס, אַז די היץ זאָל ניט אַרויס פון קעסל. אין קעסל איז געווען אַ קראַן צו צאַפּן דאָס הייסע וואַסער.

פרייטיק צו נאַכטס און שבת אין דער פרי און נאָך מיטאָג איז די גאָרקיך געווען פול מיט מענטשן, וואָס האָבן געטרונקען טיי. יחזקאל האָט אין דער שטיל אויך פאַרקויפט בראַנפן און ביר. ער האָט פאַר־מאָגט צוויי ציגן און האָט געכאָוועט הינער. פאַר אַ גלאָז ציגן־מילך האָט יחזקאל גענומען אַ גראָשן מער ווי פאַר קו־מילך. אויך פאַר אַן איי פון זיינע אייגענע הינער האָט ער גענומען אַ גראָשן מער. מען האָט געשמועסט אין זדונסקע וואָליע, אַז יחזקאל פאַרמאָגט אַ סך געלט. אַז מען האָט יחזקאלן דאָס געזאָגט, האָט ער געענטפערט מיט אַ וויי־נענדיקן קול: פון וואַנען קען איך האָבן געלט, אַז מיין ווייב קויפט זיך אַלע מאָל אַ ניי שייטל און אויף יעדן יום־טוב לאָזט זי זיך מאַכן אַ ניי קלייד. אַליין האָט יחזקאל געטראָגן אויף זיינע הויקערדיקע פּלייצעס אַן אַלטע גלאַנציקע זשיפּיצע.

אַז איך האָב אָפּגעגעסן אָנבייסן, בין איך אַוועקגעגאַנגען צו ר׳ יצחקן, דעם יעזעווער רבס זון (און אַן איייניקל פון טשעכאַנאָווער רבין, ר׳ אברהמעלע), און כ׳האָב אים געגעבן דעם בריוו וואָס מיין פעטער אברהם האָט מיט מיר מיטגעשיקט צו אים. ר׳ יצחק האָט

מיר געזאָגט, אַז ער האָט געקענט מיין פאָטער און ער האָט זיך אויסגעפרעגט אויף מיין מוטער און מיינע פעטערס. ער האָט מיר אָנגעוויזן אויף אַ סאָפע וואו איך וועל קענען שלאָפן. ער האָט אויך מיר צוגעזאָגט איין טאָג עסן.

איך בין אָוועקגעגאַנגען צו יחזקאל אין גאָרקיך נאָכן קעסטל מיט מיינע זאַכן. ווי איבערראַשט בין איך געוואָרן, אַז איך האָב דאָרט געטראָפן מיין פריינד געצל, מיט וועלכן איך האָב צוזאַמען געלערנט ביים זגיערזשער רב. געצל האָט מיר געזאָגט, אַז דער קליינער חנניה איז אויך דאָ אין זדונסקע־וואָליע, אַז ער האָט שוין פאַרגעסן וואָס עס הייסט זיין פרום און אַז ער האָט חרטה פאַר וואָס ער האָט אונדז דעמאָלט פאַרמסרט אין זגיערזש אַז מיר האָבן זיך געשיפט און געגעסן אין תשעה־באָב. איך האָב געפרעגט געצלען, ווי עס גייט אים דאָ, האָט ער מיר געזאָגט, אַז אין זגיערזש האָט ער געהאָט בעסערע טעג צו עסן, אַז ביי די רייכע חסידים איז זייער שווער צו קריגן אַ טאָג צו עסן. ער עסט טעג ביי בעלי־מלאכות און סוחרים. ער האָט מיר געגעבן עטלעכע נעמען, וואו איך וועל אפשר קענען קריגן די רעשט טעג. געצל האָט מיר ווייטער דערציילט, אַז אין בית־המדרש זענען פאַראַן עטלעכע יונגעלייט, וואָס קענען זייער גוט לערנען. ער האָט מיר געעצהט, אַז איך זאָל רעדן מיט פישלען, מרדכי קצבס איידעם, ער זאָל מיך לערנען. ער האָט מיר אויך געזאָגט, אַז איך זאָל זיך היטן מיט לייענען ביכער.

אויפן וועג צו ר' יצחקן האָט געצל מיר ווייטער דערציילט, אַז ער איז זייער ניט צופרידן פון זיין אין זדונסקע־וואָליע. זדונסקע־וואָליע האָט מער יידן ווי זגיערזש, און דאָך האָבן די זגיערזשער יידן אַ מער אָפענע האַנט צו געבן אַ בחור אַ „טאָג". געצל האָט מיר אויך דערציילט, אַז דאָ איז איינגעפירט, אַז די ישיבה־בחורים גייען פרייטיק אין די הייזער צו די בעלי־בתים מיט אַ פושקע, מען זאָל זיי אַריינוואַרפן אַ נדבה אויף די הוצאות אַ חוץ דעם עסן און אַז ער זאַמלט אָן אין אַ פרייטיק ביז זיבעציק גראָשן. איין פרייטיק האָט ער געהאַט אַ רובל. געוויינטלעך וואַרפט מען אַריין אַ גראָשן און אַ קאָפּיקע. איין פרוי, וואָס טראָגט ניט קיין שייטל, גיט אים יעדן פרייטיק צען גראָשן. פאַראַן אַזעלכע וואָס גיבן ניט, אָבער דאָס זענען מענטשן וואָס גיבן ניט אַפילו אויף מעות־חטין.

ווען מיר זענען אַרויסגעגאַנגען פון ר' יצחקס הויז האָט געצל מיך אַרומגעפירט איבער די ערטער, וואו איך קען קריגן די רעשט טעג צו עסן. ער האָט מיר אָנגעוויזן אויף אַ הויז וואו עס וואוינט זייער אַ רייכער ייד וואָס גייט „דייטשיש" געקליידט. איך האָב אָנגעקלאַפּט

און עס איז מיר אַנטקעגן געקומען אַ שיין געקליידעטע פרוי און האָט מיך געפרעגט אין האַלב יקדיש האַלב דייטש, „וואָס פערלאַנגען זי?" — איך האָב איר געזאָגט, אַז איך לערן אין בית־המדרש, איך בין ניט פון זדונסקע וואָליע און כ׳בעט אַז זי זאָל מיר געבן אַ טאָג צו עסן, איין טאָג אין דער וואָך. אַזוי ווי איך האָב גערעדט מיט דער פרוי, איז אַריינגעקומען אַ מאַן. הערנדיק וואָס איך פאַרלאַנג, האָט ער מיך אויסגעפרעגט פון וועלכער שטאָט איך בין. ביי וועמען איך שלאָף און ביי וועמען איך וועל לערנען? איך האָב אים אויף אַלץ געענט־פערט. ער האָט מיך געפרעגט וויפל טעג איך האָב שוין צו עסן, האָב איך אים געענטפערט, אַז דריי טעג. ער האָט איבערגערעדט מיט זיין פרוי און די פרוי האָט מיר געזאָגט, אַז זי וועט מיר געבן איין טאָג צו עסן און איך וועל קומען „ביין אוהר פרי אויף פרישטיק, איינס אוהר אויף מיטאָג אונד זעקס אוהר אויף אַבענדברויט". ווען איך בין אַרויסגעקומען און כ׳האָב דערציילט געצלען, אַז איך קריג דאָ אַ טאָג עסן, האָט ער מיר געזאָגט אַז איך בין דער ערשטער ישיבה־בחור וואָס קריגט ביי דער פאַמיליע גאָלדרייך אַ טאָג עסן. האָב איך שוין געהאַט פיר טעג צו עסן. ווייטער האָט מיך געצל אָנגעוויזן, אַז איך זאָל אַריינגיין אין אַ צווייט הויז און אַז איך זאָל אָנקלאַפּן אין דער טיר פון דער רעכטער זייט. איך האָב אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. עס איז מיר אַנטקעגנגעקומען אַ הויכע, יונגע פרוי מיט אַן אינטעלי־גענטן אויסזען. איך האָב איר געזאָגט וואָס איך פאַרלאַנג. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז זי קומט אויך פון סטריקאָוו, און אויך זי האָט מיר צוגעזאָגט צו געבן אַ טאָג עסן. אַז איך בין אַרויס אין גאַס, פרעגט מיך געצל: „נו, האָסט געקראַגן אַ טאָג?" זאָג איך אַז יאָ. האָט געצל צו מיר געזאָגט: „אברהם פנחס, פאָלג מיך, פאַר מער ניט אַרום אין דער פרעמד לערנען און שנאָרן טעג צו עסן, ווער אַ פריקאַזשטשיק. אַז דו האָט געקענט קריגן ביי די צוויי בעלי־בתים טעג צו עסן, קענסטו זיין אַ גוטער פריקאַזשטשיק." האָבן מיר געפעלט נאָך צוויי טעג צו עסן. „דו וועסט זיכער קריגן די רעשט", האָט געצל געזאָגט, „אויב וועסט שבת ניט האָבן וואו צו עסן, וועסט דו גיין אין סטריקאָווער חסידים־שטיבל. דאָרט וועסטו זיכער געפינען עמעצן וואָס וועט דיך נעמען צו עסן."

ווען מיר זענען געקומען אין בית־המדרש, האָט מיך געצל צוגעפירט צו פישלען, ביי וועמען ער האָט געלערנט. געצל האָט אים געזאָגט, ווער איך בין, אַז איך האָב מיט אים צוזאַמען געלערנט ביים זגיערזשער רב. פישל האָט מיך אויסגעפרעגט וועגן מיין ביז־איצטיקן לערנען. איך האָב אים אַלץ געזאָגט און ער האָט מסכים געווען מיט מיר צו לערנען. פישל איז געווען אַ הויכער, מיט אַ קליין שוואַרץ בערדל. ער האָט ניט

געטראָגן קיין לאַנגע פּאות. ער איז געווען זייער אַ שיינער און ווי געצל האָט מיר געזאָגט, האָט פישל געלייענט צייטונגען און איז ניט געווען קיין פאַנאַטיקער.

צו מאָרגנס אין דער פרי בין איך געגאַנגען עסן מיין ערשטן אָנ־בייסן. דער בעל־הבית, קלמן טאַנדייטער, איז געווען אַ שניידער. ער האָט געהאַט אַ סך געזעלן. דער בעל־הבית און זיין פרוי רחל האָבן מיך פיין אויפגענומען. די בעל־הביתטע האָט מיך געפרעגט וואָס איך וויל עסן, צי איך וויל עסן קאַרטאָפל מיט באָרשטש. האָב איך איר געענטפערט, דאָס וואָס זי וועט מיר געבן וועל איך עסן. מען האָט מיר געגעבן באָרשטש מיט קאַרטאָפל און אַחוץ דעם האָט מען אויפן טיש אַרויפגעלייגט פון כל־טוב. די בעל־הביתטע האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל ניט פאַרגעסן צו קומען עסן מיטאָג. איך האָב איר געזאָגט, אַז איך בין ניט זיכער, צי עס וועט מיך הונגערן נאָך אַזאַ אָנבייסן, זאָגט זי אַז איך זאָל אויף יעדן פאַל קומען, און וויפיל איך וועל קענען, וועל איך עסן. דער שניידער און זיין פרוי האָבן מיך זייער גוט באַהאַנדלט, פשוט ווי איך וואָלט געווען זייער אייגן קינד. קלמן איז געווען אַ פאַרמעגלעכער מענטש און אַן אָנגעזעענער בעל־הבית אין שטאָט. זיין פרוי האָט זייער גוט באַהאַנדלט די געזעלן און זיי האָבן אַלע מאָל אַ סך גוטס גערעדט וועגן איר און וועגן קלמען, אָבער אויף די שכירות האָבן זיי זיך יאָ געקלאָגט.

דער צווייטער בעל־הבית ביי וועמען איך האָב געגעסן איז געווען אַ תבואה־סוחר. אויך אַ פאַרמעגלעכער. די פרוי האָט מיך אויך זייער גוט באַהאַנדלט. דער בעל־הבית איז געווען אַ קליין געוואוקסיקער, מיט אַ קליין בלאָנד בערדל. גערופן האָט מען אים „דער קליינער אברהמעלע". זיין ווייב איז געווען דער היפוך פון אים: אַ הויכע, אַ שיינע, אַ פריינדלעכער שמייכל איז שטענדיק געלעגן אויף איר פנים. אַז איך האָב געגעסן און איר מאַן איז ניט געווען אין שטוב, איז זי שטענדיק געזעסן לעבן מיר און גערעדט. פון אירע רייד האָב איך געזען אַז זי איז ניט קיין פרומע.

דעם טאָג וואָס איך האָב געגעסן ביי מיין קרוב ר' יצחקל, ביי וועמען איך בין אויך געשלאָפן, איז מיר גאָר גוט געווען. איך קען זאָגן אַז איך האָב זיך אַליין גוט באַהאַנדלט, ווייל איך בין דאָך געווען אַ בן־בית. יצחקל איז זעלטן געווען אין דער היים. ער איז געווען אַ פאַבריקאַנט פון גוטע וואָלענע סחורות. ער פלעגט אַרויס־געבן וואָלענע פאַדעם די האַנטוועבערס, קריסטלעכע און יידישע, און זיי האָבן געמאַכט פאַר אים אין דער היים וואָלענע סחורות. ניט איין מאָל האָב איך געהערט ווי יצחקל האָט געזידלט די וועבערס, אַז

זיי האָבן אים באַגנבעט מיט גאַרן. ער פלעגט צו זיי שרייען אַז די סחורה איז פייכטלעך און זי איז זייער שיטער געוועבט. אַזאַ וועבער האָט געטענהט: „וועג אָפּ די סחורה וועט איר זען, צי די סחורה וועגט ניט אַזוי פיל ווי דער פאָדעם, וואָס איר האָט מיר געגעבן". האָט יצחקל געענטפערט: „זיכער וועגט די סחורה אַזוי פיל ווי דער פאָדים, ווייל דו האָסט נאָס געמאַכט דעם פאָדעם און אַ ביסל באַשפּריצט מיט וואַסער די סחורה, נו, וועגט די סחורה אַזוי פיל ווי דער פאָדעם". יצחקל האָט געוואָלט אַראָפּנעמען פון פּרייז פאַר דעם פאָדעם וואָס פעלט אין דער סחורה. דער וועבער האָט געשוואוירען, אַז ער האָט ניט אַרונטערגענומען קיין פאָדעם און אַז ער וועט ניט לאָזן אַרונטערנעמען פון אַרבעטס־לוין. האָט יצחקל געזאָגט צום וועבער: „וואָס טויג מיר דיין שווערן, מיין וואָג איז ערלעכער ווי דיין שווערן." בשעת יצחקל האָט זיך געקריגט מיטן יידישן וועבער, איז אַריינגעקומען אַ דייטשי־שער וועבער מיט זיין זון. זיי האָבן אַריינגעבראַכט צוויי שטיקער סחורה אויף זייערע פּלייצעס. אַז יצחקל האָט געוואויגן און באַטאַפּט די סחורה און האָט זי באַטראַכט דורך אַ ספּעציעלן שפּאַקטיוו, האָט ער געזען אַז אויך די סחורה איז פייכט און איז שיטער געוועבט. האָט ער געזאָגט צום דייטש, אַז ער איז נאָך אַ גרעסערער שווינדלער ווי דער ייד, אַז זיין סחורה איז דאָך נאַס ווי וואַסער און אַז ער וועט אים ניט באַצאָלן דעם אַרבעטס־לוין ביז ער וועט אים צוריק ברענגען דעם רויען פאָדעם און ער וועט אים מער ניט געבן קיין אַרבעט. אַז דער דייטש האָט דאָס געהערט, האָט ער געזאָגט צו יצחקן: „שרעקן זי מיך ניט. איך און אויך מיין פריינד דער יודע, וועלן מער ניט נעמען קיין אַרבעט פון אייך". אַז יצחקל האָט געהערט דאָס וואָרט „ניט אַרבעטן" האָט ער אַ געשריי געטאָן צום דייטש: „דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב ניט קיין מורא פאַר ניט וועלן אַרבעטן! דו ווייסט דאָך, וואָס מען האָט אין לאָדזש געטאָן מיט די וועלכע האָבן ניט געוואָלט אַרבעטן!" (דאָס האָט ר' יצחקל גע־מיינט דעם פאַל וואָס די קאָזאַקן האָבן אין לאָדזש געשלאָגן און דער־הרגעט עטלעכע אַרבעטער פאַר שטרייקן). אָבער דעם צווייטן טאָג האָבן די וועבערס מער ניט געבראַנגט קיין פאַרטיקע סחורה. אַז ר' יצחקל האָט געזען אַזאַ זאַך, איז ער אַרומגעלאָפן איבער דער שטוב אַראָפּ און אַרויף, האָט זיך געבראָכן די הענט און האָט גערעדט צו זיך אַליין: „דאָס אַלץ האָב איך צו פאַרדאַנקען דעם יידישן וועבער". פייגעלע, יצחקלס פרוי, האָט געזאָגט צו אים: „אויב דו האָסט זיי מער ניט געוואָלט געבן קיין אַרבעט, האָסט דו זיי ניט באַדאַרפט זידלען און שעלטן. זיי זענען דאָך אויך מענטשן און דו פאַרדינסט מער אין זיי ווי זיי פאַרדינען אין דיר". פייגעלע האָט מיך געפרעגט מיין מיינונג און איך האָב איר געגעבן גע־

רעכט. האָט יצחקל געזאָגט: „ווי איך זע, זענט איר בײדע מליץ־יושרס פון די אַרבעטאָרערס״.

יצחקל איז געווען זײער אַ פרומער, האָב איך די ערשטע צײט, ווען איך האָב בײ אים געוואוינט, מורא געהאַט צו לײענען אַ ביכל אין זײן הויז. אָבער ווען איך האָב זיך מער באַקענט מיט זײן ווײב פײגען, האָב איך אָנגעהויבן לײענען אַ ביכל אָדער אַ צײטונג אין דער שטוב וואו איך בין געשלאָפן. פײגע האָט געוואוסט און געשוויגן, ווײל אויך זי האָט געלײענט ביכער און צײטונגען ווען איר מאַן איז ניט געווען אין דער היים.

בײ דער רײכער פאַמיליע גאָלדרײך בין איך אויך זײער גוט באַהאַנדלט געוואָרן. מען האָט מיר געגעבן עסן פון בעסטן. עס האָט מיך דערמאָנט די פרוי סאָניק פון זגיערזש, וואו איך האָב געהאַט דעם בעסטן טאָג צו עסן. פרוי גאָלדרײך איז געווען זײער פרײנדלעך צו מיר. אײן מאָל, ווען איך בין אַרײנגעקומען עסן, האָט זי מיך געפרעגט, וואָס וועט אַרויסקומען פון מײן לערנען: „ווען דו וואָלסט געלערנט פאַר אַ צוועק״, האָט זי געזאָגט, „אַז דו זאָלסט ווערן אַ ראַבינער, אָדער אַ געהילפס־ראַבינער, וואָלט דאָס דיר געברענגט נוצן. אָבער בלויז לערנען? — דאָס וועט דיר קײן שום נוצן ניט ברענגען, דו וועסט ווערן אַ מלמד״. איך האָב איר געענטפערט, אַז לערנען ברענגט וויסן און עס איז ניט קײן אונטערשייד וואָס פאַר אַ וויסן און אין וועלכער שפּראַך מען לערנט. — צי ווײסט איר, אַז זײער פיל געזעצן האָט די וועלט גענומען פון דער תורה און פון תלמוד? — האָב איך איר געפרעגט. זי האָט מיך געפרעגט: „גלויבסט דו, אַז מאָזעס האָט געגעבן די ייִדן די תורה אויפן באַרג סיני און אויך אַלע זעקס הונדערט און דרײצן געזעצן?״ איך האָב איר געענטפערט, אַז אין דער תורה וואָס גאָט האָט דורך משהן געגעבן די ייִדן אויפן באַרג סיני זענען געווען נאָר די צען געבאָטן און די אַלע אַנדערע געזעצן האָבן די ייִדן אָנגענומען אין פאַרשײדענע צײטן און פאַרשײדענע לענדער, וואו די ייִדן האָבן זיך באַזעצט. מיר האָבן אַזוי נאָך ווײטער געשמועסט, זי האָט שטאַרק קריטיקירט די ייִדן און איך האָב איר אויף אַלץ אָפּגעענטפערט.

ווען איך בין געקומען עסן צו דער פרוי וואָס האָט געשטאַמט פון סטריקאָוו, איר נאָמען איז געווען ראָזע ליפשיץ, האָט זי מיר אויך געגעבן אַ גוטן אָנבײסן. די גאַנצע צײט וואָס איך האָב געגעסן, האָט די פרוי געלײענט אַ בוך. בעת זי איז געגאַנגען מיר ברענגען עסן, האָב איך אַ קוק געטאָן אין איר בוך. זי האָט דאָס געזען און האָט מיך געפרעגט, צי איך לײען ביכער. איך האָב איר געענטפערט, אַז אויב איך האָב אַ בוך און אַ געלעגנהײט דערצו, לײען איך. האָט זי מיר געזאָגט:

אויב אַזוי, ביסטו דאָך מסתמא איינער פון די פאַרפאַלגטע סטריקאָ־ווער בחורים וואָס מען שטערט דאָרט צו לייענען ביכער. ווען דו וועסט נאָר וועלן לייענען אַ בוך, קענסטו קומען צו מיר. איך וועל דיר געבן גענוג ביכער צו לייענען." זי האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ שטוב וואו עס איז געשטאַנען אַ גרויסע שאַנק מיט ביכער, יידישע, לשון־קודשע און פוילישע און זי האָט מיר געזאָגט, אַז זי און איר מאַן באַ־לאַנגען צום פאַראיין „חובבי ציון" און צום פאַראיין „מפיצי שפת עבר" און אַז איר מאַן לייענט די „הצפירה". ווען איך בין געקומען עסן מיטאָג, האָט זי מיר געגעבן אַ צייטונג צו לייענען, זי האָט מיר דערציילט וועגן די „חובבי ציון" און האָט מיך אַגיטירט, איך זאָל זיך אָנשליסן אין דער געזעלשאַפט. מיר האָבן דיסקוטירט אַ לאַנגע צייט, זי האָט פאַרטיידיקט דעם ציוניזם און איך האָב איר דערווידערט. בשעת מעשה איז אַריינגעקומען פרוי ליפשיצעס מאַן, מרדכי. ער האָט זיך צוגעהערט צום שמועס און ער האָט מיר טיילווייז געגעבן גערעכט. (מרדכי ליפשיץ האָט געהאַנדלט מיט פאַרטיקע וואָלענע סחורות).

פרוי ליפשיץ האָט מיר געזאָגט, אַז עס איז זייער אינטערעסאַנט צו רעדן מיט מיר און זי האָט מיר ווידער אַ מאָל געזאָגט אַז איך קען אַריינקומען צו איר ווען נאָר איך וויל לייענען אַ בוך אָדער אַ צייטונג. איך בין געוואָרן אַן אָפטער אַריינגייער אין הויז פון די ליפ־שיצעס. איך האָב דערציילט מיין פריינד געצל וועגן דער אינטערע־סאַנטער פאַמיליע און ער פלעגט אָפטמאָל מיט מיר מיטגיין און די גאַנצע צייט וואָס מיר האָבן געלערנט אין זדונסקע וואָליע, האָבן מיר געהאַט אונדזער קולטורעלן ווינקל ביי דער פאַמיליע ליפשיץ, וואו מיר האָבן אַ סך פאַרבראַכט. קיינער אין בית־המדרש האָט וועגן דעם ניט געוואוסט.

אַז עס איז געקומען פרייטיק פאַר נאַכט, און איך האָב ניט געהאַט וואו צו עסן שבת, האָב איך פאַרטראַכט וואָס זאָל איך טאָן: זאָל איך גיין אין קהלשן בית־המדרש און זאָגן דעם שמש, אַז איך האָב ניט וואו צו עסן שבת, און ער זאָל מיר שאַפן אַן אָרט צו עסן ווי פאַר אַלע אורחים, אָדער זאָל איך גיין אין סטריקאָווער חסידים־שטיבל פרואוון קריגן עסן ביי אַ חסיד, אָדער אפשר זאָל איך גאָר אַריינגיין אין גאָרקיך פון יחזקאל קאָזשעניצער און עסן ביי אים אַ שטיקל הערינג מיט אַ שטיקל פאַרשימלטן וואורשט מיט חלה און טיי? — אַזוי גייענ־דיק און טראַכטנדיק וואָס צו טאָן, איז אָנגעקומען געצל. ער האָט מיך געפרעגט וואו איך גיי דאַווענען. האָב איך אים געזאָגט: דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב ניט וואו צו עסן שבת און איך קלער וואו זאָל איך גיין דאַווענען. האָט געצל זיך אָפּגערופן: „קלער ניט קיין סך און קום

מיט מיר אין סטריקאָווער שטיבל. איך וועל דיר שוין שאַפן וואו צו עסן שבת, ווען ניט דאַרפן שטיין ביי דער טיר וואַרטן, מען זאָל דיך נעמען פאַר אַן אורח". זענען מיר געגאַנגען אין סטריקאָווער חסידים־שטיבל. ווי נאָר מיר זענען אַריינגעקומען אין שטיבל, האָט געצל ניט געטרוט קיין מינוט, ביז ער האָט מיר ניט געשאַפן וואו צו עסן שבת. געצל האָט מיך צוגעפירט צו אַ ייד ר' שמואל ווינער, ביי וועמען איך האָב געדאַרפט עסן. דער ייד האָט מיך געפרעגט פון וועל־כער שטאָט איך קום, האָב איך אים געזאָגט, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז ער האָט גוט געקענט מיין פאָטער און קען אויך מיין מוטער. ווען איך בין געקומען אין זיין שטוב, האָב איך דערזען, אַז ס'איז אַ רייך הויז. זיין פרוי האָט זיך דערפרייט וואָס ער האָט געבראַכט אַ גאַסט פון דער שטאָט פון „אונדזער הייליקן רבין" און זי האָט מיר געגעבן צו עסן פון כל־טוב. האָב איך שוין געהאַט זעקס טעג וואו צו עסן. אָבער די מיטוואָכס זענען נאָך אַלץ ביי מיר געווען אָפן.

פון מיין לערנען ביי פישלען בין איך זייער צופרידן געווען. ער איז געווען אַ למדן און האָט געוואוסט ווי צו געבן צו פאַרשטיין דעם שיעור. ער איז אויך ניט געווען קיין פאַנאַטיקער. געצל האָט מיר דערציילט אַז פישל לייענט די „הצפירה" און אַ פוילישע צייטונג אויך. איין מאָל האָט פישל מיך געפרעגט, צי איך וויל לערנען מיט צען גרויסע יינגלעך אַ צען טעג, ווייל זייער מלמד, מענדל שמש, פאָרט אַוועק אויף אַ חתונה. ער וועט מיר דערפאַר געבן פינף רובל און דעם מיטוואָכדיקן טאָג עסן, וואָס עס פעלט מיר. איך האָב מסכים געווען. מענדל שמש איז געקומען צו מיר אין בית־המדרש אַריין. ער האָט מיך גענומען צו זיך און מיך פאָרגעשטעלט פאַר זיינע תלמידים אַז איך וועל מיט זיי לערנען. שבת האָבן די עלטערן פאַרהערט די יינג־לעך די גמרא, וואָס איך האָב זיי געלערנט און זיי האָבן זי גוט געקענט. ווען דער מלמד איז צוריקגעקומען, האָט ער מיר געגעבן די פינף רובל. ביי מיר איז דאָס געווען אַן אוצר. מענדל שמש האָט מיר באַדאַנקט, ווייל ער איז געווען צופרידן פון מיין לערנען און ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט מיר טאַקע געבן דעם מיטוואָכדיקן טאָג עסן. האָב איך שוין געהאַט אַ פולע וואָך „טעג".

מיטוואָך אין דער פרי, ווען איך בין געגאַנגען עסן צו מענדל מלמד, האָב איך ביי זיך געמאַכט אַ חשבון פון מיינע „טעג" וואָס איך עס ביי באַרשיידענע מענטשן: ביי אַ שניידער, ביי אַ תבואה־סוחר, ביי אַ חסיד — אַ בעל־מיוחס, ביי אַ זייער רייכער פאַמיליע — האַלב אַסימילירטע יידן, ביי אַ משכילישער ציוניסטישער פאַמיליע, ביי אַ רייכן חסיד און איצט ביי אַ מלמד. איך האָב זיך געטראַכט, אַז איך בין אַזוי גוט ווי אַ שנאָרער

מיט דעם אונטערשייד, וואָס אַ שנאָרער בעטלט אויס נאָר איין מאָלצייט, און איך האָב אויסגעבעטלט גאַנצע טעג צו עסן, מיטן אויסרייד וואָס איך לערן. נו, וועמען טו איך אַ טובה אַז איך לערן? — לשם־שמים לערן איך ניט, ווייל איך בין דאָך ניט קיין פרומער, די אורחים זענען זיכער פרומער ווי איך. זיי עסן זיכער ניט פאַרן דאַווענען. זיי פאַסטן תעניתים, ספּעציעל תשעה־באָב און יום־כיפור. אַזוי טראַכטנדיק בין איך צוגעקומען צום מלמדס הויז. די וואוינונג איז באַשטאַנען פון צוויי שטובן. אין איין קלענער שטוב איז געווען די קיך און אין דער צווייטער שטוב איז געווען דער חדר וואו עס איז אויך געשטאַנען אַ שאַנק מיט ספרים. ווען איך בין אַריינגעקומען, איז מיר אַנטקעגן געגאַנגען דעם מלמדס ווייב, אַ בלאָנדע, פון מיטעלן וואוקס, מיט אַ דאַר פּנים און אַ לאַנגע שמאָלע נאָז און דינע ליפּעלעך. זי האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ זויער פּנים און מיך רחמנותדיק געפרעגט צי איך בין דער בחור, וואָס וועל ביי איר עסן אַ טאָג. איך האָב איר געזאָגט אַז יאָ. האָט זי מיר אָנגעוויזן אויף אַ פעסל מיט וואַסער, צוגעדעקט מיט אַ שטיקל ברעטל. אויף דעם ברעטל איז געשטאַנען אַ שוואַרץ בלעכן טעפּל. זי האָט מיר געגעבן אַ האַנטוך אָפּצואוואַשן די הענט, וואָס איז געווען נאַסער ווי מיינע הענט. אויפן טיש איז געלעגן איין זעמל, אַ קליין שטיקל ברויט, אַ קליין שטיקל פּוטער און אַ גלאָז קאַווע, וואָס איז געווען כמעט שוואַרץ. אַז איך האָב געהאַט אָפּגעגעסן, האָט דעם מלמדס ווייב מיר געזאָגט אַז איך זאָל ניט קומען אויף מיטאָג, נאָר ביינאַכט אויף וועטשערע. אויף וועטשערע האָט זי מיר געגעבן אַ קליין שטיקל הערינג מיט אַ קליין שטיקל ברויט, אַ גרויסע שיסל שיטערע זופּ מיט אַ פּאָר אַרבעס און עטלעכע פערפל און צוויי קליינע שטיקלעך פלייש. דערפאַר איז געשטאַנען אויפן טיש אַ גרויסער טע־לער מיט רעטעך.

אַז איך בין דאָרט געקומען דעם צווייטן מיטוואָך עסן אָנבייסן, איז געלעגן אויפן טיש אַ גרויס ברויט, אַ זייער קליין שטיקל פּוטער און אַ שוואַרץ גלאָז קאַווע. אַזוי ווי איך האָב זיך געוואַשן צום עסן, איז דעם מלמדס ווייב פאַרשוואונדן פון שטוב. ווען איך האָב געוואָלט אָפּ־שניידן אַ שטיקל ברויט, איז אויפן טיש ניט געווען קיין מעסער. איך האָב געזוכט אַ מעסער, אָבער איך האָב ניט געקענט געפינען. אַנטקעגנאיבער דעם מלמדס שטוב האָב איך געזען אַן אָפענע טיר, דאָרט האָט געוואוינט אַ שניידער, האָב איך אַריינגעשריגן סכין (מעסער), האָט מיר דעם שניי־דערס טאָכטער אַריינגעברענגט אַ מעסער. נאָכן אָפּעסן האָב איך צוריק אַריינגעטראָגן דאָס מעסער. איך האָב ביי זיך געטראַכט, מעגלעך אַז דעם מלמדס ווייב האָט פאַרגעסן אַוועקצולייגן אַ מעסער אויפן טיש. די ווע־

טשערע איז געווען אַ סך ערגער ווי די ערשטע וואָך. אַז איך בין דעם דריטן מאָל געקומען צו דער מלמדקע עסן אָנבייסן, איז ווידער געלעגן אויפן טיש אַ גרויס ברויט מיט אַ קליין שטיקל פּוטער און אַ שוואַרץ גלאָז קאַווע אָן צוקער. דעם מלמדס ווייב איז ווידער באַלד פאַרשוואונדן פון שטוב. אַז איך האָב זיך געוואַשן און האָב געוואָלט אָפּשניידן אַ שטיקל ברויט איז אויפן טיש ווידער ניט געווען קיין מעסער. אויך דאָס מאָל האָט דעם שניידערס טאָכטער, רבקהלע, מיר אַריינגעבראַכט אַ מעסער; זי האָט מיר געזאָגט, אַז דעם מלמדס ווייב טוט דאָס עקסטרע, אַז עס זאָל מיר פאַרמיאוסט ווערן צו עסן ביי איר. רבקהלע האָט מיר צוגע־זאָגט, אַז זי וועט יעדן מיטוואָך מיר אַריינברענגען אַ מעסער. אַז איך האָב דערציילט געצלען וועגן דעם עסן וואָס איך קריג ביי מענדל שמש, האָט ער מיר געעצהט אַז איך זאָל מער ניט גיין דאָרטן עסן. איך האָב געצלען געזאָגט, אַז איך וועל נאָך איין מאָל גיין עסן איין אָנבייסן. איך וועל מיר קויפן אַ מעסערל פאַר פינף גראָשן און כ׳האָב באַשלאָסן אַז דאָס איבעריקע ברויט וועל איך מיטנעמען מיט זיך, צעשניידן עס אויף קליינע שטיקלעך און כ׳וועל געבן דאָס ברויט יחזקאל קאָזשעניצערס ציגן און הינער, וועלכע דרייען זיך אַרום דעם בית־המדרש און שול־הויף און זוכן אַלע מאָל עפּעס צו עסן.

אַז איך בין דעם נאָענטסטן מיטוואָך ווידער אַמאָל געקומען עסן אָנ־בייסן צום מלמד, האָב איך ווידער געפונען אויפן טיש צוגעגרייט ווי שטענדיק, נאָר דאָס לעבל ברויט איז געווען גרעסער ווי אַלע מאָל און לאה, דעם מלמדס ווייב, איז ווידער פאַרשוואונדן פון שטוב. אַז איך האָב זיך געוואַשן צו דעם עסן, האָט רבקהלע ווידער אַריינגעברענגט אַ מעסער. אַז איך האָב איר געוויזן מיין מעסערל מיט דעם הילצערנעם הענטל, האָט זי זיך זייער צעלאַכט. ווען איך האָב געהאַט אָפּגעגעסן, האָב איך געבעטן, זי זאָל מיר געבן אַ גרויס שטיק פּאַפּיר, איך זאָל קענען אַריינלייגן דאָס ברויט. איך האָב איינגעפּאַקט דאָס גרויסע שטיק ברויט, וואָס איז איבערגעבליבן פון מיין אָנבייסן און איך בין געשווינד אַרויס־געלאָפן פון שטוב, כדי דעם מלמדס ווייב זאָל ניט זען ווי איך טראָג אַרויס אַ גרויס שטיק ברויט. אין בית־המדרש האָב איך דערציילט פישלען און געצלען די מעשה. איך האָב פישלען געוויזן דאָס גרויסע שטיק ברויט וואָס איך האָב צוגענומען ביי מענדל שמש און דאָס מעסערל וואָס איך האָב מיר געקויפט צו צעשניידן דאָס ברויט. איך בין אַרויסגעגאַנגען אויפן בית־המדרש־הויף און צוגעוואָרפן די שטיקלעך ברויט יחזקאלס ציגן און הינער. דאָס איבעריקע ברויט האָב איך באַהאַלטן ביי יחזקאל קאָזשעניצער, איך זאָל האָבן צו עסן וועטשערע.

דעם צווייטן טאָג, ווען דער מלמד מענדל שמש איז געקומען אין בית־

המדרש דאַוונען, איז פישל און נאָך עטלעכע יונגעלייט, וואָס האָבן געלערנט אין בית־המדרש, צוגעגאַנגען צו אים און האָבן אים געפרעגט, צי עס איז שיין אַזוי צו טאָן, צוצוזאָגן אַ בחור אַ טאָג עסן און אים געבן קדחת. אויב ער האָט ניט געוואָלט געבן עסן, האָט אים קיינער ניט געצוואונגען. מענדל שמש האָט געזאָגט די יונגעלייט אַז ער ווייס פון גאָר ניט. פישל האָט אים געזאָגט, אַז ער זאָגט ניט ריכטיק. מענדל האָט זיך זייער פאַרשעמט און ער איז אַ לאַנגע צייט ניט אַריינגעקומען אין בית־המדרש דאַוונען. מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט מיר פישל געזאָגט, אַז איך וועל עסן די מיטוואָכס ביי זיין שווער. דעם ערשטן מיטוואָך האָט מיך פישל מיטגענומען צום אָנבייסן. די מיטוואָכס, וואָס איך האָב געגעסן ביי ר׳ מרדכי קצב האָב איך לאַנג געדענקט. ר׳ מרדכי קצב איז געווען אַ בן־תורה, אַ רייכער ייד און אַ בעל־צדקה.

פאַר שבעה עשר בתמוז האָט מיר פרוי ליפשיץ געזאָגט אַז איך זאָל קומען צו איר עסן, אַז זי פאַסט ניט און אַז איר מאַן וועט ניט זיין אין דער היים. איך האָב איר געפאָלגט און איך האָב פאַרבראַכט זייער אַ גוטן תענית ביי פרוי ליפשיץ. פאַר תשעה־באָב האָט זי מיר ווידער געזאָגט אַז איך זאָל צו איר קומען אָפּריכטן אַ פיינעם תענית. אָבער דער תענית איז מיר פאַרשטערט געוואָרן, ווייל איר מאַן איז געווען אין דער היים און מען האָט ניט געקענט עסן. אָבער געצל האָט מיך מיטגענומען אין אַן אַנדער הויז וואו מיר האָבן פאַרבראַכט אַ פיינעם תשעה־באָב. אָבער מיר ביידע האָבן דאָס געהאַלטן בסוד. מיר האָבן קיין איינעם פון די ישיבה־בחורים ניט דערציילט וועגן דעם, אַפילו ניט דעם קליינעם חנניהן, וועמען מען האָט אין אַ שבת אין חודש אלול געכאַפּט רויכערן הינטער דער שטאָט. ער האָט באַלד צו מאָרגנס געמוזט אַנטלויפן פון זדונסקע וואָליע. דאָס וואָס מען האָט חנניהן געכאַפּט רויכערן אין שבת האָט געשאַפן אין זדונסקע וואָליע אַ זייער ניט אָנגענעמע לאַגע פאַר אַלע ישיבה־בחורים און אויך איך און געצל האָבן גיך פאַרלאָזט די שטאָט. איך האָב זיך געזעגנט מיט די אַלע בעלי־בתים, ביי וועלכע איך האָב געגעסן, און בין אַהיימגעפאָרן צוויי וואָכן פאַר ראש־השנה.

## קאַפּיטל 18

# ביי דער באָבען אין עלקיש

צוריקגעפאָרן אַהיים בין איך דורך לאָדזש מיט דעם זעלבן יאָסל בעל־עגלה, מיט וועמען איך בין געקומען קיין זדונסקע־וואָליע. אויך דאָס מאָל האָט ער ביי מיר נישט געגומען קיין באַצאָלט: „ביסט דאָך אַן אָרעמער ישיבה־בחור, האָסט דאָך ניט צו באַצאָלן”, האָט ער גע־זאָגט. איך בין מיט יאָסלען געקומען קיין לאָדזש, ער האָט זיך אָפּ־געשטעלט ביי דער סטאַנציע פון די סטריקאָווער וועגענער און ער האָט פאַר מיר באַצאָלט פאַרן אָנבייסן וואָס איך האָב געגעסן אין דער גאָרקיך. אַז איך האָב זיך געזעגנט מיט יאָסלען, וואָס איז געווען אַן אַלמן, האָב איך אים געוואונטשן, אַז ער זאָל באַלד קריגן זיין באַ־שערטע. יאָסל האָט געזאָגט: „הלוואי”.

ווען איך בין אַהיימגעקומען, האָט זיך מיין מוטער מיט מיר זייער דערפרייט. אַזוי אויך מיין ברודער און מיינע שוועסטער. אויך חנה, אונ־דזער דינסטמיידל, האָט זיך מיט מיר דערפרייט און האָט צו מיר גע־וואָרפן שמייכלענדיקע בליקן. מיין מוטער האָט מיר דערציילט, אַז זי האָט געהאַט זייער אַ שלעכטן זומער. זי האָט זייער ווייניק געלייזט אויף די יאַרידים און זי ווייסט ניט צי די ווינטער־יאַרידים וועלן זיין גוטע, ווייל דאָס גערעטעניש אויף די פעלדער איז געווען אַ מאַגערס. זי האָט מיך געפרעגט וואָס איך רעכן צו טאָן נאָך סוכות. צי איך וועל ווייטער פאָרן אין אַ ישיבה לערנען, האָב איך איר געזאָגט, אַז איך וועל שוין ניט פאָרן אין אַ ישיבה, ווייל עס איז מיר שוין נמאס געוואָרן צו לערנען אין דער פרעמד און צו שנאָרן „טעג”, אַז איך טראַכט גאָר צו פאָרן קיין עלקיש צו דער באָבען, מיין פאָטערס מוטער. כ׳וועל עסן ביי דער באָבען און לערנען אין בית־המדרש. איך האָב געשיקט אַ בריוו צו דער באָבען אַז איך קום צו איר און זי האָט מיר געענטפערט אַז כ׳זאָל קומען נאָך די ימים־טובים און כ׳זאָל מיטברענגען אַ וואָרעמען פּאַלטן.

איין מאָל האָט חנה, אונדזער דינסטמיידל, מיר געזאָגט אַז זי האָט מיר עפּעס צו דערציילן, אָבער זי בעט מיך איך זאָל עס האַלטן בסוד: „דו זאָלסט וויסן אַז מען רעדט דיין מוטער שידוכים. גאָדל מלמד און

אויך שמואלטשע שמש רעדן דיין מוטער שידוכים. אויך דיין פעטער, אברהם מאָרגנשטערן, האָט מיט אַ פּאָר טעג צוריק גערעדט מיט איר וועגן אַ שידוך." האָב איך געזאָגט צו חנהן: מיין מוטער איז נאָך אַ יונגע פרוי, און זי דאַרף נאָך חתונה האָבן, אָבער וואָס וועט ווערן מיט אונדז, פינף קינדער, ווייס איך ניט.

פאַר יום כּיפּור האָט חנה מיך געפרעגט צי זאָל זי אָנגרייטן פאַר מיר עפּעס צו עסן. האָב איך איר געזאָגט „יאָ", נאָר זי זאָל זיך גוט היטן פאַר מיין מוטער און פאַר מיין ברודער און שוועסטערן. חנה האָט אָנ־געגרייט אַ סך עסן, אַז ביידע האָבן מיר ניט געקענט פאַרהונגערט ווערן. איך האָב געדאַוונט אין רבינס בית־המדרש צוזאַמען מיט מיינע פעטערס אברהם און יעקב מאָרגענשטערן. זיי האָבן מיך געפרעגט ווי עס איז מיר דערגאַנגען דער זומער אין זדונסקאָ־וואָליאַ און וואו איך וועל פאָרן דעם ווינטער. איך האָב זיי געענטפערט אַז איך טראַכט צו פאָרן קיין עלקיש. דעם פעטער יעקב אייִדעמס, נחמיה און שמואל, האָבן מיך אויסגעפרעגט וועגן מיין לערנען אין זדונסקע־וואָליע און האָבן מיך געבעטן איך זאָל קומען צו זיי אַ שמועס טאָן וועגן לערנען.

איך האָב זיך גענומען גרייטן צו פאָרן קיין עלקיש. זאַוול שניידער האָט פאַר מיר געמאַכט דעם נייעם וואַטענעם פּאַלטן און איך האָב זיך אויך געמאַכט אַ נייע פּאָר שטיוול. אין בית־המדרש איז באַלד פאַרשפּרייט געוואָרן די נייעס אַז איך פאָר קיין עלקיש, וואָס איז פערציק מייל ווייט פון סטריקאָוו. עפּעס אַ קליינינקייט, אברהם פּנחס, פּערל די שענקערנס ייִנגל, פאָרט אַליין אַוועק אזש פערציק מייל ווייט! די יונגעלייט אין בית־המדרש האָבן זיך געשפּאַרט צו עלקיש איז די זעלבע שטאָט וואָס אין תנ"ך רופט מען זי מיטן נאָמען אלקש. זאָגט רש"י — אַ שטאָט וואו מען גראָבט בליי. איין יונגערמאַן — יצחק בטלן האָט מען אים גערופן — האָט מיך געפרעגט צי אין דער שטאָט גראָבט מען אויך בליי. האָב איך אים געענטפערט, אַז מיט אַ סך יאָרן צוריק האָט מען דאָרט געגראָבן בליי. אָבער מיט הונדערט יאָר צוריק איז זי איינגעזונקען געוואָרן און די איצטיקע שטאָט הייסט ניי־עלקיש. דער מאַרק־פּלאַץ אין עלקיש איז אַ הוילער און קיין צו שווערע משא קען מען דורך דעם מאַרק ניט אַדורכפירן. יצחק בטלן האָט געזאָגט: „איי, איי, איי, דאָס מוז זיין שוין איין מאָל אַ שטאָט. פון דעמאָלט אָן איז אַ סטריקאָווער ייד רייכער געוואָרן מיט נאָך אַ נאָמען: מען האָט יצחקלען אָנגערופן „יצחקל בטלן איי, איי, איי."

ווען איך בין אַוועקגעפאָרן האָבן אַלע אין הויז געוויינט. מיין ברו־דער און שוועסטער האָבן זיך צעקושט מיט מיר, אויך חנה, אונדזער

דינסטמיידל, האָט זיך מיט מיר וואַרעם געזעגנט. זי האָט שטאַרק באַ־דויערט וואָס איך פאָר אַוועק, ווייל מיר זענען געוואָרן זייער גוט באַ־פריינדעט. מיין מוטער איז מיט מיר מיטגעגאַנגען צום וואָגן וואָס איז געגאַנגען קיין לאָדזש. אין לאָדזש האָב איך געקויפט אַ האַלבן באַן־בילעט ביז צו דער באַן־סטאַנציע קאָלושעק. אויפן וועג האָב איך גע־זאָגט דעם קאָנדוקטאָר, אַז איך וועל אים עפּעס געבן, אַז איך זאָל ניט דאַרפן קויפן אַ ווייטערדיקן באַן־בילעט. איך האָב אים געגעבן אַ האַלבן רובל און בין געפאָרן ביז דאָמבראָווע. פאַרן וועג פון דאָמבראָווע ביז עלקיש האָב איך געגעבן דעם קאָנדוקטאָר פופצן קאָפּיקעס. ווען איך בין אָנגעקומען, האָב איך אויפן וואָקזאַל געהערט שרייען: אברהם פּנחס אונגער! דאָס האָט מיך מיין פעטער יצחק סאַפּירשטיין גערופן. מיט אים צוזאַמען איז געווען מיין פאָטערס אַ שוועסטער, נאָך אַ מיידל. מיר זענען געפאָרן צו דער באָבען אין הויז. אַז איך בין אַריינגעקומען האָט די באָבע און אירע דריי טעכטער זיך צעוויינט, מיין פאָטער איז דאָך געווען אַן איינציקער זון. די באָבע און די מומעס זענען אַ פּאָר מאָל אַרויפגעפאַלן אויף מיר און מיך געקושט און כסדר געוויינט. די באָבע האָט מיך אויסגעפרעגט, וואָס אירע אייניקלעך מאַכן און צי די מאַמע האָט שוין חתונה געהאַט.

מיין באָבען האָט מען גערופן שרה זעליקס, נאָך איר ערשטן מאַן, כאָטש ער איז שוין לאַנג געשטאָרבן און זי האָט חתונה געהאַט מיט אַ צווייטן מאַן, בעריש שאַרף, וועלכער איז געווען אַ גרויסער למדן און אַ גרויסער פאַנאַטיקער. אָבער מיין באָבען האָט מען נאָך אַלץ גע־רופן אויף איר ערשטן מאַנס נאָמען, ווייל דער זיידע, זעליק, איז געווען אַן אָנגעזעענער בעל־הבית אין עלקיש און איז לאַנגע יאָרן געווען דאָזאָר אין שטעטל. פון ערשטן מאַן האָט מיין באָבע געהאַט צוויי קינדער: איין זון, מיין פאָטער, און איין טאָכטער, רבקה, וועלכע האָט חתונה גע־האַט מיט אַ געשוועסטערקינד, יצחק סאַפּירשטיין. יצחק האָט געהאַט אַ קליינע בעקעריי פון וועלכער ער האָט אַפילו פאַר זיך קיין ברויט ניט געהאַט. האָט ער צוגעהאַנדלט מיט עופות און אייער, וואָס ער האָט געפירט צו פאַרקויפן קיין בענדין און סאָסנאָווצע. די באָבע האָט אויך געהאַט צוויי טעכטער פון איר צווייטן מאַן. די ייִנגערע האָט געהייסן חנהלע, אַ געל־בלאָנדע, און די עלטערע האָט געהייסן יוכבד, וועלכע האָט געהאַט אַ שוואַרצן קאָפּ האָר און איז געווען שענער און העכער ווי חנהלע.

די באָבע האָט געהאַט אַ בשמים־געוועלב, וואָס איז געווען אַזוי קליין, אַז טאָמער זענען אַריינגעקומען פינף קונים אויף איין מאָל, האָט

דער זעקסטער קונה שוין געמוזט שטיין אויף דער גאַס. אָבער פון דעם קליינעם געוועלבל האָט זי זיך שיין דערנעה׳ט און האָט אויך געגעבן נדנים און פיין חתונה געמאַכט אירע טעכטער.

אין אָוונט, בעת איך האָב געגעסן וועטשערע, זענען אַריינגעקומען צו דער באָבען אַ סך קרובים און שכנים מיך צו זען. יעדעס מאָל וואָס אַ גאַסט איז אַריינגעקומען, האָט מיין באָבע און מיינע מומעס אָנגעהויבן צו וויינען, ווייל זיי האָבן זיך כסדר דערמאָנט אַז מיין טאַטע איז זייער יונג אָוועקגעשטאָרבן — און איך האָב מיט זיי מיטגעוויינט.

די באָבע האָט געוואוינט צוזאַמען מיט איר חתונה־געהאַטער טאָכ־טער אין אַ הויז וואָס איז באַשטאַנען פון צוויי גרויסע שטובן פון איין זייט, און פון דער בעקעריי פון דער צווייטער זייט. דאָס הויז האָט אויך געהאַט אַ גרויסע ליכטיקע בוידעם־שטוב מיט איין פענצטער, וואו עס זענען געשטאַנען צוויי גרויסע בעטן. אַז איך בין געקומען האָט מען פאַר מיר צוגעשטעלט אַ גרויס בעט און מען האָט עס פאַרשטעלט מיט אַ הויך שפּאַניש ווענטל. אַזוי זענען מיר געשלאָפן פיר מענטשן אין איין בויד־דעם־שטוב. די באָבע, די צוויי טעכטער און איך. אין דער שטוב האָט געברענט אַ נאַפט־לעמפּל וואָס האָט שטאַרק געריכערט, און עס האָט זיך געשפּירט דער נאַפט.

די באָבע איז באַלד אין דער פרי אויפגעשטאַנען אויפצומאַכן דאָס געוועלבל. ווען די באָבע איז אַרויסגעגאַנגען פון שטוב, האָט זי מיך געקושט און ווידער געוויינט. יעדן טאָג האָט אַן אַנדערע פון די דריי פרויען זיך געביטן מיטן אויפשטיין פרי צו עפענען דאָס געוועלבל. איך האָב זיך פונאַנדערגעשמועסט מיט מיינע מומעס און כ׳האָב אויסגעפונען אַז איינע פון זיי, חנהלע, לייענט יידיש, העברעאיש, פּויליש און דייטש. אָבער זי איז זייער אַ פרומע. די עלטערע, יוכבד, האָט אויך געלייענט ביכער, אָבער זי איז ניט געווען קיין פרומע.

אין דער פרי בין איך געגאַנגען אין בית־המדרש דאַוונען. מיין עלטער־פעטער, רב מרדכי אונגער, האָט מיך צוגעפירט צום רב און האָט אים געזאָגט, אַז איך בין נחומס זון. דער רב האָט מיט מיר גע־שמועסט אַ לאַנגע צייט און ער האָט מיר געזאָגט, אַז נאָכן אָנבייסן זאָל איך אַריינקומען צו אים אין הויז. ווען איך בין געקומען צום רב האָט ער מיך פאָרגעשטעלט פאַר זיין זון ישראל. דעם רבס זון האָט מיר געזאָגט, אויב איך וועל פאַרבלייבן אין עלקיש וועט ער מיט מיר לערנען. אויך דער רב האָט מיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט מיט מיר לערנען און אַז איך זאָל זיך ניט שעמען, כ׳זאָל זיך פילן ביי אים אין הויז היימיש. דער רב איז געווען אַן אלמן. זיין זון, ישראל, איז געווען

אַ גרויש. ביידע, דער רב און דער זון, זענען געווען גרויסע לומדים. אַז איך האָב דערציילט מיין באָבען און מיינע מומעס אַז דער רב און זיין זון, ישראל, וועלן מיט מיר לערנען, האָבן זיי אַזש געוויינט פאַר פרייד.

דעם ערשטן טאָג בין איך געגאַנגען אָנקוקן די שטאָט. די שטאָט איז געווען אַ שיינע, מיט אַ שיינעם מאַרק־פּלאַץ. אַלע גאַסן זענען געווען ברוקירט מיט שיינע אַלעען פון ביידע זייטן. די הייזער זענען געווען מערסטנס געמויערטע, צוויי־שטאָקיקע. אין מיטן מאַרק איז געשטאַנען אַ הילצערן הייזל וואו עס האָט זיך געפונען די פּלומפּ וואו די שטאָט האָט גענומען וואַסער. דאָס וואַסער האָט מען געצויגן פון אַ קוואַל אין וואַלד הינטער דער שטאָט אויפן וועג וואָס האָט געפירט קיין קראָקע. עלקיש איז געווען אַ פּאָוויאַט און האָט באַלאַנגט צו קיעלצער גובערניע. די באַפעלקערונג אין שטאָט איז געווען אין דער מערהייט אַ יידישע. אין עלקיש איז אָנגעגאַנגען אַ מסחר מיט סחורות וואָס גויים האָבן אַריבערגעשוואַרצט פון עסטרייך און דייטשלאַנד. דער דאָזיקער מסחר איז אָנגעגאַנגען כמעט פריי, אויב מען האָט אַ סוחר אַ מאָל געכאַפּט ביים פאַרקויפן אַריבערגעשוואַרצטע סחורה, האָט מען אים פּאַר אַ פּאָר רובל באַפרייט.

נאָך אַ פּאָר טעג זיין אין עלקיש האָב איך אויסגעפונען אַז די יידן זענען דאָרט ס׳רוב זייער פרום, ווייל איך האָב ביי קיינעם ניט געקענט קריגן אַ בוך צום לייענען. עס האָט מיר זייער באַנג געטאָן וואָס איך בין געקומען קיין עלקיש. אָבער איך האָב ביי זיך געטראַכט, אַז עס איז ניט מעגלעך אַז אין אַ שטאָט וואָס איז ניט ווייט פון קראָקע, בענדין און סאָסנאָוויצע, וואָס זענען נאָענט צו דייטשלאַנד, זאָלן זיך ניט געפינען בחורים און מיידלעך וואָס זאָלן ניט לייענען קיין בוך אָדער אַ יידישע צייטונג. אָבער, ווי זאָגט אַ ווערטל, אַז מען זוכט געפינט מען. איין מאָל האָב איך זיך פון הינטערן שפּאַנישן ווענטל פונאַנדערגעשמועסט מיט מיין מומע יוכבד. זי איז אַראָפּגעגאַנגען פון בעט, האָט פאַרמאַכט די טיר מען זאָל ניט הערן וואָס זי רעדט מיט מיר. זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביי מיין בעט און האָט מיר דערציילט, אַז זי לייענט ביכלעך. איך האָב איר געפרעגט ווער עס גיט איר די ביכלעך און וואו האַלט זי זיי. האָט זי מיר געזאָגט, אַז זי האַלט זיי אויפן בוידעם און זי היט זיך אַז די באָבע און אירע שוועסטער זאָלן דערפון ניט וויסן. יוכבד האָט מיר געזאָגט, אַז ר׳ בעריש גאָלדשטיין דעם ווינהענדלערס זון, לייענט יידישע און העברעאישע ביכער, אַז ווען זיין שוועסטער, לאהלע, וועט קומען צו דער באָבען אין געוועלב, וועט זי איר בעטן זי זאָל זאָגן איר ברודער, אַז ער זאָל מיר באָרגן אַ בוך צום לייענען. איך האָב איר

געבעטן, זי זאָל דאָס האַלטן בסוד סודות. יוכבד האָט מיך באַרואיקט, אַז זי וועט קיינעם ניט דערציילן. זי האָט מיך געבעטן, איך זאָל וועגן איר אויך קיינעם ניט דערציילן אַז זי לייענט ביכער.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז אַ בחור צוגעקומען צו מיר אין בית־המדרש און מיך געפרעגט צי יוכבד שרה זעליגס טאָכטער איז מיין מומע. אַז איך האָב אים געזאָגט אַז יאָ, האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער האָט פאַר מיר אַ ביכל צום לייענען: פּרץ סמאָלענסקיס בוך (אין לשון קודש) „התועה בדרכי החיים".

ביי ישראל, דעם רבס זון, האָב איך געלערנט בלויז צוויי וואָכן, ווייל אין זיין לערנען איז געווען מער בטלנות ווי לערנען. אַז ישראל האָט מיך געפרעגט פאַר וואָס איך וויל מער ניט לערנען ביי אים, האָב איך אים געזאָגט, אַז איך וויל לערנען פאַר זיך אין בית־המדרש, און דאָס לערנען ביים רב איז גענוג פאַר מיר. דער עלקישער בית־המדרש איז געווען אַ גרויסער. אין די פענצטער זענען געווען מער צעבראָכענע שויבן ווי גאַנצע. טאָמער איז אַ שויב צעבראָכן געוואָרן, האָט מען קיין אַנדערע ניט אַריינגעמאַכט, נאָר מען האָט פאַרשטופּט די שויב מיט שמאַטעס, ווייל דער גלעזער, דער גלעזער מרדכי, האָט מער ניט געוואָלט אַריינמאַכן קיין שויבן, מחמת קהל איז אים שולדיק געווען אַ סך געלט. די פּאָדלאָגע אין בית־המדרש איז געווען פול מיט לעכער. ניט איין מאָל איז מען געפאַלן צוליב זיי. די בעלי־הבתים האָבן שוין געוואוסט אין וועלכע ערטער די פּאָדלאָגע איז צעבראָכן, פלעגן זיי אויסמיידן די ערטער. אַ היכער אויוון געמאַכט האַלב פון רויטע ציגל און האַלב פון ווייסע קאַפלעס, האָט דעם בית־המדרש מער אָנגערויכערט ווי אָנגעוואַרעמט. אַז איך האָב געפרעגט דעם שמש, דעם הויכן דאַרן יונה, פאַר וואָס מען מאַכט ניט צורעכט דעם אויוון און די פּאָדלאָגע, האָט ער מיר געענטפערט: „זאָג דיין פעטער, ר' מרדכי אונגער, און דיין געשוויסטערקינד ר' אברהם אונגער און דיין פעטער, ר' שאול פרענקעל, זיי זענען דאָך די גבאים פון שטאָט, זאָלן זיי לאָזן צערעכט מאַכן דעם בית־המדרש!

מיין פעטער מרדכי אונגער, איז געווען דער פּאָדריאַדטשיק פון דער גאַנצער קיעלצער גובערניע. ער האָט געהאַט דעם פּאָדריאַד צו בויען אַלע רעגירונגס־געביידעס, צו ברוקירן די שאָסייען און אויך די גאַסן פון אַלע שטעט אין דער גאַנצער קיעלצער גובערניע. זיינע דריי זין: אברהם, שלמה (דעם דריטן זונס נאָמען געדענק איך ניט), האָבן דעם פאָטער צוגעהאָלפן אין די געשעפטן. פרייטיק פאַרנאַכט פלעגט דער פעטער מרדכי מיט זיינע זין אַהיימקומען פון אונטערוועגס, פון די פאַרשיידענע שטעט, וואו זיי האָבן געפירט זייערע געשעפטן. איך האָב דעם פעטער מרדכי

געפֿרעגט פֿאַרוואָס ער זעט ניט, אַז מען זאָל צורעכט מאַכן דעם בית־המדרש, ווייל עס איז דאָרט קאַלט צו זיצן און לערנען, האָט ער געזאָגט צו מיר: „דו ביסט ערשט ניט לאַנג געקומען, ווילסטו שוין זאָגן דעות וואָס צו טאָן?" איך האָב דעם פֿעטער געענטפֿערט אַז עס שטייט אין דער גמרא אַז אַ מענטש טאָר ניט אַריינגיין אין אַ חורבה, און דער בית־המדרש קוקט אויס ווי אַ חורבה. האָט ער געזאָגט: אברהם פּנחס, דו זאָגסט אַז אונדזער בית־המדרש איז אַ חורבה? איך קום אין פֿאַרשיידענע שטעט, איז אונדזער בית־המדרש אַ פּאַלאַץ אַנטקעגן יענע בתי־מדרשים.

איך האָב זיך צונויפֿגערעדט מיט אַ פּאָר בית־המדרש בחורים, מיר זאָלן גיין צום רב און צו מרדכי אונגער. דעם שטאָט־דאַזאָר, זיי זאָלן זען מען זאָל צערעכט מאַכן דעם בית־המדרש און אויך אַריינשטעלן אַ נייעם אויוון וואָס זאָל טאַקע וואַרעמען און ניט בליוז רויכערן, ווייל איצט איז דאָרט אוממעגלעך צו זיצן און לערנען. האָבן מיר טאַקע גערעדט מיטן רב און מיט ר' מרדכי אונגער וועגן דעם און זיי האָבן אונדז צו־געזאָגט, אַז זיי וועלן פֿאַררופֿן אַן אַסיפֿה און וועלן זען וואָס מען קען טאָן וועגן דעם. אַ וואָך פֿאַר חנוכה האָט קהל געהאַט אַן אַסיפֿה און נאָך לאַנגע פֿאַרהאַנדלונגען האָט קהל באַשלאָסן אַז מען זאָל צערעכט מאַכן דעם אויוון און מען זאָל אַריינשטעלן שויבן אין די פֿענצטער און אויך פֿאַרקלעפּן מיט ליים דאָס גרויסע לאָך אין דער פּאָדלאָגע. באַלד נאָך פּורים, ווען עס ווערט וואַרעמער, וועט קהל פֿאַררופֿן אַ נייע אסיפֿה צו זען וואָס מען קען טאָן צו פֿאַריכטן דעם גאַנצן בית־המדרש.

אין עלקיש איז געווען איינגעפֿירט צווישן די בית־המדרש־בחורים אַז יעדן דאָנערשטיק האָט מען אַ גאַנצע נאַכט געלערנט, מען האָט איבערגעחזרט דאָס וואָס מען האָט געלערנט אַ גאַנצע וואָך. אַזוי ווי אין בית־המדרש זענען געווען אַ סך טישן, איז יעדער איינער אַליין געזעסן ביי אַ טיש. דאָנערשטיק ביי נאַכט פֿלעג איך ברענגען אין בית־המדרש אַריין דאָס בוך „התועה בדרכי החיים". איך האָב דאָס בוך גע־האַלטן אונטער דער גמרא און געלייענט עס אַזוי אַז קיינער זאָל ניט באַמערקן. איין מאָל, אַ דאָנערשטיק, איז צוגעקומען צו מיין טיש דער קליינער רויטער דוד, מרדכי גלעזערס זון, און געזאָגט צו מיר אַז איך זאָל זיך היטן מיט דעם בוך וואָס איך לייען יעדן דאָנערשטיק ביי נאַכט. איך האָב אים געפֿרעגט פֿון וואַנען ער ווייסט אַז איך לייען אַ בוך. האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער אַליין האָט דאָס בוך געלייענט די פֿאַריקע וואָך. אַז דער נאָמען פֿון בוך איז „התועה בדרכי החיים" פֿון פּרץ סמאָלענסקין, אַז איך האָב דאָס בוך געקריגן פֿון מאירן, ר' בעריש ווײַנהענדלערס זון. איך האָב אים געבעטן, ער זאָל זיך אָוועק־

זעצן לעבן מיר. ער האָט מיר דערציילט, אַז אין עלקיש זענען פאַראַן נאָך עטלעכע בחורים און איין מיידל וואָס לייענען ביכער. דאָס מיידל איז אסתר, דעם בלעכערס טאָכטער, וואָס וואוינט אַנטקעגנאיבער דעם ביתהמדרש. ער האָט מיר געזאָגט, איך זאָל אַריינקומען צו אים, ער האָט נאָך ביכער און ער וועט זיי מיר באָרגן.

איין מאָל האָט דער רב מיך געפרעגט וואו איך שלאָף. האָב איך אים געזאָגט וואו. האָט ער זיך אָפּגערופן אַז עס איז ניט שיין צו שלאָפן מיט ווייבער אין איין שטוב און ער האָט מיר פאָרגעלייגט, אַז אויב איך וויל, קען איך שלאָפן ביי אים. ער האָט מיר אָנגעוויזן אויף אַ בעט וואו איך קען שלאָפן און וועל קענען עסן ביי אים אויך אָנ־בייסן, ווען איך וועל נאָר וועלן. איך האָב דעם רב געענטפערט אַז איך וועל פרעגן מיין באָבע. מיין באָבע און איר יינגערע טאָכטער, חנהלע, זענען געווען זייער צופרידן איך זאָל שלאָפן ביים רב, אָבער מיין מומע יוכבד איז ניט געווען צופרידן דערפון.

עלקיש האָט ניט געהאַט קיין שטענדיקן חזן. פון די צוויי שוחטים, האָט איינער געדאַוונט פאַרן עמוד יעדן ראש־חודש, האָט געזונגען דעם „הנותן תשועה למלכים” און האָט אויך געמאַכט אַ מי שברך דעם קיסר. ווען מען פלעגט מאַכן דעם קיסר אַ מי־שברך, זענען אין שול אָנ־וועזנד געווען די העכסטע באַאמטע פון פּאָוויאַט. אויך דער רב האָט געמוזט זיין דערביי. איך פלעג מיטגיין מיטן רב ווען מען האָט גע־מאַכט דעם מי־שברך. איין מאָל, ווען מען האָט געדאַרפט מאַכן אַ מי־שברך דעם קיסר, איז דער שוחט גראַד ניט געווען אין דער היים, האָט דער רב געזאָגט צו מיר, אַז איך זאָל אויפזינגען דעם „הנותן תשועה”. דער נאַטשאַלניק (וואָס האָט מיך געקענט, ווייל ער האָט גע־וואוינט אין דעם זעלבן הויז וואו מיין באָבע האָט געהאַט איר געוועלב) האָט מיר צוגעגעבן מוט און געזאָגט, איך זאָל זיך ניט שעמען און זאָל זינגען דעם „הנותן תשועה”. אַז איך האָב אָנגעהויבן זינגען, האָבן זיך אַלע באַאמטע גלייכגעשטעלט און האָבן געהאַלטן זייערע הענט ביים היטל. אַז איך האָב געענדיקט דעם מי־שברך האָט דער נאַטשאַלניק מיר זייער באַדאַנקט און האָט מיר געזאָגט, אַז איך האָב זייער שיין געזונגען און האָט געזאָגט דעם רב, ער זאָל מיך יעדן חודש נעמען צו זינגען דעם „הנותן תשועה”. ביי מנחה האָבן די בית־המדרש־בחורים דערציילט די בעלי־הבתים ווי שיין איך האָב געזונגען. אויך דער פעטער מרדכי האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט נחת דערפון, וואָס דער נאַטשאַלניק האָט אים געזאָגט, אַז איך האָב געמאַכט אַזאַ שיינעם מי־שברך דעם קיסר. אייזיק תבואה־סוחר, אַ רייכער ייד, וואָס איז גע־

שטאַנען דערביי, האָט געזאָגט, צום פעטער מרדכי אַז איך בין אַ מושלם בכל המעלות (אייזיק תבואה־סוחר האָט די צווייטע וואָך געשיקט אַ שדכן צו מיין באָבען, אַז ער וויל מיך נעמען פאַר אַ חתן פאַר זיין טאָכטער). ווען איך בין אַהיימגעקומען עסן וועטשערע האָבן זיך אַלע אין הויז מיט מיר געפרייט. די באָבע האָט מיר געזאָגט אַז דער נאַטשאַלניק האָט איר דערציילט וועגן דעם און ער האָט איר באַדאַנקט. די באָבע האָט, ווי געוויינטלעך, געוויינט. אַז איך האָב איר געפרעגט, פאַר וואָס זי וויינט, האָט זי געענטפערט מיט אַ געוויין, אַז מיין פאָטער האָט נעבעך ניט זוכה געווען צו דעם אַלעם. די גאַנצע שטאָט האָט גערעדט וועגן מיר. די באָבע און די מומעס האָבן מיך געקושט. אַז עס איז געקומען דער צווייטער ראש־חודש, האָט דער רב מיר געזאָגט איך זאָל מיט אים גיין אין שול און ווידער אַ מאָל מאַכן דעם קיסר אַ מי־שברך. ווען איך מיטן רב זענען אַריינגעקומען אין שול, איז דאָרט שוין געווען מיין פעטער מרדכי אונגער און אַ סך בעלי־הבתים. ווען נאַטשאַלסטוואָ איז אַריינגעקומען, האָט דער רב מיך געהייסן זינגען דעם „הנותן תשועה למלכים". ווען כ'האָב געענדיקט האָט דער נאַטשאַלניק געזאָגט, אַז היינט האָב איך געזונגען נאָך בעסער ווי דעם לעצטן ראש־חודש. ווען איך בין אַרויסגעגאַנגען פון שול האָבן מיינע מומעס געוואַרט אויף מיר און האָבן מיר געזאָגט, אַז איך האָב שיין געזונגען און אַז זיי האָבן אַ סך נחת פון מיר. ווען עס איז אונטערגעקומען אַ נייער ראש־חודש, האָט דער שוחט, וואָס פלעגט שטענדיק זאָגן דעם מי־שברך, געבעטן דעם רב, ער זאָל אים דאָס צוריק געבן. אַזוי איז טאַקע געווען. דער נאַטשאַלניק האָט געפרעגט דעם רב וואו איך בין. דער רב האָט אים געזאָגט, אַז דער שוחט איז אַ באַצאָלטער באַאַמטער און איז עלטער פון מיר, קומט אים צו מאַכן דעם מי־שברך. דער נאַטשאַלניק האָט געבעטן דעם רב, אַז פון צייט צו צייט זאָל ער דאָך מיר אויך געבן צו זינגען דעם „הנותן תשועה".

לעבן בית־המדרש האָט זיך געפונען אַ בייגל־בעקעריי, וואָס האָט באַלאַנגט צו אַ פרוי, אַן אלמנה, מען האָט זי גערופן גאָלדע די בייגל־בעקערין. די בית־המדרש־בחורים פלעגן יעדן דאָנערשטיק ביינאַכט קויפן ביי גאָלדען בייגל און וואַרעמע מילך. די ערשטע צוויי דאָנערשטיקס האָט דער רויטער דוד געברענגט פאַר מיר די בייגל מיט מילך. ווען איך בין אַריינגעקומען אין דער בעקעריי, האָט גאָלדע מיך געפרעגט ווער איך בין. איך האָב געזאָגט. האָט זי אויסגערופן: „אָ, דאָס ביסט דו שרה זעליגס אייניקל?" איך האָב זיך צוגעקוקט צו דער בעקערין. פון איר בלאָס פנים האָבן אַרויסגעשטאַרצט צוויי ביינער מיט אַ דאַרער גאָמבע. זי איז געשטאַנען און געקנאָטן די בייגל. די בייגל האָט

זי אַריינגעוואָרפן אין אַ גרויסן טאָפּ קאָכעדיק וואַסער, וואָס איז געשטאַ־
נען אויף אַן אויוון. די אָפּגעקאָכטע בייגל האָט גאָלדעס טאָכטער — אַ
מיידל וואָס איז געווען דער היפך פון איר מוטער: זייער אַ שיינע, אַ
הויכע, בלוט און מילך — אַרויסגענומען פון טאָפּ די בייגל און זיי דער־
לאַנגט צום אויוון ביי וועלכן עס איז געשטאַנען אין פוסגרוב אַ צווייטע
הויכע, בלאָנדע מיידל, וואָס האָט געטראָגן אויף איר קאָפּ אַ מענער־היטל
אָן אַ דאַשעק. דאָס מיידל וואָס האָט דערלאַנגט די געקאָכטע בייגל צום
אויוון האָט געזאָגט צום מיידל וואָס איז געשטאַנען אין פוסגרוב: „נעם
אַרויס אַ פּאָר שיינע, ברוינע בייגל פאַר דעם בחור, דער בחור איז שרה
זעליגס אייניקל". איך האָב זיך אַרומגעקוקט אין שטוב: די אָרעמקייט
איז געווען גרויס. אויף דער וואַנט לעבן אויוון זענען געהאַנגען קו־
פּערנע שעפּן אויף וואַסער, אַ גרויסע פאַן, אַ מעשענער מערזשל מיט
אַ שטויסל אד"גל. ביי דער טיר פון דער בעקעריי איז געשטאַנען אַ
גרויסער פאַס מיט וואַסער, לעבן פאַס איז געשטאַנען דער פאַמעשאַף.
פון איין זייט פון אויוון איז געשטאַנען אַ בעט, פון דער צווייטער זייט
איז געווען אַ טיר וואָס האָט געפירט צו נאָך אַ שטוב, וואו עס איז אויך
געשטאַנען אַן אַלט בעט, אַן אַלטע הויכע קליידער־שאַפע, אַן אַלטע קאָ־
מאָדע, אַן אַלטער טיש מיט עטלעכע בענקלעך. בעת איך האָב גערעדט
מיט דער דאַרער גאָלדע, האָבן זיך אירע צוויי טעכטער צוגעהערט צו
דעם וואָס איך האָב גערעדט מיט זייער מוטער. די מוטער האָט צו זיי
געזאָגט: „איר מוזט זיך צו אַלעם צוהערן? שרהלע, די בייגל וועלן
פאַרברענט ווערן!" האָט שרהלע געענטפערט: „איך האָב שוין אַרויס־
גענומען אַלע בייגל פון אויוון. זאָל מיר לאהלע דערלאַנגען געקאָכטע
בייגל אַריינצוזעצן אין אויוון". באַמערקט די מוטער: „טאָמער האָבן
זיי געזען אַז איך רעד אַ וואָרט מיט אַ מענטש, איז אויס קאָכן און אויס
באַקן די בייגל; עס טאָגט שוין באַלד און די בייגל זענען נאָך אַלץ
ניט אָפּגעבאַקן". האָט איינע פון די מיידלעך געענטפערט: „מאַמע,
נו, וועסטו אונדז אַראָפּנעמען פון די שכירות וואָס דו צאָלסט אונדז
ניט"...

צוויי וואָכן פאַר פורים האָט ר' מרדכי אונגער, דער דאָזאָר פון
שטאָט פאַררופן אַן אסיפה וועגן פאַריכטן דעם בית־המדרש. אָבער ביי
דער אסיפה איז מען צו קיין טאָלק ניט דערגאַנגען, נאָר מען האָט זיך
געקריגט און נאָך דער מחלוקה האָט קהל באַשלאָסן אַז מען זאָל רופן
נאָך אַן אסיפה באַלד נאָך פסח. דערווייל זענען די פאַרפוילטע פענצטער
און טירן פון בית־המדרש מער פאַרפוילט געוואָרן. די פענצטער האָבן
זיך שוין מער ניט געהאַלטן אויף די זאַוויעסעס. אויך די טישן זענען
געווען צעשניצטע ווייל די ישיבה־בחורים האָבן זיך געלערנט אויף די

טישן אויסקריצן לשון־קודשדיקע ווערטער. דער בית־המדרש האָט אויס־געזען ווי אַ חורבה. איך און עטלעכע בחורים האָבן ווידער גערעדט מיטן רב, אַז מיר האָבן ניט וואו צו לערנען, ווייל אין בית־המדרש קען מען שוין מער ניט איינזיצן און דערצו רעגנט נאָך אַריין. האָט דער רב אונדז געענטפערט אַז ער קען גאָר ניט טאָן, ווייל ביי דער אסיפה האָבן זיך די גבאים מיטן דאָזאָר צעקריגט און עס איז געבליבן אַלץביים אַלטן. אַז מיר האָבן געהערט דעם ענטפער פון רב, האָב איך און דער רויטער דוד קערנער און חיימל דעם שוחטס באַשלאָסן אַז מיר מוזן זען דער בית־המדרש זאָל ווערן צורעכט געמאַכט. איך האָב גע־זאָגט אַז מיר מוזן טאָן אַזעלכעס וואָס וועט אָנמאַכן אַ רושם אין שטאָט. איך האָב אַ פּלאַן: מיר זאָלן אַרויסנעמען די פענצטער פון בית־המדרש, וועלכע גייען אַרויס אויפן הויף פון דער שול, אַז קיינער אין גאַס זאָל ניט באַמערקן ווען מען וועט זיי אַרויסנעמען און אויך אַרויסנעמען די טיר וואָס גייט אַרויס צום בית־המדרש־הויף; מען זאָל צענעמען אַ האַלבן אויוון אַזוי, אַז קיין איין קאַפּלע אָדער ציגל זאָל ניט צעבראָכן ווערן. דאָס זאָלן מיר טאָן נאָך מיטאָג, ווען קיינער איז נישטאָ אין בית־המדרש. מיר האָבן באַשלאָסן צו האַלטן די מעשה בסוד און קיינעם נישט אויס־געבן ווער עס האָט זיך באַטייליקט. מיר האָבן אויסגעקליבן פיר בחורים וואָס זאָלן דאָס מאַכן איינס און צוויי. ווען איך בין אַהיימגע־קומען פון בית־המדרש האָט מיך מיין מוטע יוכבד געפרעגט, וואָס דער רב האָט אונדז געזאָגט וועגן דעם בית־המדרש. איך האָב איר דער־ציילט וואָס דער רב האָט געזאָגט און וואָס מיר בחורים האָבן באַשלאָסן צו טאָן. כ׳האָב איר געבעטן צו האַלטן דאָס בסוד. יוכבד האָט מיך געוואָרנט: זאָלסט וויסן, אברהם פנחס, אַז אין שטאָט וועט מען זאָגן אַז דו האָסט דאָס געטאָן. עס וועט זיין אַ שאַנדע פאַר אונדז, און וואָס וועט דער פעטער מרדכי זאָגן דערצו?" איך האָב איר געענטפערט אַז מיך אַרט ניט וואָס דער פעטער מרדכי און די שטאָט וועלן זאָגן. אין ערגסטן פאַל וועל איך פאַרן קיין בענדין לערנען און כ׳וועל מיר ווייטער שאַפן „טעג" צו עסן, כ׳וועל שלאָפן ביים פעטער בעריש סאַפּיר־שטיין און וועל לערנען ביי פלטיאל אונגער.

אַ געוויסן טאָג, ווען קיינער איז ניט געווען אין בית־המדרש, האָבן מיר זיך גענומען צו דער אַרבעט. מיר האָבן דאָס ערשטע צענומען אַ האַלבן אויוון. דערנאָך האָבן מיר אַרויסגענומען די פענצטער און זיי אַרויפגעלייגט אויף די טישן, אַרויסגענומען די טירן און זיי אַוועק־געשטעלט ביי די ווענט, איבערגעדרייט אַ פּאָר טישן און אַרויפגעלייגט אויף די טישן בענק. דאָס איז געטאָן געוואָרן זייער שנעל. צום סוף האָבן מיר אָנגעשריבן אויף אַ שטיק פּאַפּיר מיט גרויסע אותיות, אַז

מיר זענען געצוואונגען קעגן אונדזער ווילן דאָס צו טאָן, כדי מיר זאָלן האָבן וואו צו לערנען און קהל זאָל האָבן וואו צו דאַווענען. יעדער בחור האָט אָנגעשריבן איין וואָרט מען זאָל ניט קענען דערקענען אַ האַנט־שריפט. דאָס אָנגעשריבענע פּאַפּיר האָבן מיר אַרויפגעלייגט אויפן באַלעמער. ווען איך בין אַהיימגעקומען פון דעם חרוב־געמאַכטן בית־המדרש, האָב איך גענומען מיין היסטאָריש קעסטל, וואָס איך האָב מיט זיך אומעטום מיטגענומען זינט איך בין צום ערשטן מאָל געפאָרן קיין זגיערזש אין דער ישיבה, — איך האָב איינגעפּאַקט מיינע זאַכן און האָב געגעבן מיין מומע יוכבד אַ בוך אָפּצוגעבן מאיר גאָלדשטיינען.

## קאַפּיטל 19

# אַ לערנער אין בענדין

יוכבד האָט געזאָגט צו מיר: „זאָלסט זיך ניט באָדן אין בענדין און זיך ניט שיפן אין תשעה־באָב, ווייל די וואַסערן אין בענדין זענען זייער טיפע". דאָס האָט זי מיר געזאָגט אין דער שטיל, אַז קיינער זאָל ניט הערן. זי האָט מיר געגעבן פינף רובל, אַז די באָבע זאָל ניט וויסן דערפון. אויך חנהלע האָט מיר געגעבן דריי רובל. די חתונה־געהאַטע מומע האָט מיר אויך געגעבן עטלעכע רובל. די באָבע האָט מיר באַזונדער געגעבן פינף רובל און האָט מיר געזאָגט, אַז ווען זי וועט זיין אין בענדין איינקויפן סחורה, וועט זי מיר געבן נאָך עפּעס געלט, אויב איך וועל דאַרפן. אַזוי ווי איך האָב איינגעפּאַקט די זאַכן, איז דער פעטער יצחק סאַפּירשטיין אַהיימגעקומען פון בית־המדרש פון דאַ־ווענען. האָט ער צו מיר געזאָגט: „צו וואָס פאָרסטו אַוועק קיין בענדין? דו האָסט געדאַרפט זיין אין בית־המדרש און אין שול, וואָלסטו געהערט, ווי כמעט אַלע בעלי־הבתים האָבן דיר געגעבן גערעכט. אַלע זאָגן אַז דו האָסט דאָס געטאָן און גוט געטאָן. טאָמער האָבן עטלעכע בעלי־הבתים זיך געקאָכט אַז אברהם פּנחס האָט געמאַכט פון בית־המדרש אַ חורבה, האָבן דער רוב בעלי־בתים און דער רויטער דוד און אַלע בית־המדרש בחורים געענטפערט אין איין קול: „און פאַר דעם איז דער בית־המדרש ניט געווען קיין חורבה?" איין בעל־הבית האָט זיך אָנגערופן: „וואָס מיר צורעכט מאַכן? — אַ ניי בית־המדרש וועט מען מאַכן!" אַפילו דער שמש, דער דאַרער הויכער יונה, פרייט זיך און זאָגט, אַז איצט וועט מען שוין מאַכן אַ ניי בית־המדרש און אַ נייעם אויוון. יצחק סאַפּירשטיין האָט געזאָגט צו דער באָבען: „שוויגער, ווען איר וואָלט געווען אין בית־המדרש אָדער אין שול, וואָלט איר געשעפּט נחת פון אונדזער אברהם פּנחסן, איך האָב געשעפּט נחת".

באַלד אין דער פרי בין איך אַוועקגעפאָרן קיין בענדין צוזאַמען מיט מיין פעטער יצחקן. מיר זענען געפאָרן מיט אַ גרויסן וואָגן, וואָס האָט געפירט שטייגן מיט גענדז, קאַטשקעס, הינער און הענער, אינ־דיקעס און קאַסטנס מיט אייער.

ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין בענדין און מיר זענען דורכגע־פאָרן די דאָמבראָווער גאַס, האָט מיין פעטער מיר אָנגעוויזן אויף גרויסע הייזער פון ביידע זייטן גאַס וואָס מיין געשוועסטערקינד נחום צוקערמאַן בויט אויף. דער פעטער האָט מיר געזאָגט, אַז איך וועל מסתמא קענען עסן ביי נחומען און כ׳וועל ניט דאַרפן זוכן טעג צו עסן. דער פעטער האָט מיך אַוועקגעפירט צו מיין עלטערפעטער בעריש סאַפּירשטיין. דער פעטער בעריש איז געווען העכער פון מיטעלן וואוקס. האָט געהאַט שוואַרץ־גראָע האָר. ער איז געווען אַן אלמן און האָט געהאַט דריי זין און איין טאָכטער. ער איז געווען אַן אָנגעשטעלטער אין נחום צוקערמאַנס הורטאָוונעם קאָלאָניאַל־געשעפט. צוויי זין זיינע זענען געווען בוכהאַל־טאָרן, די טאָכטער האָט געענדיקט גימנאַזיע. ביי אים אין הויז האָב איך געפונען אַ גרויסע שאַנק מיט ספרים און ביכער אין פאַרשיידענע שפּראַכן, צווישן זיי אויך יידישע און העברעאישע. איך האָב באַלד דערקענט, אַז איך געפין זיך אין אַ משכיליש הויז, אין גאָר אַן אַנדער סביבה ווי אין עלקיש. דער פעטער בעריש האָט מיר געזאָגט, אַז אין דער וואָכנס וועל איך מסתמא עסן ביי נחום צוקערמאַן און שבת וועל איך עסן ביי אים, און אַז ער וועט רעדן מיט פּלטיאל אונגער, ער זאָל מיט מיר לערנען. דעם צווייטן טאָג איז דער פעטער בעריש מיט מיר צוגעגאַנגען צו נחום צוקערמאַנען און האָט געזאָגט דער פרוי צוקערמאַן אַז איך בין נחומס זון. פרוי צוקערמאַן האָט מיך זייער פיין אויפ־גענומען און מיך אויסגעפרעגט וועגן מיין מוטער, מיינע שוועסטער און ברודער. פרוי צוקערמאַן האָט געזאָגט דעם דינסט־מדייל אַז איך וועל דאָ עסן אַ גאַנצע וואָך, אַחוץ שבת. זי האָט מיך געהייסן קומען עסן דריי מאָל אַ טאָג און באַלד אויפן אָרט האָט מען מיר געגעבן פיין אָפּצועסן.

בענדין איז געווען אַ גרויסע שטאָט. זי, צוזאַמען מיט דאָמבראָווע, איז געווען באַרימט ווי דער צענטער פון די קוילן־גרובן. פון דער צוויי־טער זייט פון די דאָמבראָווער „קאָפּאַלניעס” האָט זיך אָנגעהויבן קיעלצער גובערניע. סוחרים פון די אַרומיקע שטעטלעך, ווי סלאַווקאָוו, עלקיש א״אנד האָבן געבראַכט צו פאַרקויפן סחורות אָדער איינגעקויפט סחורות אין בענדין. בענדין איז געווען נאָענט צו די גרענעצן פון דייטשלאַנד און עסטרייך און איז געווען עטלעכע וויאָרסט פון סאָסנאָוויץ, וואָס איז געלעגן האַרט ביי דער דייטשישער גרענעץ. עס איז אָנגעגאַנגען אַ גרוי־סער האַנדל מיט סחורות, וואָס מען האָט אַריבערגעבראַכט קיין בענדין פון דייטשלאַנד און עסטרייך און פאַרקערט. אַ סך סחורות האָט מען אַריינגעבראַכט אויף אַ ניט כשרן אופן.

בענדין האָט געהאַט אַ גרויסע יידישע באַפעלקערונג מיט פאַרשיי־דענע ריכטונגען: חסידים, מתנגדים און זייער אַ סך משכילים. ווען איך

בין צום ערשטן מאָל געקומען לערנען צו פּלטיאל אונגערן, האָט ער מיך געפרעגט ביי וועמען און וואָס איך האָב געלערנט אין עלקיש. איך האָב אים געזאָגט אַז כ׳האָב געלערנט ביים עלקישער רב דעם „יורה דעה", די גמרה חולין און די גמרא בבא בתרא. פּלטיאל האָט געזאָגט: „ווי איך זע, לערנסט דו זיך צו ווערן אַ רב. איך האָב אים געזאָגט, אַז ס׳ערשטע לערן איך זיך צו קענען לערנען, און אַז איך וועל קענען לערנען, וועל איך זען וואָס כ׳זאָל טאָן. קיין מלמד וויל איך ניט זיין.

פּלטיאל אונגער איז געווען אַ למדן אָבער ניט קיין פאַנאַטיקער. ער האָט געליינט פּוילישע, העברעאישע און דייטשישע ביכער. ער איז געווען אַ הויכער און זייער אַ שיינער. נאָך דעם ווי איך האָב ביי אים אָפּגעלערנט אַ פּאָר טעג, האָב איך אָנגעהויבן ביי אים אין הויז לייענען צייטונגען און ביכער. ער פלעגט מיך דערמוטיקן, איך זאָל לייענען. ביים לערנען פלעגט ער אויך אויפקלערן די כוונות פון די תנאים פאַר וואָס זיי האָבן געפּסקנט אַזוי און ניט אַנדערש.

נאָכן לערנען ביי פּלטיאלן און אין בית־המדרש איז מיר פאַרבליבן גענוג צייט צו לייענען ביכער און צייטונגען. ווען נאָר איך האָב געהאַט צייט, בין איך געגאַנגען צום פּעטער בעריש און כ׳האָב גענומען לייענען אַ בוך אָדער אַ צייטונג. דעם פּעטער בערישס טאָכטער, חוהלע, האָט ס׳ערשטע מאָל מיך געזען לייענען אַ בוך, האָט זי זיך געוואונדערט וואָס איך, אַ ישיבה בחור, לייען אַזעלכע זאַכן. איך האָב איר געפרעגט צי זי לייענט יידישע ביכער, האָט זי אַרויסגענומען אַ יידיש בוך און פּליסיק געליינט. „אויב איך וויל", האָט זי מיר געזאָגט, „וועט זי מיך לערנען לייענען פּויליש און רוסיש."

דעם פּעטער בערישעס הויז איז געשטאַנען ביים ברעג פון טייך. די פענצטער זענען אַרויסגעגאַנגען צום טייך. דער פיינער געשמאַק פון דיביימער, בלומען און גרינס האָט פאַרפולט די שטובן פון פּעטערס הויז. ווען נאָר איך און חוהלע האָבן געהאַט צייט, זענען מיר אין די אָוונטן געגאַנגען שפּאַצירן ביים טייך און מיר האָבן געשמועסט וועגן יידישע פראַגן. חוהלע איז געווען זייער גוט באַהאַוונט אין יידישע פּראָבלעמען. זי איז געווען ציוניסטיש געשטימט. איך האָב איר אָפּאָנירט פון אַ סאָציאַליסטישן שטאַנדפּונקט. אַזעלכע דיסקוסיעס זענען צווישן אונדז פאַרגעקומען זייער אָפט. דער פּעטער פלעגט זיך טייל מאָל צוהערן צו אונדזערע דיסקוסיעס און איז געווען זייער צופרידן. ער אַליין האָט באַלאַנגט צו די חובבי־ציון.

איין מאָל האָט חוהלע צו מיר געזאָגט: „אברהם פּנחס, ווי איך זע ביסט דו גענייגט צו פאַרטיידיקן דעם אַרבעטער־קלאַס." איך האָב זיך

מודה געווען אין מיינע סאָציאַליסטישע שטימונגען און כ׳האָב איר געבעטן, אַז דאָס וואָס מיר רעדן זאָל בלייבן אַ סוד.

איך בין געווען זייער צופרידן פון מיין זיין אין בענדין, ווייל איך בין דאָרט געווען פרייער צו לייענען און שרייבן. מיין פעטערס משכילישע הויז האָב איך אויסגענוצט ווי ווייט איך האָב געהאַט די מעגלעכקייט. יעדע וואָך איז מיין באָבע פון עלקיש געקומען קיין בענדין איינקויפן סחורה. יעדעס מאָל ווען זי איז געקומען האָט זי ניט פאַרגעסן מיר איבערצולאָזן עפּעס געלט. אָבער מיין פרייד מיט בענדין האָט ניט לאַנג אָנגעהאַלטן. אין שטאָט איז אויסגעבראָכן אַ כאָליערע־עפּידעמיע. אַ סך מענטשן זענען געשטאָרבן. נאָך אַ וואָך ווי די קראַנקהייט האָט געהאַט אויסגעבראָכן, איז מיין באָבע געקומען און זי האָט מיך גענומען צוריק קיין עלקיש. אויך מיין פעטער בעריש מיט זיין טאָכטער חוהלע זענען אַוועק פון שטאָט. אַזוי בין איך געווען געצוואונגען צו פאַרלאָזן דאָס משכילישע הויז פון מיין פעטער מיט זיין אינטעליגענטער טאָכטער חוהלע ווי אויך די שטאָט וואָס איך האָב אַזוי ליב באַקומען.

## קאַפּיטל 20

# כ׳לערן צוריק אין עלקיש

ווען איך בין צוריק געקומען קיין עלקיש איז דער נייער בית־המדרש שוין געווען אויסגעבויט. מיינע מומעס, רבקה און יוכבד, און דער פעטער יצחק זענען געווען זייער צופרידן מיט מיין צוריקקומען. אַפילו די מומע חנהלע, וואָס האָט מער געגלאָצט צום הימל ווי געקוקט אויף מענטשן, איז געווען זייער צופרידן מיט מיין קומען. ווען איך בין אַריין אין בית־המדרש, האָבן אַ סך בעלי־הבתים מיר אָפּגעגעבן אַ ברייטן שלום־עליכם און צו מיר געזאָגט, אַז די עלקישער יידן באַדאַרפן מיר דאַנקען, ווייל נאָר צוליב מיר האָט מען אויפגעשטעלט אַ נײַ בית־המדרש מיט אַ גוטן קאַפּעלנעם אויוון וואָס רויכערט נישט. מיין פעטער מרדכי אונגער האָט מיך צוגערופן צו זיך און האָט מיר אויך אָפּגעגעבן אַ ברייטן שלום־עליכם און האָט געזאָגט צו מיר מיט אַ שמייכל: דו האָסט געגעבן דעם פּלאַן ווי איינצולייגן דעם בית־המדרש, פאַר וואָס ביסט דו אַוועקגעפאָרן און ניט געגעבן קיין פּלאַן ווי אַזוי אויפצובויען אַ נײַ בית־המדרש? — האָב איך אים געענטפערט: — פעטער, אויפצובויען ביסטו אַ בעסערער מומחה ווי איך. — ער האָט זיך צעלאַכט און געזאָגט צו מיר: „גיב נאָר אַכטונג, אַז די בחורים זאָלן מער ניט אויסקריצן זייערע נעמען אויף די נײַע טישן״.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז געוואָרן אַ מהומה אויך אין עלקיש. עטלעכע מענטשן זענען קראַנק געוואָרן אויף דער כאָליערע. דער דאָקטאָר האָט געהייסן מען זאָל די קראַנקע צולייגן הייסע האַנטוכער צו די בייכער, שטעלן זיי באַנקעס און זיי געבן צו טרינקען אַ סך בראַנפּן, און אַ חוץ דעם מוז מען האָבן מענטשן וואָס זאָלן זיצן ביי די קראַנקע ביי טאָג און ביי נאַכט.

אַנטקעגנאיבער מיין באָבעס הויז האָט געוואוינט אַ בעל־עגלה, חיים־לייב האָט ער געהייסן. ער איז געווען אַ בן־תורה און זייער אַ פרומער. איז ער מיט זיין ווייב לאה קראַנק געוואָרן. אַז איך האָב דאָס געהערט, האָב איך געזאָגט דעם רב, אַז איך וויל היינט ביינאַכט גיין

אויף שמירה צו חיים־לייב בעל־עגלה. דער רב האָט מיך געפרעגט צי די באָבע ווייסט וועגן דעם, האָב איך אים געענטפערט, אַז איך וויל נישט זאָגן דער באָבען, ווייל זי וואָלט מיך ניט געלאָזט גיין, אָבער איך האָף אַז אין זכות פון ביקור־חולים וועט מיר גאָר ניט שאטן. ווען איך בין אַריינגעקומען צו חיים־לייב בעל־עגלה ,איז שוין אויך זייערס אַ קינד קראַנק געווען. איך האָב דאָרט געטראָפן עטלעכע שכנים, וואָס האָבן זיך געפּאָרעט אַרום די קראַנקע. זיי האָבן מיר געוויזן ווי אַזוי צו לייגן די הייסע האַנטוכער און ווי אַזוי צו שטעלן באַנקעס. אין אַ פּאָר טעג אַרום זענען חיים־לייב בעל־עגלה, זיין פרוי און קינד געזונט געוואָרן. ווען איך בין אַהיימגעקומען אין דער פרי עסן אָנבייסן, האָבן מיין באָבע און מיינע מומעס געהאַט צו מיר אַ טענה, פאַר וואָס איך בין געגאַנגען וואַכן צו די קראַנקע. די קרענק איז דאָך זייער אַנשטעקנדיק. איך האָב זיי געענטפערט אַז ס׳איז אַ פליכט פון יעדן געזונטן מענטשן צו העלפן אַ קראַנקן, ווייל קיינער איז ניט זיכער, צי ער וועט אַליין ניט קראַנק ווערן און ער וועט ניט דאַרפן הילף פון אַ צווייטן. איך האָב געזאָגט דער באָבען, אַז אויך היינטיקע נאַכט וועל איך גיין אויף אַ משמר, ביז עס וועלן מער ניט זיין קיין קראַנקע אין שטאָט און איך האָף אַז עס וועט מיר ניט שאטן, ווייל די גמרא זאָגט, אַז די וועלכע גייען טאָן אַ מצווה ווערן ניט געשעדיקט. די קרענק האָט אין עלקיש ניט לאַנג אָנגעהאַלטן. עס זענען געווען בלויז איין יידישער און צוויי קריסטלעכע קרבנות. אַ סך מענטשן האָבן מיר געדאַנקט פאַר מיין גיין אויף שמירה צו קראַנקע. דער פּאָוויאַטאָווער נאַטשאַלניק האָט צו מיר געזאָגט, אַז ער האָט געהערט אַז איך בין געגאַנגען נעכטיקן צו קראַנקע, איך האָב זייער גוט געטאָן און די עלקישער יידן דאַרפן מיר דאַנקבאַר זיין.

ווען עס איז געקומען פאַר די ימים־נוראים האָב איך אָנגעהויבן טראַכטן, וואו וועל איך נעמען עסן אָנצוגרייטן, אַז איך זאָל ניט דאַרפן פאַסטן? און וואו וועל איך קענען דאָס עסן באַהאַלטן? — אַזוי ווי איך בין געשלאָפן ביים רב האָב איך באַהאַלטן דאָס עסן אין דער שטוב ווען איך בין געקומען צום רב נאַכן עסן, האָט מיר דאָס דינסט־מיידל געזאָגט אַז זי האָט געפונען אַ שטיקל קעז אין דער שטוב וואו איך שלאָף. איך האָב איר געזאָגט אַז איך האָב נעכטן געגעסן ברויט מיט קעז. די דינסט האָט מיין תירוץ אָנגענומען פאַר גוט. דעם צווייטן טאָג ראש־השנה האָב איך ווידער געגעסן גאַנץ פרי און נאָכן עסן האָב איך אויפ־געקליבן די קרישקעלעך פון דער חלה און פון קעז, מער אָפּגעהיט ווי מען איז בודק חמץ פאַר פסח.

אַ פאָר טעג פאַר יום־כיפּור האָט מיך מיין מומע יוכבד געפרעגט

צי איך וועל פאַסטן יום־כיפור אַ גאַנצן טאָג. איך האָב איר געפרעגט פאַר וואָס זי פרעגט מיך. האָט זי מיר געזאָגט, אַז איך זאָל קיינעם ניט אויסזאָגן, אָבער זי האָט אָנגעהויבן פאַסטן אַ גאַנצן טאָג ווען זי איז אַלט געוואָרן ניינצן יאָר. און אַזוי ווי איך בין נאָך ניט אַלט קיין אַכצן יאָר, דאַרף איך ניט פאַסטן. איך האָב איר געזאָגט, אַז איך האָב אָנגעהויבן פאַסטן ווען איך בין אַלט געווען פופצן יאָר. דעם יומכיפור האָב איך שוין ניט געגעסן נאָר געטרונקען אַ סך וואַסער, צו פאַרשלאָגן דעם הונגער.

חול־המועד סוכות איז דער קרומער יאַנקל, וועלכער איז געווען אי אַ מלמד, אי אַ שדכן, אי אַ מעקלער און האָט פאַר פּסח אויך פאַרקויפט מצה־שמורה, אַריינגעקומען צו מיין באָבען און האָט עפּעס גערעדט מיט איר. איך האָב געמיינט, אַז ער איז געקומען רעדן מיט דער באָבען וועגן אַ שידוך פאַר מיין מומע יוכבד. ווען דער קרומער יאַנקל איז אַוועק־געגאַנגען האָב איך געהערט ווי די באָבע האָט געזאָגט צו מיינע מומעס, אַז צוויי עלקישער בעלי־הבתים, יודל בעקער און דער שענקער וואָלף גרינבוים, האָבן יאַנקלען געשיקט צו איר, אַז זיי וואָלטן מיך געוואָלט האָבן פאַר אַן איידעם. מיין מומע יוכבד האָט זיך צעלאַכט און געזאָגט, אַז איך וועל דאָך ניט חתונה האָבן מיט צוויי כלות. די באָבע האָט וויי־טער דערציילט, אַז יעדער פון זיי וויל מיר געבן אַ גרויסן נדן און אויך אַ פּאָר יאָר קעסט. „וואָס האָסטו דעם קרומען יאַנקלען געענט־פערט?" האָט מיין מומע יוכבד געפרעגט. „אַז כ'וועל אים לאָזן וויסן", האָט די באָבע געזאָגט, האָט די מומע יוכבד זיך אָפּגערופן צו דער באָבע: „וואָס מיינסט דו, דו וועסט אים לאָזן וויסן? און אברהם פּנחס האָט גאָר ניט צו זאָגן, פאַר וואָס פרעגסטו אים ניט?" און זי האָט געזאָגט צו מיר: „אברהם פּנחס, ווי געפעלן דיר עפּעס די מחותנים?" „די מחותנים ווען מיר, מעגלעך, ביידע געפעלן" האָב איך געענט־פערט, אָבער פון די כלות בין איך ניט זיכער, צי קיין איינע וועט מיר געפעלן. און איך טראַכט נאָך בכלל נישט צו ווערן אַ חתן. זע, אַז דו זאָלסט פריער ווערן אַ כלה, איך האָב נאָך צייט צו וואַרטן."

באַלד נאָך סוכות האָב איך ווידער אָנגעהויבן לערנען ביים רב און אין בית־המדרש. פאַר שבת־חנוכה איז דער רב אַוועקגעפאָרן צו אַ רבין אויף שבת. בין איך שוין ניט געשלאָפן ביים רב, ווייל בלויז די דינסט איז פאַרבליבן אין הויז. איך בין צוריק געגאַנגען שלאָפן אין דער באָבעס בוידעם־שטיבל. די באָבע און חנהלע זענען פרי אַוועק אויפמאַכן דאָס געוועלב. איך בין פאַרבליבן אַליין מיט דער מומע יוכבד אין שטוב. זי איז צוגעקומען צו מיין בעט און האָט אָנגעהויבן רעדן מיט מיר וועגן די שידוכים וואָס מען רעדט מיר. זי האָט מיר

געזאָגט, אַז די מיידלעך זענען ניט קיין שיינע. זיי זענען אויך זייער אַלט־פרענקיש. איך האָב איר געזאָגט, אַז ווען די מיידלעך וואָלטן אַפילו געווען שיינע און ניט קיין פאַנאַטישע, וואָלט איך קיין איינע פון זיי ניט גענומען, ווייל איך וויל ניט חתונה האָבן מיט קיין על־קישער מיידל. יוכבד האָט מיך געפרעגט: „און מיט מיר וואָלסטו אויך ניט געוואָלט חתונה האָבן?" האָב איך איר געזאָגט, אַז איך וואָלט זיך געשעצט גליקלעך ווען איך וואָלט געקראָגן אַזאַ שיין מיידל ווי דו ביסט, פאַר אַ כלה, אָבער דו ביסט דאָך מיין מומע און מיט אַ מומע טאָר מען דאָך ניט חתונה האָבן". האָט יוכבד געזאָגט: „און איך וואָלט זיך געשעצט גליקלעך ווען איך וואָלט געקראָגן אַזאַ שיינעם און קלוגן בחור ווי דו ביסט".

איין מאָל, אַ דאָנערשטיק ביינאַכט, ווען מיר בית־המדרש בחורים האָבן געלערנט שפּעט אין דער נאַכט אַריין, האָט מיין פריינד דער קליי־נער רויטער דוד קערנער געבראַכט פאַר מיר די בייגל מיט מילך פון דער הויכער גאָלדע די בייגלבעקערין. ער האָט מיר געזאָגט, אַז גיטל די בייגלבעקערינס טאָכטער האָט זיך אויף מיר נאָכגעפרעגט און זי האָט אים געזאָגט, ער זאָל מיר זאָגן, אַז איך זאָל אַליין קומען נאָך די מילך און בייגל. „איך בין שוין באַלד אייפערזיכטיק אויף דיר", האָט דער רויטער דוד מיר געזאָגט. דערביי האָט ער מיר דערציילט, אַז די צוויי נייע ישיבה־בחורים לייענען אויך ביכער און אַז איינער פון זיי איז איצט דאָ אין בית־המדרש ער לייענט טאַקע איצט אַ בוך און באַהאַלט עס הינטער דער גמרא, פּונקט אַזוי ווי איך טו דאָס. און ער האָט מיר אָנגעוויזן דעם בחור. „דאָס איז זייער גוט פאַר אונדז", האָב איך גע־זאָגט, „וועלן מיר האָבן נאָך מיט וועמען צו פירן דיסקוסיעס."

אין עלקיש האָב איך געהאַט נאָך אַן עלטער־פעטער, שאול פרענקעל. זיין ווייב האָט געהייסן פרימעט. ער האָט געהאַט אַ געוועלב פון באַוולנע און וואָלענע סחורות. ער איז געווען זייער אַ פרומער, אָבער אַ מתנגד. ער האָט געהאַט דריי זין. אַלע דריי האָבן געקענט לערנען און זענען אויך געווען מתנגדים. ער האָט אויך געהאַט אַ טאָכטער, זייער אַ שיינע און אַ געלערנטע. איר מאַן, יצחק, איז געווען אַ למדן, זייער אַ פרומער און אַ גערער חסיד. איין מאָל האָט ער מיך געפרעגט צי איך וויל ביי אים לערנען. איך האָב דאָס מיט צופרידנקייט אָנגענומען. אויך זיין איי־געגער זון, דוד האָט מיט מיר צוזאַמען געלערנט ביי אים.

איין מאָל האָט מיך יצחק געזען אין בית־המדרש לערנען ישעיה. האָט ער אָנגעשריגן אויף מיר און מיך געפרעגט, ווי איך וואַג צו לערנען תנך. האָב איך אים געפרעגט צי מען טאָר ניט לערנען תנך, האָט ער מיר געענטפערט, אַז נאָר משכילים און אפּיקורסים לערנען תנך, און אויב

ער וועט מיך נאָך אַ מאָל כאַפּן ביים תנך, וועט ער מיט מיר מער ניט לערנען. איך האָב אים געפּרעגט: „אויב דער תנך איז אַזוי טריפה־פּסול, טאָר פאַר וואָס געפינט ער זיך אין בית־המדרש? האָט ער דערויף גע־ענטפערט, אַז תנך איז נאָר פאַר גרויסע, ניט פאַר יינגלעך. לאַנג האָב איך ביי אים טאַקע ניט געלערנט. זיין פרוי, רחל, האָט צו מיר איין מאָל געזאָגט: „וואָס קען איך טאָן אַז מיינע עלטערן האָבן פאַר מיר איינגע־האַנדלט אַזאַ פאַנאַטיקער פאַר אַ מאַן, איך זאָל זיך איצט גטן מיט אים איז שוין צו שפּעט.״

די באָבע פלעגט מיך כסדר מאַטערן, פאַר וואָס איך וויל ניט ווערן אַ חתן מיט אַן עלקישער מיידל: מען וויל דאָך מיר געבן אַ גרויסן נדן און פאַר אַ יאָר קעסט און נאָך דעם וועט מען מיך מאַכן פאַר אַ סוחר. איך האָב די באָבע געענטפערט אַז איך וויל ניט חתונה האָבן פאַר דוד־זעליגן, מיין עלטערן ברודער, עס וואָלט ניט געווען שיין פון מיין זייט דאָס צו טאָן און דערצו בין איך נאָך צו יונג חתונה צו האָבן, אָבער איך וועל שרייבן וועגן דעם דער מאַמען. אויף פּסח האָט די באָבע געלאָזט מאַכן פאַר מיר אַ נייע זשיפּעצע, אַ נייע פאַר שטיוול און נייע העמדער. מיין יינגערע מומע, חנהלע, האָט מיך געפּרעגט, צי איך וויל מען זאָל מאַכן די אַרבל פון די העמדער מיט אָדער אָן מאַנזשעטן. האָב איך געענטפערט אַז מיט מאַנזשעטן. אַז זי האָט דאָס דערהערט האָט זי אַ זאָג געטאָן צו דער באָבען: „מאַמע, זעסט, איך האָב דיר שוין פון לאַנג געזאָגט, אַז אברהם־פּנחס איז ניט קיין פרו־מער. די עלטערע שוועסטערן אירע, רבקה און יוכבד, האָבן איר גע־פרעגט: „חנהלע, וואָס פאַר אַ שייכות האָבן העמדער מיט מאַנזשעטן צו פרומקייט?״ האָט זי געענטפערט: „פרומע יידן וועלן ניט אָנטאָן קיין העמדער מיט מאַנזשעטן״. האָבן זיי צו איר געזאָגט, אַז איך בין נאָך ניט קיין אַלטער ייד, און אַ יונגער בחור דאַרף זיין אָנגעטאָן ווי יונגע בחורים. די דריי שוועסטער האָבן זיך אַרומגעקריגט איבער דער מאַנזשעטן־פראַגע ביז די באָבע האָט געזאָגט צו חנהלען אַז ווען זי וועט חתונה האָבן, וועט זי זאָגן איר מאַן וואָס פאַר אַ אַרבל צו טראָגן, פאַר מיר זאָל זי מאַכן אַרבל מיט מאַנזשעטן. האָט חנהלע געזאָגט צו דער באָבע: „מאַמע, איך זע שוין אַז דו וועסט מיט דער צייט ווערן אַזוי פרום ווי יוכבד און אברהם־פּנחס זענען.״ חנהלע האָט זיך צעוויינט: „אונדזער ברודער נחום ע״ה (דאָס האָט זי געמיינט מיין טאַטן), האָט דאָס באַדאַרפט צוזען, ווי זיין זון טראָגט העמדער מיט מאַנזשעטן. ער וואָלט זיכער דאָס נישט דערלאָזט״. איך האָב זיך אָפּגערופן, אַז מיין פאָטער וואָלט מיר זיכער נישט געשטערט צו טראָגן מאַנזשעטן, ווייל ער איז געווען אַ למדן, אָבער ניט קיין פאַנאַטיקער.

איך האָב זיך געריכטעט מיט חנהלען: „וואָס וועסטו זאָגן אַז איך וועל מיר אָנטאָן אַ שטייפן פּאַפּירענעם קאָלנער?" האָט זי געענטפערט: אויף דיר קען איך אַלץ גלויבן. אַפילו דו זאָלסט אָנטאָן אַ מאַרינאַרקע מיט לאַנגע הויזן און אַ קאַפעליוש!"

אַ פּאָר טעג פאַר פסח האָט חנהלע מיך געפרעגט צי זאָל מען אָנגרייטן פאַר מיר מצה־שמורה. האָב איך איר געענטפערט, אַז איך וועל עסן די מצות וואָס אַלע עסן. האָט זי געזאָגט, אַז אַ חסידישער בחור דאַרף עסן מצה־שמורה און אַז אויב איך וועל עסן מצה שמורה וועט זי אויך עסן. איך האָב איר געזאָגט, אַז אויב זי וויל, קען זי עסן. חנהלע האָט דערויף געענטפערט: „איך האָב שוין אַ סך געהערט וועגן דיר, דו ביסט שוין דער ריכטיקער פרומער און חסידישער בחור. ניט בחינם זאָגט מען אויף דיר, אַז דו לייענסט ביכער. אַפילו דאָנערשטיק ביינאַכט, ווען דו לערנסט אין בית־המדרש, לייענסט דו אַ בוך און לייגסט עס אַרונטער אונטער דער גמרא. דו מיינסט אַז איך ווייס ניט וואָס דו טוסט. מען דערציילט מיר אַלצדינג וועגן דיר." האָב איך איר געזאָגט: „פאָלג מיך און לייען אויך אַ בוך, עס וועט דיר זייער צונוץ קומען, אַז דו וועסט נאָר לייענען ס'ערשטע ביכל, וועסט דו וועלן לייענען אַ צווייטס. סוף כל סוף האָט זי זיך געלאָזט איבעררעדן און איך האָב איר געגעבן דאָס ערשטע ביכל צו לייענען. אַז איך האָב געזאָגט דער באָבען, אַז חנהלע וויל איך זאָל עסן מצה־שמורה, האָט די באָבע געזאָגט, אַז חנהלע איז שוין צופיל פאַנאַטיש. עס איז ניט גוט ווען אַ מיידל איז אַזוי פאַנאַטיש. נאָך גוט וואָס זי וויל זיך ניט כשרן דאָס מויל ערב־פסח.

דעם לעצטן טאָג פסח איז געשען אַזאַ פאַל: מען האָט געהאַט אָפּ־געדאַוונט אין שול. יידן, פאַרבייגייענדיק משה בעקערס בעקעריי, האָבן געזען, ווי מען אַרבעט שוין דאָרט. עטלעכע יידן זענען אַריינגעלאָפן אינעווייניק און האָבן געזען ווי משה מיט עטלעכע געזעלן אַר־בעטן ביים צוגרייטן ברויט. עס איז געוואָרן אַ טומל אין שטאָט. יידן זענען געלאָפן צו דער בעקעריי און האָבן געשטערט צוצוגרייטן דאָס געבעקס. נאָך פסח האָט מען משה בעקערן גערופן צום רב צו אַ דין־תורה און מען האָט אים באַשטראָפט צו באַצאָלן הונדערט רובל פאַר קהל.

## קאַפּיטל 21

# מען רופט מיך צום פּריזיוו

אַ וואָך נאָך פּסח האָב איך באַקומען אַ בריוו פון עלקישער מאַגיסטראַט אַז איך זאָל אין צוויי וואָכן אַרום זיך צושטעלן אין עלקישער פּאָוויאַט, וואו מען וועט אָפּשאַצן מיין עלטער (ווייל אין סטריקאָווער מאַגיסטראַט איז נישט געווען פאַרשריבן אין וואָס פאַר אַ יאָר איך בין געבוירן געוואָרן). ווען מיין באָבע און מיינע מומעס האָבן דאָס דערהערט, האָבן זיי זיך צעוויינט, וואָס מען וועט מיך מסתמא צונעמען פאַר אַ זעלנער. ווייל איך בין געווען הויך און געזונט. איך האָב זיי באַרואיקט, אַז מען וועט מיך פריי לאָזן ווייל איך האָב פלאַטשיקע פיס, אַחוץ דעם וועט דער פעטער מרדכי אונגער מסתמא עפּעס קענען אויפטאָן פאַר מיר, ווייל ער איז דאָך אַ פּאָדריאַדטשיק פאַר גאַנץ קיעלצער גוברניע. די באָבע האָט וועגן דעם דערציילט דעם פעטער מרדכי און ער האָט געזאָגט, אַז קודם־כל ווייסט מען ניט צי מען וועט מיך שאַצן אויף איין און צוואַנציק יאָר, און אויב יאָ, איז נאָך דאָ גענוג צייט צו טראַכטן וואָס צו טאָן. דאָס בעסטע איז דערווייל ניט צו ריידן וועגן דעם. איך האָב זיך געמאָלדן אין פּאָוויאַט צו דער צייט. ווען איך בין אַריינגעקומען אין דער שטוב וואו עס זיינען געזעסן דער נאַטשאַלניק, דער דאָקטאָר און אַנדערע באַאמטע, האָבן זיי מיך געפרעגט ווי אַלט איך בין, איך האָב געענטפערט אַכצן יאָר. דער דאָקטאָר האָט מיך באַטראַכט און דער נאַטשאַלניק האָט באַמערקט אַז איך האָב פלאַטשיקע פיס. ער האָט מיך אָפּגעשאַצט אויף איין־און־צוואַנציק יאָר און געזאָגט אַז נאָך סוכות וועל איך דאַרפן שטיין צום פּריזיוו. דאָס פּאָוויאַטאָווע הויז איז געשטאַנען אַנטקעגנאיבער מיין באָבעס געוועלב. אַז די באָבע האָט מיך געזען אַרויסגיין פון פּאָוויאַט איז זי מיר אַנטקעגנגעקומען מיט טרערן אין אירע אויגן. איך האָב זי באַרואיקט, ווייל איך האָב געהערט ווי דער דאָקטאָר און דער נאַטשאַלניק האָבן געזאָגט אַז איך האָב פלאַטשיקע פיס און מיט פלאַטשיקע פיס נעמט מען דאָך ניט צו די זעלנער.

איך האָב געשריבן צו מיין מוטער אַז מען האָט מיך אָפּגעשאַצט צו שטעלן זיך צום פּריזיוו. אַז איך האָב פון איר קיין ענטפער ניט

געקראָגן האָב איך געשריבן אַ צווייטן מאָל. אָבער אויך אויפן צווייטן בריוו האָב איך ניט געקראָגן קיין ענטפער. האָב איך געטראַכט אַז דער בריוו איז אפשר פאַרלוירן געגאַנגען, ווייל דעמאָלט איז קיין סטריקאָוו נאָך נישט געגאַנגען קיין דירעקטע פּאָסט. בריוו האָט מען געשיקט אויף אַזעלכע אופנים: אָדער מען האָט געשיקט אין דער גמינע דאָברע (איין מייל פון סטריקאָוו) און דער סטריקאָווער אָדרעסאָט האָט געדאַרפט גיין אין דער גמינע אָפּנעמען דעם בריוו, אָדער מען האָט געשיקט דעם בריוו צו אַ באַקאַנטן אין לאָדזש און דער באַקאַנטער האָט מיט אַ געלעגנהייט איבערגעשיקט דעם בריוו קיין סטריקאָוו; אָדער מען האָט אַוועקגעשיקט דעם בריוו צו די שענקערס, וואָס האָבן געהאַט זייערע שענקען ביי די שאָסעען פון זגיערזש אָדער גלאָוונע, און די שענקערס האָבן איבערגעגעבן די בריוו די בעלי־עגלות וואָס זענען געפאָרן קיין סטריקאָוו און האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי די שענקען אָנצופּאָיען די פערד און אַליין עפּעס איבערצובייסן. אַזאַ פּאָסט־אָרדענונג האָט עקזיסטירט אין משך פון לאַנגע יאָרן. מיט יאָרן שפּעטער איז איינגעפירט געוואָרן אַ דירעקטע פּאָסט. אַ פּאָסטוואָגן פלעגט איין מאָל אין וואָך ברענגען בריוו קיין סטריקאָוו. ווען דער פּאָסט־וואָגן איז אָנגעקומען קיין סטרי־קאָוו, האָט דער קוטשער הויך געטרומייטערט, מען זאָל הערן אין שטאָט און די סטריקאָווער איינוואוינער זאָלן קומען אָפּנעמען זייערע בריוו קיין סטריקאָוו. ווען דער פּאָסטוואָגן איז אָנגעקומען קיין סטרי־סטראַזשניק אָדער דער שטאָט־סטרוזש צוגענומען די בריוו און זיי אָפּגעגעבן צו די, צו וועמען זיי האָבן באַלאַנגט.

איך אַ וואָך אַרום האָב איך באַקומען אַ בריוו פון מיין מוטער, אַז אויב איך וויל אַהיימקומען קען איך קומען, און אויב איך וועל קומען, וועל איך טרעפן אַ נייע היים. איך האָב פאַרשטאַנען אַז עפּעס וויכטיקס איז פאָרגעקומען אין דער היים. איך האָב אַ סך נאָכגעטראַכט וועגן דעם און איך האָב באַשלאָסן אַז איך זאָל אַהיימפאָרן. אָבער איידער איך בין אַהיימגעפאָרן האָב איך גאַנצע נעכט ניט געקענט שלאָפן פון איבערטראַכטן. איך האָב זיך משער געווען אַז מיין מוטער האָט חתונה געהאַט. איך האָב זיך געבראָכן דעם קאָפּ ווער קען דאָס זיין דער מאַן וועלכער פאַרנעמט מיין פאָטערס אָרט. וועט ער זיין אַזוי גוט צו מיין מאַמען ווי מיין פאָטער איז געווען? און וואָס וועט זיין מיט מיינע דריי יינגערע שוועסטער און מיט מיין עלטערן ברודער? לערנען האָט ער ניט געוואָלט, ער איז אַפילו רעכט ניט געגאַנגען אין חדר. צי איז ער אַוועק צו אַ מלאכה? — דאָס אַלץ האָט מיך זייער געמאַטערט. מיין באָבע האָט מיך געטרייסט, איך זאָל זיך ניט זאָרגן, אויב די מאַמע וועט האָבן חתונה געהאַט, זאָל איך באַלד צוריק קומען

און זיין דאָ מיט איר: — דאָ וועסט דו ניט האָבן קיין שטיפּטאָטן, — האָט זי געזאָגט, — און אַז דו וועסט מיט גאָטס הילף באַפרייט ווערן פון ניקאָלייקעס הענט, וועט זיך שוין געפינען אַ פיינער שידוך פאַר דיר מיט אַ שיינעם נדן און אַ פּאָר יאָר קעסט. — איך האָב איר געזאָגט, אַז איך זאָרג מער פאַר מיינע שוועסטער און מיין ברודער, ווי אַז איך זאָל אַ חתן ווערן. איך האָב אויך געוויזן דעם בריוו דעם רב און ער האָט מיך געהייסן אַהיימפאָרן. נאָך ל״ג־בעומר בין איך אַהיימגע־פאָרן. די באָבע האָט מיר געגעבן גענוג געלט אַהיימצופאָרן און צוריק־צוקומען, אויב איך וועל דאַרפן. אויך די מומעס יוכבד, רבקה און חנהלע האָבן מיר געגעבן צושטייער צו מיין רייזע. יוכבד און חנהלע האָבן מיך באַגלייט צו דער באַן־סטאַנציע. יוכבד האָט זיך מיט מיר צעקושט, דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן מסתמא.

אין עלקיש האָב איך געקויפט אַ באַן־בילעט ביז דאָמבראָווע, ווייל אין דאָמבראָווע האָב איך געדאַרפט בייטן די באַן און פאָרן מיט דער וואַרשעווער־ווינער באַן ביז לאָדזש. אַזוי ווי די באַן קיין לאָדזש איז ניט באַלד אָפּגעפאָרן, האָב איך געהאַנדלט מיטן קאָנדוקטאָר אַז איך זאָל פאָרן „אויף בלאַט״ און ניט דאַרפן קויפן קיין בילעט. איך האָב אים געגעבן איין רובל. ווען די באַן איז צוגעקומען נאָענט צו טשענ־סטאָכאָוו האָט דער קאָנדוקטאָר מיך אַריינגעזעצט אין אַ קליין שטיבל לעבן אַ וואַגאָן פון דער צווייטער קלאַס און נאָך דעם ווי די באַן איז אָפּגעפאָרן, האָט ער מיך אַרויסגעלאָזט פון שטיבל. אויף דער באַן האָב איך געזען ווי אַ ייד האָט זיך אַרונטערגעלייגט אונטער אַ באַנק, ווען דער קאָנדוקטאָר האָט צוזאַמענגענומען די בילעטן פון די פּאַסאַ־זשירן, האָט ער אַרונטערגעקוקט אונטער דער באַנק און האָט אָפּגער־געשלעפּט אַ הויכן ייד מיט אַ גרויסער ברייטער באָרד. דער קאָנדוקטאָר האָט געפאָדערט פון ייד אַ באַן־בילעט. האָט דער ייד אים געענט־פערט: „ווען איך האָב אַ בילעט וואָלט איך זיך דאָך ניט אַרונטער־געלייגט אונטער דער באַנק״. דער קאָנדוקטאָר האָט דעם ייד געוואָלט אַראָפּנעמען פון דער באַן און אים לאָזן אַרעסטירן, האָט דער ייד ביים קאָנדוקטאָר אָפּגעהאַנדלט פאַר עפּעס געלט און ער איז ווייטער געפאָרן.

איך האָב זיך אָוועקגעזעצט ביי אַ פענצטער און אַרויסגעקוקט. די באַן איז זייער שנעל געפאָרן, אָבער ביי מיר האָט עס אויסגעזען אַז זי שלעפּט זיך פּאַמעלעך, ווייל איך האָב כסדר נאָכגעטראַכט וועגן מיין היים, וואָס האָט אין מיינע אויגן אויסגעזען ווי זי וואָלט געווען זייער ווייט פון מיר און איך האָב זי געוואָלט וואָס שנעלער זען. איך האָב געטראַכט: ווי זעט אויס מיין מוטער אויב זי האָט טאַקע חתונה געהאַט? וואו זענען מיינע דריי שוועסטער? זענען זיי מיט דער מוטער,

אָדער האָט זי זיי אַוועקגעגעבן צו פֿאַמיליע? — די באַן איז פֿאַרביי־געלאָפֿן פֿעלדער און וועלדער, גערטנער, בליענדיקע סעדער מיט פֿרוכטן־ביימער, אָבער מײַנע געדאַנקען האָבן צו דעם ניט געשאָנקען קיין שום אויפֿמערקזאַמקייט, ווײַל זיי זענען געווען פֿאַרנומען נאָר מיט מײַן היים.

ווען איך בין אָנגעקומען קיין לאָדזש האָב איך גענומען אַ דראָזשקע צום מאַרק־פּלאַץ אויף אַלטשטאָט, וואו די סטריקאָווער בעלי־עגלות זענען געשטאַנען. דער בעל־עגלה יעקב העכט האָט מיר אָפּגעגעבן אַ ברייטן שלום־עליכם און האָט מיר געזאָגט: „דו פֿאָרסט אַהיים? וועסטו זיך אַרומכאַפּן מיט דײַן שטיפֿטאַטן”. ער האָט מיר דערציילט, אַז מײַן מוטער האָט חתונה געהאַט מיט יהודה לייב בראָט פֿון לוויוויטש, אַז ער איז אַ תבואה־סוחר און אַז ער האָט אַרײַנגעבראַכט צו אונדז אין שטוב צוויי זין און אַ טאָכטער. איך האָב דעם בעל־עגלה געפֿרעגט וואו זענען מײַנע שוועסטער און מײַן ברודער, האָט ער מיר דערציילט, אַז מײַן עלטסטע שוועסטער, מלכה, איז ביים פֿעטער יעקב מאָרגענשטערן, מײַן ייִנגערע שוועסטער, דבורה, איז בײַ מײַן מומע רבקה מאָרגענשטערן אין גלאָוונע, און מײַן ייִנגסטע שוועסטער, רחל, איז בײַ דער מומע ראַצע (וואָס האָט אויך געהאַט אַ שענק אין סטריקאָוו). מײַן ברודער זעליג איז געוואָרן אַ וועבער. דאָס האָבן מײַן שטיפֿפֿאָטערס זין, וואָס זענען אויך וועבערס, אַרײַנגענומען אים צו דער אַרבעט. איך האָב בײַ זיך געטראַכט, אַז מײַן מוטער האָט גוט אײַנגעטיילט מײַן פֿאָטערס ירושה. איך האָב זיך דערמאָנט אַז ווען דער טאַטע איז געשטאָרבן איז דאָס יונגסטע קינד אַלט געווען איין יאָר און מײַן מוטער האָט אונדז פֿינף קינדער אויפֿ־געצויגן מיט גרויס מאַטערניש, אָבער זי האָט קיין איין קינד ניט אַוועק־געגעבן צו פֿאַמיליע. דער בעל־עגלה האָט מיר ווײַטער דערציילט אַז אין שטאָט רעדט מען, אַז מײַן שטיפֿפֿאָטער איז אַ גאַנץ קנאַפּער פֿאַרדינער. פֿון דעם נדן וואָס מײַנע פֿעטערס, יעקב און אברהם מאָרגנשטערן, האָבן אים געגעבן — מען זאָגט אַז ער האָט פֿון זיי געקראָגן צוויי טויזנט רובל — האָט ער שוין פֿינף הונדערט רובל פֿאַרלוירן. איך האָב דעם בעל־עגלה געפֿרעגט פֿון וואַנעט ער ווייסט דאָס אַלץ. זאָגט ער צו מיר: „וואָס הייסט פֿון וואַנען איך ווייס דאָס אַלץ? איך קום דאָך אַרײַן אין דײַן מאַמעס שענק צוויי מאָל אַ טאָג, ווען איך פֿאָר קיין לאָדזש און ווען איך קום צוריק!” פֿאָרנדיק אויפֿן וואָגן אַהיים האָט אין מײַן זכרון אויפֿגעלעבט די סצענע ווען מײַן פֿאָטער האָט אין טאָג ווען ער איז געשטאָרבן, געבענטשט יעדן פֿון אונדז קינדער און ווי מײַן מוטער האָט געוויינט און געשריגן צו אים: „נחום, ווי לאָזטו מיך איבער מיט פֿינף קליינע קינדער”. אַזוי טראַכטנדיק זײַנען טרערן גערונען פֿון מײַנע אויגן.

## קאַפּיטל 22

# אַ נייע היים — אַ פרעמדע היים

ווען איך בין אָנגעקומען קיין סטריקאָוו, איז מיין מוטער גראד געשטאַנען פאַר דער טיר פון אונדזער שענק. ווען זי האָט מיך דערזען, איז זי צוגעלאָפן צו מיר און מיך אַרומגענומען און מיר האָבן זיך צעקושט און צעוויינט. איך בין אַריינגעקומען אין שטוב און כ׳האָב געזען אַרומדרייען זיך אַ מיידל, אַ הויכע מיט בלאָנדע האָר און מיט איין בלינד אויג. מיין מוטער האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס איז מיין שטיף־שוועסטער. זי האָט מיר געזאָגט, אַז פאַר פסח האָט זיך חתונה געהאַט. איר מאַן איז יצחק לייב בראָט, אַ תבואה־סוחר פון לוויוויטש. אַ גאַנצע וואָך איז ער אין לוויוויטש און קומט אַהיים אויף פרייטיק. איך האָב מיין מוטער געפרעגט וואו עס זענען מיינע שוועסטער און מיין ברודער, האָט זי מיר געזאָגט, אַז מלכה איז ביים פעטער יעקב, און דבורה איז ביי איר שוועסטער רבקה אין גלאָוונע און די יינגסטע, רחל, איז ביי איר שוועסטער ראַצע; דוד־זעליג, מיין עלטערער ברודער, איז געוואָרן אַ וועבער און איז מיטגעפאָרן קיין לאָדזש מיט איר מאַנס זון, יעקב, ברענגען אַרבעט פאַר זייערע וועב־שטולן. האָב איך די מאַמען ווייטער געפרעגט, פאַרוואָס האָט זי אַלע מיינע שוועסטערן אַוועקגעגעבן צו משפחה, און אויב זי האָט דאָס שוין יאָ געמוזט טאָן מיט די עלטערע, פאַרוואָס האָט זי דאָס געטאָן מיט דער יינגסטער שוועסטער, רחל, זי איז דאָך זייער אַ שוואַכע? — האָט מיין מוטער מיר געענטפערט: „דו ביסט ערשט געקומען, ווילסטו שוין אַלץ וויסן אין איין מינוט? מיר וועלן האָבן גענוג צייט צו רעדן וועגן די גליקן וואָס איך האָב פון מיין חתונה־האָבן. פריער לאָמיר עסן וועטשערע, דערנאָך וועלן מיר שמועסן.“

דאָס דינסטמיידל, חנה, האָט געגרייט צום טיש. זי האָט כסדר צו מיר געשמייכלט. מיין מוטער האָט מיך אויסגעפרעגט צי די באָבע און די מומעס האָבן מיך גוט באַהאַנדלט און ביי וועמען איך האָב געלערנט; ווען איך בין געווען אין בענדין, ביי וועמען איך האָב געגעסן. — איך האָב איר אַלץ דערציילט. זי האָט מיך אויך אויסגעפרעגט וועגן פריזיוו

און איך האָב איר פאַרזיכערט אַז זי האָט נישט וואָס מורא צו האָבן, ווייל מיט פלאַטפוס נעמט מען נישט צו די זעלנער.

נאָכן עסן האָט מיין מוטער מיר דערציילט וועגן איר חתונה: זי האָט געמוזט חתונה האָבן, ווייל זיידע דער סטריקאָווער רבי ר' וואָלף איז נפטר געוואָרן, איז די פרנסה אין שענק זייער שוואַך געגאַנגען, ווייל צום איצטיקן רבין, ר' מאָטל, דעם רבי ר' וואָלפס זון, קומען ניט אַפילו קיין העלפט חסידים וואָס פריער. אַ סך סטריקאָווער חסידים פאָרן איצט צום אַלעקסאַנדערער רבין, וועלכן מען האָט ביז איצט געהאַלטן פאַר אַ קליין רבילע, אַנדערע סטריקאָווער חסידים פאָרן, ווידער, צום סאָכאַטשעווער עילוי ר' אברהמעלע, און נאָך אַנדערע פאָרן צום גערער רבין. — אָבער דערווייל, — האָט מיין מוטער געזאָגט — איז ביי מיר גאָר ניט גוט. — איך האָב איר געפרעגט צי דער פעטער פאַדדינט כאָטש עפּעס צו, האָט זי זיך אַרומגעקוקט צי קיינער איז ניטאָ דאָ אין שטוב און האָט געזאָגט צו מיר אין דער שטיל, אַז פינף הונדערט רובל האָט ער שוין אָנגעוואָרן אין ווייץ. — אויב דער פעטער האָט דאָ זיינע קינדער, טאָ פאַר וואָס זאָלן דיינע קינדער אויך דאָ ניט זיין? — האָב איך איר ווייטער געפרעגט. — האָט מיין מוטער געענטפערט, אַז מלכהן און דבורהן איז זייער גוט ביים פעטער יעקב און ביי דער מומע רבקה, און רחלען וועט זי טאַקע צוריקנעמען אַהיים, ווייל עס איז איר ניט גוט ביי דער מומע ראַצע (קען זיין ווייל די מומע ראַצע האָט ניט קיין קינדער). ווייטער האָט זי מיר געזאָגט, אַז זי האָט צוגעדונגען אין אַ צווייט הויז צוויי גרויסע שטובן פאַר די וועב־שטולן און האָט דאָרט אויך אַריינגעשטעלט בעטן, אַז די יינגלעך זאָלן האָבן וואו צו שלאָפן. פאַר מיר וועט מען מאַכן אָרט דאָ, אין דער אַלטער שטוב, כדי איך זאָל איר קענען אַרויסהעלפן אין שענק.

ווען איך האָב זיך צעשמועסט מיט מיין שטיפברודער מענדל, און שטיפשוועסטער טויבע, האָב איך אויסגעפונען אַז זיי זענען ווייט פון זיין פרום און אַז זיי לייענען ביכער און צייטונגען. זיי האָבן מיר געזאָגט, אַז זיי ווייסן, אַז איך לייען אויך ביכער. ווען מיין ברודער דוד־זעליג און שטיפברודער יעקב זענען צוריק געקומען פון לאָדזש, האָט מיין ברודער זיך זייער דערפרייט מיט מיר און אויך דער שטיפברודער האָט מיר געגעבן אַ ברייטן שלום־עליכם.

צומאָרגנס בין איך אַוועק אין בית־המדרש, אַ סך בעלי־הבתים און בית־המדרש־בחורים האָבן מיך מכבד געווען מיט ברייטע שלום־עליכמס. פון בית־המדרש בין איך געגאַנגען צום רב. דער רב האָט מיך אויס־געפרעגט ווי עס איז מיר דערגאַנגען אין עלקיש. איך האָב אים אַלץ דערציילט. די רביצין איז אַריינגעקומען אין בית־דין־שטוב, און האָט

מיך באַגריסט. דער רב האָט איר געבעטן, זי זאָל אַריינשיקן קאַווע. באַלד איז אַריינגעקומען יענטעלע, דעם רבס יינגסטע טאָכטער, מיט קאַווע. אַז יענטעלע האָט מיך דערזען, האָט זי צו מיר געזאָגט מיט אַ פריילעכער מינע: „אָ, אַ גאַסט איז דאָ". און האָט מיך געפרעגט ווען איך בין געקומען צו פאָרן. האָט דער רב זיך צו איר אָפּגערופן: „יענטעלע, אברהם־פנחס פאָרט נאָך ניט אַוועק. ער וועט נאָך אַריינקומען צו מיר, וועסטו מיט אים קענען רעדן. יענטעלע האָט צו מיר געגעבן אַ שמייכל און איז אַוועק. דער רב האָט מיך געפרעגט צי איך פאַרבלייב אויף לאַנג אין סטריקאָוו, האָב איך געענטפערט: איך האָב דאָך שוין איצט אַ שטיפ־טאַטן, איז ווער ווייסט צי ער וועט וועלן איך זאָל זיין ביי אים. האָט דער רב געזאָגט מיט אַ זיפץ: „דו וועסט זיין ביי אים? אפשר פאַרקערט, ער וועט זיין ביי דיר." דער רב האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל אַריינ־קומען צו אים ווען נאָר איך וועל האָבן צייט און אויב איך וויל ביי אים לערנען, וועט ער מיט מיר לערנען ביז איך וועל אַוועקפאָרן.

פרייטיק איז מיין שטיפטאַטע אַהיימגעקומען. ער האָט מיר געגעבן שלום־עליכם מיט אַ זייער ניט צופרידענעם קוק. ער איז געווען העכער פון מיטעלן וואוקס. האָט געהאַט אַ קליינע גראָלעכע באָרד, פון אויסקוק איז ער געווען אַ שיינער. ער איז געווען זייער פרום און אַ יודע־ספר, אָבער ניט קיין גרויסער למדן. ער פלעגט מיך אָפטמאָל פרעגן וועגן דינים. שבת בין איך געגאַנגען דאַווענען אין רבינס בית־המדרש. אַז דער רבי ר' מאָטל האָט מיך דערזען, האָט ער מיך צוגערופן און האָט מיר געזאָגט, אַז נאָך שבת זאָל איך אַריינקומען צו אים. און אויב איך וויל, וועט ער מיט מיר לערנען. ווען איך האָב אָנגעהויבן ביי אים לערנען, האָב איך געזען אַז ער איז ניט בלויז אַ גרויסער למדן, נאָר אויך אַ בקי אין תנך און אַז ער קען גאַנצע קאַפּיטלען תנך פון אויסווייניק. ער האָט אויך געקענט זייער גוט לייענען און שרייבן לשון־קודש און אַנדערע שפּראַכן. ער האָט אָנגעשריבן צוויי ספרים, וואָס זיינען זייער פיל פאַר־קויפט געוואָרן. איין ספר האָט געהייסן „כי מרדכי דורש טוב". דער רבי האָט מיר געזאָגט, אַז איך זאָל זיך פילן היימיש ביי אים אין הויז. ווען נאָר עס וועט זיך מיר ניט גלוסטן אַהיים גיין עסן אָדער שלאָפן, קען איך ביי אים עסן און אויך קריגן אַ שטוב צו שלאָפן. איך האָב אים געפאָלגט און כ'בין געוואָרן אַ בן־בית ביי אים אין הויז. איין מאָל האָט דער רבי מיך געזען לייענען אַ העברעאישע צייטונג. ער האָט מיך געפרעגט פון וואַנען איך האָב זי. האָב איך אים געזאָגט, אַז עטלעכע בחורים האָבן זי אַבאָנירט. אַז איך האָב עפּעס ניט פאַרשטאַנען אין דער צייטונג, האָב איך געפרעגט דעם רבין און ער פלעגט מיר פאַרטייטשן דעם פשט.

דער רבי האָט געהאַט אַ שמש, איצעלע פּראַשקער. ער פֿלעגט שרייבן די קוויטלעך פֿאַר די וואָס זענען געקומען צום רבין, ער זאָל פֿאַר זיי מתפּלל זיין. אין מיטן דער וואָך פֿלעגט איצעלע ניט אַריינ־קומען צום רבין. בלויז פֿון צייט צו צייט, צו מנחה־ומעריב. איין מאָל איז אַ חסיד געקומען צום רבין אין מיטן דער וואָך און מען האָט געדאַרפֿט אָנשרייבן אַ קוויטל. האָב איך אָנגעשריבן דאָס קוויטל און האָב געקראָגן דערפֿאַר פּופֿציק קאָפּיקעס. דעם צווייטן טאָג האָט זיך מיר אויך געטראָפֿן אָנצושרייבן אַ קוויטל און כ׳האָב אויך געקראָגן פּופֿציק קאָפּיקעס. דער רבי איז געווען זייער צופֿרידן פֿון מיין שרייבן. אַז איצעלע האָט זיך דערוואוסט אַז אין מיטן וואָך זענען געווען חסידים ביים רבין און איך האָב געשריבן די קוויטלעך, האָט ער זיך צעבייזערט אויף מיר, אַז איך נעם צו זיין פּרנסה. די צווייטע וואָך זענען אין מיטן דער וואָך אויך געקומען חסידים צום רבין און איך האָב ווידער אָנגעשריבן פֿאַר זיי די קוויטלעך. איך פֿלעג פֿון די קוויטלעך־שרייבן פֿאַרדינען אַ פּאָר רובל אַ וואָך. איך פֿלעג אָפּטער עסן ביים רבין ווי ביי מיין מוטער אין הויז.

ביי אונדז אין שענק האָט זיך די פּרנסה אַביסל פֿאַרבעסערט. איך פֿלעג ביז שפּעט ביי נאַכט שטיין אין שענק, כּדי מיין מוטער זאָל זיך קענען אָפּרוען. אָפּטמאָל איז מיין שטיפֿשוועסטער אויך געווען מיט מיר אין שענק. פֿלעגן מיר שמועסן וועגן פֿאַרשיידענע פּאַסירונגען. זי האָט געקענט רעדן און שרייבן פּויליש, רוסיש און אַ ביסל דייטש, זי האָט אַ סך געלייענט און איז געווען סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנער גע־שטימט. זי פֿלעגט מיך אַגיטירן אין דעם זינען.

באַלד נאָך סוכּות האָב איך זיך געזעגנט מיט מיינע פּעטערס און זיי האָבן מיר געגעבן צו עטלעכע רובל צושטייער צו מיינע רייזע־קאָסטן. איך האָב זיך אויך געזעגנט מיטן רב און מיטן רבין ר׳ מאָטל. ער האָט מיר געגעבן 5 רובל צושטייער צו די רייזע־קאָסטן און האָט מיר אָנגעוואונטשן. דעם טאָג וואָס איך בין אַוועקגעפֿאָרן קיין עלקיש זיך שטעלן צום פּריזיוו האָבן אַלע אין שטוב געוויינט, אַפֿילו חנה, אונדזער דינסטמיידל, איז אַרומגעגאַנגען מיט פֿאַרטריבטע אויגן.

ווען איך בין געקומען צו מיין באָבען אין הויז האָט זי און מיינע מומעס זיך זייער דערפֿרייט מיט מיר. זיי האָבן מיך אויסגעפֿרעגט וואָס עס הערט זיך אין דער מאַמעס הויז. איך האָב זיי ניט דערציילט, אַז די מאַמע האָט פֿונאַנדערגעטיילט די קינדער צווישן אירע ברידער און שוועסטער. נאָך דעם בין איך אַוועקגעגאַנגען צום רב, האָט ער מיך אויך וואַרעם אויפֿגענומען און ער האָט מיר געזאָגט, אַז דעם ראָש־חודש וועל איך דאַרפֿן מאַכן דעם מי־שבּרך פֿאַרן קיסר, ווייל דער

שוחט איז אַוועקגעפֿאָרן, אגב קען דאָס מיר אַרויסהעלפֿן, איך זאָל ניט זיין קיין זעלנער, ווייל דער פּאָוויאַטאָוער נאַטשאַלניק איז זייער צופֿרידן פֿון מיין מי־שברך און ער קען מיר דערפֿאַר טאָן אַ טובֿה.

ווען איך בין געקומען אין בית־המדרש אריין, האָבן די בחורים וואָס האָבן אויך געדאַרפֿט שטיין צום פּריזיוו פֿאַרלאַנגט פֿון מיר, איך זאָל מיט זיי מיטגיין צו די עלקישער בעלי־הבתים פֿאָדערן, זיי זאָלן געבן אויסקויף־געלט, כדי מען זאָל זיי ניט נעמען, אַרויסנעמען די טירן און פֿענצטער פֿון זייערע קאַמערן און ניט צונעמען דאָס האָלץ צו הייצן דעם בית־המדרש אויוון ווען זיי, די רעקרוטן, זאָגן ביינאַכט תהילים. איך האָב זיי געגעבן פּופּציק קאָפּיקעס, זיי זאָלן מיך באַפֿרייען פֿון מיטגיין מיט זיי צו די עלקישער בעלי־הבתים. אָבער ביינאַכט בין איך מיט זיי אויפֿגעוועזן אין בית־המדרש און צוזאַמען געזאָגט תהילים.

ווען עס איז געקומען דער טאָג פֿון ציען אַ נומער ווען צו שטיין צום פּריזיוו, האָב איך אַרויסגעצויגן דעם נומער ניין. אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך זיך צוגעשטעלט צו דער פּריסוטסטווע, וואו מען האָט מיך געוואויגן און געמאָסטן און באַטראַכט. עס האָבן מיר געפֿעלט אַכט שטריכעלעך צו מיין דיק. דער דאָקטער און דער פּאָוויאַטאָווער נאַטשאַלניק האָבן אַחוץ דעם פֿעסטגעשטעלט אַז איך האָב פּלאַטשיקע פֿיס און זיי האָבן געזאָגט מען זאָל מיר געבן אַ ווייסן בילעט. ווען איך בין אַרויסגעגאַנגען פֿון דער פּריסוטסטווע זענען מיינע מומעס און אַ סך קרובים געשטאַנען פֿאַרן פּאָוויאַט. זיי האָבן מיך אַרומגענומען מיט פֿרייד און געקושט און געווונטשן אַז איך זאָל אויך באַפֿרייט ווערן אין דער גובערניע. (אַז מען איז באַפֿרייט געוואָרן אין פּאָוויאַט, האָט מען זיך נאָך געמוזט צושטעלן אין דער גובערניע צו אַ צווייטער פּריסוטסטווע). איך בין אַריינגעגאַנגען צו מיין באָבן אין געוועלב, האָט זי מיך אַרומגענומען און געקושט און געווינטשט. נאָך דעם בין איך געגאַנגען צום רבֿ און צום פֿעטער מרדכי אונגער, וואָס האָט מיך פֿאַר־זיכערט אַז איך וועל אין דער גובערניע אויך באַפֿרייט ווערן. אַ פּאָר טעג שפּעטער בין איך געפֿאָרן קיין קיעלץ זיך צושטעלן אין דער גו־בערניאַלער פּריסוטסטווע. ווען איך בין צוגעגאַנגען צום טיש וואו די באַאַמטע זענען געזעסן, האָט איינער צו מיר געזאָגט אַז איך זאָל זיך אויסדרייען און גיין. ער האָט מיך געפֿרעגט, צי מיינע פֿיס טוען מיר וויי ווען איך גיי. האָב איך געענטפֿערט יאָ. האָט איינער פֿון זיי גע־זאָגט: „ניע סטראַיעוואָי", דאָס הייסט, אַז מען זאָל מיך צונעמען צו די זעלנער אָבער נישט צו דער ביקס. אָבער דער גובערנאַטאָר און דער דאָקטאר האָבן אויסגערופֿן: „ניע גאָדיען", דאָס הייסט אַז איך טויג אין גאַנצן נישט פֿאַר קיין זעלנער, מען זאָל מיר געבן אַ ווייסן בילעט.

ווען איך בין אַרויסגעקומען פון דער פריסוטסטווע האָט די מומע יוכבד געוואַרט אין דרויסן. זי האָט מיך געקושט און געוויינט. ווען איך בין אַהיימגעקומען צו דער באָבען האָט זי ערשט ווייטער זיך מיט מיר געקושט און געוויינט. שכנים זענען אַריינגעקומען מיר זאָגן מזל־טוב. ווען איך בין אַריינגעקומען צום רב האָט ער מיר אָפּגעגעבן אַ ברייטן מזל־טוב.

שבת אין בית־המדרש האָט מען מיך מכבד געווען מיט מפטיר. ווען איך האָב געזאָגט די ברכות און די הפטורה, איז געווען אַזוי שטיל אַז מען וואָלט געקענט הערן ווי אַ שפּילקע פאַלט אויף דער ערד. איך האָב אָפּגעזאָגט די הפטורה, האָב איך באַדאַנקט די גבאים און דעם שמש און דעם בעל־קורא. אַ סך בעלי־הבתים האָבן מיר געזאָגט אַז איך קען גוט זאָגן די הפטורה. איך האָב געהערט ווי בעלי־הבתים האָבן גערעדט צווישן זיך: דאָס איז שוין איין מאָל געווען אַן הפטורה. מיין פעטער מרדכי האָט מיך צוגערופן און געזאָגט צו מיר: „אברהם־פנחס, דו האָסט געוויזן ווי אַזוי צו זאָגן די ברכות און די הפטורה. יעדעס וואָרט האָט מען געקענט ציילן".

שבת צום עסן האָט מיין משפחה געשיקט צו מיר כיבוד לכבוד מיין באַפרייאונג: קוגל, שטרודל, ווײַן און ביר און אַליין זיינען זיי שפּעטער געקומען מיר צו ווינטשעווען. אַ טייל פון זיי האָבן גערעדט מיט מיין באָבען וועגן אַ שידוך פאַר מיר. איך האָב זיך געמאַכט ניט הערן. מיין געשוועסטערקינד משה פרענקעל, וואָס איז געפאָרן קיין לאָדזש, איז ספּעציעל אַריינגעפאָרן קיין סטריקאָוו, זאָגן מיין מוטער וועגן מיין באַפרייאונג. ווען משה פרענקעל איז צוריקגעקומען האָט ער מיר דערציילט, אַז ער האָט גערעדט מיט מיין מוטער. זי האָט אים דערציילט, אַז זי איז זייער ניט צופרידן מיט איר צווייטן מאַן, אַז ער האָט שוין פאַרלוירן אַ סך געלט פון נדן וואָס אירע ברידער האָבן איר געגעבן און דערצו זענען די קינדער ניטאָ אין דער היים. דער מאַן איז אַ קנאַפּער פאַרדינער און קען אַפילו ניט אָנגיסן אַ גלעזל בראָנפן אָדער אַ גלאָז ביר. מיין מוטער האָט אים געזאָגט, זי וואָלט גערן געוואָלט איך זאָל אַהיימקומען איר אַרויסהעלפן אין שענק. די באָבע איז זייער שטאַרק צוגעשטאַנען איך זאָל ניט אַהיימפאָרן.

משה פרענקל האָט געהאַט אַ גרויס געוועלב פון שניט־סחורות. האָט ער מיך געבעטן, אַז יעדע וואָך ווען עס איז אַ יאַריד אין עלקיש, זאָל איך אים אַרויסהעלפן אין געוועלב. די ערשטע וואָך האָט ער מיר געגעבן צוויי רובל ווי אויך וואָלענע סחורה אויף אַ פאַלטן און לייוונט אויף העמדער. איך האָב אים אַזוי אַרויסגעהאָלפן יעדע וואָך. אַחוץ דעם, האָב איך ווידער געלערנט און געשלאָפן ביים רב, געגעסן האָב איך אויך אָפטער

ביים רב ווי ביי דער באָבען. ווען דער רב פלעגט אַוועקפאָרן, פלעג איך שלאָפן ביי דער באָבען, דעמאָלט פלעגט מיר די מומע יוכבד כסדר מאַכן האַלבע ליבעס־דערקלערונגען, אויף יעדן מיידל וואָס מען האָט מיר גערעדט האָט זי געפונען חסרונות: די איז נישט קיין שיינע, די איז נישט קיין קלוגע אאַז״וו. אויך האָט חנהלע אָנגעהויבן אַרויסווייזן מיר מער אויפמערקזאַמקייט. אין איר פרומקייט האָט זי אַ ביסל פאַרגעסן, זי פלעגט מיך בעטן, איך זאָל איר געבן נאָך ביכלעך צו לייענען.

איין מאָל האָט מיין באָבע מיר געזאָגט, אַז מען רעדט מיר אַ שידוך מיט זייער אַ רייך מיידל, דעם מיידלס פאָטער וויל מיר געבן צוויי יאָר קעסט. איך האָב איר געזאָגט, אַז דער שידוך זעט אויס צו זיין אַ גוטער, אָבער די קעסט בין איך דעם מחותן מוחל, ווייל איך וויל בעסער גלייך ווערן אַ סוחר.

צוויי וואָכן פאַר פורים האָב איך באַקומען אַ בריוו פון מיין מוטער, אַז זי איז ניט געזונט און איך זאָל באַלד אַהיימקומען. איך האָב באַשלאָסן באַלד צו פאָרן. איך האָב זיך געזעגנט מיטן רב, מיטן פעטער מרדכי אונגער. זיי האָבן מיר געעצהט איך זאָל צוריקקומען קיין עלקיש. בעת איך האָב זיך געזעגנט מיט דער באָבען האָבן מיר ביידע שטאַרק געוויינט. איך האָב בשעת מעשה געטראַכט: ווער ווייסט ווען איך וועל זי ווידער זען. איך האָב זיך אויך געזעגנט מיט מיין גאַנצער פאַמיליע און אַלע האָבן מיר אָנגעזאָגט, אַז ווען מיין מוטער וועט געזונט ווערן, זאָל איך צוריק קומען.

מיין מומע יוכבד איז מיט מיר מיטגעפאָרן צו דער באַן. אַזוי פאָרנדיק האָב איך איבערגעטראַכט וועגן דער צייט וואָס איך האָב פאַרברענגט אין עלקיש. כ׳פאַר אַוועק פון אַ שטאָט וואו איך האָב ניט געדאַרפט עסן קיין טעג. מען האָט פאַר מיר אַוועקגעלייגט אַ ברויט מיט אַ מעסער און איך האָב געלערנט ביים רב אַליין. כאָטש ער פלעגט מיך איבעררוועקן אין מיטן דער נאַכט מיט זיין וויינענדיק קול, ווען ער האָט אָפּגעריכט חצות, און כאָטש איך בין נישט געווען קיין פרומער, האָב איך דעם רב זייער רעספּעקטירט און איך האָב אים ליב געהאַט בתכלית אהבה. איך האָב זיך אויך דערמאָנט וועגן דעם רעוואָלט וואָס איך האָב אָנגעפירט אַז מען זאָל אַרויסנעמען פון בית־המדרש די טירן און פענצטער און איינלייגן דעם אויוון און אַ דאַנק דעם האָט עלקיש אַ נייעם בית־המדרש, און דעם כבוד וואָס איך האָב געהאַט, ווען איך פלעג אין שול אין אַ ראש־חודש זינגען דעם „הנותן תשועה״; איך האָב זיך דערמאָנט ווי בשעת דער כאָלערע־עפּידעמיע האָב איך ביינאַכט געוואַכט ביי קראַנקע. יוכבד האָט מיך געפרעגט פאַר וואָס איך בין אַזוי פאַרטראַכט, האָב איך איר געענטפערט אַז איך קוק זיך אום אויף די הייזער און די גאַסן פון שטאָט, וואו איך

לאַז איבער אַזאַ ליבע משפּחה, און ווער ווייסט ווען איך וועל זיי ווידער זען. אַז יוכבד האָט דערהערט די ווערטער, האָט זי זיך צעוויינט.

פאָרנדיק אויף דער באַן האָב איך אָנגעהויבן טראַכטן וועגן בריוו וואָס איך האָב געקראָגן פון מיין מוטער. איך האָב געוואָלט וואָס שנע־לער אַהיימקומען צו זען איר און אַרויסהעלפן איר אין דער שענק, זי זאָל נישט דאַרפן צו שווער אַרבעטן. יעדע מינוט פון מיין פאָרן האָט ביי מיר אויסגעזען ווי אַ גאַנצע שעה. איך האָב געוואָלט קומען וואָס שנעלער קיין לאָדזש, כדי אויסצוגעפינען ביי די סטריקאָווער בעלי־עגלות וואָס מיין מוטער מאַכט. ווען איך בין געקומען קיין דאָמבראָווע, האָב איך אָפּגעמאַכט מיטן קאָנדוקטאָר: כ׳האָב אים געגעבן איין רובל פאַר פאָרן קיין לאָדזש. ווען דער קאָנדוקטאָר האָט פון די פּאַסאַזשירן צוגענומען די בילעטן, האָט ער אַרונטערגעקוקט אונטער דער באַנק צו זען צי עס ליגט ניט דאָרט עמיצער און ער האָט אַרויסגעשלעפּט אַ יונגע גויע אָנגעטאָן אין אַ ברייט קלייד. אַלע אין וואַגאָן האָבן זיך צעלאַכט. דער קאָנדוקטאָר האָט זי געזידלט און געזאָגט, אַז זינט ער איז קאָנדוקטאָר האָט ער דעם ערשטן מאָל געפונען אַ יונגע פרוי אונטער דער באַנק. די גויע האָט זיך זייער פאַרשעמט און האָט געוויינט. זי האָט מיטן קאָנדוקטאָר אָפּגעדונגען און האָט אים געגעבן עפּעס געלט פאַרן פאָרן ביז פּיעטרקאָוו. ווען איך בין געקומען קיין לאָדזש, בין איך אַוועק צום אַלטן מאַרק וואו ס׳זיינען געשטאַנען די סטריקאָווער בעלי־עגלות. זיי האָבן מיר געוואונטשן מזל־טוב צו מיין באַפרייאונג פון מיליטער. איך האָב זיי געפרעגט וועגן מיין מוטער, האָבן זיי מיר געזאָגט, אַז זי איז נישט קראַנק. דעמאָלט האָב איך פאַרשטאַנען אַז זי האָט אויסגעטראַכט דעם תירוץ וועגן איר קראַנקהייט, כדי צו זיין זיכער אַז איך וועל אַהיימקומען.

מיין מוטער האָט זיך מיט מיר אַרומגעכאַפּט, געקושט און געוויינט. זי האָט געזאָגט, אַז מיט מיין אַהיימקומען האָב איך מקיים געווען די מצווה פון כבוד אם. איך האָב איר געענטפערט: אָבער דו האָסט געטאָן אַן עבירה, וואָס דו האָסט מיר געשריבן אַז דו ביסט קראַנק, — האָט זי זיך פאַרענטפערט, אַז זי האָט דאָס געמוזט טאָן, כדי איך זאָל זיכער קומען. פאַר וואָס? — וועט זי מיר זאָגן נאָכן עסן. מיר האָבן זיך געזעצט עסן, בעת די מוטער האָט מיר דערלאַנגט דאָס פלייש. האָבן מיינע שטיפברידער געכאַפּט אַ קוק אויף מיין טעלערל, אויך די שטיפשוועסטער מיטן בלינדן אויג האָט געכאַפּט אַ קרומען קוק אויפן טעלערל. מיין ברודער האָט זיך געמאַכט ניט קוקנדיק, איך בין דאָך זיין לייבלעכער ברודער. אַז איך האָב דאָס אַלץ באַמערקט, איז מיר דער אַפּעטיט פאַרגאַנגען. חנה, דאָס דינסטמיידל האָט דאָס אַלץ אויך

באַמערקט און האָט שעלמיש געשמייכלט. נאָכן עסן האָט מיר מיין מוטער דערקלערט פאַר וואָס זי האָט מיר געשריבן, אַז זי איז קראַנק: זי האָט שטאַרק געוואָלט, איך זאָל באַלד אַהיימקומען, ווייל עס איז פאַר איר צו שווער צו זיין אַליין אין שענק. מיין שטיפפאָטער איז אַ גאַנצע וואָך ניטאָ אין דער היים און אויב ער איז יאָ דאָ, טויג ער ניט אין דער שענק און איך טויג זיך גוט אויס אין שענק, ווייל זי איך זאָל שטיין ביינאַכט אין שענק, ווייל דעמאָלט לייזט מען מער ווי אַ גאַנצן טאָג. אַ חוץ דעם האָט זי געוואָלט איך זאָל אַהיימקומען, ווייל איך בין דאָך שוין באַפרייט פון מיליטער, איז שוין צייט איך זאָל ווערן אַ חתן, מען רעדט מיר כסדר זייער פיל שידוכים פון סטריקאָוו און פון אַנדערע שטעט. איך האָב איר געזאָגט, אַז איך בין נאָך צו יונג חתונה צו האָבן. האָט זי דערויף געענטפערט, אַז אַ בחור פון ניינצן יאָר איז ניט צו יונג, ס׳איז שוין צייט, זי זאָל שוין נחת האָבן פון אַ קינד.

## קאַפּיטל 23

# סטריקאָוו הייבט אָן פּראָגרעסירן

ווען איך בין געקומען אין בית־המדרש דאַווענען האָט דער רב מיר געגעבן אַ ברייטן שלום־עליכם און אַ מזל־טוב צו מיין באַפרייאונג פון מיליטער־דינסט. ער האָט מיך געפרעגט צי איך וועל לערנען ביים רבין ר׳ מאָטל. איך האָב אים געענטפערט אַז איך ווייס נאָך ניט ביי וועמען איך וועל לערנען. אין בית־המדרש האָבן געלערנט בלויז עטלעכע בחורים. ווייל דער רוב סטריקאָווער בית־המדרש־בחורים זיינען זיך צעפאָרן, דער עיקר קיין לאָדזש, וואו אַ סך פון זיי זענען געוואָרן וועבערס אָדער אָנגעשטעלטע ביי די לאָדזשער מאַנופאַקטור־פאַבריקאַנטן, אַן אַנדער טייל פון די סטריקאָווער בחורים זענען געפאָרן קיין ברעזין, דער באַרימטער שניידער־שטאָט און זיי זענען דאָרט געוואָרן שניידערס. אין ברעזין האָט אַ לערן־ייִנגל ביי אַ שניידער ניט גענדאַרפט צו זיין אויף דער לער צוויי אָדער דריי יאָר און ניט געדאַרפט טראָגן די פּאַמעשעפער, ניט איינוויגן דאָס קינד און ניט אַרבעטן כמעט בחינם די גאַנצע צייט פון דער לער. אין ברעזין, אַז אַ לערן־ייִנגל האָט אָפּגעאַרבעט ביי אַ שניידער אַ האַלב יאָר, האָט ער שוין געקראָגן באַצאָלט.

ווען די סטריקאָווער שניידערס האָבן געזען אַז די ברעזינער שניידערס אַרבעטן כמעט אַ גאַנץ יאָר, האָבן זיי זיי נאָכגעטאָן און איינגעאָרדנט וואַרשטאַטן מיט דריי און פיר ניי־מאַשינען און האָבן אָנגעהויבן אַרויסנעמען אַרבעט פון די ברעזינער שניידער־פאַבריקאַנטן. דעמאָלט זענען די סטריקאָווער ייִדישע בחורים און מיידלעך שוין פאַרבליבן אין סטריקאָוו, ווייל, כאָטש אין ברעזין האָבן שניידערס אַ סך מער פאַרדינט, האָבן אַ סך יונגוואַרג בעסער געוואָלט פאַרבלייבן אַרבעטן אין דער היים, איידער בעסער צו פאַרדינען אין דער פרעמד. אויך די ייִדישע וועבערס האָבן איינגעאָרדנט וואַרשטאַטן מיט מער וועבער־שטולן, ממילא האָבן זיי געדאַרפט מער הענט. דאָס האָט געשטויסן אַ סך סטריקאָווער בית־המדרש בחורים צו ווערן אַרבעטערס. אויך אַ סך ייִדישע מיידלעך זענען געוואָרן שפּולערינס. אַ טייל מיידלעך זענען אַפילו געוואָרן האַנט־וועבערינס און האָבן געוועבט די לייכטערע סחורות. דאָס שניי־

דער־פּאַך און וועבער־פּאַך וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען אין שטאָט, האָבן געהויבן די פּרנסה ביי סטריקאָווער יידן. אָרעמע עלטערן האָבן אָנגעהויבן אַוועקגעבן זייערע קינדער אויף דעם לער־זמן שוין צו צען־צוועלף יאָר. נאָך דעם ווי די קינדער האָבן געענדיקט דעם לער־זמן און האָבן אָנגעהויבן קריגן געצאָלט פאַר דער אַרבעט, האָבן זיי טאַקע שטאַרק אַרויסגעהאָלפן זייערע עלטערן אין דער פּרנסה, אַ היפּשער טייל פון זיי האָבן נאָך אַ קורצער צייט איינגעאָרדנט אייגענע וואַרשטאַטן.

דער גערויש פון די ביי־מאַשינען און דאָס קלאַפּן פון די ביגל־אייזנס האָט זיך געהערט איבער דער שטאָט ביז עלף אַזייגער ביי נאַכט. שפּעט ביי נאַכט האָט מען אָפט געקענט זען פון די נידריקע פענצטער ווי אַ שניידער־יונגל בלאָזט אַריין אין גרויסן ביגל־אייזן, כדי די האָלצ־קוילן זאָלן זיך אינעווייניק גוט פונאַנדערברענען און דאָס אייזן זאָל ווערן געוויס הייס צום פּרעסן. ניט איין מאָל האָט מען טאַקע געקענט הערן ווי דער פעל־ציפּער, מרדכי, האָט אַריינגעשריגן אין פענצטער פון זיין שכן פּיוול שניידער: „זאָל שוין זיין גענוג געקלאַפּט מיט דיין ביגל־אייזן, דער רויך פון אייזן קומט דאָך אַריין צו מיר אין שטוב, איך קען ניט שלאָפן און איך באַדאַרף אויפשטיין פינף אַ זייגער צו דער אַרבעט!" האָט פּיוול צוריק געשריגן צו מרדכין: „וואָס בין איך שול־דיק אַז ביי דיר זענען די שויבן אויסגעבראָכן, עס איז נאָך גאָר ניט אַזוי שפּעט, עס איז ערשט נאָך עלף אַזייגער." אָבער באַלד האָט פּיוול זיך געווענדט צו זיין געזעלן און אים געזאָגט אין דער שטיל: „העי, יעקעלע, קלאַפּ ניט אַזוי הויך מיטן ביגל־אייזן, מרדכי פעל־ציפּער קען ניט שלאָפן". האָט יעקעלע געענטפערט פּיוולען: „זאָל דער בעל־הבית גיין און פּרובירן אויסביגלען אַ מאַרינאַרקע, וואָס די סחורה איז אַזוי האַרט ווי בלעך".

אויך די וועבערס פלעגן אַרבעטן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. דאָס קלאַפּן פון די וועבער־שטולן און דאָס גערויש פון די שוצן פלעגט זיך הערן איבער די סטריקאָווער געסלעך. אָפטמאָל האָט נפתלי תבואה־סוחר אַריבערגעשריגן צו זיין שכן מרדכי־מענדל: „זאָל שוין זיין גע־נוג געקלאַפּט מיט דעם וועבשטול, איך קען דאָך ניט איינשלאָפן." האָט מרדכי מענדל צוריק געשריגן: „מיין קלאַפּן לאָזט דיך ניט שלאָפן? — דיין געלט לאָזט דיך ניט נישט שלאָפן."

ווי איך האָב שוין דערמאָנט האָט די אַנטוויקלונג פון שניידער־ און וועבער־פּאַך אין סטריקאָוו געבראַכט דערצו, אַז אין בית־המדרש זענען פאַרבליבן לערנען זייער ווייניק בחורים. מיר, די עטלעכע פאַרבליבענע משכילישע בחורים האָבן זיך פאַרטראַכט וועגן איינאָרדענען אַ ביבליאָ־טעק אין סטריקאָוו פאַר די אַרבעטנדיקע בחורים און מיידלעך. אָבער

עס איז זייער שווער אָנגעקומען צו דינגען אַ שטוב, ווייל די פרומע יידן האָבן נישט דערלאָזט, אַז מען זאָל פּאַרדינגען אַ שטוב פּאַר אַ ביבליאָטעק. מען האָט אַפילו געערעדט וועגן דעם אין בית־המדרש און אין שול, שבת ביים דאַווענען. עס איז געפונען געוואָרן אַן עצה: איינער פון די יונגע משכילים, אהרן הערשקאָוויטש, האָט אָפּגעגעבן איין שטוב פון זיין וואוינונג פאַר דער ביבליאָטעק. נאָך אַ קורצער צייט האָט די ביבליאָטעק שוין געהאַט אַ סך יידישע, העברעאישע און פּויּלישע ביכער. פון די קליינע אָפּצאָלן וואָס מען האָט גענומען פאַר אויסבאָרגן ביכער האָט מען כסדר צוגעקויפט נייע ביכער. די סטריקאָווער בחורים און מיידלעך האָבן אַ סך געלייענט, מערסטנס סאָציאַליסטישע ביכלעך, און זיי זענען מיט דער צייט געוואָרן קלאַסן־באַוואוסטזיניק.

## קאַפּיטל 24

# דער ערשטער סטרייק אין סטריקאָוו

עס איז נאָך דעם געגרינדעט געוואָרן אַן אַרבעטער־פאַראיין אין סטריקאָוו און אין דער ביבליאָטעק פלעגן אָפטמאָל פאָרקומען דיסקוסיעס וועגן אַרבעטער־פראַגן. גאַר גיך האָט מען אָנגעהויבן שמועסן וועגן פאַרלאַנגען אַ לוין־העכערונג. די וועבערס האָבן זייער ווייניק פאַרדינט, האָבן זיי די ערשטע באַשלאָסן צו פאַרלאַנגען העכערע שכירות. פריער פאַר אַלעמען האָבן די וועבער־געזעלן פון מרדכי מענדל פאַרלאַנגט אַ העכערונג אין לוין, ווייל זיי האָבן צום ווייניקסטן פאַרדינט. מרדכי־מענדל האָט זיי געזאָגט, אַז ער קען זיי ניט געבן קיין העכערונג ווייל ער פאַרדינט אַליין ניט גענוג. האָבן די געזעלן זיך אויפגעהויבן און זענען אַוועק פון דער אַרבעט. זיי זענען זיך צוזאַמענגעקומען אין אַ שטוב און האָבן זיך באַראַטן וואָס זיי זאָלן טאָן: צי זאָלן זיי אָפּאַרבעטן די גאַנצע קעטע אָדער בלויז דאָס וואָס איז אַרויפגעוויקלט אויף דעם וועב־שטול. צוויי געזעלן האָבן געהאַלטן, אַז מען זאָל נאָך אַ מאָל רעדן מיט מרדכי־מענדלען. אפשר וועט ער געבן אַן הוספה. און אויב ער וועט ניט געבן זאָל מען נישט אַרבעטן. איין געזעלן האָט געזאָגט אַז אויב זיי וועלן ניט אַרבעטן, וועט דאָס אָנמאַכן אַ רושם אין שטאָט. האָבן די אַנדערע אים געענטפערט, אַז זיי אַרט נישט וואָס מען וועט זאָגן אין שטאָט, אַז זיי פאַרדינען קנאַפּ אַרט נישט די שטאָט. סוף־כל־סוף האָט מען באַשלאָסן, אַז אויב מרדכי־מענדל וועט זיי ניט געבן קיין העכערונג, זאָל מען ניט אַרבעטן.

עס זענען אַריבער אַ פּאָר טעג. אַ געוויסן פרימאָרגן זענען מרדכי־מענדלס געזעלן ניט געקומען צו דער אַרבעט. לכתחילה האָט מרדכי־מענדל געטראַכט אַז זיי וועלן אוודאי קומען שפּעטער. אָבער אַז עס איז אַריבער 7, 8 און 9 אַזייגער און די געזעלן זענען נאָך ניט געקומען, איז מרדכי־מענדל אַוועקגעגאַנגען צו זיינס אַ געזעלן, דעם גרויסן וואָלף און האָט אים געפרעגט פאַר וואָס ער איז ניט געקומען אין דער פרי צו דער אַרבעט: „דו ווייסט דאָך", האָט מרדכי־מענדל געטענהט, „אַז מען מוז פאַרטיק מאַכן די סחורה ווי אַמשנעלסטן." דער גרויסער

וואָלף האָט אים געזאָגט, אַז פּאַר דעם לוין קען ער נישט אַרבעטן. זאָל ער גיין מיט אים צו די אַנדערע געזעלן, משה דעם שוחטס און דעם קליינעם בינם, וועלן זיי זיך אַדורכשמועסן וואָס צו טאָן. זיי האָבן אין דרייען ווידער איבערגעחזרט מרדכי־מענדלען זייער פאָדערונג, זיי זאָלן קריגן אַ העכערונג אין לוין, אַז ניט וועלן זיי ניט אַרבעטן. מרדכי־מענדל האָט זיך ביי זיי געבעטן, זיי זאָלן כאָטש פאַרטיק מאַכן די קעטעס וועלכע זענען אויף די וועב־שטולן, ווייל דער פאַבריקאַנט האָט שוין פאַרקויפט די סחורה און ער מוז זי ווי אַמשנעלסטן אַוועקשיקן קיין רוסלאַנד. די געזעלן האָבן אים געענטפערט אַז זיי אינטערעסירט דאָס אַלץ ניט, זיי וועלן פריער ניט אַרבעטן, ביז זיי וועלן קריגן אַ העכערונג. מרדכי מענדל האָט זיי געזאָגט: „איך ווייס נישט וואָס איר ווינט, איר האָט די פאַבריקע וואָך גאַנץ שיין פאַרדינט און אַז איר וועט אַרבעטן אין לאָדזש, זיין אין דער פרעמד און שלאָפן אויף דער פאָדלאָגע וועט אייך זיין בעסער?" האָט דער הויכער וואָלף געענטפערט: „זיכער האָבן מיר די לעצטע וואָך שיין פאַרדינט, אַז מיר האָבן געאַרבעט פון זעקס אַזייגער אין דער פרי ביז צען און עלף ביינאַכט. היינט זענען שוין אַנדערע צייטן, מען שלאָפט שוין מער ניט אין לאָדזש אויף די פּעק וואָל".

דער שטרייק ביי מרדכי־מענדלען האָט אַנגעמאַכט אַ רושם אין שטאָט. מענטשן האָבן געזאָגט: „ווען איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז געזעלן האָבן אַרבעט, זאָלן ניט וועלן אַרבעטן, ביז זיי וועלן קריגן אַ הוספה". דער סוף איז געווען אַז דעם זעלבן טאָג האָט מרדכי־מענדל נאָכגעגעבן דעם פאַרלאַנג פון זיינע געזעלן און ער האָט זיי נאָך צוגעזאָגט צו געבן טיי יעדן טאָג נאָך מיטאָג. דער נצחון פון מרדכי־מענדלס געזעלן האָט אַרויסגערופן אַ פרייד צווישן די וועבער־אַרבעטער אין שטאָט. אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן זיי אַלע אַרויסגעשטעלט פאָדערונגען וועגן אַ לוין־העכערונג. נאָך זיי האָבן דאָס זעלבע געטאָן די שניידערס, און אויך זיי האָבן געוואונען. די וועבער־מייסטערס און די שניידער־מייסטערס האָבן געהאַט טענות צו מרדכי־מענדלען, פאַרוואָס ער האָט באַלד דעם ערשטן טאָג נאָכגעגעבן די פאָדערונגען פון זיינע געזעלן. נאָך דעם ווי די וועבערס און שניידער־געזעלן האָבן געוואונען זייערע פאָדערונגען, האָבן זיי אַלע, ווי אויך עטלעכע שוסטער־געזעלן, געגרינדעט אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין. פון צייט צו צייט איז פון לאָדזש געקומען צום פאַראיין אַ פאָרשטייער וואָס האָט מיט די אַרבעטער אַרומגערעדט זייערע פאַך־אָנגעלעגנהייטן.

## קאַפּיטל 25

# איך הענג צווישן צוויי וועלטן

איך האָב ווייטער אָנגעהויבן לערנען ביים רבין ר׳ מאָטל און אויך אין רבינס הויז גופא האָב איך געלייענט אַ סך ביכער, יידישע און העברעאישע. אָפט האָט דער רבי מיך געזען לייענען אַ בוך אָדער אַ צייטונג, אָבער ער האָט גאָר נישט געזאָגט. אין די וואָכנטעג, ווען דער שמש ר׳ איצעלע איז נישט געווען אויפן אָרט, פלעג איך נאָך אַלץ שרייבן קוויטלעך פאַר חסידים אָדער ווייבער וואָס זענען געקומען בעטן וועגן אַ רפואה־שלמה פאַר זייערע חולים אד״גל. איך פלעג באַקומען פאַר אַ קוויטל שרייבן פון 25 ביז 50 קאָפּיקעס. איין מאָל איז צום רבין געקומען אַ פרוי און האָט מיך געבעטן, איך זאָל פאַר איר אָנשרייבן אַ קוויטל, אַז איר מאַן איז געשטאָרבן מיט זעקס וואָכן צוריק, זי האָט פינף קליינע יתומים צו דערנערן. דער מאַן האָט איר נישט איבערגעלאָזט קיין איין גראָשן געלט, נאָר אַ קליין בשמים־געוועלבל אין שטעטל אָזערקאָוו (ניט ווייט פון סטריקאָוו). נאָך דעם ווי איך האָב פאַר איר אָנגעשריבן דאָס קוויטל האָט זי אַרויסגענומען פון אַ לייוונטן טאָרבעלע זעקס דרייערס, 18 גראָשן, האָט זיי איינגעוויקלט אין אַ שטיקל פּאַפּיר און געגעבן ווי אַ פּדיון פאַרן רבין. מיר האָט זי געגעבן צוויי דרייערס. איך האָב פון איר דאָס געלט ניט געוואָלט נעמען און כ׳האָב איר געזאָגט, אַז זי זאָל פאַר דעם בעסער קויפן עסן פאַר אירע קינדער. די פרוי האָט מיר דער־פאַר אָנגעוואונטשן כל טוב. ווען די פרוי איז אַרויסגעגאַנגען פון רבין, האָט ער אויפגעוויקלט דאָס פּאַפּירל און אַז ער האָט דערזען דעם פּדיון, האָט ער צו מיר געזאָגט, ווען ער ווייסט וויפיל דער פּדיון באַטרעפט וואָלט ער אים ניט גענומען. איך האָב אים געזאָגט, אַז ווען ער האָט איבער־געלייענט דאָס קוויטל, האָט ער דאָך געזען, אַז זי איז אַן אָרעמע פרוי און זי קען קיין גרויסן פּדיון ניט געבן. האָט ער איר געדאַרפט דעם פּדיון אין גאַנצן צוריקגעבן, איך האָב איר אויך די צוויי דרייערס צוריק־געגעבן. — נו, פאַרפאַלן, — האָט דער רבי געזאָגט, און האָט די זעקס דרייערס אַריינגעשאַרט אין שופלאָד פון זיין טיש.

מיין ברודער און די שטיפברידער האָבן געבראַכט פון לאָדזש זייער פיל אַרבעט. ווייל עס איז דעמאָלט אין לאָדזש געווען אַ גוטער סעזאָן. מיינע ברידער האָבן צוגעדונגען נאָך אַ גרויסע שטוב און האָבן דאָרט

אויפגעשטעלט נאָך דריי וועב־שטולן. איין מאָל, ווען איך בין אַהיימגע־קומען אין מיטן טאָג פון לערנען ביים רבין, האָב איך זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ וועב־שטול און פּרובירט זיך לערנען וועבן. אַז מיין שטיפפאָטער האָט מיך געזען זיצן ביי אַ וועב־שטול, האָט ער געזאָגט צו מיר: — פאָלג מיך, לערן זיך אויס צו זיין אַ וועבער, וועסט דו מער פאַרדינען ווי פון שרייבן קוויטלעך ביים רבין. — איך האָב אים געפרעגט, ווער עס האָט אים געזאָגט אַז איך שרייב קוויטלעך פאַרן רבין און צי ס'איז אַ חרפּה צו שרייבן קוויטלעך? — אַ חרפּה איז נאָר אַז מען קען ניט שרייבן קיין לשון־קודש — האָב איך אים געגעבן אַ שטאָך. האָט ער מיר געענטפערט, אַז דער קליינער אידעלע פּראָשקער קומט אָפט מאָל דאָ אַריין און ער באַקלאָגט זיך אַז איך נעם ביי אים צו די פּרנסה. — מיינסט טאַקע, — האָט ער ווייטער געזאָגט, — אַז איך און דיין מאַמע ווייסן ניט, אַז דו לייענסט מער ביכער ווי דו לערנסט ביים רבין?! די גאַנצע שטאָט ווייסט, אַז דו ביסט דער גאַנצער אָנפירער פון דער ביבליאָטעק. — און ער האָט זיך געווענדט צו מיין מוטער: — פּערל, דו ווייסט, ער גיט דאָך אויך ביכער צו לייענען מענדלען און טויבען (דאָס הייסט מיין שטיפברודער און שטיפשוועסטער), און ווענדנדיק זיך צו מיר האָט ער צוגעגעבן: — אַז איך וועל געפינען אַ בוך אין מיין הויז, וועל איך אים צעררייסן. — אַז דו וועסט צערייסן אַ בוך, וועסט דו באַצאָלן, — האָב איך געענטפערט. ער האָט זיך געווענדט צו מיין מוטער: — ער איז אויך אַ שותף אין געשעפט? און איך: כ'האָב פּונקט אַזוי פיל אַריינגעלייגט אין געשעפט ווי איר. — מיין מוטער האָט זיך אַריינגעמישט: — זאָל שוין זיין גענוג און קריגט זיך ניט מער.

מיין מוטער האָט מיך כסדר געמאַטערט פאַר וואָס איך וויל ניט ווערן קיין חתן. איך האָב איר געזאָגט: — ווי קען איך ווערן אַ חתן אַז איך קען ניט מפרנס זיין אַ פרוי. — האָט זי געזאָגט: — זאָרג ניט אַזוי פיל וועגן מפרנס זיין אַ פרוי, דו וועסט קריגן נדן וועסטו דיר מאַכן אַ געשעפט און וועסט האָבן פּרנסה ווי אַלע יידן. — דערביי האָט זי מיר געזאָגט, אַז מען רעדט מיר אַ שידוך פון פּיאַנטקע, אַ קליין שטעטל ניט ווייט פון סטריקאָוו. דער כלהס פאָטער איז אַ שוחט. און אַזוי ווי ער איז שוין אַן עלטערער מענטש, וויל ער נעמען אַן איידעם אַ בן־תורה. ער וועט דעם איידעם אויסלערנען שחיטה, כדי ער זאָל פאַר־נעמען זיין אָרט. און אַזוי ווי בלויז פון שחיטה האָט ער ניט קיין פּרנסה, האָט אים די שטאָט געגעבן דערלויבעניש צו פאַרקויפן די הייוון און דערצו איז ער אויך אַ מנקר. ערב פּסח באַקט ער מצות. פון דעם אַלעם האָט בעריש שוחט אָבער נאָך אַלץ ניט געהאַט קיין פּרנסה, האָט זיין פרוי אויך געהאַלטן אַ שפּייז־געוועלב. איך האָב געזאָגט צו מיין

מוטער: — ווי איך זע, ווילסטו מיך אַריינפירן צו אַן אָרעמאַן אין שטוב וואָס האָט פינף פּרנסות. — מיין מוטער האָט צוגעגעבן אַז דער מחותן וויל מיר געבן דריי הונדערט רובל נדן, און האָט מיך געפרעגט, צי זאָל זי דינגען אַ בעל־עגלה און מיר ביידע זאָלן פאָרן קיין פּיאַנטקע זען דאָס כלה־מיידל. איך האָב איר געזאָגט, אַז איך בין כמעט ווי זיכער, אַז פון שידוך וועט גאָר ניט ווערן. אָבער עס מוז דאָך אַ מאָל זיין דאָס ערשטע מאָל, וועל איך איר פאָלגן, נאָר דערפאַר, ווייל זי פאַרלאַנגט דאָס אַזוי שטאַרק פון מיר. איך האָב איר געוואָרנט זי זאָל איבערפרעגן מיין עלטערן ברודער זעליג, צי ער וועט מסכים זיין אַז איך זאָל ווערן אַ חתן פאַר אים.

פון סטריקאָוו קיין פּיאַנטקע איז געווען נאָר דריי מייל, אָבער דאָס פאָרן האָט גענומען היפּשע עטלעכע שעה. דער וועג איז געווען אַ זאַמדיקער, אַ טאָג פריער האָט גערעגנט. ניט נאָר וואָס איך און מיין מוטער האָבן געמוזט מער גיין לעבן וואָגן, נאָר מיר האָבן כסדר געמוזט העלפן אַרויסשלעפּן דעם וואָגן פון די טיפע בלאָטעס. דאָס פערדל האָט יעדעס מאָל, ווען ער איז געבליבן שטיין אין אַ בלאָטע, אויסגעדרייט זיין קאָפּ צו אונדז און האָט אַ הירזשע געטאָן, ווי ער וואָלט ביי אונדז געבעטן: העלפט מיר אַרויסקריכן פון דער בלאָטע. איך בין געזעסן אויפן וואָגן פאַרקלערט. מיין מוטער האָט מיך געפרעגט וואָס איך בין אַזוי פאַרטראַכט, האָב איך איר געענטפערט, אַז איך קלער וועגן דעם וואָס מיר פאָרן זען אַ כלה און ווער ווייסט וואָס פאַר אַ מיידל זי איז. האָט זי מיר געזאָגט: „מיין קינד, אויב דאָס מיידל וועט דיר ניט געפעלן, וועל איך דיך ניט צווינגען, דו זאָלסט זי נעמען פאַר אַ כלה".

אַז מיר זענען אָנגעקומען קיין פּיאַנטקע האָבן מיר זיך געפרעגט אויף בעריש שוחט. אַ סך מענטשן האָבן אונדז נאָכגעקוקט, זיי האָבן פאַרשטאַנען אַז דאָס גייען מיר אויף אַ זעאונג מיט בעריש שוחטס טאָכטער. ווען מיר זענען געקומען צו בעריש שוחטס געוועלב און כ'האָב אָנגענומען פאַר דער קלאַמקע פון דער טיר, האָט געקלונגען אַ גלאָק. אין געוועלב איז אַריינגעקומען אַ גאַנץ ברייטלעכע פרוי און האָט געפרעגט מיין מוטער: „דאָס זענט איר פּערל די שענקערין פון סטריקאָוו מיט אייער בחור?" מיין מוטער האָט איר געענטפערט: „יאָ". האָט די פרוי געזאָגט: „איך בין בעריש שוחטס ווייב", און זי האָט אונדז געבעטן זיך זעצן. זי איז אַריינגעגאַנגען אין שטוב און מיר האָבן געוואַרט אין געוועלב.. אַזוי ווי מיר זענען געזעסן און געוואַרט, האָבן מיר געהערט פון דער צווייטער שטוב אַ טומל. אַ רוקן פון טישן און שטולן. איך האָב זיך דערוויייל אַרומגעקוקט איבערן געוועלב. כ'האָב באַטראַכט די סחורות: עס זענען געשטאַנען דריי טאָרבעלעך מעל, ווייסע, געלע און טונקעלע. ווי אויך דריי טאָרבעלעך מיט הירזש, אַרבעס און קאַשע, אויף אַ פּאָליצע זענען געלעגן

עטלעכע שטיקלעך ציקאָריע איינגעפּאַקט אין געל פּאַפּיר; אין אַן אָפּן קעסטל זענען געלעגן שטיקלעך צוקער און הינטער אַן אָפענעם גלעזער־נעם קלאַש זענען געלעגן צוקערלעך, געפאַרבט אויף רויט און ווייס. לעבן דעם פעסל הערינג איז געשטאַנען אַ קליין פעסל נאַפט און אויף דער פּאָדלאָגע זענען געשטאַנען בלעכענע כלים צו מעסטן דעם נאַפט. צו דעם אַלעם זענען ביי די עקן פון באַלקן געווען נעסטן פון שפינוועבס, אַז דער טומל פון דער צווייטער שטוב האָט זיך איינגעשטילט, איז די ברייטלעכע פרוי אַריינגעקומען אין געוועלב און האָט אונדז אַריינגעבעטן אין שטוב אַריין. איך און מיין מוטער האָבן ס'ערשטע אַ קוק געטאָן אויפן מיידל, וואָס האָט אויסגעזען צו האָבן די זעלבע ברייט ווי די לענג. איך האָב אָנגעקוקט מיין מוטער און מיין מוטער מיך. מיין מוטער האָט גערעדט מיטן מיידל, אָבער יענע האָט ווייניק געענטפערט. איר מוטער, וואָס איז געזעסן לעבן איר האָט איר כסדר אונטערגעשטופּט מיט דער האַנט און געזאָגט צו איר: „רעד, רעד," דאָס מיידל האָט אונדז אַ טובה געטאָן און האָט אַרויסגערעדט אַ פּאָר ווערטער. דעם מיידלס פאָטער האָט אַרומשפּאַצירט איבער דער שטוב אַרויף און אַראָפּ און האָט זיך געריבן די הענט. דערנאָך האָט ער זיך אָוועקגעזעצט לעבן מיר און מיך גע־פרעגט צי איך לערן נאָך אַלץ ביים רבין ר' מאָטל און וועלכע גמרא לערן איך איצט. איך האָב אים געענטפערט אַז איך לערן איצט די מסכתא בבא־בתרא מיט דעם ר"ן. — אַ שווערע מסכתא, — האָט ער באַמערקט. ער האָט מיך אויך געפרעגט צי איך האָב געהאַלפן גרינדן אין סטריקאָוו אַ ביבליאָטעק, וואו מען באָרגט אויס ביכער צו לייענען. איך האָב אים דערויף געענטפערט אַז די גמרא זאָגט: „טוב תורה עם דרך־ארץ". באַלד האָט מען אונדז מכבד געווען מיט טיי און צובייסן. מיר זענען דאָרט ניט לאַנג פאַרבליבן. ווען מיר האָבן זיך געקליבן אַרויסצוגיין האָט דעם מיידלס מוטער געזאָגט צו מיין מוטער: „נו, וואָס זאָגט איר, אַ שיין מיידל, האַ?" מיין מוטער האָט איר געענטפערט: „יאָ, יאָ אַ שיין מיידל". ווען מיר זענען שוין געווען אויף דער גאַס האָב איך געזאָגט צו מיין מוטער: „נו, וואָלסטו געוואָלט איר האָבן פאַר אַ שנור?" האָט זי מיר געענטפערט: „זיכער נישט", און זי האָט צוגעגעבן, „פאַר איר וועט זיך אויך געפינען אַ זיווג".

ווען מיר זענען אַהיימגעקומען האָבן מיך מיינע ברידער און שוועסטער געפרעגט צי עס קומט מיר שוין אַ מזל־טוב און צי מען קען שוין עסן לעקעך מיט בראַנפן? איך האָב זיי געענטפערט אַז עס קומט אונדז אַ מזל טוב, וואָס מיר זענען בשלום אַהיימגעקומען. מיין מוטער האָט געזאָגט, אַז נאָך אַ מאָל וועט זי אַזוי שנעל ניט פאַרן אָנקוקן קיין מיידל, ביז זי וועט פריער ניט נאָכפרעגן וועגן מחותן און וועגן דער כלה.

## קאַפּיטל 26

# מען בויט אַ באַן אין סטריקאָוו

איין מאָל זענען אין אונדזער גאָרקיך אַריינגעקומען עטלעכע פּערזאָן, פיין געקליידט, אין קורצע מאַרינאַרקעס, לאַקירטע שיך און האַרטע קאַפּעלושן. אין זייערע הענט האָבן זיי געטראָגן לאַנגע איינגעוויקלטע פּאַפּירן. זיי האָבן באַשטעלט עסן. בעת זיי האָבן געגעסן האָב איך געהערט, ווי זיי רעדן צווישן זיך וועגן אַ „זשעלעזנע דאָראָגע" (אַן אייזנבאַן). זיי האָבן אַריינגעקוקט אין די פּאַפּירן און געטייטלט מיט די פינגער אויף פּאַרשיידענע פּונקטן. ווען איך בין צוגעגאַנגען צום טיש האָט איינער פון זיי געזאָגט צו מיר: „סמאָטרי", און ער האָט מיר געוויזן אויף דער מאַפּע אַ פּונקט וואו ס'איז אָנגעשריבן „סטאַנציאַ סטריקאָוו". ער האָט מיר געזאָגט, אַז מען גייט בויען אַ באַן פון וואַרשע ביז קאַליש און אַז אין סטריקאָוו וועט זיין אַ באַן־סטאַנציע ניט ווייט פון דער שטאָט. אין שטאָט האָט מען זיך געשווינד וועגן דעם דערוואוסט און די סטריקאָווער בעלי־עגלות זענען אַרומגעגאַנגען זייער פּאַרטרויערט, ווייל די באַן וועט ביי זיי צונעמען די פּרנסה. ספּעציעל האָט זיך מיט דעם איבערגענומען זלמן אָקס (מען האָט אים גערופן אָקס, ווייל ווען אַ פערד איז ביי אים געוואָרן חולה האָט ער איינגעשפּאַנט אַן אָקס). זלמן פלעגט ברענגען טרוקענע פעל און אַנדערע סחורות פון וואַרשע און פון אַנדערע שטעט אין פּוילן און האָט צוריקגעפירט לעדער. אויך יענקל הויקער, וואָס האָט געפירט וואָל קיין לאָדזש, זגיערזש, פּאַביאַניץ און זדונסקע־וואָליע, און די אַנדערע בעלי־עגלות וואָס האָבן געפירט פּאַרשוינען און פלעגן זיך אַלע מאָל אַרומקריגן צוליב אַ פּאַסאַזשיר אָדער אַ פּעקל סחורה, האָבן זיך איצט איבערגעבעטן און אין בית־המדרש ביי דעם דאַווענען האָבן זיי זיך צוזאַמענגערעדט מען זאָל זען אָפּשרייען די גזירה, מען זאָל זיך אָפּזאָגן פון פּלאַן צו מאַכן אַ באַן־סטאַנציע אין סטריקאָוו. דעם קומענדיקן שבת נאָך הבדלה האָבן זיי פאַררופן אַן אסיפה ביי זלמן אָקס אין שטוב. זיי האָבן גערופן אַלע בעלי־עגלות, אפילו דעם גראָבן שויטל, וואָס האָט בלויז געפירט טרוקענע פעל צום ווייקן אין טייך. מען האָט אים גערופן שויטל דערפאַר, ווייל ער האָט מער געגעסן ווי זיינע

פאַרדאַרטע פערדלעך וואָס פלעגן אָפּט פגרן, ווייל ער האָט זיי געגעבן צו עסן מער שמעטשקע ווי האָבער. אין שטאָט האָט מען געזאָגט, אַז שויטל האָט אַ מאָל אויפגעגעסן אויף איין מאָל קאָרענע קליסקעלעך פון דריי קוואָרט מעל.

זענען די סטריקאָווער בעלי־עגלות זיך צוזאַמענגעקומען צו זלמן אָקסן שבת באַלד נאָך הבדלה, קיין איינער האָט ניט געפעלט. זלמן האָט אויפגעמאַכט די אסיפה און האָט געזאָגט צו די בעלי־עגלות: „רבותי ברידער בעלי־עגלות, הערט מיך אויס! מיר זענען אַלע אין אַן עת־צרה. מיר מוזן טאָן עפּעס מען זאָל אין סטריקאָוו ניט מאַכן קיין באַן־סטאַנ־ציע. אַפילו עס זאָל אונדז דאַרפן קאָסטן עפּעס געלט ביי דער ברעזינער נאַטשאַלסטווע". שימעלע דעוווער האָט געזאָגט צו זלמנען: „וואָס הייסט געבן געלט? איך האָב אַליין געהערט פון אברהם־פּנחסן אַז ער האָט אַליין געזען אויף אַ מאַפּע אָנגעשריבן „סטאַנציע סטריקאָוו". דער גראָבער שויטל האָט געזאָגט אַז פאַר געלט קען מען דעם נאָמען „סטאַנציע סטרי־קאָוו" אויסמעקן פון דער מאַפּע און די שינעס אויף וועלכע די קאָליע וועט דאַרפן גיין, קען מען פאַרקרימען ווייט אַוועק פון דער שטאָט. אַלע בעלי־עגלות האָבן מסכים געווען אַז שויטלס פּלאַן איז זייער אַ גוטער. מען האָט אויסגעקליבן דריי מענטשן, וואָס זאָלן פאָרן קיין ברעזין צו דעם נאַטשאַלניק; זלמן אָקס, שימעלע דעוווער און דער גראָבער שויטל. שויט־לען האָט מען אויסגעקליבן, ווייל ער האָט געדינט פאָניען און אַז ער וועט אויפמאַכן זיין געמבע און וועט זאָגן דעם נאַטשאַלניק אויף רוסיש אַז ער זאָל רחמנות האָבן אויף די סטריקאָווער בעלי־עגלות, וועט זיין וואָס צו הערן. און אויב דער נאַטשאַלניק וועט קוקן אין די הענט אַריין, וועט מען אים אַריינבעטן אין אַ באַזונדער שטוב און מען וועט אים געבן געלט — און ס'וועט זיין אויס גזירה.

מאָנטיק אין דער פרי זענען צוויי וועגענער צוגעפאָרן צום שאָסיי וואָס האָט געפירט פון איין זייט קיין זגיערזש און לאָדזש און פון דער צווייטער זייט קיין גלאָוונע און לאָוויטש. די פורמאַנעס האָבן אַראָפּגענומען פון די וועגענער טאַטשקעס, גראָבאייזנס און העק צו האַקן שטיי־נער. די בעלי־עגלות שמעליע דעוווער און יעקב מקווהניק וואָס זענען געשטאַנען מיט זייערע וועגענער ביים לאָדזשער שאָסיי אויפצונעמען פאַרשוינען וואָס פאָרן קיין לאָדזש, האָבן געפרעגט די גוים צו וואָס זיי האָבן דאָ אָנגעלייגט די אַלע זאַכן, האָבן זיי געענטפערט, אַז דער פּאַן דזשיעדזשיץ (דער פּריץ), דאָס האָבן זיי געמיינט מיין פעטער יעקב מאָרגענשטערן, האָט פאַרקויפט זיין דאָרף און זיינע בהמות און דאָס לאַנד אַרום דאָרף צו די וואָס גייען בויען די באַן־סטאַנציע און אַז דער פּאַן יאַקוב וועט דאָ אויפבויען אַ הויז פאַר זיך. אַז שימעלע האָט גע־

הערט פון די גויים די ווערטער, האָט ער געלאָזט שטיין זיין פערד און וואָגן מיט די פאַרשוינגען און איז גיך געלאָפן צו זלמן אָקס דערציילן אים וואָס ער האָט געהערט פון די גויים, אַז זלמן אָקס האָט דאָס דער־הערט, האָט ער געזאָגט צו שימעלע דעוועד מיט טרערן אין די אויגן: „מיר פאָרן ניט קיין ברעזין צום נאַטשאַלניק. אויב יעקב מאָרגענשטערן האָט שוין פאַרקויפט זיין דאָרף מיט זיינע פעלדער, וועט עס אונדז שוין גאָרנישט העלפן". שימעלע דעוועד איז צוריקגעגאַנגען צו זיין פערד און וואָגן. ער האָט זיך געבראָכן זיינע הענט און געוויינט. ער האָט מער נישט געהאַט ווי איין פערד און וואָגן און איז געווען אַ בי־טערער אָרעמאַן. (זיין זון וועלכער איז אויך געקומען קיין אַמעריקע און האָט דאָ געהייסן העכט, איז געווען אַן איבערגעבענער סאָציאַליסט און אַ יוניאָן־מאַן. ער האָט באַלאַנגט צום אַמאָליקן ריפּערמאַכער יוניאָן לאָקאַל 17. ער האָט אויך מיט מיר צוזאַמען געהערט צום אַמאָליקן אַרבעטער־רינג ברענטש 465. ער איז געשטאָרבן אין אַרבעטער־רינג סאַנאַטאָריום).

פונקט ווי די נייעס אַז אין סטריקאָוו וועט זיין אַ באַן־סטאַנציע האָט פאַראומעטיקט די סטריקאָווער בעלי־עגלות, אַזוי האָט זי אַרויס־גערופן פרייד ביי די סוחרים און אַנדערע איינוואוינערס. ספּעציעל האָבן זיך געפרייט די וואָס האָבן געהאַט הייזער אָדער לאַנד נאָענט צו דער באַן־סטאַנציע. די בעלי־עגלות האָבן געשאָלטן דעם פעטער יעקב פאַרוואָס ער האָט פאַרקויפט לאַנד פאַר דער באַן. אַז איך האָב דער־ציילט דעם רבין ר' מאָטל, אַז די בעלי־עגלות שעלטן מיין פעטער, האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער איז אויך צופרידן וואָס עס וועט זיין אַ באַן־סטאַנציע אין סטריקאָוו. עס וועט זיין גרינגער פאַר זיינע חסידים צו קומען קיין סטריקאָוו. אַ געוויסן טאָג האָט מען דערהערט ווי ברעג־קעוויטש, דער שטאָט־סטרוזש, פויקט. ווען אַ סך מענטשן זענען שוין געשטאַנען אַרום אים, האָט ער אויסגערופן הויך, אַז מען זאָל אים הערן, אַז די באַן, וואָס וועט האָבן אַ סטאַנציע אין סטריקאָוו, וועט דעם און דעם טאָג אָנהויבן קורסירן. ער איז געגאַנגען פון מאַרק צו מאַרק און האָט אויסגעפּויקט די נייעס. דאָס האָט ביי אַלעמען אַרויס־גערופן פרייד. פּנחס פאַזערע, וואָס איז געווען בן־ציון בעל־עגלה'ס זון, האָט געגעבן אַ געשריי צום עולם: „וואָס פרייט איר זיך אַזוי, וואָס מיין טאַטע און אַנדערע אָרעמע בעלי־עגלות וועלן פאַרלירן זייערע פּרנסות?"

ווען עס איז געקומען דער טאָג ווען די באַן האָט געדאַרפט אָנ־הויבן גיין איז כמעט די גאַנצע שטאָט אַרויסגעגאַנגען צו דער באַן־סטאַנציע זען ווי די באַן קומט אָן און פאַרט אַוועק. אַ סך מענטשן

וואָס זענען נאָך קיין מאָל ניט געפאָרן מיט קיין באַן, האָבן געקויפט בילעטן קיין זגיערזש, איין סטאַנציע פון סטריקאָוו, צו זען ווי עס פאָרט זיך מיט אַ באַן. אין בית־המדרש נאָכן דאַווענען מנחה און מעריב האָבן די, וואָס זענען ס׳ערשטע מאָל געפאָרן מיט אַ באַן, דערציילט אירע נסים און האָבן אויסגערעכנט אַלע אירע מעלות: עס זענען פאַראַן פּאָליצעס אין דער הייך איבער די פענצטער וואו אַוועקצולייגן פּעקלעך. עס איז פאַראַן אַ בית־הכסא און אַ שיסל, אַז מען גיט אַ דריי מיט אַ הענטל גיסט זיך אַריין אין דער שיסל קאַלטע און וואַרעמע וואַסער, און אַז מען גיט אַ דרוק אַן אַנדער הענטל, גיסט זיך דאָס וואַסער ארויס אויף די פעלדער. עס איז אפילו אין בית־הכסא פאַראַן אשר־יצר־פּאַפּיר. מען קען אַדורכגיין די גאַנצע באַן פון איין וואַגאָן דורך דעם צווייטן אָן שום מורא אַז מען וועט אַרויספאַלן, ווייל די טירן זענען ניט פאַרמאַכט. אין איין וואַגאָן איז די טיר געווען פאַרמאַכט, אַז מען האָט ניט געקענט אַריינגיין אין וואַגאָן. איינער האָט דערציילט: „איך האָב אַריינגעקוקט אין פענצטער פון אַ פאַרמאַכטן וואַגאָן, זענען דאָרט געזעסן מענטשן אויף פלושענע בענק און האָבן גערייכערט ציגאַרן.״

קאַפּיטל 27

# אַ שידוך ווערט אָפּגעלאָזן צוליב אַ משומדת

ווען מ׳האָט איינגעפירט די באַן־סטאַנציע אין סטריקאָוו האָט זיך די פּרנסה אין מיין מוטערס הויז שטאַרק פאַרבעסערט, ווייל מען האָט דעמאָלט אויפגעשטעלט אין סטריקאָוו צוויי פאַבריקן צו רייניקן וואָל. אַ סך סוחרים פון לאָדזש און זגיערזש פלעגן קומען קויפן די גערייניקטע וואָל. אָבער פון דער שווערער אַרבעט אין דער גאָרקיך איז מיין מוטער קראַנק געוואָרן און זי האָט געמוזט אויפגעבן די גאָרקיך. זי מיט איר צווייטן מאַן האָבן זיך אַריבערגעצויגן קיין לוויוויטש, מיינע שטיפברידער און שטיפשוועסטער זענען געפאָרן קיין לאָדזש אַרבעטן. איך, מיין ברו־דער און מיין יינגסטע שוועסטער, רחל, זענען פאַרבליבן אין סטריקאָוו. מיר האָבן געוואוינט אין צוויי שטובן. אין איין שטוב זענען געשטאַנען די וועב־שטולן און אין דער צווייטער האָבן מיר געוואוינט. אויף איין וועב־שטול האָט מיין ברודער געאַרבעט און אויף דער צווייטער וועב־שטול האָב איך זיך געלערנט וועבעריי און האָב געאַרבעט נאָך דעם ווי איך בין אַהיימגעקומען פון לערנען ביים רבין. רחל האָט פאַר אונדז געקאָכט און ווען זי האָט געהאַט פרייע צייט, האָט זי געשפּאָלט דעם פאָדעם פאַר די וועב־שטולן.

מיין פעטער יעקב מאָרגענשטערן האָט זיך אַריינגעצויגן אין זיין ניי הויז און ער האָט געמאַכט אַ חנוכת־הבית אויף זייער אַ גרויסן שטייגער. אַחוץ דער משפּחה האָט ער פאַרבעטן אַ סך פריינד. דער פעטער יעקב האָט פאַרמאָגט איבער אַ מיליאָן רובל. איך פלעג אָפט צו אים אַריינ־קומען. איין מאָל האָט מיר זיין ווייב, די מומע פריידל, געזאָגט, אַז אויב איך וויל קען איך צו יעדער צייט ביי איר עסן און שלאָפן.

מיין מוטער פלעגט אָפטמאָל קומען צו פאָרן קיין סטריקאָוו. זי האָט דערציילט דעם פעטער יעקב, אַז מען רעדט מיר אַ שידוך פון זשיכלין. אַז די כלה איז זייער אַ שיינע און אַ געלערנטע. איר פאָטער איז זייער אַ רייכער שניידער און ער וויל איר געבן 500 רובל נדן און צוויי יאָר קעסט. אין עטלעכע וואָכן אַרום בין איך געפאָרן קיין לוויוויטש זען דאָס מיידל. איך האָב זיך מיט איר געטראָפן ביי מיין שטיפברודער שמואל בראַט אין הויז. זי איז געווען אַ שיינע, אַ בלאָנדע און העכער פון מיטעלן וואוקס. אַז איך האָב זיך מיט איר צערעדט, האָב איך געזען

אַז זי איז זייער ווייט פון זיין אַ פרומע. זי האָט מיר געזאָגט, אַז זי לייענט יידישע און פוילישע ביכער. בשעת איך האָב מיט איר גערעדט, האָב איך געהערט ווי מיין מוטער און שטיפפאָטער און מיין פעטער אברהם מאָרגענשטערן האָבן זיך געדונגען מיטן מיידלס פאָטער וועגן נדן. איך האָב געזאָגט צום מיידל — רבקה האָט זי געהייסן — „איר הערט ווי אייער פאָטער דינגט זיך, ווי מען דינגט זיך אויף אַ יאַריד”. האָט זי געזאָגט: „מיין פאָטער פאַרט טאַקע אויף יאַרידים, איז ער צוגעוואוינט זיך צו דינגען. אָבער איך זע אַז איר קענט זיך פאַרלאָזן אויף אייער מוטער, זי וועט איר סחורה ביליק נישט פאַרקויפן”, און האָט צוגעגעבן: „וואָס מער די מחותנסטע וועט קריגן פאַר איר סחורה, אַלץ מער וועלן מיר ביידע האָבן”. מיין שטיפברודער האָט זיך צו אונדז אָפּגערופן: „גייט ביידע אַריין אין דער צווייטער שטוב, איר דאַרפט ניט הערן ווי מען דינגט זיך איבער אייך, פונקט ווי אויף אַ יאַריד.” ווען מיר זענען געווען אין דער צווייטער שטוב, האָט זי מיך געפרעגט, צי עס איז אמת, אַז איך לייען ביכער און אַז כ׳האָב געהאָלפן גרינדן אין סטריקאָוו אַ ביבליאָטעק און אַז אין דער זעלבער צייט לערן איך ביים סטריקאָווער רבין. איך האָב איר געפרעגט צי לייענט אַ בוך איז ביי איר אַן עבירה, האָט זי געענטפערט: „אדרבה, ביי מיר איז דאָס זייער אַ גוטע זאַך”. נאָך אַ קורצער צייט האָבן מיר געהערט פון דער צווייטער שטוב אויסרופן: „זאָל זיין מיט מזל, אין אַ מזלדיקער שעה!” האָב איך געזאָגט צו רבקהלען: „זאָל אונדז זיין מיט מזל. מען האָט אונדז שוין פאַרקנסט” און כ׳האָב איר געגעבן אַ קוש, זי האָט מיר צוריקגעגעבן עטלעכע. מיין שטיפברודער האָט אונדז צוריק אַריינגערופן אין דער ערשטער שטוב אַריין. מען האָט אָנגעשטעלט אויפן טיש בראַנפן און לעקעך און אונדז געוואונטשן מזל־טוב. צו מאָרגנס האָט מען געשריבן די תנאים ביי מיין שטיפברודער אין הויז. דער מחותן האָט מסלק געווען פיר הונדערט רובל און צוויי הונדערט האָט ער געדאַרפט צוצאָלן, ווען מען וועט אָפּרעדן דעם טערמין פון דער חתונה.

אין אַן ערך פינף חדשים אַרום האָב איך צופעליק אונטערגעהערט ווי דער פעטער יעקב האָט אין דער שטיל גערעדט מיט דער מומע פראַדל, אַז ער וועט ניט דערלאָזן אַ משומדת אין אונדזער משפחה און אַז אברהם־פנחס (דאָס האָט ער מיך געמיינט) זאָל האָבן אַ משומדת פאַר אַ מומע. די מומע האָט אים געפרעגט, צי איז ער זיכער, אַז די מעשה איז אמת, האָט דער פעטער געענטפערט, אַז דאָס וואָס מען האָט אים דערציילט קען מען גלויבן און אַז די זאַך איז בכלל נישט קיין סוד, אַז דער רבי ווייסט שוין אויך וועגן דעם. איין מאָל, ווען דער פעטער אברהם איז געווען צו גאַסט ביים פעטער יעקב, האָבן זיי זיך געקריגט: דער פעטער יעקב

האָט געהאַט טענות צום פעטער אברהם, וואָס ער האָט צוגערעדט צום שידוך און צוליב דעם האָט מען אַריינגעבראַכט אַ משומדת אין אונדזער משפּחה (אַ זשיכלינער חסיד, וואָס איז געווען ביים רבין האָט געזאָגט, אַז דער כלהס מוטערס אַ שוועסטער האָט זיך געשמדט). „מיר מוזן זען אַז דער שידוך זאָל אָפּגעלאָזט ווערן". מען זאָל צונויפרופן מיין מוטער, דעם פעטער משה־מאיר מאַרגענשטערן פון לוויוויטש און דעם פעטער אהרן פון גלאָוונע. זיי זאָלן אַלע קומען קיין סטריקאָוו און אַלע זאָלן זיך מיישב זיין און זען אַז מיין שידוך זאָל אָפּגעלאָזט ווערן. דער פעטער יעקב האָט זיך צעשריגן: „איך האָב זיך משדך געווען מיטן ראַדאָמסקער רבין, מיט דעם בריסקער מורה־הוראה מאַלין. איך האָב פּאַר אַן איידעם דעם טשעכאַנאָוער רבין ר' אברהמלעס אַן אייניקל, וואָס איז שוין אַליין אַ רב, מיט אברהם שלומהן האָב איך אַ שידוך געטאָן מיטן ראַספּישער רבין — און דאָ האָט מען מיר אַריינגעברענגט אַ משומדת אין דער משפּחה! וואָס וועל איך ענטפערן מיינע מחותנים אַז זיי וועלן זיך דאָס דערוויסן. ס'איז טאַקע וואָר אַז אברהם פּנחס איז אַ משכיל, אָבער ער קען דאָך גוט לערנען, טאָ ווי קומט ער אַריין אין אַ משומדתטעס משפּחה. דער פעטער אברהם האָט געפרעגט: ווער ווייסט צי דער מחותן וועט וועלן אָפּלאָזן דעם שידוך? — האָט דער פעטער יעקב געענטפערט, אַז אויב מען וועט דאַרפן באַצאָלן קנס וועט ער באַצאָלן. אַז איך האָב דערהערט אַז מען וויל אָפּלאָזן מיין שידוך און מען פרעגט מיך גאָר ניט, בין איך פאַרציטערט געוואָרן. עס איז וואָר, אַז איך האָב די כלה געזען בלויז צוויי מאָל, אָבער מיר האָבן זיך געפעלן פונעם ערשטן בליק. ווען איך האָב וועגן דעם געטראַכט, האָבן זיך מיר געשטעלט טרערן אין די אויגן. איך בין אַריין אין פעטער יעקבס אייגענעם קליינעם בית־המדרש וואָס ער האָט געהאַט אין זיין הויז, וואו ער האָט געהאַט צוויי ספרי־תורהס און צוויי שענק מיט ספרים, איך האָב גענומען אַ גמרא און כ'האָב נערוועז געמישט די בלעטער ניט וויסנדיק וואָס איך טו. אַז די נערוועזקייט האָט מיך אָפּגעלאָזט, האָב איך ווייטער געטראַכט, וואָס קען איך טאָן אַז זיי זאָלן מיין שידוך ניט צעשטערן. כ'האָב באַשלאָסן אַז ביז מיין מוטער וועט ניט קומען, זאָל איך מיט קיינעם וועגן דעם ניט רעדן.

אין צוויי וואָכן אַרום איז מיין מוטער, ווי אויך מיינע פעטערס משה־מאיר פון לוויוויטש און אהרון פון גלאָוונע געקומען קיין סטריקאָוו. זיי האָבן אַלע אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג וואָס מען קען טאָן, אַז דער כלהס פאָטער און אויך די כלה זאָלן באַשטיין אָפּצולאָזן דעם שידוך. מיין מוטער האָט מיך אַריינגערופן אין אַ צווייטער שטוב און זי האָט מיר געזאָגט, אַז זי האָט זיך דערוואוסט אַז די כלהס מומע האָט זיך געשמדט מיט עטלעכע יאָר צוריק; זי ווייסט, אַז דאָס מיידל געפעלט מיר, אַז זי

איז אַ שיינע. אָבער עס קען אַנדערש ניט זיין, מען מוז דעם שידוך אָפּלאָזן, ווייל עס פּאַסט ניט פאַר אונדזער משפחה, אַז איך זאָל האָבן אַ מומע אַ משומדתטע און איך מוז מסכים זיין אָפּצולאָזן דעם שידוך. זי האָט מיך געטרייסט: „קינד מיינס, זאָרג ניט, עס וועט זיך נאָך געפינען אַ גוט מיידל פאַר דיר, דו ביסט נאָך יונג." איך האָב מיין מוטער געזאָגט אַז קעגן מיין ווילן שטים איך איין אָפּצולאָזן דעם שידוך, ווייל איך האָב גרויס דרך־ארץ פאַר איר און כ'וויל מיט דעם מקיים זיין די מצווה פון כבוד אם. אַז איך האָב איר געזאָגט די ווערטער, האָט זי מיך אַרומגענומען און מיך שטאַרק געקושט. איך האָב איר צוריק געקושט מיט טרערן אין די אויגן. מיין מוטער און איך זיינען אַריינגעגאַנגען אין דער שטוב וואו מיינע פעטערס האָבן זיך געפונען. זיי האָבן נאָך אַלץ גערעדט וועגן שידוך. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט. דער פעטער אברהם איז צו מיר צוגעגאַנגען און געזאָגט: „אברהם־פּנחס, דו ווייסט אַז איך בין פאַר דיר ניט אַ פעטער נאָר אויך אַ פריינד, איך האָב פאַר דיר געצאָלט שכר־לימוד ביי די בעסטע מלמדים, כדי דו זאָלט קענען לערנען, און דו קענסט טאַקע לערנען. מיר, דיינע פעטערס, ווייסן גאַנץ גוט, אַז עס גלוסט זיך דיר ניט אָפּצולאָזן דעם שידוך ,ווייל די כלה געפעלט דיר, אָבער דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ זאַך וואָס קען זיין אַ שאַנדפלעק אויף אונדזער משפחה און דו וועסט האָבן דערפון חרפּה ווי מיר. אונדזער יחוס דאַרף איך דיר ניט זאָגן, דו ביסט דאָך איינער פון אונדז. דעם סטריקאָווער רבים ווייב איז געווען אונדזער געשעוועסטערקינד. בעט איך דיך, דו זאָלסט צושטימען דערצו, אַז דו זאָלסט אָפּלאָזן דעם שידוך און אויב מען וועט דאַרפן צאָלן קנס, וועט דער פעטער יעקב באַצאָלן. איצט וויל איך הערן וואָס דיין ענטפער איז." איך האָב זיך אויפגעשטעלט פון מיין בענקל און האָב געזאָגט: „עס שטייט געשריבן אַז קול המון איז קול שדי, דאָס מיין איך דעם פעטער אברהם, וועלכער האָט גערעדט פאַר אייך, מיינע ליבע פעטערס, בין איך מסכים אָפּצולאָזן דעם שידוך. איך וויל מיט דעם מקיים זיין כבוד אם, ווייל איך האָב גרויס דרך־ארץ פאַר מיין מאַמען און פאַר אייך, מיינע ליבע פעטערס." די פעטערס האָבן מיך דערפאַר געלויבט און געזאָגט, אַז איך האַנדל זייער קלוג. אין אַ פּאָר חדשים אַרום האָט מיר דער פעטער אברהם געזאָגט, אַז דער סטריקאָווער רב האָט אים צוריקגעגעבן די תנאים, אַז דער פעטער יעקב האָט באַצאָלט פופציק רובל קנס און איך בין געוואָרן אויס חתן. דער רבי ר' מאָטל האָט מיר געזאָגט, אַז איך האָב זייער גוט געטאָן וואָס איך האָב אָפּגעלאָזט דעם שידוך, ווייל עס וואָלט געווען אַ שאַנדפלעק אויף דער גאַנצער משפחה, און ער האָט צוגעגעבן: „דאָס אַלץ איז מן השמים."

## קאַפּיטל 28

# איך ווער מיט מזל אַ חתן

מיין פעטער יעקב מאָרגענשטערן האָט געהאַט אַן איידעם שמואל יצחק לאַנדוי, וואָס איז געווען רב אין סאָכאַטשעוו. ער איז געווען אַן אייניקל פון טשעכאַנאָווער רבין ר׳ אברהם לאַנדוי. דער פעטער יעקב פלעגט מיך אָפטמאָל שיקן קיין סאָכאַטשעוו צום רב מיט געלט, ווייל דער רב האָט ניט גענוג פאַרדינט מפרנס צו זיין זיין גרויסע פאַמיליע. דעם רבס פרוי פלעגט מיך אַלע מאָל טרייסטן און זאָגן: „אברהם־פנחס, זאָרג זיך ניט, וואָס דו האָסט אָפּגעלאָזט דעם שידוך, עס איז ניט געווען פאַר דיר. ווי קומסטו אין אונדזער משפחה צו אַ משפחה וואו עס איז דאָ אַ משומדת? איך האָב פאַר דיר אַ וואויל מיידל, אַ שיינע, זי איז אַזוי הויך ווי דו ביסט, איר פאָטער איז אַ זייגערמאַכער, זיי קומען אַרויס פון זייער אַ פיינער משפחה. דעם מיידלס אַ מומע האָט אַ בשמים־געוועלב אַנטקעגנאיבער מיין הויז, דאָס מיידל קומט אָפט מאָל אַריין צו איר מומע״, און זי האָט צוגעגעבן אין דער שטיל, אַז דער רב זאָל ניט הערן, „אויב דו וועסט שטיין פאַר מיין הויז, וועסטו זי קענען זען. דעם מיידלס פאָטער, כאָטש ער איז ניט קיין רייכער, וויל דער טאָכטער געבן 400 רובל נדן. די פיר הונדערט רובל זענען מער ווי אַנדערע טויזנט רובל, ווייל זי איז זייער אַ גע־ראָטענע. וואָס אירע אייגן זעען קענען אירע הענט נאָכמאַכן, זי איז אַ באַלעבאָסטע. מיט איין וואָרט: זי איז מיט אַלע מעלות. אויב דו ווילסט זי זען״, האָט זי צוגעגעבן, „קענסטו דאָס איצט טאָן. זי קומט יעדן אין דער פרי צו איר מומע איר אַרויסהעלפן אין געוועלב. גיי אַרויס און שטעל זיך פאַר מיין טיר. איך וועל באַלד אַרויסקומען, וועל איך דיר ווייזן ווער זי איז.״ באַלד איז זי טאַקע אָנגעקומען און זי האָט פון דער ווייטנס געגריסט דער רביצין און האָט געזאָגט הויך אויפן קול: „גוט מאָרגן, רביצין!״ ווען מיר זענען אַריינגעגאַנגען אין שטוב, האָט די רביצין מיר געזאָגט: „אברהם־פנחס, ווען די מאַמע וואָלט דאָ געווען, וואָלט מען שוין געקענט שרייבן תנאים.״ האָב איך צו איר געזאָגט: „יעטע־בינע, צו וואָס זאָל איך זיך איילן? איך בין

דאָך נאָר וואָס געוואָרן אויס חתן. דו ווייסט דאָך, אַז מיין ברודער וועט באַלד נאָך די יום־טובים דאַרפן שטיין צו מיליטער דינסט און איך מוז מיט אים פאָרן קיין עלקיש, ווייל ער קען דאָרט קיינעם נישט, טאָ לאָמיר אָפּוואַרטן."

באַלד נאָך סוכות זענען מיר געפאָרן קיין עלקיש. ווען מיר זענען אַריינגעקומען צו אונדזער באָבען, האָט זי זיך מיט אונדז שטאַרק דערפרייט און האָט זיך צעוויינט, ווייל זי האָט זיך ווידער דערמאָנט אָן אונדזער פאָטער, איר איין־איינציקן זון, וואָס איז יונג אַוועק פון דער וועלט. דער פעטער יצחק סאַפּירשטיין און די מומע רבקה מיט זייערע צוויי דערוואַקסענע זייער שיינע מיידלעך, האָבן זיך מיט אונדז אויך באַגריסט. זיי האָבן מיך געפרעגט צי איך בין שוין אַ חתן, און האָבן געזאָגט, אַז זינט איך בין אַוועק פון עלקיש בין איך שענער געוואָרן. איין מאָל האָט חנהלע מיך געפרעגט פאַר וואָס איך ווער נישט קיין חתן. זי האָט מיר געזאָגט, אַז ווען זי וואָלט נישט געווען מיין מומע, וואָלט זי מיט מיר חתונה געהאַט, ווייל זינט איך בין געווען אין עלקיש בין איך שענער און העכער געוואָרן. איך האָב איר דערציילט וועגן מיין אָפּגעלאָזענעם שידוך, צוליב דעם וואָס דעם מיידלס אַ מומע האָט זיך געשמדט, האָט זי געזאָגט, אַז איך האָב זייער גוט געטאָן, ווייל ווי קומט איין אונדזער משפחה אַ משומדת. זי האָט מיך געפרעגט, צי איך וואָלט געוואָלט ווערן אַ חתן פון עלקיש. האָב איך איר געענטפערט אַז ניין, ווייל די עלקישער מיידלעך זענען פּאַנאַטישע און אַז איך האַלט ביים טאָן אַ שידוך אין סאָכאַטשעוו, וואָס די רביצין רעדט מיר.

אין עלקיש האָט מען מיין ברודער באַפרייט אָבער אין דער גובערניע, אין קיעלץ, האָט מען אים צוגענומען פאַר אַ זעלנער, כאָטש ער האָט געהאַט פּלאַטשיקע פיס. איך בין דערפון געווען זייער פאַרביטערט. איך האָב מיין ברודער געעצהט אַז ווען ער וועט קומען אויפן אָרט וואו ער וועט דינען, זאָל ער זאָגן דעם דאָקטאָר, אַז ער האָט פּלאַטפוס. איך בין מיט אים געפאָרן קיין יענדזשעיעוו, נישט ווייט פון קיעלץ. דאָרט איז געווען דער מיליטערישער נאַטשאַלניק וואָס האָט פונאַנדערגעשיקט די רעקרוטן אין פאַרשיידענע שטעט און האָט אויך באַשטימט ביי וואָס זיי זאָלן דינען: ביי פּיסגייער, צי ביי קאַוואַלעריע אָדער ביי האַרמאַטן. דער נאַטשאַלניק האָט מיין ברודער באַשטימט צו דער אַרבעט אין קיך און צו פאַרשיידענע אַנדערע הילף־אַרבעטן. מיין ברודער האָט אָפּגעדינט אַ יאָר און אַ האַלב און איז באַפרייט געוואָרן.

אין יענדזשעיעוו האָב איך זיך זייער שטאַרק צוגעקילט. איך בין אַ קראַנקער געפאָרן צו מיין מוטער קיין לוויוויטש. ווען איך בין צו איר געקומען, האָט מען גערופן אַ דאָקטאָר און ער האָט פעסטגעשטעלט

אַז איך בין קראַנק אויף אַ לונגען־אָנצינדונג. ווען איך בין געזונט געוואָרן האָט מיין מוטער מיר געזאָגט אַז די סאָכאַטשעווער רביצין יעטע־בינע האָט איר דערציילט וועגן דעם שידוך פון סאָכאַטשעוו. און אַז דעם מיידלס פאָטער וועט קומען מיך זען. איך האָב מיין מוטער געזאָגט, זי זאָל שרייבן אַ בריוו צו דער סאָכאַטשעווער רביצין אַז דעם מיידלס פאָטער זאָל ניט קומען ווייל איך בין ניט געזונט.

איין מאָל, ווען איך בין געווען אַליין אין שטוב, איז אַריינגעקומען אַ מאַן, אַ נידעריקער און האָט מיך געפרעגט, צי דאָ וואוינט יהודה לייב בראָט און צי איך בין זיין שטיפזון אברהם פנחס. איך האָב אים געזאָגט אַז יאָ. האָט ער מיר געזאָגט, אַז זיין נאָמען איז נפתלי וורובעל, ער איז אַ זייגערמאַכער און אַז ער איז דער פאָטער פון מיידל וואָס דעם סאָכאַטשעווער רבס ווייב רעדט מיר. ער האָט מיך געפרעגט מיט וואָס איך באַשעפטיק זיך. האָב איך אים געענטפערט אַז איך לערן ביים סטריקאָווער רבין און איך קען אויך אַרבעטן אויף אַ וועב־שטול. ער האָט מיך געזען אַריינקוקן אין אַ מדרש האָט ער מיך געפרעגט, צי ס'איז וואָר אַז איך לייען ביכער. האָב איך אים געפרעגט, צי עס איז אַן עבירה צו לייענען ביכער. האָט ער געענטפערט, אַז ס'איז נישט שיין אַז אַ בחור וואָס קען לערנען זאָל לייענען ביכער. האָב איך אים געזאָגט: — עס איז נאָך מער ניט שיין אַז מען קען אין גאַנצן ניט לייענען קיין בוך. בשעת ר' נפתלי האָט מיט מיר גערעדט, איז מיין מוטער אַריינגעקומען אין שטוב. איך האָב איר געזאָגט, ווער דער גאַסט איז, האָט זי אויפגעשטעלט כיבוד. ר' נפתלי האָט געפרעגט מיין מוטער ווען זי וועט קומען זען זיין טאָכטער, האָט זי אים געזאָגט, אַז זי וועט לאָזן וויסן די סאָכאַטשעווער רביצין. מיין מוטער האָט אים געפרעגט וויפל נדן ער וועט געבן, האָט ער געזאָגט: פיר הונדערט רובל און אַ גאָלדענעם זייגער מיט אַ גאָלדענע קייט. מיין מוטער האָט זיך געדונגען: פיר הונדערט רובל איז צו ווייניק, אָבער אַז די כלה וועט מיר געפעלן ווערן, וועט מען אַדורכקומען וועגן נדן.

אין צוויי וואָכן אַרום בין איך און מיין מוטער אַוועקגעפאָרן קיין סאָכאַטשעוו. די רביצין, מיין מוטער און איך זענען געגאַנגען זען דאָס מיידל. איך האָב זיך צעשמועסט מיטן מיידל, זי איז מיר באַלד געפעלן געוואָרן. זי איז געווען אַ שיינע און אַזוי הויך ווי איך. ווען מיר האָבן זיך געפונען אין שטוב זענען ביי די פענצטער געשטאַנען אַ היפּש ביסל מיידלעך און פרויען, זיי האָבן אַריינגעקוקט דורכן פענצטער אין שטוב אַריין און זיי זענען ערשט אַוועקגעגאַנגען, ווען מען האָט די פענצטער פאַררוקט מיט פאָרהענגלעך. מיין מוטער האָט מיך אַריינגערופן אין אַ צווייטער שטוב און האָט מיך געפרעגט צי דאָס מיידל געפעלט מיר. איך האָב איר

געזאָגט אַז יאָ, האָט זי מיך געפרעגט וויפל נדן זאָל זי פאַרלאַנגען, האָב איך איר געזאָגט: „פרעג דעם מיידלס פאָטער וויפל ער קען געבן, אָבער דאָס וואָס ער וועט צוזאָגן זאָל ער באַלד ביי די תנאים איינלייגן ביי אַ מענטשן וואָס מען קען געטרויען". דעם מיידלס פאָטער און מיין מוטער זענען אַוועק צום רב. זיי זענען דאָרט אַדורכגעקומען וועגן נדן. דער מחותן האָט מסכים געווען, אַז ער וועט מסלק זיין די פיר הונדערט רובל נדן מאָרגן, ביים שרייבן תנאים. די רביצין האָט דעמאָלט מכבד געווען מיט לעקעך און בראָנפן און מען האָט איינער דעם צווייטן געוואונטשן מזל־טוב. איך און די כלה האָבן זיך אויך געוואונטשן מזל־טוב. איך האָב איר געפרעגט צי זי וויל אַרויסגיין אויף אַ שפּאַציר, זי האָט צוגעשטימט. ווען מיר זענען אַרויסגעגאַנגען אין גאַס זענען אַ היפּש ביסל מענטשן, מיידלעך און ווייבער, געשטאַנען אין דרויסן און זיי זענען אונדז נאָכגעגאַנגען. אַ טייל האָבן געזאָגט צו מיין כלה: „ביסט שוין אַ כלה געוואָרן? טאָ זאָל דיר זיין מיט מזל". מיט יעדן טריט וואָס מיר זענען געגאַנגען, האָט זיך דער עולם ווייבער און מיידלעך אַרום אונדז פאַרגרעסערט, ביז מיר זענען געווען געצוואונגען צוריק אַריינצוגיין אין שטוב.

אין דער פרי בין איך געגאַנגען אין שול אַריין דאַווענען. אַ סך מענטשן האָבן מיר געגעבן שלום. אין משך פון עטלעכע מינוט בין איך געשטאַנען אַרומגערינגלט מיט אַ גרויס רעדל מענטשן. מען האָט מיך געפרעגט צי איך בין נפתלי זייגערמאַכערס חתן. איך האָב געענטפערט אַז איך בין ניט נפתליס חתן, נאָר זיין טאָכטערס חתן. האָבן זיי געלאַכט. איינער פון רעדל האָט מיך געפרעגט מיט וואָס איך באַשעפטיק זיך, האָב איך געענטפערט: „מיט דער גמרא". אַ צווייטער האָט געפרעגט, צי ס'איז אמת אַז איך בין אויך אַ וועבער. האָב איך אים געענטפערט, אַז אויב ער ווייסט בעסער פון מיר, טאָ נאָך וואָס פרעגט ער מיך — און איך בין אַרויס פון רעדל וואָס האָט מיך אַרומגערינגלט. אין אָוונט איז מיין כלה רייזל און איר שוועסטער שרה געקומען נאָך מיר, נאָך מיין מוטער, דעם רב און די רביצין און זיי האָבן אונדז גענומען צו דער תנאים־מאָלצייט. אַזוי ווי איך בין געגאַנגען מיט מיין כלה אין פראָנט, האָט זיך דער עולם אַרום אונדז מיט יעדן טריט פאַרגרעסערט. אַ טייל פון זיי זענען געלאָפן פאָראויס און אונדז אָנגעקוקט, אַנדערע האָבן געזאָגט הויך: „זעטץ נאָר, וואָס פאַר אַ שיינעם יונג זי קריגט!" מיין כלהס שוועסטער האָט צו זיי געזאָגט: „שעמט זיך, אַזעלכע גרויסע מיידן זאָלן נאָכלויפן אָנצוקוקן אַ בחור", אָבער דאָס האָט ניט געהאָלפן. זיי זענען אונדז ווייטער נאָכגעגאַנגען און האָבן זיך אָפּגעשטעלט ערשט ביי מיין מחותנס געוועלב.

מיין כלה האָט געזאָגט צו מיר: „אברהם פנחס, קום מיט מיר, מיין מוטער וויל דיך זען, זי ליגט אין בעט, זי זעט נעבעך ניט אויף אירע אויגן". ווען מיר זענען אָריינגעקומען אין דער שטוב, האָט מיין כלה געזאָגט: „מאַמע, מיין חתן איז דאָ." די מאַמע האָט געזאָגט מיט אַ געוויין: „ווי איז מיר, מיין קינדס חתן קען איך ניט זען, קום אַהער, איך וויל דיך כאַטש אָנטאַפּן מיט מיינע הענט". איך בין צוגעגאַנגען צו איר בעט. זי האָט מיך אָנגעטאַפּט מיט אירע הענט און האָט מיך געקושט. איך האָב איר צוריקגעגעבן אַ קוש אין פּנים. מיין כלה האָט דערביי שטאַרק געוויינט. זי האָט מיר דערציילט אַז איר מאַמע איז בלינד געוואָרן ערשט מיט זעקס חדשים צוריק. ביי די תנאים האָט מיין מחותן איינגעלייגט דעם נדן ביי אַ סאָכאַטשעווער נגיד. דער נגיד האָט געגעבן אַ קבלה אַז ער האָט באַקומען פיר הונדערט רובל פון נפתלי וורובעל און אַז ער איז זיך מתחייב צוריקצוגעבן די פיר הונדערט רובל צו אברהם פּנחס אונגער און זיין כלה דבורה־רייזל וורובעל נאָך דער חתונה, ווען נאָר זיי וועלן פאַרלאַנגען, און אַז איינער קען די פיר הונדערט רובל ניט קריגן אָן דעם צווייטנס וויסן. מען האָט אָפּגעשטימט אַז די חתונה זאָל זיין אין ניין חדשים אַרום, אָבער ניט שפּעטער ווי אין איין יאָר אַרום.

ביי מיין פעטער יעקב מאָרגענשטערן האָבן זיך געהאָדעוועט זיינע צוויי אייניקלעך, דוד־יהודה און סלאַווע, קינדער פון זיין טאָכטער רויזע. איר מאַן איז געווען נחמיה מאַלין, דעם בריסקער מורה־הוראהס זון, וואָס האָט אַליין אויך געהאַט סמיכות אויף רבנות און איז געווען אַ גרויסער למדן. נחמיה איז קראַנק געוואָרן אויף שווינדזוכט און איז יונג געשטאָרבן. ער האָט איבערגעלאָזט דריי קינדער: דבורה, דוד־יהודה און סלאַווע. די צוויי יינגערע קינדער האָט דער זיידע גענומען צו זיך. איין מאָל האָבן דוד־יהודה און סלאַווע מיך געבעטן אַז איך זאָל זיי ברענגען פון דער ביבליאָטעק ביכער צו לייענען. איך האָב דאָס געטאָן. אָבער איך האָב זיך אויסגעהיט אַז דער פעטער יעקב און די מומע פראַדל זאָלן זיך ניט דערוויסן דערפון. מיין שוועסטער רחל, וואָס האָט זיך אויך געהאָדעוועט ביים פעטער יעקב, פלעגט די ביכער באַהאַלטן אַז קיינער זאָל זיי ניט קענען געפינען. דוד־יהודה האָט אָפט מאָל מיט מיר גערעדט וועגן די ביכער וואָס ער האָט געלייענט. ער האָט זיי גוט פאַרשטאַנען און ער איז געווען זייער „פרייגעזאָנען". ער איז אויך געווען באַפריינדעט מיט אַ סך משכילים פון סטריקאָוו, אָבער ער האָט זיך אויסגעהיט, אַז זיין זיידע און זיין מוטער זאָלן ניט וויסן דערפון. איין מאָל איז אַזוי אויסגעקומען אַז איך בין עטלעכע טעג ניט געווען ביים פעטער יעקב, ווייל איך בין געווען פאַרנומען ביים

רבין. אַז איך בין אַריינגעקומען צום פעטער, האָב איך באַמערקט ווי אַלע אין שטוב זענען פאַרטרויערט און גייען אַרום מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. איך האָב געפרעגט מיין שוועסטער רחל און דעם פעטערס אייניקל, סלאַווען, פאַר וואָס זיי זענען אַזוי פאַרטרויערט, האָבן זיי מיר געענטפערט אַז שפּעטער וועלן זיי מיר זאָגן. בשעת איך האָב מיט זיי גערעדט איז די מומע אַריינגעקומען. זי האָט מיך געפרעגט וואו איך בין געווען די עטלעכע טעג, האָב איך איר געענטפערט אַז איך בין געווען פאַרנומען ביים רבין. האָט זי געזאָגט: „און איך האָב געמיינט, אַז דו ביסט אויך געווען פאַרנומען מיטן באַהאַלטן דוד־יהודהן". איך האָב געפרעגט: „וואָס הייסט דאָס?" האָט זי מיר געזאָגט: „דו ביסט דאָך אויך איינער פון די וואָס האָבן געמאַכט די ביבליאָטעק אין סטריקאָוו און די אָנפירערס פון דער ביבליאָטעק האָבן דאָך צוגערעדט דוד־יהודהן, ער זאָל אַנטלויפן און זיי באַהאַלטן אים אויס. זיי ווילן אין אונדז נקמה נעמען, ווייל מיר זענען רייך. דער פעטער יעקב און דער פעטער אברהם זענען געפאָרן קיין לאָדזש מעלדן וועגן דעם דער פאָליציי. מעגלעך זיי וועלן אים געפינען. דוד־יהודה האָט אויך צוגענומען זייער אַ סך געלט". איך האָב געזאָגט צו דער מומען: „וואָס איך וועל דיר זאָגן זאָלסטו מיר גלויבן. דו ווייסט אַז איך בין נישט קיין ליגנער. איך ווייס נישט פון קיין שום זאַך. דוד־יהודהס אַנטלויפן איז פאַר מיר אַ נייעס. אויב איך וואָלט נאָר עפּעס געוואוסט דערפון וואָלט איך זיכער ניט צוגעלאָזט דערצו. און וואָס האָט לייענען אַ בוך אָדער אַ צייטונג צו טאָן מיט צורעדן אַ יונג ייִנגל ער זאָל גנבענען געלט און אַנטלויפן פון דער היים, וואו ער האָט געהאַט פון כל־טוב?"

אין אַ פאָר טעג אַרום איז דער פעטער יעקב מיטן פעטער אברהם אַהיימגעקומען פון לאָדזש. זיי האָבן גאָר ניט אויפגעטאָן. דער פעטער יעקב איז געווען זייער פאַרטרויערט. ער האָט מיך געבעטן, אַז אויב איך ווייס עפּעס וועגן דוד־יהודהס אַנטלויפן, זאָל איך אים זאָגן. ער האָט מיך חושד געווען אַז איך האָב געוואוסט אַז דוד־יהודה גרייט זיך צו אַנטלויפן און אַז איך ווייס אויך ווער ס'האָט אים דערצו צוגערעדט. איך האָב אים געזאָגט דאָס זעלבע וואָס איך האָב געזאָגט דער מומען, אָבער ער האָט מיר נישט געגלויבט און האָט געזאָגט, אַז ער ווייסט אַז איך בין איינער פון די מאַכערס פון דער סטריקאָווער ביבליאָטעק און אַז איך קום אַריין צו די משכילים יעקב און שמואל פערעל, אהרן הערשקאָוויטש און אליעזר שטיינשניידער, און איך טו נאָך אַזעלכע אפּיקורסישע זאַכן. ער האָט מיך געסטראַשעט אַז אויב ער וועט זיך דערוויסן, אַז איך האָב געוואוסט אָדער ווייס ווער עס האָט צוגערעדט יהודהן ער זאָל צוגנבענען געלט און אַנטלויפן, וועל איך מער ניט טאָרן

אַריינקומען אין זיין שטוב אַריין, און ער וועט זען, אַז דער רבי זאָל מיך מער ניט אַריינלאָזן צו זיך. איך האָב באַמערקט אַז דער פעטער יעקב און די מומע פריידל זענען ניט צופרידן וואָס איך עס און שלאָף ביי זיי. אויך דער פעטער אברהם איז ניט געווען צופרידן אַז איך זאָל צו פיל קומען צו אים אין הויז. האָב איך געקלערט: וואָס קען איך איצט טאָן? איך האָב טאַקע געהאַט נאָך משפחה אין סטריקאָוו, אָבער יענע זענען געווען אָרעמעלייט.

איין מאָל האָט מיר דער רבי ר׳ מאָטל געזאָגט, אַז ער פאָרט אַוועק אויף אַ פּאָר וואָכן, ווייל זייער ווייניק חסידים קומען איצט צו אים. ער איז געווען אַ גרויסער בעל־הוצאה, איז ער געפאָרן איבער פאַרשיידענע שטעט צו שאַפן געלט. צו יענער צייט פלעגן אַ סך רביים פאָרן איבער די שטעט צו שאַפן פאַר זיך חסידים און אויך זאַמלען געלט. דער רבי האָט מיר געזאָגט, אַז איך קען פאַרבלייבן ביי אים אין הויז מיט עסן און שלאָפן. אָבער נאָך דעם ווי דער רבי איז אַוועקגעפאָרן, האָב איך ביי זיך געטראַכט, אַז איך מוז מאַכן אַ סוף צו אַזאַ אַרט לעבן און מוז אָנהייבן זוכן פאַר זיך אַ באַשעפטיקונג, כ׳מוז זען צו קומען צו אַ תכלית. איך וועל דאָך אין אַ קורצער צייט אַרום חתונה האָבן, טאָ וואָס וועל איך טאָן נאָך דער חתונה? און אויב דער מחותן וועט זיך דערוויסן אַז איך בין שוין ניט ביים פעטער יעקב, וואָס האָט צוגעזאָגט, אַז נאָך מיין חתונה וועט ער מיר געבן אַ באַשעפטיקונג אין זיינע הייזער אָדער אין זיין וואַלד, וועט ער אפשר וועלן אָפּלאָזן דעם שידוך, ווייל קיין פאַרדינער בין איך דאָך ניט. איך וועל פשוט ניט קענען איבערטראָגן אַזאַ עגמת־נפש. איך וועל זיך שעמען פאַר מענטשן, ווייל עס וועט שוין זיין דער צווייטער שידוך וואָס כ׳האָב אָפּגעלאָזט. וויפיל שידוכים איז דער שיעור אָפּצולאָזן? האָב איך באַשלאָסן צו פאָרן קיין לאָדזש און צו זוכן דאָרט אַ באַשעפטיקונג, און אויב איך וועל נישט געפינען, האָב איך דאָך אין לאָדזש אַ סך באַקאַנטע וועבערס, וועל איך אַרבעטן ביי וועבעריי. ס׳איז וואָר אַז וועבערס פאַרדינען זייער ווייניק, אָבער ס׳איז בעסער ווייניקער צו פאַרדינען ווי גאָר נישט צו פאַרדינען.

ווען איך בין געקומען צום פעטער יעקב נעמען מיין ביסל זאַכן, האָב איך אויך מיטגענומען די תפילין און אַ טלית־קטן, כאָטש איך האָב שוין לאַנג ניט געדאַוונט. די מומע פראַדל האָט מיך געפרעגט, צו וואָס איך נעם די אַלע זאַכן און פאַר וואָס איך קום ניט צו איר. האָב איך איר געענטפערט, אַז איך וויל ניט זיין קיין איינגעבעטער גאַסט, ווייל מען איז מיך חושד אין אַ זאַך וואָס איך האָב קיין שום אַנונג נישט. און אַזוי ווי דער רבי פאָרט אַוועק, וועל איך פאָרן קיין לאָדזש און כ׳וועל

דאָרט זוכן אַ באַשעפטיקונג. האָט די מומע געזאָגט: „וואָס הייסט דו וועסט זוכן באַשעפטיקונג? דיין חתונה דאַרף דאָך זיין אין אַ קורצער צייט אַרום און קיינער האָט דאָך דיך פון דעם הויז ניט אַרויסגעטריבן. ווען דער פעטער איז אַוועקגעפאָרן האָט ער מיך טאַקע געפרעגט פאַר וואָס דו קומסט ניט אַריין. האָב איך איר געזאָגט, אַז איך פאָר קיין לאָדזש זוכן אַ באַשעפטיקונג און אויב כ'וועל ניט געפינען, וועל איך אַרבעטן ביי וועבער".

## קאַפּיטל 29

# אין לאָדזש צווישן אַרבעטער און סאָציאַליסטן

אין לאָדזש בין איך פאַרפאָרן צו מיין פריינד אַלטער רייך, וועלכער האָט געוואוינט אויפן באַלוט אין פּייפּערס געסל. אַלטער האָט זיך מיט מיר זייער דערפרייט. ער איז געווען אַ הויכער און שיינער בחור. ער איז געווען זייער אַ באַלעזענער און זייער אַן אינטעליגענטער און „פריי־געזאָגענער". ער האָט געהאַט אַ וועב־וואַרשטאַט פאַר פיר וועב־שטולן. איך האָב זיך אַרומגעקוקט אין דער שטוב, אָבער איך האָב ניט לאַנג געדאַרפט קוקן צו זען אַז אַלטער רייך איז ניט רייך, נאָר איז אַ ביטערער אָרעמאַן. זיין וואוינונג איז געווען אויפן ערשטן שטאָק. די טרעפּ זיינען געווען שמאָלע און עס איז שווער אָנגעקומען אַרויפצושלעפּן דאָרט אַ גרויסע קעטע און קאַסטנס מיט שפּאָלן. אויך אין דער שטוב זיינער איז ניט געווען גענוג אָרט פאַר די שפּאָלן, האָט ער די שפּאָלן אַרונ־טערגעלייגט אונטער די בעטן און צו פיל בעטן האָט ער אויך ניט געהאַט. ער האָט געוואוינט אין צוויי שטובן: אין איין גרויסער שטוב, וואו עס איז אויך געווען די קיך, זענען געשטאַנען די וועבשטולן. אין דער שטוב איז געשטאַנען אַ טיש מיט אַ פּאָר בענקלעך. אויף די ווענט זענען געהאַנגען קופּערנע און מעשענע כלים. די קופּערנע כלים זענען געווען שוואַרץ און די מעשענע זענען געווען גרין, ווייל אַלטערס ווייב, רבקהלע (אַ שיינע ברונעטע, מיטלוואוקסיקע פרוי), האָט ניט געהאַט קיין צייט צו שייערן די כלים. ווייל אַ חוץ דעם וואָס זי האָט געדאַרפט פירן די ווירטשאַפט און אַכטונג געבן אויף אירע דריי קליינע קינדער, האָט זי אויך געקאָכט עסן פאַר אירע צוויי געזעלן און האָט נאָך אויך געשפּולט דעם פּאָדעם פאַר די וועבשטולן און בשעת־מעשה אַריינגעקוקט אין אַ בוך וואָס איז געלעגן לעבן דעם שפּול־רעדל. אין דער צווייטער שטוב איז געשטאַנען אַ גרויס בעט און אַן אַרויסרוק־באַנק אין וועלכער זייערע קינדער זענען געשלאָפן. אונטערן בעט און אונטער דער שלאָפבאַנק האָט אַלטער געהאַלטן דעם פּאָדעם, וועלכן ער פלעגט באַשפּריצן מיט וואַסער, כדי די פּאַרטיקע סחורה זאָל שווערער וועגן. פון די נאַסע שפּאָלן האָבן זיך געמערט וואַנצן און פליי.

אַלטער האָט מיך געפרעגט: „נאָך וואָס ביסטו געקומען? ביסט דאָך

אַ חתן פון סאַכאַטשעוו, טאָ וואָס טוסטו אין לאָדזש?" איך האָב אים געזאָגט אַז איך וויל זוכן אַ באַשעפטיקונג, און אויב איך וועל ניט געפינען, וועל איך זוכן אַרבעט ביי וועבעריי. ער האָט מיך געפרעגט צי איך האָב מיט־גענומען גענוג געלט, ווייל עס וועט לאַנג נעמען ביז איך וועל געפינען אַ באַשעפטיקונג. אויב איך האָב ניט, וועט ער באָרגן פאַר מיר אַ פּאָר רובל ביי אַ פריינד. איך האָב אים פאַרזיכערט אַז איך האָב אַ פּאָר רובל. ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז אויב איך וועל ניט געפינען קיין באַשעפטיקונג וועט ער פאַר מיר ברענגען עפּעס אַ גרינגע אַרבעט אויף דער וועבשטול, ווייל איך האָב דאָך ניט געהאַט קיין פּראַקטיק פון אַן אמתן וועבער. אַלטער האָט מיך געוואָרנט אַז אין וועבער־פאַך איז איצט זייער שלעכט. מען אַרבעט שווער, מען פאַרדינט זייער ווייניק. די קאָנקורענץ צווישן די וועבערס איז זייער גרויס, אויף יעדן פעקל אַרבעט זענען דאָ דריי בעלנים, זיי דריקן אַראָפּ דעם פּרייז און מען קען ניט לייטיש פאַרדינען. איך האָב אים גע־פרעגט פאַר וואָס די וועבערס גרינדן ניט אַ פאַראיין. האָט ער מיר געענט־פערט אַז מען רעדט שוין טאַקע וועגן דעם און אַז ער איז איינער פון די וואָס וויל גרינדן דעם פאַראיין און מען גרייט זיך צו אַ סטרייק.

אַלטער איז מיט מיר געגאַנגען צו זיינעם אַ פריינד, יצחק פּיאָנטקער, וואָס האָט געוואוינט אויף דער אַלעקסאַנדערער גאַס אַז איך זאָל קענען ביי אים שלאָפן. ביי אים פלעגן זיך צונויפקומען אינטעליגענטע מענטשן, אויך יצחק פּיאָנטקער אַליין איז געווען אַן אינטעליגענטער און באַלעזענער מענטש. ווען מיר זענען אַריינגעקומען צו יצחק פּיאָנטקער האָט אַלטער מיך פאַרגעשטעלט און דערציילט וועגן מיר. האָט יצחק געזאָגט צו מיר: „אַז דו ביסט פון די סטריקאָווער משכילים ביסטו אַן אָנגעלייגטער גאַסט ביי מיר אין הויז". ביי יצחק פּיאָנטקער האָב איך געוואוינט די גאַנצע צייט וואָס איך בין געווען אין לאָדזש. ער האָט פאַרמאָגט אַ סך ביכער, אָבער ניט קיין רעוואָלוציאָנערע, ווייל ער האָט זיך געהיט פאַר דער פּאָליציי.

ווען איך בין אַהיימגעקומען ביינאַכט אַ מידער פון זוכן איבער די לאָדזשער געשעפטן אַ באַשעפטיקונג, האָט יצחק פּיאָנטקער צו מיר גע־זאָגט: „פאָלג מיך און נעם זיך צו וועבעריי. אַז דו וועסט זיך איינגעוואוינען אין דער אַרבעט, וועסטו גוט פאַרדינען."

איין מאָל איז די פּאָליציי געקומען צו יצחק פּיאָנטקער אין מיטן דער נאַכט און האָט געזוכט אַ מאַן מיטן נאָמען גרינבערג. זיי האָבן מיך געפרעגט צי איך בין איינגעמאָלדן אין דעם הויז. איך האָב זיי געוויזן מיין וואוין־דערלויבעניש און מיין פּאַס. און זיי האָבן פאַרלאָזט דאָס הויז. אין דער פרי האָט מיר יצחק פּיאָנטקער געזאָגט איך זאָל האַלטן בסוד, אַז גרינבערג איז דאָ טאַקע געשלאָפן ביי נאַכט און אַז ער איז איצט אויך

נאָך דאָ אין הויז. ביי נאַכט איז ער געווען איבערגעטאָן פֿאַר אַ פּרוי און האָט געטראָגן אַ שייטל אויפֿן קאָפּ. ער האָט מיך פֿאַרגעשטעלט פֿאַר דער פֿאַרשטעלטער פרוי, ד״ה פֿאַר גרינבערגן. איך בין באַפֿריינדעט געוואָרן מיט גרינבערגן. ער האָט מיט מיר אַ סך גערעדט וועגן דער אַרבעטער־לאַגע און האָט מיך אויך צוגערעדט איך זאָל ווערן אַ וועבער, ווייל אויב איך וועל אַרבעטן אַזוי שווער ביי וועבעריי ווי עס אַרבעט אַן אָנגעשטעלטער אין אַ פירמע, וועל איך פּונקט אַזוי גוט פֿאַרדינען.

איך האָב גרינבערגן געבעטן ער זאָל מיך מיטנעמען צו אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון די סאָציאַליסטן. אין צוויי טעג אַרום האָט ער מיר געזאָגט, אויב איך וויל קען איך מיט אים מיטגיין צו אַזאַ פֿאַרזאַמלונג. גרינבערג האָט זיך איבערגעטאָן פֿאַר אַ פרוי מיט אַ שייטל און אַ טיכל קאַפּעלוש און האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל זיך ניט אַרומקוקן, נאָר גיין גלייך מיט אים און אויב אַ פּאָליציאַנט וועט אים אָפּשטעלן זאָל איך זיך ניט אָפּשטעלן נאָר כ׳זאָל גיין ווייטער אַזוי ווי איך און ער קענען ניט איינער דעם צווייטן און אויב מען וועט מיך אויך אַרעסטירן זאָל איך ניט רעדן מיט אים. מיר זענען צוגעקומען צו אַלטשטאָט. איך האָב געזען ווי אַ מאַן וואָס איז געשטאַנען ביי אַ הויז האָט זיך געגעבן אַ וויש איבערן פּנים, האָט זיך גרינבערג אויך געגעבן אַ וויש איבערן פּנים. נאָך דעם זענען מיר אַריינגעגאַנגען אין אַ הויף און אַרויפֿגעגאַנגען אויף אַ בוידעם־שטיבל. די שויבן זענען געווען פֿאַרשטעקט מיט שוואַרצע שמאַטעס אַזוי אַז בלויז אַ קליין ביסל ליכט האָט אַריינגעשיינט. ווען מיר זענען אַריינגעקומען האָט איינער אָפּגעגעבן אַ באַריכט: ער האָט זיך געזען מיט די אַרבעטער פֿון אַ פֿאַבריק און אַז עס וועט נעמען נאָך אַ ביסל צייט ביז די מערהייט אַרבעטער פֿון דער פֿאַבריק וועלן זיך אָנשליסן אין אונדזער פֿאַראיין. אַ צווייטער האָט באַריכטעט אַז אין דער פֿאַבריק וואָס ער אָרגאַניזירט, האַלט עס שוין זייער נאָענט דערצו אַז אַלע אַרבעטער זאָלן זיך אָנשליסן אין פֿאַראיין און אַרויסשטעלן אַ פֿאָדערונג אויף אַ לוין־העכערונג. די פֿאַרזאַמלונג האָט געדויערט ניט מער ווי אַ האַלבע שעה. גרינבערג האָט מיר געזאָגט אַז איך זאָל אַהיימגיין, ער וועט די היינטיקע נאַכט שלאָפֿן ערגעץ אַנדערש.

איך האָב געזוכט אַ באַשעפֿטיקונג, אָבער איך האָב אַלץ ניט געקענט קריגן. האָט אַלטער רייך — אַזוי ווי ער האָט צוגעזאָגט — געשאַפֿן פֿאַר מיר אַ לייכטע אַרבעט אויף אַ וועב־שטול. ווען איך האָב פֿאַרטיק געמאַכט איין לייכטע קעטע, האָט אַלטער מיר געגעבן אַ שווערערע קעטע און איך האָב ביי איר שוין מער פֿאַרדינט.

אין די יאָרן 1902 און 1903 איז אין לאָדזש אָנגעגאַנגען אַ שטאַרקע אָרגאַניזיר־באַוועגונג פֿון „בונד״ און פֿון די פּוילישע סאָציאַליסטן. נאָכן

קישיניעווער פּאָגראָם האָט מען געשמועסט אַז עס גרייט זיך אַ פּאָגראָם אויך אין לאָדזש. האָבן דער „בונד" און די פּוילישע סאָציאַליסטן אָר־גאַניזירט אַ זעלבסטשוץ. עס זענען פאָרגעקומען מאַסן־אַרעסטן, אָבער די אַרעסטן האָבן ניט אָפּגעשטעלט די געהיימע אָרגאַניזאַציע־טעטיקייטן סיי פון בונד און סיי פון די פּוילישע סאָציאַליסטן. די טעטיקייט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי איז אָבער געווען זייער אַ שוואַכע. איין מאָל האָט גרינבערג מיך מיטגענומען צו אַ פאַרזאַמלונג פון בונדיסטן, וועלכע האָט געזאָלט פאָרקומען אין קאַליעוואַלד, אָדער גאָרטן. אָבער איידער מען האָט אויפגעמאַכט די פאַרזאַמלונג איז געקומען פּאָליציי און האָט די פאַרזאַמלונג צעטריבן. אַז איך בין אַהיימגעקומען פון דער פונאַנ־דערגעטריבענער פאַרזאַמלונג האָט אַלטער מיר געעצהט איך זאָל מער ניט גיין צו קיין פאַרזאַמלונגען, ווייל אויב מען וועט מיך אַרעסטירן, וועט דאָס ניט שיין זיין פאַר מיין כלה, פאַר מיין מחותן און פאַר מיין חסידישער משפחה. אַחוץ דעם קען מען מיך פאַרשיקן קיין סיביר און איך וועל ווידער ווערן אויס חתן. „אַז דו ווערסט חתונה האָבן," האָט ער ווייטער געזאָגט, און דו מיט דיין פרוי וועלן וועלן זיין טעטיק אין דער פּאַרטיי, וועט איר דאָס דעמאָלט קענען טאָן. אַפילו אַז דו לייענסט אַן אומלעגאַל בוך, זאָלסטו זיך היטן. דו זאָלסט עס ניט לייענען ביי אַ פענצטער," האָט ער מיר אָנגעזאָגט.

אין לאָדזש האָט געוואוינט מיין פעטער יעקב מאָרגענשטערנס טאָכ־טער יעטע מיט איר מאַן פּלטיאל, אַ נאָענטער קרוב פון ראַדאָמסקער רבין. פּלטיאל איז געווען אַ למדן און אַ פאַנאַטיש־פרומער. יעטע, אָקעגן, איז ניט געווען איבעריק פרום און האָט געלייענט יידישע און פּוילישע ביכער. זיי האָבן געוואוינט אין איר פאָטערס הויז. איך פלעג אָפט אַריינ־קומען צו איר. איין מאָל, ווען איך בין געקומען צו יעטען, האָב איך דאָרט געטראָפן דעם פעטער יעקב. ער האָט מיך זייער פריינדלעך באַ־גריסט און האָט מיך געפרעגט פאַר וואָס איך בין אַוועקגעפאָרן און וואָס איך טו איצט. האָב איך אים געענטפערט אַז ער ווייסט דאָך גאַנץ גוט פאַר וואָס איך בין אַוועק און אַז איך אַרבעט איצט אַלס אַ וועבער און כ׳פאַרדין גענוג פאַר מיין באַדערפעניש. דער פעטער האָט מיך געפרעגט: „וואו האָסטו זיך אויסגעלערנט צו זיין אַ וועבער?" האָב איך אים געזאָגט, אַז איך האָב זיך נאָך אין דער היים געלערנט אויף דוד־זעליגס וועבשטול, ווען איך פלעג אַהיימקומען פון לערנען. ער האָט אַ זאָג געטאָן צו מיר: „אברהם פנחס, נישט בחינם זאָגט מען אַז דו האָסט אויף זיך אַן עילושן קאָפּ." ער האָט מיר געזאָגט, אַז כ׳זאָל פאַרטיק מאַכן וואָס איך האָב אויף דער וועבשטול און קומען צוריק אַהיים. איך האָב זיך איבערצייגט, האָט ער צוגעגעבן, אַז דו האָסט ניט געוואוסט וועגן דוד־

יהודהס אַנטלויפֿן. ער האָט מיר אויך דערציילט, אַז מיין כלהס מוטער איז געשטאָרבן. דער פֿעטער האָט מיר געגעבן 25 רובל, אַז איך זאָל זיך קויפֿן זאַכן וואָס איך וועל דאַרפֿן צו דער חתונה.

איך האָב דערציילט מיין פֿריינד אַלטער רייך אַז איך האָב געזען דעם פֿעטער יעקב און ער וויל, אַז איך זאָל צוריקקומען צו אים. אַלטער האָט מיר געראַטן: „האָב חתונה, נעם די פֿיר הונדערט רובל נדן און דיין ווייבל — און הײדאַ קיין אַמעריקע! אויב דיין ווייבל וועט ניט וועלן פֿאָרן, פֿאָר אַליין און אַז דו וועסט דאָרט זיין אַ צייט און וועסט שוין פֿאַר־דינען, וועסטו שיקן נאָך איר".

איך האָב דערציילט איצעלע פּיאַנטקער אַז איך וויל אין קורצן אַהיים־פֿאָרן. אַז גרינבערג האָט דאָס געהערט, האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער וועט מיך מיטנעמען צו אַ גרויסער פֿאַרזאַמלונג פֿון „בונד" און פֿון די פּוילישע סאָציאַליסטן, און אַז דער גרויסער אברהם וועט קומען נאָך מיר. ער, אברהם, וועט זיין אָנגעטאָן אין אַ שעפּסענעם פּעלץ און אין שטיוול מיט לאַנגע כאָלעוועס. אויפֿן קאָפּ וועט ער טראָגן אַ ברייטע קוטשמע. ווען איך וועל גיין מיט אים, זאָל איך צו אים ניט רעדן און גיין אָפּגערוקט פֿון אים. ווען מיר זענען געגאַנגען, זענען אויפֿן גאַנצן וועג צום וואַלד געשטאַנען אויסגעשטעלט וואַכן, וועלכע האָבן געהיט צי פּאָליציי קומט ניט אָן. ווען מיר זענען פֿאַרבייגעגאַנגען די מענטשן פֿון דער וואַך, האָבן זיי געגעבן פֿאַרשיידענע צייכנס מיר זאָלן וויסן אַז מיר קענען וויטער גיין. ביי דער דאַזיקער פֿאַרזאַמלונג, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין ראַדאָגאָשטשער וואַלד, זענען געווען אַ פּאָר הונדערט מענטשן. זי איז געווען זייער אַן אינטערעסאַנטע. מען האָט דיסקוטירט פּאַרטיי־פֿראַגן און אויך פֿאַך־פֿראַגן. מען האָט אויסגערעכנט די פֿאַבריקן וואו עס גרייטן זיך סטרייקן. די רעדעס וואָס זענען געהאַלטן געוואָרן אויף דער פֿאַרזאַמ־לונג האָבן מיך שטאַרק באַגייסטערט. איך וועל די פֿאַרזאַמלונג קיין מאָל ניט פֿאַרגעסן.

צו מאָרגנס, ווען איך בין געקומען צו דער אַרבעט, האָט אַלטער מיר געזאָגט: ווען דו וואָלסט געווען אַ פֿרומער ייד, וואָלסטו געדאַרפֿט גיין אין שול אַריין און גומל בענטשן וואָס מען האָט דיך ניט אַרעסטירט. די פּאָליציי האָט די נאַכט געמאַכט אַ סך אַרעסטן. איך האָב זיך פֿאַר־טראַכט וואָס איך זאָל טאָן אין אַזאַ פֿאַל: צי זאָל איך פֿאָרן צוריק קיין סטריקאָוו צום פֿעטער יעקב, אָדער זאָל איך וויטער בלייבן דאָ אַרבעטן; וואָס אַן אמת, האָט מיך ניט געגלוסט אַוועקצופֿאָרן פֿון לאָדזש, וואו איך בין אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער באַוועגונג וועלכע האָט אַפּעלירט צו מיין האַרץ און געוויסן, כאָטש איך בין אַקטיוו נישט געווען. איך האָב געפֿרעגט אַלטערן צי ער וועט פֿאַר מיר ברענגען נאָך אַ קעטע, ווייל

איך וויל נאָך זיין אין לאָדזש. עס גלוסט מיך ניט אַוועקצופאָרן פון מיינע נייע פריינד, אויב איך וועל פאָרן קיין סטריקאָוו, וועל איך ווייטער דאַרפן זיין אין פרומען הויז, כ׳וועל ווידער דאַרפן לערנען ביים רבין און כ׳וועל מיין צייט מוזן פאַרברענגען אין אַ חסידישער סביבה. לייענען אַ בוך וועל איך זיך מוזן אויסהיטן, און דאָ בין איך אַ פרייער מענטש און כ׳קען טאָן וואָס עס ווילט זיך מיר נאָר. אַלטער האָט מיר צוגעזאָגט אַז ער וועט מיר ברענגען אַ נייע קעטע, אַפילו אויב איך וועל די קעטע ניט פאַרענדיקן, און ער האָט צוגעגעבן: „און אַז דו וועסט זיין אין לאָדזש, וועסטו שוין ברענגען די באַפרייאונג פון דעם אַרבעטער־קלאַס?״

ביינאַכט בין איך צוגעגאַנגען צו מיין געשוועסטערקינד יעטע, זי האָט מיר געפרעגט ווען איך פאָר אַהיים. האָב איך איר געזאָגט, אַז איך באַדאַרף פריער פאַרטיק מאַכן די סחורות. יעטע האָט מיר געזאָגט, אַז איר מאַן איז ניט אין דער היים און עס איז איר מאַרקאָטנע צו שלאָפן אַליין, ווייל איר דינסטמיידל איז אַוועק פון איר. זאָל איך ביי איר איבער־נעכטיקן, זי האָט פאַר מיר אַ באַזונדער צימער צום שלאָפן. אַז איך בין איינגעשלאָפן, האָט זיך מיר געחלומט אַז מען האָט מיך און גרינ־בערגן אַרעסטירט ביי אַ פאַרזאַמלונג און מען האָט אונדז ביידן געפירט אין באַלוטער אוטשאַסטאַק. איך האָב געריידט מיט גרינבערגן און דער זעלנער האָט אונדז מכבד געווען מיטן פריקלאַד פון דער ביקס. אין אוטשאַסטאַק האָט מען מיך געפרעגט צי איך קען גרינגערגן און מיך דערביי געשלאָגן אַזש בלוט האָט גערונען פון מיין פנים און איך האָב געוויינט. איך האָב געטענהט אַז איך קען ניט גרינבערגן. אין מיטן חלום האָב איך געשפירט אַז מען וועקט מיך. איך האָב אויפגעעפנט די אויגן, יעטע איז געשטאַנען ביי מיין בעט. זי האָט מיך געפרעגט פאַר וואָס איך האָב געוויינט. איך האָב איר געזאָגט אַז עס האָט מיך געחלומט זייער אַ שלעכטער חלום. אַז מען האָט מיך אַרעסטירט און מען האָט מיך זייער געשלאָגן. זי האָט מיך געפרעגט צי איך וואוין ביי סאָציאַ־ליסטן. האָב איך איר געזאָגט, אַז יאָ און אַז מען האָט טאַקע געמאַכט אַ רעוויזיע אין הויז וואו איך וואוין. האָט זי מיר געזאָגט: „פאָלג מיך און צי זיך אַרויס פון דעם הויז. שלאָף ביי מיר ביז מיין מאַן וועט צוריקקומען, און ווען ער וועט קומען, וועסטו אַהיימפאָרן.״ איך האָב איר געענטפערט: „כ׳וועל דיר זאָגן דעם אמת, עס גלוסט זיך מיר ניט אַהיימצופאָרן, ווייל דאָ קום איך זיך צוזאַמען מיט אינטעליגענטע מענטשן און אַז איך קום אַריין צו דיין טאַטן אין הויז מוז איך זיין פרום און כ׳מוז זיך אויסהיטן צו לייענען אַ בוך. און איצט אַ פראַגע וואָס וועל איך טאָן נאָך דער חתונה? איך וועל מיר מאַכן אַ שפייז־געוועלב, אָבער

פון דעם געלט וואָס איך וועל האָבן איבעריק פון מיין נדן וועל איך קיין גרויס געוועלב ניט קענען מאַכן. וואָלט איך געווען אַ גוטער וועבער, וואָלט איך געקויפט עטלעכע וועבשטולן, מעגלעך איך וואָלט געקענט האָבן דערפון פרנסה.״ האָט זי געזאָגט צו מיר: הער מיך אויס, און זאָל דאָס בלייבן אַ סוד צווישן מיר און דיר, איך האַלט אַז באַלד נאָך דער חתונה זאָלסטו פאַרלייגן דיין ווייב, איר ביידע זאָלט באַלד אַוועקפאָרן קיין אַמעריקע״. איך האָב צוגעגעבן אַז דער פּלאַן איז אַ גוטער, אָבער איך וויים ניט צי מיין כלה וועט דערויף מסכים זיין. האָט זי געזאָגט מיט אַ זיפץ: „הלוואי וואָלט איך געקענט פאָרן קיין אַמעריקע״.

איך האָב פאַרטיק געמאַכט די נייע קעטע. כ׳האָב זיך געזעגנט מיט אַלטערן, מיט איצעלע פּיאַנטקער און זיין פרוי און טעכטער, מיט מייך פריינד גרינבערג, מיט דעם הויכן אברהם און מיט נאָך פריינד, וועלכע זענען געווען איבערגעבענע סאָציאַליסטישע טוערס. זיי האָבן מיר אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל רעדן מיט די סטריקאָווער אַרבעטער וועגן גרינדן אַ „בונד״ אין סטריקאָוו.

ווען איך בין אַהיימגעקומען, האָט מיך דער פעטער יעקב און די מומע פראַדל זייער פריינדלעך אויפגענומען. דער פעטער האָט מיר געזאָגט אַז דער מחותן וויל שוין מאַכן די חתונה. אַז מיין מוטער וועט פאָרן קיין סאָכאַטשעוו אָפּשטימען אַ צייט פאַר דער חתונה. איך בין אַוועק צום רבין ר׳ מאָטל, האָט ער מיך געפרעגט צי איז וואָר אַז איך האָב געאַרבעט אין לאָדזש אַלס אַ וועבער, און וואו און ווען איך האָב זיך געלערנט צו זיין אַ וועבער. איך האָב אים געפרעגט, צי ס׳איז אַ חרפּה צו זיין אַ בעל־מלאכה. די גמרא זאָגט דאָך אַז שטענדיק זאָל אַ פאָטער לערנען זיין זון אַ מלאכה. דער רבי האָט געזאָגט, אַז עס איז ניט קיין חרפּה צו זיין אַ בעל־מלאכה, אָבער ער וויל וויסן צי איך האָב באַלאַנגט צו דער חברה אחדות. איך האָב אים געפרעגט וואָס ער מיינט מיט דעם וואָרט אחדות. האָט ער געזאָגט, אַז די „אחדות־לייט״ זענען אַ באַנדע הפקר־יונגען וועלכע רעדן על אַדונו ועל משיחו און רעדן אויך שלעכטס אויפן קיסר. איך האָב פאַרטיידיקט די אחדותניקעס, האָט דער רבי געזאָגט צו מיר: „ווי איך זע האָסטו זיך שוין אַליין אָנגעשטעקט פון די אחדותניקעס. היט זיך פאַר מענטשן.״ צום סוף האָט ער מיר אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל אַריינקומען צו אים לערנען, ווען נאָר איך וועל ווילן.

איך האָב גערעדט מיט עטלעכע אינטעליגענטערע סטריקאָווער אַרבעטער וועגן גרינדן אַ „בונד״ און אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָבן מיר טאַקע געגרינדעט אַ בונדישע אָרגאַניזאַציע אין סטריקאָוו.

## קאַפּיטל 30

# מיין חתונה

אין 1904, אין דער וואָך נאָך פּסח, איז מיין מוטער געקומען קיין סטריקאָוו צום פעטער יעקב און האָט איבערגעגעבן, אַז זי האָט מיטן מחותן אָפּגעשמועסט מיין חתונה אויף מיטוואָך איין וואָך נאָך שבועות. דערביי האָט זי מיר געזאָגט: „דיין כלה איז אַ סך שענער געוואָרן." האָט די מומע פראַדל דערביי באַמערקט: „אַ שיין ווייב איז אַ האַלבע פּרנסה". די מאַמע האָט זיך צעוויינט וואָס מיין פאָטער האָט נישט דערלעבט צו מיין חתונה און האָט געוואונטשן, אַז עס זאָל זיין מיר און אונדזער משפּחה מיט מזל. האָב איך איר געפרעגט: וואָס האָט מיין חתונה צו טאָן מיט אונדזער משפּחה?" האָט זי געענטפערט, אַז אויב מען בעט פאַר אַ צווייטן ווערט מען אַליין אויך געהאָלפן. „זאָרג זיך ניט", האָט זי צוגעגעבן, „גאָט האָט געגעבן מזל, מען דאַרף נאָר זוכה זיין דערצו, אַז ער זאָל אונדז אויך געבן פון דעם מזל."

ווען איך בין געקומען צום רבין ר' מאָטל, האָט ער שוין געוואוסט וועגן מיין חתונה. איך האָב אים געפרעגט פון וואַנען ער ווייסט שוין די נייעס, האָט ער געענטפערט מיט אַ פּסוק: „עוף השמים יוליך את הקול" (אַ פויגל פון הימל ברענגט די שטים פון מענטשן).

ביז צו מיין חתונה בין איך געווען ביים רבין. כ'האָב יעדע וואָך פאַרדינט עטלעכע רובל פון שרייבן קוויטלעך. אַ סך פון די פאַר וועמען איך האָב געשריבן קוויטלעך האָבן מיר געגעבן עטלעכע קאָפּיקעס מער לכבוד דעם וואָס איך גיי חתונה האָבן, כ'זאָל האָבן צו די חתונה־הוצאות. דער רבי האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט צי איך פאַרדין גענוג פון די קוויטלעך. ער איז געווען זייער צופרידן וואָס איך האָב געהאַט גענוג קוויטלעך צו שרייבן, ווייל אויך ער האָט אַריינגעקראָגן מער פּדיונים.

כאָטש איך בין יעדן טאָג געווען פאַרנומען ביים רבין, האָב איך געפונען גענוג צייט צו זען זיך מיט באַקאַנטע משכילים און גיין אין ביבליאָטעק (די ביבליאָטעק האָט שוין געהאַט צוריקגעקריגן די ביכער, וועלכע די פּאָליציי האָט געהאַט פאַרנומען). איך בין אויך אָפט מאָל

געגאַנגען צו די געהיימע פאַרזאַמלונגען פון דער בונדישער אָרגאַני־זאַציע. זיי האָבן באַדויערט וואָס איך פאָר אַוועק פון סטריקאָוו, ווייל מיינע אַגיטאַציע־רעדעס האָבן ביי זיי אויסגענומען.

פאַרן אַוועקפאָרן צו דער חתונה האָב איך זיך געזעגנט מיט מיינע פריינד. זיי האָבן מיך געפרעגט וואָס איך האָב בדעה צו טאָן. האָב איך זיי געזאָגט, אַז איך רעכן, כ׳וועל זיך באַזעצן אין לאָדזש. איך וועל פרוּוון געפינען אַ באַשעפטיקונג. אָדער כ׳וועל זיך מאַכן אַ געוועלבל. איינער פון די אַקטיווע „בונדיסטן" האָט דערויף באַמערקט: „ווי איך זע ליגט נאָך אין דיר דער שורש פון סוחרישקייט. אונדז אַגיטירסטו אַז מיר זאָלן קעמפן פאַר לוין־העכערונגען, אויב ניט זאָלן מיר שטרייקן, און דו אַליין ווילסט ווערן אַ סוחר און ווערן רייך". איך האָב זיך פאַר־ענטפערט, אַז איך בין ניט קיין גוטער וועבער, מוז איך דעריבער זוכן באַשעפטיקונג ווי אַן אָנגעשטעלטער אָדער מאַכן זיך אַ שפּייז־געוועלבל. איך האָב זיך געזעגנט מיטן רב און מיטן רבין. דער רבי האָט מיר געגעבן פינף רובל דרשה־געשאַנק. איך בין אַוועקגעפאָרן צו מיין מוטער קיין לוויוויטש אויף שבועות.

צו מיין חתונה זענען געקומען אַ סך פון מיין משפּחה. דער פעטער יעקב איז ניט געקומען צו דער חתונה, ווייל ער איז געווען קראַנק. עס איז מיט מיר מיטגעפאָרן מיין געשוועסטערקינד לייבוש מאָרגענשטערן (ער איז מיט עטלעכע יאָר צוריק געשטאָרבן אין ניו־יאָרק). צו יענער צייט איז געווען אַ מנהג, אַז אויב דער חתן איז ניט געווען פון דער זעלבער שטאָט וואו די כלה האָט געוואוינט, איז מען אין חופּה־טאָג אַנטקעגנגעפאָרן דעם חתן פון דער כלהס צד. אויב דער חתן איז געווען אַ לערנער, זענען צווישן די מענטשן וואָס זענען אים אַנטקעגנגעפאָרן אויך געווען יונגעלייט וואָס קענען לערנען. ווען מיר זענען געווען עטלעכע ווערסט פון סאָכאַטשעוו האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ קרעטשמע צוצוואַרטן ביז די מחותנים פון דער כלהס צד וועלן אָנ־קומען. דער טאָג איז געווען זייער אַ הייסער. די זון האָט געברענט מיט דער פולער קראַפט. איך האָב אַ גאַנצן טאָג ניט געהאַט געגעסן אָדער געטרונקען, ווייל דער מינהג איז געווען אַז חתן־כלה האָבן געפאַסט אַ גאַנצן טאָג ביז נאָך דער חופּה. אַזוי ווי מיר האָבן געוואַרט ביי דער קרעטשמע אַ לאַנגע צייט, האָט מיין געשוועסטערקינד לייבוש מיך געפרעגט צי איך וויל עסן אָדער טרינקען, וועט ער מיר ברענגען. מיר זענען אַריינגעגאַנגען אין אַ ליידיקער שטוב. לייבוש האָט מיר אַריינ־געבראַכט אַ גרויס טעפּל מילך מיט קוכן. נאָכן אָפּעסן האָט לייבוש אָפּגעווישט די קרישקעלעך פון טיש און האָט מיר געזאָגט איך זאָל אָפּווישן די וואָנצעס און ס׳בערדל, עס זאָל ניט זיין קיין סימן אַז איך

האָב געגעסן. ווי נאָר מיר זענען אַרויסגעגאַנגען, זענען אָנגעקומען דריי וועגענער צו צוויי פערד יעדער און האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי דער קרעטשמע. אויף די וועגענער זענען געווען אַ סך בחורים מיט לאַנגע פאות און סתם יונגעלייט. עס זענען אויך געקומען די כלה׳ס צוויי ברידער, וועלכע האָבן געטראָגן דריי פערטלדיקע קאַפּאָטעס. איך האָב זיי אַלעמען געגעבן שלום. די יונגעלייט האָבן באַלד מיט מיר אָנגעהויבן רעדן וועגן תורה. באַלד איז צוגעקומען מיין געשוועסטערקינד לייבוש און האָט געזאָגט: „עס וועט שוין זיין גענוג גערעדט, איר פאַסט ניט אַזאַ לאַנגן זומער־טאָג, אָבער דער חתן פאַסט, לאָמיר פאָרן!״ יעדער האָט פאַרלאַנגט אַז איך זאָל פאָרן אויף זיין וואָגן. לייבוש האָט געזאָגט אַז איך מוז פאָרן אויפן וואָגן וואו די כלה׳ס ברידער פאָרן. ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין סאָכאַטשעוו זענען מיר אַריינגעגאַנגען אין רבס הויז. די כלי־זמרים האָבן געשפילט. עס זענען שוין דאָרט געווען אַ סך חתונה־געסט ווי אויך מיין צוקונפטיקער שווער. אויף די טישן זענען געשטאַנען פאַרשיידענע געטראַנקען און צובייסנס. ביים טיש וואו איך בין געזעסן, האָבן זיך אויסגעזעצט די בחורים. מיר האָבן געשמועסט וועגן תורה. איך האָב פאַר זיי געזאָגט אַ שיעור פון דער גמרא נדרים מיטן ר״ן. דער סאָכאַטשעווער רב האָט זיך צוגעהערט און האָט געזאָגט אַז איך געדענק זייער גוט די גמרא, וואָס איך האָב ביי אים געלערנט. לייבוש האָט געמאָנט ביים רב, מען זאָל שוין פירן חתן־כלה צו דער חופה. דער חתן און די כלה פאַסטן דאָך אַזאַ לאַנגן הייסן זומער־טאָג. די פינף כלי־זמרים האָבן אויפגעשפילט. יעדער פון די פאַרזאַמלטע מחותנים האָט געהאַלטן אין האַנט אַן אָנגעצונדן ליכט. די כלי־זמרים האָבן אויפגעשפילט אַ חופה־מאַרש, דער פעטער אברהם און די מומע האָבן מיך אָנגענומען אונטער די אָרעמס. די כלי־זמרים האָבן געשפילט אויף די הויכע טענער און — מען פירט מיך צו דער חופה. איך בין געגאַנגען מיט זייער ניט קיין פריילעך געמיט, איך האָב ביי זיך געטראַכט אָט האָב איך שוין חתונה און וואָס וועט זיין נאָך דער חתונה? — קיין גוטער וועבער בין איך ניט, קיין סך געלט האָב איך ניט. אַזוי גייענדיק האָבן מיינע פיס געציטערט, אין קאָפּ האָט געשווינדלט פון טראַכטן כסדר דאָס זעלבע: מען פירט מיך צו דער חופה, כ׳וועל חתונה האָבן, אָבער וואָס וועל איך טאָן נאָך דער חתונה? — דער פעטער יעקב וועט מיר מסתמא ניט געבן קיין באַשעפטיקונג, ווען ער וואָלט מיר געוואָלט געבן, וואָלט ער דאָך מיר געזאָגט איידער איך בין אַוועקגעפאָרן צו דער חתונה. קיין גוטער וועבער בין איך ניט. נו, וועל איך ווערן אַ קרעמער. אָבער מיט וועלכן געלט? — מיטן געלט וואָס וועט מיר איבערבלייבן פון

נדן וועל איך אפשר קענען מאַכן זיך אַ קליין שפּייז־געוועלבל. בעת איך האָב געטראַכט האָבן די כּלי־זמרים געשפּילט אויף די גאַנץ הויכע טענער, ספּעציעל דער פּויקער האָט אַזוי שטאַרק געפּויקט, ווי ער וואָלט מיך געוואָלט אויפוועקן פון מיינע דמיונות. און אָט פירט מען מיך אַרונטער אונטער די פיר דרענגלעך און אויף די דרענגלעך איז פאַרצויגן אַ פּורפּל שטיק פּליוש אויף וועלכן עס איז אויסגעהאַפט מיט גאָלד „קול ששון וקול שמחה, קול חתן וקול כּלה". און איך הער ווי עס דערנענטערן זיך די הויכע טענער פון דער מוזיק. מען פירט די כּלה וואָס איז געווען אָנגעטאָן אין אַ לאַנג ווייס קלייד, דער קאָפּ פאַרדעקט מיט אַ ווייס טוך. ווייבער און מיידלעך טאַנצן פאַר איר. דער רב און די רביצין זענען אירע אונטערפירערס, זיי ברענגען זי אונטער דער חופּה, פירן איר אַרום מיר עטלעכע מאָל און שטעלן זי אַוועק לעבן מיר. דער רב איז געווען דער מסדר־קידושין. ער האָט געמאַכט אַן אל מלא רחמים נאָך מיין פאָטער און נאָך דער כּלהס מו־טער. איך און די כּלה האָבן זיך געווישט די טרערן פון די אויגן. דער רב האָט געמאַכט די ברכה בורא פּרי הגפן און האָט געגעבן דער כּלה און מיר צו טרינקען פון דעם זיסן ווייַן. ווען איך האָב מיין כּלה אָנגעטאָן דאָס פינגערל וואָס דער רב האָט פריער באַטראַכט דעם ווערט דערפון און איך האָב געזאָגט דעם „הרי את מקודשת לי", האָב איך שוין געוואוסט אַז איך האָב אויף זיך גענומען אַן עול, וועלכן איך וועל מוזן טראָגן און עס וועט מיר גאָר ניט העלפן מיין טראַכטן. עס האָט זיך אָבער ווי פון זיך אַליין ווייטער געטראַכט, און אַזוי ווי איך האָב געטראַכט, האָט דער רב אַוועקגעלייגט אויף דער ערד אַ ווייס טיכל און האָט געזאָגט צו מיר: חתן, גיב אַ שטאַרקן טריט אויף דעם ווייסן טיכל, דאָס גלעזל האָט געטאָן אַ קנאַק אונטער מיינע פיס און באַלד האָבן זיך דערהערט פרייִלעכע אויסגעשרייען: מזל־טוב חתן, מזל־טוב כּלה. די כּלי־זמרים האָבן ווידער אויפגעשפּילט אויף די הויכע טענער. בעת מיר זענען געגאַנגען, האָבן ווייבער און מענער געטאַנצט פאַר אונדז, חתן־כּלה. יעדער פון די מחותּנים האָט געהאַלטן אַן אָנגעצונדן ליכט וואָס האָט באַלויכטן דעם וועג פון שול ביז צו דעם הויז וואו דאָס חתונה־מאָלצייט איז געווען צוגעגרייט. באַלויכטן דעם וועגן האָבן ניט בלויז די מחותּנים, נאָר ביי די געוועלבער און אין די פענצטער זענען מענטשן געשטאַנען מיט אנגעצונדענע ליכט און נאַפּט־לאָמפּן כּדי צו באַלייכטן אונדז דעם וועג און אַלע האָבן הויך אויס־געזונגען: „מזל־טוב חתן, מזל־טוב כּלה!" צווישן די זייטיקע ווינטשערס איז אויך געווען מיין שווערס קאָנקורענט, וואָס האָט געהאַט זיין גע־שעפט אַנטקעגנאיבער און פלעגט אַ גאַנץ יאָר אַוועקשלעפּן קונים פון

מיין שווער. אויך ער האָט געשריגן: „מזל־טוב חתן, מזל־טוב כלה! מזל־טוב מחותנים!". מען האָט מיך און די כלה אַרויפֿגעפֿירט אויף אַן אויבערשטן שטאָק אין דעם הויז וואו די חתונה־מאַלצייט איז געווען. איין ברעטל פֿון אַ טרעפּ איז געווען אויסגעבראָכן און איינער האָט זיך געמוזט אָנהאַלטן אין צווייטן אַריבערצושפּרינגען די צעבראָכענע טרעפּ. מען האָט אונדז אַריינגעפֿירט אין אַ שטוב. דאָרט האָבן מיר איבערגעביסן דאָס פֿאַסטן אַ זומערטאָג און מיר האָבן זיך צעקושט. דאָס איז געווען דער ערשטער קוש וואָס איך האָב געגעבן מיין כלה זינט נאָך די תנאים.

דאָס חתונה־מאַלצייט איז געגעבן געוואָרן אין צוויי גרויסע שטובן. עס זענען געווען אַ סך געסט, אַ בדחן האָט געזונגען און געזאָגט גראַ־מען און חסידישע וויצן. נאָכן עסן האָט ער אַוועקגעשטעלט אויפֿן טיש אַ גרויסן טעלער און האָט אויסגערופֿן: „דרשה־געשאַנק פֿון חתנס צד, דרשה־געשאַנק פֿון דער כלהס צד". אַז איינער האָט געגעבן דרשה־געשאַנק אַ גרויסן זילבערנעם רובל, האָט דער בדחן אויסגערופֿן אַז יענער האָט געגעבן צוויי רובל, כדי אַ צווייטער זאָל געבן מער. איך האָב צוגערופֿן דעם בדחן און האָב אים געגעבן די פֿינף רובל וואָס דער סטריקאָווער רבי ר' מאָטל האָט מיר געגעבן דרשה־געשאַנק. האָט דער בדחן אַ זאָג געטאָן דעם פּויקער, ער זאָל פּויקן הויך, אַז עס זאָל שטיל ווערן. נאָך דעם האָט ער אויסגערופֿן אַז ער האָט צו זאָגן אַ גרויסע נייעס. ער האָט געהייסן די כלי־זמרים אויפֿשפּילן אַ פֿריי־לעכס און האָט זיי געזאָגט, אַז ווען ער וועט דערמאָנען דעם נאָמען, זאָלן זיי אויפֿשפּילן אַ חסידישן טאַנץ. אַלע געסט האָבן זיך אויסגע־שטעלט אין רעדלעך צו זיין גרייט צום טאַנצן. די מענער האָבן גע־האַלטן אין די הענט גרויסע פּאַטשיילעס, די פֿרויען האָבן אָנגענומען פֿאַר די שפּיצן פֿון די פּאַרטשיילעס וואָס די מענער האָבן געהאַלטן, אַזוי גרייט צום טאַנצן. דער בדחן האָט אויסגערופֿן אַז מורה מורינו הרב הגאון שליטא, דער גרויסער רבי און בעל־מופֿת און מחבר פֿון ספֿרים (און האָט דערביי אויסגערעכנט די נעמען פֿון די ספֿרים), דער רבי ר' מאָטל פֿון סטריקאָוו האָט געגעבן פֿינף רובל דרשה־געשאַנק. דאָ האָבן די כלי־זמרים אָנגעהויבן שפּילן אַ חסידישן טאַנץ און דער עולם האָט געטאַנצט אַז די ווענט האָבן זיך אַזש געטרייסלט. די טענץ און געזאַנגען פֿון די סטריקאָווער חסידים האָבן אָנגעהאַלטן אַ לאַנגע צייט. אַז איינער פֿון די טענצער איז מיד געוואָרן טאַנצנדיק און האָט זיך געוואָלט אַוועקזעצן, האָט מיין פֿעטער אהרן, אַ סטריקאָווער חסיד, אים אַוועקגעשלעפּט פֿון טיש און געשריגן צו אים: „און אַז דו ביסט אַן אַלעקסאַנדערער חסיד, מעגסטו אויך טאַנצן לכבוד דעם סטריקאָווער

רבין, זאָל לעבן. ווען דער אַלעקסאַנדערער רבי וואָלט דאָ געווען, וואָלט ער אויך געטאַנצט לכבוד דעם סטריקאָווער רבין". און דער אַלעקסאַנדערער חסיד האָט ווייטער געמוזט טאַנצן בעל־כרחך. אָבער סוף־כל־סוף איז דער פעטער אהרן אויך מיד געוואָרן און האָט געמוזט זיך אָװעקזעצן. ער האָט געזאָגט אַ תירוץ אַז ער מוז זיך אָפּרוען ווייל ער וועט באַלד דאַרפן טאַנצן דעם מצווה־טאַנץ. באַלד האָט מען טאַקע אָנגעהויבן טאַנצן דעם מצווה־טאַנץ. ווען איך מיט מיין כלה האָבן געטאַנצט דאָס מצווה־טענצל, האָט דער פעטער אהרן זיך אָנגעטאָן אַ קופּערנע פאַן אויפן קאָפּ און מיטגעטאַנצט מיט אונדז.

צו מאָרגנס, ווען איך בין געגאַנגען אין שול אַריין דאַווענען, האָט מען מיר פון אַלע זייטן נאָכגעקוקט און געטייטלט: „דער חתן גייט." אין שול האָבן מיר די בעלי־בתים געגעבן שלום און געוואונטשן מזל־טוב און מען האָט מיר געגעבן אַ שיינע עליה.

יעדן טאָג פון די שבע־ברכות בין איך געגאַנגען שפּאַצירן מיט מיין ווייב. מיר האָבן כסדר גערעדט וואָס מיר זאָלן טאָן פאַר פּרנסה. מיין פרוי האָט געהאַלטן, אַז מיר זאָלן פאָרן קיין לאָדזש מאַכן זיך אַ שפּייז־געוועלבל. איך האָב געטענהט אַז מיט דעם געלט וואָס וועט אונדז איבערבלייבן פון נדן נאָכן קויפן מעבל, וועלן מיר קענען קוים מאַכן אַ קליין געוועלבל און ווער ווייסט צי מיר וועלן האָבן פּרנסה פון אַ קליין געוועלבעלע. איך האָב ביי זיך געטראַכט אַז דאָס בעסטע וואָלט געווען מיר זאָלן פאָרן קיין אַמעריקע, אָבער איך האָב נאָך דערווייל אָפן וועגן דעם נישט געוואָלט רעדן, ווייל איך האָב זי דאָך נאָך ניט גוט געקענט. מיר זענען דאָך ערשט אַ פּאָר טעג נאָך דער חתונה. איך האָב פשוט מורא געהאַט, זי זאָל וועגן דעם ניט דערציילן איר פאָטער. איין מאָל, גייענדיק אַזוי שפּאַצירן, האָב איך געזאָגט צו מיין פרוי: „רייזל, איך האָב מיט דיר צו ריידן וועגן עפּעס זייער וויכטיקס, אָבער דאָס מוז בלייבן בלויז צווישן אונדז: איך זע ניט קיין אַנדער וועג ווי נאָר מיר זאָלן באַלד פאָרן קיין אַמעריקע. אין אַמעריקע וועלן מיר ביידע אַרבעטן ביז מיר וועלן זיך איינאָרדענען. אין אַמעריקע לעבט אַן אַרבעטער בעסער, ווי עס לעבט אַ גביר אין פּוילן, נאָך אַ צייט וועל איך אַליין אַרבעטן, ווייל כ'וועל שוין מסתּמא פאַרדינען גענוג. מיר זאָלן קענען האָבן אַ קינד." זי האָט געענטפערט אַז זי וואָלט צוגעשטימט צו דעם, אָבער זי וויל ניט מצער זיין איר פאָטער, ווייל זי איז דאָס ערשטע קינד וואָס ער האָט חתונה געמאַכט און עס וועט זיין אַ חרפּה פאַר אים. ער וועט זיך שעמען אַרויסצוגיין אין גאַס. מענטשן וועלן זאָגן — אַ שיינעם איידעם האָט זיך נפתלי זייגערמאַכער גענומען. און היינט — וואָס וועט מען רעדן אויפן רב,

אויב זיין געשוועסטערקינד וועט פֿאָרן קיין אַמעריקע און וועט דאָרט אפשר ווערן אַ גוי?! — איך האָב איר געזאָגט, אַז איך בין גרייט צו וואַרטן ביז זי וועט צושטימען דערצו און זאָל זי ניט מורא האָבן, אַז איך וועל פֿון איר אַנטלויפֿן. זי האָט געהאַלטן אַז דערווייל זאָלן מיר פֿאָרן קיין לאָדזש און מאַכן אַ שפּייז־געוועלבל, אויב מיר וועלן ניט האָבן קיין פּרנסה פֿון געוועלבל, וועלן מיר פֿאָרן קיין אַמעריקע. איך האָב פֿיר וואָכן געגעסן קעסט ביי מיין שווער און כ'בין אַוועקגעפֿאָרן קיין לאָדזש זוכן פּרנסה.

פֿאָרנדיק קיין לאָדזש מיט דער באַן האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אין סטריקאָוו ביי מיין פֿעטער יעקב מאָרגענשטערן. איך האָב געטראַכט, אַז כ'וועל אים בעטן, ער זאָל מיר געבן עפּעס אַ באַשעפֿטיקונג אין איינעם פֿון זיינע הייזער אָדער אין אַ וואַלד. כאָטש איך האָב קיין שום ידיעה אין האָלץ ניט געהאַט, נישט איך האָב געוואוסט וואָס פֿאַר אַ בוים איז גוט צו זעגן אויף דינע ברעטער און וואָס פֿאַר אַ אויף גראָבע ברעטער, איך האָב נישט געוואוסט וואָס אַ קוביק איז. איך האָב אָבער גערעכנט, אַז נאָר אַ קורצער צייט וועל איך זיך דאָס אַלץ אויסלערנען. ווען איך בין אַריינגעקומען, האָבן מיך דער פֿעטער און די מומע אויפֿגענומען מיט אַ גרויסן ברוך־הבא און אַ מזל־טוב. אָבער זיי האָבן מיך נישט געפֿרעגט וואָס איך טראַכט צו טאָן. אַזוי ווי ער האָט מיך נישט געפֿרעגט, האָב איך אים געזאָגט אַז איך פֿאָר קיין לאָדזש זוכן אַ באַשעפֿטיקונג, אָבער איך בין ניט זיכער צי איך וועל געפֿינען און איך האָב נישט גענוג געלט, איך זאָל קאָנען זיך מאַכן אַ געוועלב, און אויב איך וועל שוין יאָ זיך מאַכן אַ געוועלבל, בין איך דאָך נישט זיכער אַז מיר וועלן זיך דערפֿון קענען דערנערן. דער פֿעטער האָט מיר געזאָגט: „דו ווייסט דאָך אַז אין יעדן הויז מיינעם אין לאָדזש האָב איך אַ זשאָנדצע און איך קען דאָך זיי ניט אָפּזאָגן פֿון די שטעלעס, צוויי אָנגעשטעלטע אין איין הויז דאַרף איך נישט און צו אַ וואַלד קען איך דיך ניט נעמען, ווייל וואָס ווייסטו דען וועגן האָלץ־חשבונות? פֿון דער צווייטער זייט, האָסטו ערשט חתונה געהאַט, נו וועסטו זיך אַריינציען אין אַ גרויסן וואַלד, וואָס פֿאַרנעמט מיילן אין דער לענג און אין דער ברייט און וואָס געפֿינען זיך אַזש אין ראַדאָמער גובערניע? מיט וועמען וועט זיך דיין ווייב חברן אין וואַלד, מיט די פֿייגל, מיט די האָזן און מיט די וועוויערקעס? מיין עצה איז: פֿאָר קיין לאָדזש, וועסטו געפֿינען באַשעפֿטיקונג איז גוט און אויב נישט וועסטו זיך טאַקע מאַכן אַ געוועלבל. לאָדזש איז דאָך אַ גרויסע יידישע שטאָט, וואו עס דערנערן זיך טויזנטער יידן, וועסטו זיך אויך דערנערן." איך בין אַוועק פֿון פֿעטער יעקב און כ'בין געפֿאָרן קיין לאָדזש. פֿאָרנדיק אויף דער באַן האָב איך זיך געטראַכט אַז ער מוז מיך נאָך אַלץ חושד זיין,

אַז איך האָב געוואוסט, אַז זיין אייניקל דוד־יהודה גרייט זיך צו אַנטלויפן און צו צונעמען ביי אים געלט.

אין לאָדזש בין איך אַוועק צו מיין פריינד אַלטער אויסצוגעפינען צי ביי די וועבערס איז דאָ אַרבעט. אָבער איך האָב אים ניט געדאַרפט פרעגן, ווייל איך האָב באַלד דערזען אַז ער אַליין אַרבעט אויף איין וועב־שטול און די איבעריקע שטייען ליידיק. ביי אַנדערע וועבערס האָב איך געזען דאָס זעלבע. אַלע האָבן מיר געזאָגט, אַז מען פאַרדינט זייער ווייניק, אַז אין די גרויסע פאַבריקן אַרבעט מען בלויז צו צוויי, דריי טעג אַ וואָך, אַז עס הערשט אַ ביטערע נויט צווישן אַלע אַרבעטער אין לאָדזש, אַז די פּאָליציי מאַכט מאַסן־אַרעסטן צווישן די אַרבעטער, מען לאָזט זיי ניט אָפּהאַלטן קיין פאַרזאַמלונגען און אַז די פּאָליציי זעט עטלעכע מענטשן שטיין צוזאַמען אין גאַס און רעדן, צעטרייבט מען זיי און אויב מען גייט זיך באַלד ניט פונאַנדער, אַרעסטירט מען. יעדע נאַכט מאַכט די פּאָליציי „אָביסקעס" אין די הייזער און אַ סך ווערן אַרעסטירט. ביי נאַכט האָט מען מורא אַרויסצוגיין אין גאַס מען זאָל ניט כאַפּן פון אַ זעלנער אַ קלאַפּ מיט אַ פּריקלאַד. מען האָט אויך מורא, מען זאָל ניט ווערן באַראַבעוועט פון אַרבעטסלאָזע. אַז איך האָב דאָס אַלץ דערהערט, בין איך פאַרצווייפלט געוואָרן. איך האָב געטראַכט: כ'האָב חתונה געהאַט צו דער ריכטיקער צייט!! איך האָב זיך געבראָכן דעם קאָפּ: וואָס זאָל איך איצט טאָן? זאָל איך אַרבעטן ביי וועבעריי — זע איך ניט כ'זאָל קענען פאַרדינען אויף לעבן; זאָל איך זוכן אַן אַנדער באַשעפטיקונג — הערשט איצט אין לאָדזש אַ גרויסע אַרבעטסלאָזיקייט און איך קען דאָך ניט אַהיימפאָרן און זאָגן מיין פרוי אַז איך ווייס ניט וואָס צו טאָן. בלייבן ביים שווער קען איך אויך ניט( ווייל ער האָט אַ זייער קליינע וואוינונג, און ווען ער וואָלט יאָ געהאַט פּלאַץ, קען איך דען זיצן ביי אים אויף קעסט? ער איז דאָך ניט קיין גביר. ניט איך וויל לערנען, ניט איך וויל עסן קעסט, איך וויל פאַרדינען אויף פּרנסה מיט מיין אייגענער אַרבעט. איך האָב מורא געהאַט צו פאַרבלייבן אין לאָדזש, ווייל מען האָט מיינע פריינד גרינבערגן און דעם גרויסן אברהם פאַרשיקט אויף אַ יאָר אין דער לענטשיצער טורמע און יצחק פּיאָנטקערס יינגערע טאָכטער האָט מען פאַרשיקט אויף צוויי יאָר אין דער פּיעטריקאָווער טורמע. האָב איך באַשלאָסן ניט אַהיימצופאָרן ביז איך וועל ניט געפינען אָדער אַרבעט, אָדער עפּענען אַ שפּייז־געוועלבל. איך האָב געזוכט אַ געוועלב אין אַ גאַס וואו עס וואוינען פאַבריק־אַרבעטער. זיי האָבן טאַקע איצט ניט קיין אַרבעט, אָבער דער קריזיס וועט דאָך ניט אייביק אָנהאַלטן. איך האָב קיין ליידיק געוועלב ניט געפונען. איך האָב געקענט אָפּקויפן אַ גרויס בשמים־געוועלב פאַר פינף הונדערט רובל. אָבער אַזוי פיל געלט האָב איך ניט געהאַט.

### קאַפּיטל 31

# אין לאָדזש: אַ קרעמער און אַ קאָנספּיראַטאָר

אין לאָדזש האָט געוואוינט מיין פאָטערס אַ געשוועסטערקינד, עמנואל אונגער. בין איך געגאַנגען צו אים האַלטן זיך מיט אים אַן עצה. אפשר ווייסט ער, ווער עס וויל פאַרקויפן אַ שפּייז־געוועלב, ווייל ער האָט פאַר־קויפט וואַש־סאַדעס אין די געוועלבער. ער האָט מיר צוגעזאָגט אַז זיין אײדעם האָט אַ שפּייז־געוועלב ביי גייערס מאַרק, וואו עס גייען דורך זייער אַ סך אַרבעטער צו די פאַבריקן. ער האָט פון דעם געוועלב פּרנסה בריוח. איך האָב אים געפרעגט: אויב אַזוי, פאַר וואָס וויל ער עס פאַר־קויפן, איז זיין ענטפער געווען אַז זיין טאָכטערס איינציקער קינד איז דערשטיקט געוואָרן ביינאַכט, ווען דאָס קינד איז געשלאָפן מיט איר מאַן אין איין בעט און זיין טאָכטער שעמט זיך פאַר די שכנים, ווייל מען זאָגט אַז זי האָט בכיוון דערשטיקט דאָס קינד. צוליב דעם ווילן זיי פאַרקויפן דאָס געוועלב. איך בין אַהין אַוועק. דאָס געוועלב איז געווען אַ קליינס. הינטערן געוועלב איז געווען אַ שמאָלע לאַנגע שטוב. איך בין אַדורכ־געקומען וועגן פּרייז און כ׳האָב געקויפט דאָס געוועלב. דעמאָלט בין איך געפאָרן ברענגען מיין פרוי. מיר האָבן געקויפט מעבל, נישט קיין סך, ווייל דאָס צימער איז געווען אַ קליינס און געלט האָבן מיר אויך געהאַט ווייניק. אָבער ווי ווייניק מעבל מיר האָבן ניט געקויפט, איז אונדז אַלץ געבליבן ווייניק געלט איינצוקויפן סחורה פאַרן געוועלבל.

אין דעם צווייטן הויז פון אונדזער געוועלבל איז געווען אַ צווייט שפּייז־געוועלב וואָס האָט מיט מיר געפירט אַ שטאַרקע קאָנקורענץ. מיר האָבן זייער ווייניק געלייזט. אויב אַ קונה איז אַריינגעקומען צו אונדז האָט ער געוואָלט, מיר זאָלן אים געבן סחורה אויף באָרג. אין אָנהייב האָבן מיר ניט געוואָלט פאַרקויפן אויף באָרג, אָבער אַז מיר האָבן ניט געלייזט, זענען מיר געצוואונגען געווען צו באָרגן. האָבן מיר טאַקע גע־לייזט מער, אָבער אָן מזומן. מיר האָבן אויך געהאַט אַ ביסל יידישע קונים וואָס האָבן געקויפט פאַר מזומן. ווען מיר האָבן זיך שוין געהאַט אַ ביסל איינגעאָרדנט, האָב איך געלאָזט וויסן מיינע לאָדזשער פריינד וואו מיר וואוינען. שבת זענען אַ סך פריינד אונדז געקומען באַזוכן. זיי

האָבן אונדז געבראַכט מתנות. מיר האָבן פאַרבראַכט אַן אנגענעמען טאָג, מ׳האָט געגעסן, געטרונקען און געזונגען. מיר האָבן אויך גערעדט וועגן געשעענישן אין דער לאָדזשער סאָציאַליסטישער און אַרבעטער־באַוועגונג ווי אויך וועגן געשעענישן אין די שטעט מיט וועבער־פאַבריקן, ווי זגיערזש, פּאַביאַניץ, אָזערקאָוו און טאָמאַשעוו. פון דעמאָלט אָן פלעגן כמעט יעדן שבת ביי מיר אין שטוב זיך צוזאַמענקומען סאָציאַליסטן און טוערס פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראייניגען און מיר האָבן געשמועסט וועגן פּאַרטיי־פראַגן, וועגן שטרייקן אאַז״וו. אויפן טיש זענען שטענדיק געשטאַנען פלעשער מיט ביר און צובייסנס, ווייל טאָמער קומט אַריין פּאָליציי, זאָל מען קענען זאָגן אַז דאָס זיינען געסט צום פאַרוויילן זיך.

אויף דער סטאַרע זשאַרזשעווסקע גאַס נומער 65 האָט זיך געפונען אַ גרויס הויז מיט אַ גרויסן הויף, וואו עס האָבן זיך געפונען שטאַלן פאַר פערד. די רעגירונג האָט אָפּגעדונגען אַ סך וואוינונגען אין דעם הויז און האָט דאָרטן באַזעצט מיליטער און אַן אונטער־פּאָלקאָווניק. דאָס איז געטאָן געוואָרן כדי צו קענען גיך אַרויסשיקן מיליטער אונטערצודריקן די אָפטע סטרייקן און אומרועןן אין יענער געגנט, וואו עס האָבן זיך געפונען אַ סך פאַבריקן. דאָס מיליטער פלעגט טאַקע מאַכן אַ סך אַרעסטן אין יענער געגנט, ווייל דער אונטער־פּאָלקאָווניק איז געווען אַן אכזר. ער פלעגט זיך באַגיין אכזריותדיק ניט נאָר מיט די שטרייקערס, נאָר ער פלעגט אויך פּרייטיק צו נאַכטס אָדער שבת אין דער פרי און אפילו אין וואָכנטעג בעתן דאַווענען באַפאַלן חסידישע־שטיבלעך, חברות אָדער דאָס בית־המדרש און אָנהויבן אַדורכפירן אַ רעוויזיע. אַז מען האָט אים געזאָגט אַז דאָ איז אַ געבעט־הויז, האָט ער געענטפערט: „נו, אויב עס איז אַ געבעט־הויז, טאָ פאַר וואָס זינגט איר און שרייט אַזוי הויך?״ ער האָט דאָרט ניט איין מאָל געמאַכט אַרעסטן און אָוועקגעפירט די דאַווענערס אין אוטשאַסטאַק אַריין. אַז דער רעוויראָווי אָדער דער פּריסטאַוו האָט אים געפרעגט, פאַר וואָס ער האָט די יידן אַרעסטירט, האָט ער געענטפערט, אַז ער האָט זיי געטראָפן פאַרזאַמלט אין אַ גרויסער שטוב. זיי האָבן געלעזן ביכער און האָבן הויך געזונגען. די אַרעסטירטע האָבן געוויזן דעם פּריסטאַוו זייערע טליתים און סידורים. דער פּריסטאַוו האָט נאָכגעקוקט אין אַ בוך וואו עס זענען געווען פאַרשריבן די אַדרעסן פון די חסידים־שטיבלעך און חברות וואָס זענען דערלויבט און ער האָט דערקלערט דעם אונטער־פּאָלקאָווניק אַז אין דעם הויז איז דערלויבט אַ שטוב וואו מען מעג זיך צוזאַמענקומען דאַווענען און אויך זינגען, ווייל יידן זינגען ביים דאַווענען. אַזעלכע אַרעסטן פלעגן פאָרקומען אין אַ סך געגנטן פון לאָדזש, ביז די רבנים האָבן זיך געווענדט צום פּאָליציי־

מייסטער פון לאָדזש אַז מען שטערט די יידן צו דאַווענען, ערשט דעמאָלט האָבן זיך אָפּגעשטעלט די רעוויזיעס אין די בתי־מדרשים, חסידים־שטיבלעך און חברות.

אַז די פירערס פון „בונד" און פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָבן זיך דערוואוסט אַז מען האָט פּאַרבאָטן צו אַרעסטירן די דאַווענערס אין די חסידים־שטיבלעך און אין די חברות, האָבן זיי דאָרט אָנגעהויבן איינאָרדענען פּאַרזאַמלונגען. אַזעלכע פּאַרזאַמלונגען זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ לאַנגע צייט און אין אַ סך געגנטן פון שטאָט, ביז מען האָט געמסרט דער פּאָליציי. און די פּאָליציי האָט אויף דאָס ניי אָנגעהויבן מאַכן אַרעסטן אויף די דאַווענערס. אַזאַ איבערפּאַל האָט די פּאָליציי געמאַכט אין אַ חסידים־שטיבל, וואָס האָט זיך געפונען אין שכינותדיקן הויז וואו איך האָב געוואוינט. אָבער מען האָט אַלע באַפרייט, ווייל מען האָט ביי זיי ניט געפונען קיין אומלעגאַלע פּאַפּירן אָדער ביכער. דער אונטער־פּאָלקאָווניק פון דער סטאַרע־זשאַרזשעווסקע 65, וועלכן מען האָט אין די סאָציאַליסטישע קרייזן גערופן „דער המון פון דער סטאַרע־זשאַר־זשעווסקע גאַס", האָט גערודפט ניט נאָר די סאָציאַליסטן און שטרייקערס, נאָר אויך די קרעמערס וואָס האָבן געהאַט געוועלבלעך אין יענער געגנט. טאָמער האָט ער געזען אַ געוועלב אָפן זונטיק אין דער פרי, האָט ער דעם אייגנטימער אַרעסטירט און אים געפירט אין אוטשאַסטאָק. אויפן וועג האָבן די זעלנער דעם קרעמער מכבד געווען מיט פריקלאַדן און נישט איין מאָל זענען די אַרעסטירטע געקומען אין אוטשאַסטאַק מיט אונטער־געהאַקטע אויגן און צעבלוטיקטע פּנימער. דער פּריסטאַוו האָט געפרעגט דעם אונטער־פּאָלקאָווניק פאַר וואָס ער האָט דעם קרעמער אַרעסטירט, האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט אָפן געהאַלטן זיין געוועלב. דער קרעמער האָט געטענהט אַז די טיר פון געוועלב איז געווען צוגעמאַכט און קיין פרעמדער מענטש איז ניט געווען אין געוועלב, האָט דער פּריסטאַוו גע־ווינטלעך באַפרייט דעם קרעמער.

אַ געוויסן שבת, ווען עטלעכע חברים זענען געווען ביי מיר, האָבן מיר גערעדט וועגן דער לאַגע: וועגן די אַרעסטן וואָס די פּאָליציי מאַכט לעצטנס, וועגן דעם אַז אין דער גאַס וואו איך וואוין האָט זיך אַריינגע־צויגן אַ רעוויראָווע, וואָס איז פיל ערגער ווי דער אונטער־פּאָלקאָווניק. יעדן טאָג מאַכט ער אַרעסטן; מען פאַרשיקט אַ סך פון די אַרעסטירטע אין די טורמעס אאַז"וו. ברוידע, אַ זייער אינטעליגענטער חבר, האָט געזאָגט, אַז מען וועט מוזן זען עפּעס צו טאָן וועגן דעם, ווייל דער אונטער־פּאָלקאָווניק מיטן נייעם רעוויראָווע מאַכן אוממעגלעך אַז צוויי מענטשן צוזאַמען זאָלן קענען דורכגיין די גאַס. חוהלע, ברוידעס שוועס־טער, אויך אַן איבערגעבענע חברטע און זייער אַן אינטעליגענט מיידל,

האָט געזאָגט אַז מען וועט מוזן די פראַגע באַהאַנדלען אויף אַ פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג און זי איז גרייט צו טאָן וואָס מען וועט איר הייסן.

איין מאָל אַ פרימאָרגן, ווען איך בין געשטאַנען אין מיין געוועלב, האָב איך געהערט אַ געשריי אויף דער גאַס. איך האָב אַרויסגעקוקט פון געוועלב און כ׳האָב געזען ווי זעלבער און פּאָליציי לויפן. זיי האָבן אָפּגעשלאָסן די גאַס און קיינעם נישט געלאָזט אַריין אָדער אַרויס, אַפילו דעם טראַמוויי האָבן זיי ניט געלאָזט אַדורכפאָרן. פּאָליציאַנטן און זעלנער זענען אַריבערגעשפּרונגען דעם פּלויט פון גייערס גאָרטן וואָס איז געווען אַנטקעגנאיבער מיין געוועלב. זיי האָבן געזוכט אין די הייזער. איך האָב זיך באַלד דערוואוסט אַז דער רעוויראָווע איז דערשאָסן געוואָרן ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען פון זיין הויז צום אוטשאַסטאָק. דעם רע־וויראָווים פרוי האָט געזאָגט, אַז דערשאָסן האָט אים שמחה שלמה שניי־דערס. אָבער די זוכונגען האָבן נישט געגעבן קיין רעזולטאַט, מען האָט שמחהן ניט געפונען. אַ לאַנגע צייט נאָך דעם ווי מען האָט דערשאָסן דעם רעוויראָווי, איז מען זיך ניט צוזאַמענגעקומען אין מיין הויז. אין אַ צייט אַרום, אַ שבת, ווען מיינע פריינד זענען געווען ביי מיר צו גאַסט האָבן זיי מיר דערציילט ווי אַזוי דער אַטענטאַט איז אַדורכגע־פירט געוואָרן. אַנטקעגנאיבער דעם הויז וואו דער רעוויראָווי האָט געוואוינט איז געשטאַנען אַ קאַרעטע איינגעשפּאַנט אין צוויי פערד. באַלד נאָך דעם ווי שמחה האָט דערשאָסן דעם רעוויראָווי, איז ער אַריין אין דער קאַרעטע און מען איז מיט אים פאַרשוואונדן. פּאָליציי האָט אים געזוכט אַ לאַנגע צייט אָבער אָן רעזולטאַטן. ווען איך בין געווען אין פּאַריז אין 1910, האָב איך זיך מיט שמחהן געטראָפן אין אַ רעסטאָ־ראַן אויף דער גאַס רי דע לאזיל, אַ געסל לעבן דעם מאָנמאַרט.

אַ היפּשע פּאָר וואָכן שפּעטער, אין אַ שבת, זענען מיינע חברים זיך ווידער צוזאַמענגעקומען אין מיין הויז. מיר האָבן גערעדט וועגן די אַרעסטן וואָס דער אונטער־פּאָלקאָווניק פירט אַדורך אין דער געגנט פון גייערס מאַרק און אַז מען מוז זען עפּעס צו טאָן. איינער פון די חברים האָט געזאָגט אַז מען דאַרף טאָן מיט דעם אונטער־פּאָלקאָווניק אַזוי ווי מען האָט געטאָן מיטן רעוויראָווי. אַ צווייטער האָט געהאַט ספקות צי דאָס וואָלט נישט געברענגט צו אַ פאַרגרעסערונג פון די אַרעסטן. חוהלע ברוידע האָט געזאָגט אַז די פראַגע מוז באַהאַנדלט ווערן אויף אַ זיצונג פון קאָמיטעט. אין אַ צייט אַרום האָט דער שיינער אברהם, וואָס האָט געוואוינט אויף דער זעלבער גאַס מיר געזאָגט, אַז ס׳וועט לאַנג ניט נעמען ווען מען וועט טאָן מיט המנען (ד״ה דעם אונטער־פּאָלקאָווניק) דאָס זעלבע ווי מיטן היובן רעוויראָווי. אַז ער, אָדער חוהלע, וועט מיר זאָגן ווען דאָס וועט געשען. אין עטלעכע טעג אַרום

האָט חוהלע ברוידע מיר געזאָגט, אַז דער אַטענטאַט וועט אַדורכגעפירט ווערן אין אַ מיטוואָך, ווען דער אונטער־פּאָלקאָווניק גייט איינקויפן אויפן מאַרק. צוויי חברים וועלן זיך באַטייליקן אין דעם איבערפאַל. זי וועט מיר געבן צו וויסן, ווען דער איבערפאַל וועט געמאַכט ווערן, כדי איך זאָל ניט זיין אין דער היים. זיי האָבן מיר אָנגעזאָגט אַז וועגן דער גאַנצער זאַך טאָר קיינער ניט וויסן. עטלעכע טעג שפּעטער האָט חוהלע מיר געזאָגט, אַז דעם קומענדיקן מיטוואָך אין דער פרי זאָל איך ניט זיין אין דער היים, ווייל דער איבערפאַל וועט געמאַכט ווערן לעבן מיין געוועלב און אַז די פּאָליציי שפּיאָנירט מיר נאָך. יענעם מיטוואָך בין איך באַלד אין דער פרי אַוועקגעפאָרן איינקויפן סחורה. ווען איך בין אַהיימגעקומען מיט דער איינגעקויפטער סחורה אויף אַ דראָזשקע, איז די גאַס וואו איך האָב געוואוינט, געווען פול מיט פּאָליציי און מיליטער. די ניייעס אַז מען האָט המנען דערשאָסן האָט אָנגעמאַכט אַ רושם אין לאָדזש. די פּאָליציי האָט אָפּגעדרוקט אַ קאָמוניקאַט אין די לאָדזשער צייטונגען אַז זי וועט זיך ניט אָפּשטעלן צו פאַרפאָלגן די סאָציאַליסטן און אַרבעטער־פירערס. אַז זי וועט אָפּענטפערן מיט טעראָר אויף טעראָר, און זי וועט ניט דערלויבן אַז די שטרייקנדיקע זאָלן ניט דערלאָזן אַנדערע אַרבעטער אין די פאַבריקן. די פּאָליציי האָט אַדורכגעפירט אירע סטראַשונקעס מיט דער גרעסטער גרויזאַמקייט. אָבער בונדיסטן און אַנדערע סאָציאַליסטן האָבן ניט אָפּגעשטעלט דאָס אַגיטירן די אַרבעטער און אָנפירן מיט שטרייקן אין די פאַבריקן. די גרויסע צאָל שטרייקן אין לאָדזש און אין די אַנדערע טעקסטיל־שטעטלעך אַרום לאָדזש האָבן געבראַכט דערצו, אַז עס איז געוואָרן אַ גרויסער קריזיס. דער קריזיס האָט אויך מיך געטראָפן, ווייל די אַרבעטער האָבן ביי מיר געקויפט אויף באָרג און אַז זיי האָבן ניט געאַרבעט, אָדער געאַרבעט נאָר צוויי אָדער דריי טעג אַ וואָך, זענען זיי מיר שולדיק געבליבן פון איין וואָך אויף דער צווייטער. אָפּזאָגן זיי ווייטער צו באָרגן האָבן מיר ניט געקענט, ווייל מיר האָבן מורא געהאַט אַז דאָס געלט וואָס קומט אונדז פון זיי וועלן מיר ניט קריגן צוריק. דאָס האָט געבראַכט דערצו אַז אויף די פּאָליצעס פון מיין געוועלב איז יעדן טאָג געוואָרן ווייניקער סחורה און מיר האָבן זיך שטאַרק געמוטשעט מיט פּרנסה.

טאָמער איז די שלעכטע מאַטעריעלע לאַגע געווען ווייניק פאַר אונדז, האָט מיין פרוי געהאַט אַ שווער האָבן מיטן ערשטן קינד. אירע פיין האָבן געדויערט דריי טעג און סוף כל סוף איז געבוירן געוואָרן אַ טויט קינד און ווען דער אַקושער וואָלט ניט געווען קיין גוטער דאָקטער, ווער ווייסט צי מיין פרוי וואָלט געלעבט. די פּאַסירונג איז געווען באַשריבן

אין אַלע לאָדזשער צייטונגען. מען האָט שטאַרק געלויבט דעם דאָקטער. זיין נאָמען איז געווען לוקאַשינסקי.

אונדזער לאַגע איז געוואָרן ערגער פון טאָג צו טאָג. מען האָט מיר מער ניט געוואָלט געבן קיין סחורה אויף באָרג. טאָמער האָט שוין אַ קונה יאָ געוואָלט קויפן פאַר מזומן, האָב איך ניט געהאַט קיין סחורה צו פאַרקויפן. די זעקלעך פון שפּייז זענען געלעגן ליידיקע אויף דער פּאָד־לאָגע פון געוועלב. צוויי פריינד מיינע האָבן מיר געבאָרגט אַ ביסל געלט און מיר האָבן ווייטער געקענט אויפהאַלטן אונדזער געוועלב. מיר האָבן איינציקוויז איינקאַסירט די חובות וואָס זענען אונדז געקומען ביי אונדזערע קונים. (נישט אַלע האָבן באַצאָלט). נאָך דעם האָבן מיר מער ניט פאַר־קויפט אויף באָרג.

אַ געוויסן שבת, ווען מיינע חברים זענען געווען ביי מיר, האָבן זיי מיר דערציילט אַז מאָרגן צוועלף אַזייגער ביי טאָג, ווען די קריסטן גייען אַרויס פון קאָשטשאָל וואָס געפינט זיך לעבן גייערס מאַרק, וועט פאַר־מירט ווערן אַ גרויסע דעמאָנסטראַציע. מען וועט טראָגן רויטע פענער ווי אויך פּלאַקאַטן מיט פאָדערונגען פאַר פרייהייט און ברויט. אויך די בונדיסטן וועלן זיך באַטייליקן אין דער דעמאָנסטראַציע. בעטן זיי מיך, אַז איך זאָל דערלויבן צו באַהאַלטן ביי מיר די פאָן אויף איבער נאַכט. איך האָב מסכים געווען. ווען עס איז געוואָרן פינצטער האָט אברהם־יאַקוב אַריינגעבראַנגט צו אונדז די פאָן. איך האָב די פאָן באַהאַלטן אין בעט אונטערן שטרויענעם שעניק. אַ גאַנצע נאַכט בין איך געלעגן אין בעט מיט שרעק און ניט געקאָנט איינשלאָפן פאַר מורא, אַז מען זאָל די היינטיקע נאַכט ניט מאַכן ביי אונדז קיין רעוויזיע. צו מאָרגנס, זונטיק, אַרום צוועלף אַזייגער ביי טאָג איז אברהם־יאַקוב אַריינגעקומען צו מיר דורך דער הינטער־טיר וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אויפן הויף און האָט צוגענומען די פאָן. ער האָט מיר געוויזן ווי די פאָן מאַכט זיך אויף און מאַכט זיך צו מיט דער הילף פון אַ ספּרוזשינע. אַרום איינס אַזייגער ביי טאָג איז מיין פרויס שטיפשוועסטער, מלכה, אַריינגעקומען צו אונדז און דערציילט אַז עס מאַרשירן אויף דער גאַס זייער אַ סך מענטשן. זיי טראָגן פענער און פּלאַקאַטן. איך בין אַרויס אין דרויסן און געזען ווי אברהם־יאַקוב מאַרשירט און טראָגט די פאָן. די פּאָליציי האָט אָנגעהויבן שיסן אויף די דעמאָנסטראַנטן און אַ סך זענען פאַר־וואונדעט געוואָרן. די דעמאָנסטראַציע איז סוף־כל־סוף צעטריבן גע־וואָרן, אָבער די פענער האָט מען אָפּגעראַטעוועט. אברהם־יאַקוב איז באַלד נאָך דער דעמאָנסטראַציע אַוועקגעפאָרן קיין שווייץ. אָנהויב דריי־סיקער יאָרן איז ער געקומען קיין אַמעריקע. ער וואוינט איצט אין לאָס־אַנדזשעלעס.

אַ פּאָר שעה נאָך דער דעמאָנסטראַציע איז אַריינגעקומען אין מיין געוועלב דער פּריסטאַוו פון גייערס אוטשאַסטאָק. ער האָט מיך געפרעגט צי איך האָב געזען ווער עס האָט געטראָגן די פענער און די פלאַקאַטן. איך האָב אים געענטפערט אַז איך האָב גאָר ניט געזען. אַז איך בין אין גאַנצן ניט פאַראינטערעסירט אין די זאַכן. אַז איך בין די גאַנצע צייט געשטאַנען הינטערן בופעט. איך האָב געהערט עפּעס אַ טומל אין גאַס, מענטשן האָבן געזונגען, בין איך צוגעגאַנגען צו דער טיר פון געוועלב און כ׳האָב געזען מענטשן טראָגן פלאַקאַטן. אָבער איך האָב ניט געזען ווער עס האָט געטראָגן, און כ׳האָב באַלד צוגעמאַכט דאָס געוועלב. האָט ער מיך געפרעגט: אפשר האָט מיין פרוי געזען ווער עס האָט געטראָגן די פענער און די פלאַקאַטן. האָב איך אים געענטפערט אַז זי ווייסט פון גאָרנישט, ווייל זי איז געווען אין קיך. ער האָט באַמערקט מיין פרויס שטיפשוועסטער אין געוועלב, האָט ער מיך געפרעגט ווער איז דאָס מיידל. האָב איך אים געזאָגט, אַז זי איז מיין פרויס שטיפשוועסטער. האָט ער איר געפרעגט צי זי קען די מענטשן וואָס האָבן געטראָגן די פענער, האָט זי אים געזאָגט, אַז זי איז ניט געווען אין געוועלב, ווען מען האָט מאַרשירט אין גאַס.

ווען דער פּריסטאַוו איז אַרויס פון מיין געוועלב איז אַריינגעקומען שלמה גאָלדבערג. אַ שוסטער, וואָס האָט געוואוינט אין דעם זעלבן הויז וואָס איך, און ער האָט מיך געפרעגט וואָס דער פּריסטאַוו האָט געוואָלט, האָב איך אים דערציילט וואָס דער פּריסטאַוו האָט פאַרלאַנגט. האָט דער שלמה שוסטער געזאָגט צו מיר אַז איך האָב יאָ געזען און אויך ער האָט געזען ווער עס האָט געטראָגן די פאָן. אין אַ פּאָר שעה אַרום איז דער זעלבער פּריסטאַוו ווידער אַמאָל אַריינגעקומען צו מיר און מיך געפרעגט, צי איך האָב זיך שוין דערמאָנט ווער עס האָט געטראָגן די פאָן, מען האָט אים געזאָגט, אַז איך ווייס יאָ ווער עס האָט געטראָגן די פאָן, און אויב איך וועל זען אין אוטשאַסטאָק די אַרעסטירטע ביי דער דעמאָנסטראַציע, צי וועל איך דערקענען די פאָן־טרעגערס? איך האָב אים געענטפערט, אַז איך האָב זיך גאָר נישט דערמאָנט, ווייל איך האָב גאָר נישט ניט געזען, טאָ צו וואָס זאָל איך גיין אין אוטשאַסטאָק אָנקוקן די מענטשן? איך האָב פאַר אים געשוואָרן אַז כ׳האָב ניט געזען. דער פּריסטאַוו איז אַוועק.

צו מאָרגנס אין דער פרי האָט שלמה שוסטער מיר דערציילט אַז נעכטן פאַרנאַכט האָט ער געפונען אונטער זיין טיר אַ פּאַפּיר וואו עס איז געווען אָנגעשריבן, אַז אויב ער וויל נאָך לעבן און זיין אַ טאַטע צו זיינע קינדער, זאָל ער האַלטן זיין מויל פאַרמאַכט און זאָל קיינעם ניט זאָגן אַז ער ווייסט ווער עס האָט געטראָגן די פאָן. מען וואָרנט אים

פאַרויס, ווייל מען האָט רחמנות אויף זיין פרוי און קינדער זי זאָל ניט בלייבן אַן אלמנה מיט יתומים. זיינע שכנים האָבן מיר געזאָגט, אַז דעם בריוו האָט אונטערגעלייגט זיין אייגענער זון, וואָס איז נאָך ניט אַלט געווען קיין 18 יאָר, אָבער איז שוין געווען אַן איבערגעגעבענער סאָציאַליסט. שלמה איז געווען אַ גוטער שוסטער, אָבער אַ פּוילישאַק, ער האָט ניט געוואָלט אַרבעטן. אַז שלמה האָט זיך אַ מאָל אַוועקגעזעצט אויפן שוסטער־בענקל, האָט זיין זון געזאָגט צו אים: — טאַטע, דאָס שוסטער־בענקל האָט זיך שוין פאַרבענקט נאָך דיר. דער זון האָט אויך מינדלעך געוואָרנט דעם טאַטן אַז ער זאָל ניט מסרן. דעם זעלבן טאָג האָט מען שלמה שוסטער גערופן אין אוטשאַסטאַק, ער זאָל אָנקוקן די אַרעסטירטע צו דערקענען די, וועלכע האָבן געטראָגן די פענער. שלמה האָט די אַרעסטירטע אָנגעקוקט עטלעכע מאָל און האָט געזאָגט אַז ער דערקענט קיינעם ניט.

עס איז מיר נאָך פאַרבליבן קלאָר אין זכרון דער אויסברוך פון דער רעוואָלוציע פון 1905. די גרויסע פרייד וואָס דאָס האָט אַרויס־גערופן ביי דער גאַנצער באַפעלקערונג. איך דערמאָן זיך ווי איך האָב געשטימט צו דער ערשטער דומע (איך האָב געהאַט שטימרעכט, ווייל כ'בין געווען אַן אייגנטימער פון אַ קראָם). איך בין געפאָרן אויף אַ דראָזשקע צום אָרט וואו מען האָט געשטימט און כ'האָב זיך אַליין ניט געקענט גלויבן, אַז דאָס אַלץ איז אמת. אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען זענען פאָרגעקומען פריי. עס האָבן זיך אָפּגעשטעלט די שטרייקן. ביי מיר איז אויך מאַטעריעל געוואָרן בעסער, ווייל די אַרבעטער האָבן געהאַט אַר־בעט און האָבן מיר אָפּגעצאָלט די חובות. פּונקט אַזוי געדענק איך דעם טרויער וואָס עס האָט אַרומגענומען די גאַנצע באַפעלקערונג, ווען דער צאַר האָט פונאַנדערגעלאָזט די דומע, האָט איינגעפירט אויסנאַם־צושטאַנד און האָט אָפּגעשאַפט די רעשטלעך פרייהייט פון דער רעוואָ־לוציע. עס האָבן זיך ווייטער אָנגעהויבן שטרייקן אין די פאַבריקן אין לאָדזש און אַרום לאָדזש. די פּאָליציי האָט ווייטער אָנגעהויבן מאַכן רעוויזיעס און אַרעסטן. נאָך 10 אַזייגער ביינאַכט האָט מען ניט גע־טאָרט גיין אויף די גאַסן.

## קאַפּיטל 32

# מיט דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג נאָך 1905

באַלד נאָך דעם ווי מען האָט פונאַנדערגעלאָזט די דומע, האָבן מיינע חברים אויפגעהערט אַריינצוקומען צו מיר אין די שבתים, ווייל מען האָט מורא געהאַט פאַר אַרעסטן. איין מאָל איז מיינער אַ חבר אַריינגעקומען צו מיר און האָט מיטגעבראַכט נאָך צוויי מענטשן. ער האָט מיר געזאָגט, אַז זיי זענען לערערס, אַז זיי האָבן אַ דערלויבעניש פון דער רעגירונג צו עפענען אין דער געגנט אַ פּריוואַטע שול פאַר קינדער און דערוואקסענע. זיי ווילן לערנען פּויליש, רוסיש און דייטש. אַ לאָקאַל פאַר אַ שול האָבן זיי געדונגען אויף דער קרוטקע גאַס, ניט ווייט פון אָרט, וואו איך האָב געוואוינט. ער האָט מיר ווייטער דערציילט, אַז די ביידע זענען איבערגעבענע סאָציאַליסטן, אַז איינער איז אַ פאָרשטייער פון „בונד" און דער צווייטער איז אַ פאָרשטייער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, אַז די שול איז נאָר לפנים וועגן, זייער אמתע אויפגאַבע איז אָנצופירן מיט דער סאָציאַליסטישער אַרבעט און מיט שטרייקן אין דער געגנט.

זומער 1906 האָט מיין פרוי געבוירן אַ יינגל. מיר האָבן אים אַ נאָמען געגעבן משה. (ער איז צום באַדויערן פריצייטיק געשטאָרבן אין ניו יאָרק, דעם 15טן פעברואַר, 1952, צו 45 יאָר).

אַנומלט ווען איך בין געזעסן ביי נאַכט אין מיין געוועלב, איז אַריינגעקומען איינער פון די דערמאָנטע לערערס. ער האָט געגעבן אַ זאָג צו מיר: „אונגער, פאַרמאַכט געשווינד דאָס געוועלב." איך האָב תיכף פאַרמאַכט דאָס געוועלב און אויסגעלאָשן די גרויסע נאַפט־לאָמפּ. באַלד נאָך דעם האָט מען אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון מיין געוועלב. מיר זענען ביידע געזעסן זייער שטיל און ניט אַרויסגערעדט קיין איין וואָרט. מיר זענען שטילערהייט אַריבערגעגאַנגען אין דער שטוב הינטערן געוועלב. מיין פרוי און דאָס קינד זענען געשלאָפן. דיימאַנדשטיין, דאָס איז געווען דער נאָמען פון לערער, האָט געזאָגט צו מיר: „חבר אונגער, איר מוזט מיר אַרויסהעלפן. ביי אייך איבערנעכטיקן קען איך ניט, ווייל איך האָב ביי מיר דעם סטעמפּל פון דער פּאַרטיי און אַ

רעוואָלווער. אַהיימגיין מיטן סטעמפּל און מיטן רעוואָלווער קען איך ניט, ווייל אויב מען זאָל מיך אַרעסטירן, בין איך אַן אומגליקלעכער אויף אייביק". איך האָב אים געזאָגט, אַז איך ווייס ניט וואו איך זאָל די צוויי טריפהנע זאַכן באַהאַלטן, ווייל אויב מען זאָל ביי מיר מאַכן אַ רעוויזיע און די זאַכן געפינען, וועל איך און מיין פרוי און קינד אויך זיין אומגליקלעך. אָבער פאַרפאַלן, איך מוז אייך העלפן. גיט מיר דעם סטעמפּל, ליידיקט אויס דעם רעוואָלווער פון קוילן און גיט זיי אַהער."

דעם סטעמפּל האָב איך איינגעוויקלט אין פּאַפּיר און אים אַריינגע־לייגט טיף אין אַ זעקל מעל. דעם רעוואָלווער האָב איך אַריינגעשטופּט אין אַ זאַק אַרבעס. ווען מיר האָבן געהערט אַז אויף דער גאַס איז שטיל, האָט דימאַנטשטיין שוין געוואָלט אַהיימגיין, האָב איך אים צו־געררעדט, ער זאָל וואַרטן נאָך אַ ביסל, אָבער ער האָט געהאַלטן אַז לענגער וואַרטן טויג ניט. האָב איך אים אַרויסגעלאָזט דורך דער הינטערטיר און כ'האָב זיך געלייגט שלאָפן. איך בין געלעגן אין בעט און ניט געקענט איינשלאָפן פון איבערקלערן. סוף־כל־סוף בין איך איינגעשלאָפן. פּלוצלינג האָב איך געהערט קלינגען דעם גלאָק ביים טויער. דער גלאָק האָט גע־קלונגען אַ לאַנגע צייט, ביז דער וועכטער פון הויז האָט אויפגעמאַכט דעם טויער. איך האָב דערהערט דאָס קלינגען פון שפּאָרן. באַלד האָט מען אָנגעקלאַפּט אין מיין טיר. איך האָב זיך ניט אָפּגערופן. אַז מען האָט שוין שטאַרק געקלאַפּט, האָב איך געפרעגט אויף פויליש: „קטאָ טאַם?" האָט מען געענטפערט: „פּנחס, מאַך אויף." איך האָב אויפגעמאַכט די טיר און עס זענען אַריינגעקומען דריי זעלנער, אַן אָפיציר און דער פּאָליציאַנט פון מיין געגנט. איך האָב דעם פּאָליציאַנט געפרעגט אויף יידיש: „קושאַ־רעק, צו וואָס האָסטו זיי צו מיר געבראַכט?" דער אָפיציר האָט קושאַרעקן געפרעגט: „וואָס רעדסטו מיט אים אויף יידיש?" האָט קושאַרעק געענט־פערט דעם אָפיציר, אַז דאָ וואוינט אַ סוחר און האָט אים אָנגעוויזן אויף דער טיר פון געוועלב. דער אָפיציר האָט געזאָגט צו די זעלנער: „לאָמיר גיין, ביי אַ סוחר איז נישטאָ וואָס צו זוכן" און זיי האָבן פאַרלאָזט מיין שטוב. צו מאָרגנס האָב איך זיך דערוואוסט, אַז די פּאָליציי האָט יענע נאַכט געמאַכט אַ סך אַרעסטן אין מיין געגנט. אין שכנותדיקן הויז האָט מען אַרעסטירט די צוויי ברידער קוהן, וואָס זענען געווען זייער אַקטיוו אין דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. איינעם פון די ברידער האָט מען באַפרייט נאָך פיר וואָכן. דעם צווייטן האָט מען פאַרשיקט אויף דריי יאָר קאַטאָרגע.

בכלל זענען אין לאָדזש אין 1906 פאָרגעקומען גרויסע אומרוען, שטרייקן און אַרעסטן. די פאַבריקאַנטן האָבן צוריקגעצויגן די לוין־העכע־רונגען וואָס זיי האָבן געגעבן די אַרבעטער אין דער צייט ווען די דומע

האָט עקזיסטירט. אַ סך פאַבריקאַנטן האָבן ניט נאָר צוגענומען די העכע־רונגען, נאָר האָבן געצאָלט אַ סך ווייניקער ווי פאַר די העכערונגען. אויב די פּאָליציי האָט געזען עטלעכע מענטשן גיין צוזאַמען אויף דער גאַס נאָענט פון אַ פאַבריק וואו מען האָט געשטרייקט, האָט זי זיי באַלד אַרעס־טירט און זיי געהאַלטן עטלעכע טעג אין אוטשאַסטאָק.

אין לאָדזש איז ווידער אויסגעבראָכן אַ גרויסער קריזיס. פילאַנטראָ־פּישע אינסטיטוציעס האָבן אין לאָדזש איינגעאָרדנט פרייע קיכן, וואו אַר־בעטער און זייערע פאַמיליעס האָבן געקענט אָפּעסן אַ פרייען מאָלצייט. די הויז־אייגנטימערס האָבן אָפּט אַרויסגעוואָרפן פון די דירות די אַר־בעטער וואָס האָבן ניט געהאַט צו צאָלן קיין דירה־געלט. די שלעכטע לאַגע האָט געווירקט אויך אויף מיין פּרנסה. איך האָב ווייניקער געלייזט. אַ סך קונים האָבן ווידער געוואָלט איך זאָל זיי געבן סחורה אויף באָרג, אָבער ניט אַלע האָב איך געקענט געטרויען. האָב איך דעריבער געהאַט ווייניק קונים.

ווינטער 1907 איז אין מיין געגנט אויסגעבראָכן אַן עפּידעמיע פון אינפלוענציע. אַ סך שכנים זענען געקומען צו מיר וועגן דעם, אַז מען מוז זען עפּעס צו טאָן צו העלפן די קראַנקע, מען קען די קראַנקע ניט לאָזן אַליין ביי נאַכט, און אַז איך זאָל פאַררופן אַן אסיפה וועגן דעם. איך האָב געזאָגט, אַז ביז מען וועט פאַררופן די אסיפה, זאָלן מיר דערווייל גיין נעכטיקן צו קראַנקע און אַז איך וועל שוין היינטיקע נאַכט גיין נעכטיקן צו אַ קראַנקן. מיר זענען געגאַנגען צו נאָך קרעמערס און אַנ־דערע מענטשן וואָס זענען ניט געווען קיין אַרבעטער, זיי זאָלן אויך גיין וואַכן ביי קראַנקע. אין אַ פאָר טעג אַרום איז פאָרגעקומען די אסיפה. מיר האָבן באַשלאָסן צו שאַפן געלט פאַר די אָרעמע קראַנקע וואָס האָבן ניט קיין געלט צו קויפן מעדיצינען אָדער עסן פאַר די קינדער, און אַז צו יעדן קראַנקן זאָל מען שיקן פיר מענטשן אַ נאַכט. צו צוויי פאָר, יעדע פאָר זאָל וואַכן אַ האַלבע נאַכט. מיר האָבן באַשלאָסן צו רופן די חברה „חברה לינת־חולים". ווען איך בין שוין געווען אין אַמעריקע, האָט די חברה נאָך אַלץ עקזיסטירט. איך בין געווען איינער פון אירע גרינדערס.

סוף 1907 האָט מיין פרוי געבוירן נאָך אַ ייִנגל. מיר האָבן אים אַ נאָמען געגעבן דוד. ער איז געווען זייער אַ שוואַך קינד. זיין דער־ציאונג איז אונדז ניט גרינג אָנגעקומען. מיין פרוי און איר שטיפשוועסטער זענען געווען פאַרנומען אין געוועלב און מיט די צוויי קליינע קינדער. איך בין געווען פאַרנומען מיט איינקויפן סחורה פאַרן געוועלב. צוויי מאָל אַ וואָך האָב איך גענעכטיקט ביי קראַנקע: איך האָב זיי געשטעלט באַנ־קעס, צוגעלייגט הייסע קאָמפּרעסן און געמאַכט קריסטירס. אין דער שטיל

האָב איך נאָך אַלץ געהאַלטן דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. מאַנכע שבתים האָט מען אָפּגעהאַלטן זיצונגען ביי מיר אין שטוב; ווי פאַר דער רעוואָלוציע, האָט מען אַרויפגעשטעלט אויפן טיש ביר און צובייסנס, עס זאָל אויסקוקן ווי מען נעמט אויף געסט. דאָס האָט אָנגעהאַלטן אַ לאַנגע צייט. איין מאָל האָט דער פּאָליציאַנט קושאַרעק מיך געפרעגט וועך עס זענען די מענטשן וואָס קומען אַריין צו מיר יעדן שבת. ער האָט מיר געזאָגט, אַז אין אוטשאַסטאַק האָט מען אים וועגן דעם געפרעגט. ער האָט מיך געוואָרנט, אַז איך זאָל זיך היטן, מען זאָל ביי מיר אין הויז ניט זינגען הויך. איך האָב אים געזאָגט, אַז די מענטשן זענען אונדזערע פריינד און משפּחה. מיר טרינקען און עסן. איך האָב אים פאַרבעטן, אַז דעם קומענדיקן שבת זאָל ער טאַקע אַריינקומען צו מיר, וועט ער אויך פאַר־ברענגען מיט אונדז צוזאַמען. דעם צווייטן שבת איז קושאַרעק טאַקע גע־קומען צו מיר און האָט פאַרבראַכט מיט אונדז צוזאַמען. מיר האָבן, פאַר־שטייט זיך, דעמאָלט ניט גערעדט וועגן קיין פּאָליטישע פראַגן. מיין פרוי האָט אים געגעבן פיש. קושאַרעק האָט געדאַנקט און געמאַכט אַ קאָמפּלי־מענט אַז די פיש איז די בעסטע וואָס ער האָט ווען עס איז געגעסן שבת ביי יידן. געגעסן פיש האָט ער ביי יידן וואָס האָבן זונטיק אָפּן געהאַלטן זייערע געוועלבער. אויך איך פלעג זונטיק אָפּן האַלטן מיין געוועלב און איך פלעג קושאַרעקן געבן אַ מאָל אַ קלעצל גאַרן מיט עטלעכע נאָדלען אָדער צוקערקעס. זונטיק פלעגט ער אַריינשרייען צו מיר אין געוועלב: „אַבראַם, האָב ניט קיין מורא, לייז אַ סך געלט, וועט זיין ביר אויף שבת.״

איין מאָל אַ שבת איז קושאַרעק געקומען צו מיר און האָט מיך גע־פרעגט וואו מיינע פריינד זענען. האָב איך אים געזאָגט אַז איך פאַרבעט זיי ניט אויף יעדן שבת, ווייל ביר און צובייסנס קאָסטן געלט און איך בין ניט אַזוי רייך אַז איך זאָל קענען האָבן יעדן שבת ביי זיך געסט. האָט ער מיך געבעטן, אַז ווען מיינע פריינד וועלן קומען, זאָל איך אים זאָגן, וועט ער אויך אַריינקומען און צוזאַמען פאַרברענגען. האָב איך געלאָזט וויסן אַלעמען וואָס פלעגן קומען צו מיר, זיי זאָלן מער ניט קומען צו מיר אויף שבת, און אויך ניט אַריינפאַלן אין דער וואָכן, ביז איך וועל זיי לאָזן וויסן אַז זיי קענען קומען. אין משך פון דער וואָך זענען עטלעכע חברים אַריינגעקומען צו מיר און האָבן מיך געבעטן, איך זאָל געפינען אַן אַנדער אָרט וואו מען זאָל זיך קענען צוזאַמענקומען אין די שבתים. איך האָב זיי צוגעזאָגט אַז איך וועל געפינען אַזאַ אָרט. אין שכינות־דיקן הויז איז געווען אַ חסידים־שטיבל, וואו עס האָט זיך געפונען אַ גרויסע שאַנק ספרים, איז מיר איינגעפאַלן, אַז אין דעם חסידים־שטיבל וואָלט געקענט זיין אַ גוט אָרט וואו מיר זאָלן זיך צוזאַמענקומען שבת נאָכן דאַווענען. מיר זאָלן זיצן ביי די טישן און יעדער פון אונדז זאָל

האַלטן אַן אָפּן ספר פאַר זיך. מיר זאָלן זיין אָנגעטאָן אין לאַנגע קאַפּאָטעס און יעדער זאָל האָבן ביי זיך אַ פּאַספּאָרט. טאָמער וועט די פּאָליציי מאַכן אַ רעוויזיע, זאָל מען ניט קענען אַרעסטירן פאַר ניט האָבן קיין פּאַספּאָרט. מיר האָבן גערעדט וועגן פאַרשיידענע ענינים פון סאָציאַליסטישן קאַמף. אַלץ איז אַדורך בשלום. דעם צווייטן שבת האָט דער לערער דיימאָנטשטיין געבראַכט אַ בוך פון וועלכן ער האָט פאָרגעלייענט. אין שטיבל זענען מיר זיך צוזאַמענגעקומען אַ היפּש ביסל שבתים. איין מאָל האָט אַן איינוואוינער פון הויז, וואו דאָס חסידיש־שטיבל האָט זיך געפונען, מיך געפרעגט ווער עס זענען די יונגעלייט וואָס קומען יעדן שבת אין שטיבל. האָב איך אים געזאָגט, אַז דאָס איז אַ גרופּע יונגעלייט מיט וועלכע איך לערן יעדן שבת משניות און מדרש. דעם צווייטן שבת זענען אַריינגעקומען אין שטיבל עטלעכע חסידים וואָס האָבן דאָרט געדאַוונט. איך האָב געהאַט פאַר זיך ליגן אויפן טיש אַן אָפענעם מדרש־רבה, האָב איך אָנגעהויבן מיטן עולם לערנען מדרש, די חסידים האָבן זיך אויך אַוועקגעזעצט ביים טיש און האָבן זיך צוגעהערט צו מיין לערנען. דעם קומענדיקן שבת, ווען איך מיט מיינע חברים זענען אַריינגעקומען אין חסידיש־שטיבל, זענען שוין געזעסן אַ סך דאַווענערס אַרום די טישן. זיי האָבן מיך געבעטן אַז זיי ווילן זיך אויך צוהערן צו מיין לערנען. דאָס איז אַזוי אָנגעגאַנגען עטלעכע שבתים. מיר האָבן דעריבער ניט געקענט רעדן וועגן אונדזערע פּאַרטיי־פראַגן. אין מיטן דער וואָך איז דער לערער דיימאָנטשטיין אַריינגעקומען צו מיר זיך דורכצושמועסן וועגן דעם ענין מיר האָבן באַשלאָסן אַז דעם קומענדיקן שבת זאָלן נאָר דריי חברים קומען אין שטיבל אַריין און נאָך דעם מוזן מיר אויפגעבן די פאַרזאַמלונגען אין חסידים־שטיבל. אַזוי איז געווען: מיר זענען געווען בלויז דריי חברים. אָבער דאַווענערס זענען געווען אַ סך. איך האָב געלערנט בלויז איין שעה און כ׳בין אַוועקגעגאַנגען. די צוויי חברים האָב איך געזאָגט אַז זיי זאָלן מער ניט קומען אין שטיבל אַריין. דעם קומענדיקן שבת בין איך אין גאַנצן ניט געקומען לערנען, איז איינער פון די דאַווענערס געקומען צו מיר אין שטוב מיך פרעגן פאַר וואָס איך בין ניט געקומען לערנען, האָב איך אים געענטפערט אַז איך בין געווען ניט געזונט. דעם קומענדיקן שבת בין איך אַליין געקומען אין שטיבל און כ׳האָב געלערנט מיט זיי אַ קורצע צייט. מער בין איך ניט געקומען לערנען אין שטיבל.

ביי מיר אין געוועלב האָט זיך דאָס לייזעכטס פאַרבעסערט. איך האָב צוגעקראָגן אַ סך יידישע קונים פון די דאַווענערס פון חסידים־שטיבל, וואָס זענען געקומען הערן מיין לערנען. אָבער דאָס לייזעכטס פון די פאַבריק־אַרבעטערס האָט זיך פאַרערגערט, ווייל עס זענען אין לאָדזש כסדר פאָרגעקומען שטרייקן און אומרוען.

איין מאָל האָט מען ניט ווייט פון מיין געוועלב געפונען ביי נאַכט אַ צעשלאָגענעם זעלנער. מען האָט געהאַט ביי אים צוגענומען די ביקס. דער פּאָליציאַנט קושאַרעק האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט געוואוסט, אַז איך מיט מיינע חברים קומען זיך צונויף יעדן שבת אין חסידים־שטיבל אויף סטאַרע זשאַרזשעווסקע נומער 5, אָבער ער האָט מיר ניט געוואָלט קיין שלעכטס טאָן און אונדז נישט שטערן.

אַזוי זענען די יאָרן געלאָפן. אין יאָר 1909 האָט מיין פרוי געבוירן נאָך אַ יינגל. מיר האָבן אים אַ נאָמען געגעבן לייבוש (ער איז יונגערהייט געשטאָרבן אין אַמעריקע, צו זעכצן און אַ האַלב יאָר פון אַן אָפּעראַציע אויף אַ ברוך).

די עקאָנאָמישע לאַגע האָט זיך ביי אונדז ווייטער פאַרערגערט פון טאָג צו טאָג. מיר האָבן געלייזט זייער ווייניק. מיר האָבן נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. מיינע פריינד האָבן מיך געוואָרנט אַז די פּאָליציי פאָרשט מיר נאָך יעדן שריט. דאָס האָט מיך אַריינגעבראַכט אין אַ שטאַרקער פאַר־צווייפלונג, כאָטש איך האָב שוין פון לאַנג געוואוסט אַז די פּאָליציי האָט אויף מיר אַן אויג. דער פּאָליציאַנט קושאַרעק האָט מיר אַנומלט געזאָגט, אַז אַ באַאמטער אין אוטשאַסטאָק האָט אים געפרעגט, וואָס פאַר אַ מענטש איך בין. און צי באַמערקט ער אַז אין די שבתים קומען צו מיר אַריין אַ סך מענטשן. קושאַרעק האָט מיך פאַרזיכערט אַז ער האָט געזאָגט דעם באַאמטן ,אַז איך בין אַן אָרנטלעכער מענטש, אַז איך בין ניט קיין סאָ־ציאַליסט און די מענטשן וועלכע קומען אַריין צו מיר זענען ניט קיין סאָציאַליסטן, נאָר זיי קומען צו מיר צו גאַסט. איך האָב איבערגערעדט מיט מיין פרוי וועגן דעם. זי איז געווען זייער פאַרצווייפלט. זי האָט מורא געהאַט אַז מען וועט מיך אַרעסטירן. זי איז געקומען צום אויספיר, אַז זי זעט ניט קיין אַנדערן וועג פאַר מיר, נאָר איך זאָל אַוועקפאָרן פון פוילן און אַז זי מיט די קינדער וועלן דערוויל אַהיימפאָרן צו איר פאָטער קיין סאָכאַטשעוו. איך האָב געזאָגט, אַז דער פּלאַן איז ניט קיין שלעכטער, אָבער לאָמיר דאָס דערוויל האַלטן בסוד, זאָל זי שרייבן צו איר פאָטער אַז ער זאָל באַלד קומען צו אונדז, ווייל מיר ווילן זיך באַ־ראָטן מיט אים וועגן אַ וויכטיקער זאַך. מיין שווער איז טאַקע באַלד געקומען. מיר האָבן אים דערציילט וואָס מיר האָבן בדעה צו טאָן, ווייל מיר האָבן ניט קיין פּרנסה פון אונדזער געוועלב. ער האָט זיך שטאַרק צעוויינט און געטענהט אַז פון אַלע זיינע פינף קינדער וועט נאָר איין טאָכטער פאַרבלייבן מיט אים, ווייל זיינע דריי זין זענען אין פּאַריז. מיר האָבן אים געזאָגט, אַז מיר האָבן ניט קיין אַנדערן אויסוועג נאָר איך זאָל אַוועקפאָרן, האָט ער זיך אָפּגערופן צו מיין פרוי: „מיין ליב קינד, אויב דו שטימסט איין אַז דיין מאַן זאָל פאָרן, נו, וועט מען פאַר דיר

דינגען אַ שטוב אין סאָכאַטשעוו און פאָרן עסן זאָלסטו זיך ניט זאָרגן, אויב עס וועט זיין עסן פאַר מיר, וועט אויך זיין פאַר דיר מיט די קינדער".

מיין שווער איז אַהיימגעפאָרן און מיר האָבן זיך אָנגעהויבן גרייטן וואָס שנעלער אַוועקצופאָרן פון לאָדזש. מיין פּלאַן איז געווען אַז איך זאָל צוערשט פאָרן קיין פּאַריז צו מיין פרויס ברידער און פון פּאַריז זאָל איך פאָרן קיין אַמעריקע. מיר האָבן אויספאַרקויפט אַלע סחורות פון געוועלב ווי אויך די מעבל פון שטוב. מיר האָבן זיך געהיט אַז קיינער זאָל ניט וויסן וועגן דעם. אָבער עטלעכע טעג איידער מיר האָבן שוין געדאַרפט אַוועקפאָרן איז דער ווירט פון הויז, וואו איך האָב געוואוינט, אַריינגעקומען צו מיר און פאַרלאַנגט, אַז איך זאָל אים באַצאָלן פאַר צוויי קוואַרטלען דירה־געלט וואָס איך בין אים געווען שולדיק. איך האָב אים געפרעגט: „איצט, ביי נאַכט, קומט איר נאָך דירה־געלט? מאָרגן וועל איך אייך געבן פאַר איין קוואַרטל." האָט דער ווירט געזאָגט צו מיר: „וואָס הייסט איצט האָסטו ניט. דו מיינסט אוודאי אַז איך ווייס ניט אַז דו פאַרקויפסט אויס די סחורה און די מעבל און דו פאָרסט אַוועק קיין פּאַריז אָדער גאָר קיין אַמעריקע. איך וועל דיר זאָגן דעם ריינעם אמת, אַז כאָטש דאָס געוועלב קען שטיין ליידיק אַ לאַנגע צייט, בין איך צופרידן וואָס דו ציסט זיך שוין אַרויס, ווייל ניט איין מאָל האָט מיך די פּאָליציי געפרעגט צי דו ביסט אַ סאָציאַליסט. איך האָב זיי געזאָגט אַז דו ביסט ניט, כאָטש איך ווייס אַז דו ביסט יאָ. דו מיינסט אַז איך האָב ניט געוואוסט אַז צו דיר זענען אַריינגעקומען סאָציאַליסטן יעדן שבת אויסצואַרבעטן פּלענער וועגן שטרייקן אין גייערס ראַיאָן? דו מיינסט אוודאי אַז איך האָב ניט געוואוסט אַז דו האָסט אַריבערגעטראָגן די פאַרזאַמלונגען פון דיין שטוב אין חסידים־שטיבל אַריין אויף דער סטאַרע זשאַרזשעווסקע נומער 5 מיטן אויסרייד אַז דו לערנטס מיט יונגעלייט אַ שיעור און אַז מען האָט ביי דיר געהאַט באַהאַלטן די רויטע פאָן און מען האָט זיך אַרויסגענומען פאַר דער גרויסער דעמאָנסטראַציע? — אָבער איך האָב אַלע מאָל געזאָגט דער פּאָליציי אַז דו ביסט אַ פיינער מענטש, ווייל איך קען גוט דיין משפּחה. דו זאָגסט, אַז דו וועסט מיר געבן דירה־געלט מאָרגן, וועל איך דיר גלויבן, אָבער געדענק, דו זאָלסט מיך ניט אָפּנאַרן, ווייל דו וועסט שטאַרק חרטה האָבן." ווען דער ווירט איז פון מיר אַוועק זענען אַריינגעקומען צו מיר עטלעכע חברים, וואָס האָבן געוואוסט וועגן מיין אַוועקפאָרן. איך האָב זיי דערציילט וועגן וויזיט פון ווירט און וועגן זיין סטראַשונעק. האָבן זיי מיר געזאָגט: „זאָרג ניט, ער וועט דיר גאָר ניט קענען טאָן, ווייל אויב ער וועט דיר טאָן עפּעס שלעכטס וועט ער מער חרטה האָבן..." זיי האָבן מיך געפרעגט, מיט וואָס קענען זיי מיר באַהילפיק זיין. האָב איך זיי געזאָגט, אַז זיי זאָלן גיין צו דעם מאַן

וועלכער האָט געקויפט די סחורה און דאָס מעבל, ער זאָל באַלד קומען צונעמען די זאַכן. מיינע חברים האָבן באַלד געברענגט די מענטשן. זיי האָבן צוגעהאָלפן שנעל אַרויסצונעמען די סחורה און דאָס מעבל. זיי האָבן מיר צוגעזאָגט אַז זיי וועלן מאָרגן גאַנץ פרי קומען העלפן אַרויס־נעמען די זאַכן, וועלכע מיין פרוי וועט מיטנעמען מיט זיך קיין סאָכאַטשעוו. צו מאָרגנס פאַר טאָג זענען מיינע חברים טאַקע געקומען און האָבן גע־האָלפן אַרויסנעמען די זאַכן. מיר זענען געפאָרן צו דער קאַלישער באַן־סטאַנציע מיט אַ דראָזשקע. מיינע חברים זענען מיטגעפאָרן. פאָרנדיק האָב איך געזאָגט צו מיין פרוי: „צי געדענקסטו וואָס איך האָב דיר געזאָגט די ערשטע טעג נאָך אונדזער חתונה, אַז מיר זאָלן פאָרן קיין אַמעריקע?״ האָט זי געענטפערט: „מיין ליבער מאַן, וואָס נוצט איצט דאָס רעדן וואָס ס׳איז געווען. וואָס האָבן מיר דען אָנגעוואוירן? מיר האָבן פאַראיבעריגט דריי וואוילע קינדער, זאָלן געזונט זיין, און אַ ביסל געלט דו זאָלסט קענען אַוועקפאָרן.״ ביי דער באַן האָב איך זיך מיט איר צעקושט און כ׳האָב איר געזאָגט זי זאָל ניט וויינען, ווייל די פּאָליציי קאָן דאָס באַמערקן, וועלן זיי פאַרשטיין אַז איך פאָר אַוועק. קענען זיי מיך פרעגן וואו איך פאָר. כ׳האָב געקושט מיינע קינדער און זיי זענען אַלע באַלד אַוועקגע־פאָרן קיין סאָכאַטשעוו. מיינע חברים האָבן געוואַרט ביז איך האָב זיך אויך אַרויפגעזעצט אויף דער באַן. מיר האָבן זיך צעקושט און זיי האָבן מיר אָנגעוואונטשן. ווען איך בין אַרויפגעגאַנגען אויף דער באַן, האָב איך געפילט אַז איך פאַרלאָז אַ שטאָט און אַ באַוועגונג וואָס זענען מיר ליב און איינגעבאַקן טיף אין האַרץ און איך וויל האָפן אַז איך וועל דערלעבן די צייט, ווען איך וועל הערן פון דער וויַיטנס, אַז דאָס רוסישע פאָלק האָט זיך באַפרייט פון שקלאַפעריי און טיראַניע. אַזוי האָב איך זיך צעשיידט מיט רוסלאַנד אויף אייביק.

## קאַפּיטל 33

# איך פאָר קיין אַמעריקע

מיט דער באַן בין איך צוערשט געפאָרן קיין קאַליש. איך האָב די גאַנצע צייט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער אַז קיינער אין וואַגאָן זאָל ניט זען מיין פּנים. מיין האַרץ האָט שטאַרק אָנגעהויבן קלאַפּן יעדעס מאָל ווען איך האָב געזען אַז אַ פּאָליציאַנט אָדער אַ זשאַנדאַרם איז אַדורכ־געגאַנגען דעם וואַגאָן, ווייל איך האָב מורא געהאַט אַז דער ווירט זאָל מיך נישט נאָכיאָגן און מיך לאָזן אַרעסטירן. איך האָב זיך אויך גע־שראָקן צי די פּאָליציי פאָרט מיר ניט נאָך און ווען איך וועל אַראָפּגיין פון דער באַן וועט זי מיך אַרעסטירן. איך האָב געוואוסט אַז די פּאָ־ליציי ווייסט אַז איך בין אַ סאָציאַליסט. יעדעס מאָל ווען די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ סטאַנציע, בין איך געווען אין איין שרעק אַז מען זאָל מיך ניט אַרעסטירן. ווען דער באַן־קאָנדוקטאָר האָט אויסגערופן די סטאַנציע וויערישאָוו, די גרענעץ־שטאָט וואו איך האָב געדאַרפט שוואַרצן די גרענעץ קיין דייטשלאַנד, האָב איך גענומען מיין פּעקל זאַכן און בין אַראָפּ אויפן וואָקזאַל. איך האָב דערזען פּנחס־עוזרן דעם שוואַר־צער, וואָס האָט מיך געזאָלט אַריבערפירן איבער דער גרענעץ. ער איז געווען דעם סטריקאָווער שוחטס אײדעם. ער האָט צו מיר געגעבן אַ וואונק אַז איך זאָל צוגיין צו אים. איך בין צוגעגאַנגען און ער האָט מיר שטיל געזאָגט, אַז איך זאָל אים נאָכגיין. ער איז געגאַנגען דורך הינטער־געסלעך. איך האָב באַמערקט אַז ס'שטעטל איז קליין. ווען מיר זענען געהאַט אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל וועג, האָב איך דערזען קליינע הייזלעך פון שטיינער און ליים, מיט שטרויענע דעכער. אַ סך פענצטער זענען געווען פאַרשטעקט מיט שמאַטעס אָנשטאָט שויבן. באַלד זענען מיר צוגעקומען צו פעלדער מיט ווייץ, קאָרן, האָבער און גריננסן. מיר זענען אַריינגעגאַנגען אין אַ הויז מיט אַ דאַך פון שינדלען. איך האָב אים גע־פרעגט וויפיל עס וועט מיך קאָסטן דאָס פאַרגעניגן פון שוואַרצן די גרענעץ, האָט ער געזאָגט, אַז געוויינטלעך נעמט ער צען און פופצן רובל, נאָר פון מיר וועט ער נעמען בלויז פינף רובל, ווייל איך בין זיינער אַ פריינד און כ'בין פון די סטריקאָווער משכילים. ער האָט מיר

אַנגעזאָגט, אַז ווען איך וועל אַריבערגיין דעם שליאבאַן פון דער גרענעץ זאָל איך גיין גלייך און כ׳זאָל זיך ניט אָפּשטעלן ביז איך וועל צוקומען צו אַ גרויס הויז מיט אַ סך פענצטער און אַ גרויסע לאָמפּ באַלייכט דעם וועג צום הויז. איך זאָל אויסמיידן צו רעדן מיט די מענטשן אין יענעם הויז, ווייל דאָרט געפינען זיך פאַרשיידענע נישט־לייטישע טיפּן: גנבים, שווינדלערס, באַנקראָטניקעס, אַלפאָנסן, ניט אָרנטלעכע פרויען, מענער וואָס זענען אַנטלאָפן פון זייערע פרויען מיט געליבטע, פרויען וואָס זענען אַנטלאָפן פון זייערע מענער און וואַרטן ביז די געליבטע וועלן קומען און וועלן מיט זיי אַוועקפאָרן קיין ענגלאַנד אָדער אַמעריקע. — איבערהויפּט זאָלסטו זיך היטן פאַר די צופעליקע ליובאָוויצעס, — האָט ער מיר אָנגעזאָגט; כ׳זאָל אַפילו מיט זיי ניט רעדן, ווייל זיי קענען מיר אַרויסשניידן די קעשענעס מיט די פאַר רובל אויף די רייזע־קאָסטן קיין אַמעריקע. נאָך דעם ווי פנחס־עוזר האָט מיר געגעבן די לעקציע, האָט ער מיר געזאָגט, איך זאָל געבן די פינף רובל דעם מאַן, וואָס וועט קומען נאָך מיר און וועט מיך פירן צו דער גרענעץ. איך זאָל ניט מורא האָבן, ווייל קיין שום שלעכטס וועט מיר ניט פאַסירן. מיר האָבן זיך געזעגנט. ווען ער איז אַוועק, האָט ער אויך מיר געזאָגט אַז אויב איך וויל עסן, וועט די בעל־הביתטע מיר געבן, עס וועט מיך ניט טייער קאָסטן. איך זאָל אָבער זיך ניט דערוועגן אַרויסצוגיין פון שטוב, ביז דער מאַן וועט קומען נאָך מיר און גיין מיט מיר צו דער גרענעץ. ווען פנחס־עוזר איז אַוועקגעגאַנגען, האָט ער מיר נאָך אַ מאָל אָנגעזאָגט איך זאָל אַלץ געדענקען וואָס ער האָט מיר געזאָגט. די שטוב איז געווען ריין צוגערוימט. ווי לאַנג פנחס־עוזר איז געווען אין הויז האָב איך ניט גע־רעדט מיט דער פרוי. זי איז געווען אַ ברונעטע, פון מיטעלן וואוקס. נאָך זיין אַוועקגיין האָט זי זיך אַוועקגעזעצט לעבן מיר און מיך גע־פרעגט צי עס הונגערט מיך. איך האָב איר געבעטן, זי זאָל מיר געבן ברויט מיט פוטער און קעז און קאַלטע מילך. זי האָט מיך געפרעגט וואו איך פאָר, צי איך בין אַן אַרבעטער אָדער אַן אַנטלאָפענער. נאָכן אָפּעסן האָב איך איר געפרעגט וויפיל עס קומט איר, האָט זי ניט גע־וואָלט נעמען קיין געלט. איך בין געוואָרן זייער מיד און שלעפעריק, ווייל איך בין ניט געשלאָפן צוויי נעכט, זינט איך האָב פאַרלאָזט מיין היים אין לאָדזש. האָב איך זיך צוגעלייגט שלאָפן אויף אַ קאַנאַפּע. איידער איך האָב זיך געלייגט, האָב איך גוט פאַרבונדן דאָס געלט וואָס איך האָב געהאַט ביי זיך. אַרום צען אַ זייגער ביי נאַכט איז אַ מאַן אַריינגעקומען אין דער שטוב. ער האָט מיך געפרעגט מיין נאָמען און ער האָט מיר געזאָגט, אַז איך וועל שפּעט ביי נאַכט אַריבער־גיין די גרענעץ און אַז איך זאָל זיך ניט לייגן שלאָפן. אַרום צוויי

אַ זייגער ביי נאַכט איז אַן אַנדער מאַן אַריינגעקומען אין דער שטוב און האָט מיר געזאָגט, אַז איך זאָל גרייט זיין צום גיין. ער האָט מיר געגעבן די זעלבע אינסטרוקציעס וואָס פּנחס־עוזר. מיר זענען אַרויס פון דער שטוב. איך האָב דעם מאַן געגעבן פינף רובל. מיר זענען געגאַנגען אַן ערך אַ שעה צייט ביז מיר זענען צוגעקומען צו אַ קליין הויז. אַ זעלנער איז דאָרט געשטאַנען מיט אַ ביקס אין דער האַנט. ער האָט געפרעגט דעם מאַן אין רוסיש „סקאָלקאָ" (וויפיל), האָט דער שוואַרצער געזאָגט „אָדין" (איינער). שפּעטער וועט זיין נאָך. דער זעלנער האָט אויפגעהויבן דעם שליאַבאַן. איך בין אַריבערגעגאַנגען אַ קליין בריקל און בין שוין געווען אויף דער דייטשישער טעריטאָריע. איך האָב אין גאַנצן געציטערט פאַר פרייד און טרערן פון פרייד האָבן זיך געגאָסן פון מיינע אויגן. עפּעס האָב איך זיך פלוצלינג דערפילט פריי, דערצו דער געדאַנק אַז אין עטלעכע טעג אַרום וועל איך שוין זיין אין דעם פרייען פראַנקרייך, אין דער גרויסער שטאָט פּאַריז!

איך בין אַריינגעקומען אין הויז וואָס פּנחס־עוזר האָט מיר אָפּגעמאָלט. עס זענען טאַקע דאָרט געווען אַ סך אַזעלכע מענטשן וואָס מען דאַרף זיך היטן פאַר זיי. איך האָב גענומען עפּעס צו עסן. אַזוי ווי ווי איך האָב געגעסן, האָבן זיך צוויי מענער אַוועקגעזעצט לעבן מיר, איינער פון איין זייט און דער צווייטער פון דער צווייטער זייט. זיי האָבן מיך געפרעגט וואו איך פאָר, האָב איך זיי געזאָגט אַז ס'איז ניט זייער זאַך און זיי זאָלן מיך לאָזן עסן. זיי האָבן מיך געפרעגט פאַר וואָס איך וויל זיי ניט זאָגן וואו איך פאָר. האָב איך זיך אויפגעשטעלט, גענומען מיין עסן און געוואָלט צוגיין צו אַן אַנדער טיש עסן, איז אַן אַנדער מאַן צוגעקומען און האָט צו זיי געזאָגט: „לאָזט דעם יונגנ־מאַן צורו". דעמאָלט זענען זיי אַוועקגעגאַנגען.

וואַרטנדיק, האָב איך זיך פונאַנדערגעשמועסט מיט עטלעכע מענטשן. עס זענען צווישן זיי געווען פאַרשיידענע טיפּן: פרומע יונגעלייט, וואָס זענען אַנטלאָפן פון פריזיוו, געשעפטסלייט וואָס האָבן באַנקראָטירט. מייד־לעך וואָס זענען אַנטלאָפן מיט אַ געליבטן פאַר זייער חתונה. איך האָב אָנגעקוקט די מענטשן און כ'האָב לויט זייערע פּנימער דערקענט וואָס פאַר אַ סאָרט מענטשן דאָס זענען. עס זענען דאָרט אויך געווען שמוגלערס, וואָס האָבן געקויפט סחורות אין דייטשלאַנד און די סחורות אַריבערגע־שמוגלט איבער דער פּוילישער גרענעץ.

איך האָב געפרעגט דעם אייגנטימער פון גאַסטהויז ווי ווייט עס איז צו אַ באַן־סטאַנציע, האָט ער מיר געזאָגט, אַז עס איז ניט ווייט און מיך געפרעגט וואו איך וויל פאָרן. איך האָב אים געזאָגט — קיין פּאַריז. האָט ער מיר אויפגעקלערט אַז איך דאַרף פריער פאָרן קיין

ברעסלוי. אין ברעסלוי וועל איך דאַרפן וואַרטן אַ פּאָר שעה אויף דער באַן קיין פּאַריז. ווען איך בין צוגעגאַנגען צו דער טיר פון שענק, איז אַ מאַן צוגעקומען צו מיר און מיך געפרעגט וואו איך פאָר, ווייל ער קען מיך צופירן צו דער באַן־סטאַנציע. האָב איך אים געזאָגט, אַז איך וויל ניט פאָרן און איך ווייס אַליין ווי צו גיין צו דער באַן־סטאַנציע. ווען איך בין אַרויסגעגאַנגען איז גלייכצייטיק אַרויסגעקומען אַ יונגערמאַן מיט אַ פרוי. זיי האָבן מיך געפרעגט צי איך גיי צו דער באַן־סטאַנציע, וועלן זיי מיך צופירן און האָבן מיך דערביי געוואָרנט, אַז איך זאָל זיך היטן פאַר די פאַרשוינען וואָס פרעגן מיך כסדר וואו איך פאָר, דאָס זענען קעשענע־גנבים. זיי זענען נאָר אויסן אויסצושניידן ס׳געלט פון מיינע קעשענעס. דאָס פּאָר פאָלק איז מיט מיר צוגעגאַנגען ביז ניט ווייט פון דער באַן־סטאַנציע. איך האָב זיך מיט זיי געזעגנט און זיי באַדאַנקט. אַז כ׳בין אַריינגעקומען אין וואָקזאַל האָט מיך אַ זשאַנדאַרם אָפּגעשטעלט און געפרעגט וואו אַהין איך פאָר. האָב איך אים געזאָגט קיין פּאַריז. דער זשאַנדאַרם האָט מיר ניט געגלויבט, ער האָט געזאָגט אַז איך פאָר קיין אַמעריקע. בין איך צוגעגאַנגען צו אַ פענצטער וואו מען פאַרקויפט באַן־בילעטן און האָב געפרעגט מיט וועלכער באַן איך קען פאָרן קיין פּאַריז. דער בילעטן־פאַרקויפער האָט מיר געזאָגט, אַז איך דאַרף קויפן אַ בילעט קיין ברעסלוי, אין ברעסלוי זאָל איך קויפן אַ בילעט פערטע קלאַס ביז צו דער פראַנצויזישער גרענעץ. אַז דער זשאַנדאַרם האָט געזען אַז איך קויף טאַקע אַ בילעט קיין פּאַריז, האָט ער מיך צורו געלאָזט. געפרעגט האָט ער מיך צוליב דעם וואָס אין יענער צייט איז אין דייטשלאַנד געווען אַ געזעץ אַז די עמיגראַנטן וואָס זענען געפאָרן קיין אַמעריקע אָדער ענג־לאַנד האָבן געמוזט אַדורכגיין אַ קוואַראַנטין.

אין ברעסלוי האָב איך געדאַרפט וואַרטן עטלעכע שעה אויף דער באַן וואָס גייט צו דער פראַנצויזישער גרענעץ. בין איך אַוועקגעגאַנגען אין אַן אימיגראַנטן־הויז וואָס איז אויסגעהאַלטן געוואָרן דורך דער יידי־שער קהילה און וואָס האָט געגעבן אינפאָרמאַציעס די דורכפאָרנדיקע עמיגראַנטן וועגן זייער וויטערדיקן וועג. אין דער קאַנצעלאַריע איז געזעסן עפּעס אַ מאַן, האָב איך אים געבעטן, ער זאָל מיר אָנשרייבן אויף וועלכער סטאַנציע איך דאַרף אַראָפּגיין צו טוישן די באַן קיין פּאַריז. ער האָט זיך אָנגעבייזערט אויף מיר און האָט מיר די געפעליקייט נישט געוואָלט טאָן. אַנשטאָט דעם האָט ער אָנגעהויבן זידלען די „אָסט־יודען", אַז זיי זענען שנאָרערס און בונטאָווטשיקעס און זיי זענען ניט געהאָרכזאַם דעם קייזער. איך האָב אים געפרעגט וואָס האָט גע־האָרכזאַמקייט צום קייזער צו טאָן מיט אָנשרייבן מיר אויף אַ שטיקל פּאַפּיר וואו איך דאַרף טוישן די באַן? האָט ער מיר געזאָגט: „לאָסן זי

מיך צופרידן״ און האָט פאַרמאַכט די טיר פון דער קאַנצעלאַריע. איך האָב אים געזאָגט דורכן פּענצטערל פון דער קאַנצעלאַריע, אַז ער איז ניט זיכער צי ער וועט אַ מאָל אַליין ניט דאַרפן אָנקומען נאָך הילף צו אַנדערע. כ׳האָב פאַרלאָזט דעם אימיגראַנטן־הויז. ווען איך האָב געקויפט דעם באַן־בילעט האָט מיר דער קאַסירער אָנגעשריבן אויף אַ צעטעלע אַז איך דאַרף בייטן די באַן אין אַאַכען, די גרענעץ־שטאָט צווישן דייטשלאַנד און פראַנק־רייך.

די וואַגאָנען פון דער פערטער קלאַס באַן זענען געווען זייער אָרעם אויסגעשטאַט: קליינע פענצטערלעך, לאַנגע בענק צום זיצן. דאָס געפּעק וואָס יעדער פּאַסאַזשיר האָט געהאַט, האָט ער געמוזט האַלטן לעבן זיך אויף דער פּאָדלאָגע. אַן אָפּטריט איז געווען אין יעדן דריטן אָדער פערטן וואַגאָן און אַז מען איז שוין צו אים צוגעקומען, האָט מען געמוזט שטיין אין דער ריי און וואַרטן. אויב איך מאַך ניט קיין טעות איז די באַלייכטונג אין וואַגאָן באַשטאַנען פון קליינע נאַפט־לאָמפּן. די באַן איז געגאַנגען זייער פּאַמעלעך און האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי יעדער קליינער סטאַנציע. ווען איך בין אָנגעקומען אין האַלע, אַ גרויסע שטאָט אין דייטשלאַנד, האָט מיר דער קאָנדוקטאָר געזאָגט, אַז איך וועל מוזן וואַרטן אויף אַ באַן פערטע קלאַס ביי צוויי שעה. איך בין אַרויס־געגאַנגען פון גרויסן און שיינעם וואָקזאַל און כ׳בין געגאַנגען אָנקוקן די שטאָט. ס׳איז געווען זייער אַ שיינע שטאָט: ברייטע גאַסן מיט ברייטע, ריינע טראָטואַרן. אין גרויסע געוועלבער האָט מען געקענט קריגן צו קויפן וואָס נאָר מען האָט געוואָלט. פון האַלע ביז אַאַכען איז מיר שוין אויסגעקומען צו פאָרן אין אַ שיינער באַן, מיט ווייכע בענק און יעדער וואַגאָן האָט געהאַט אַן אָפּטריט. פון אַאַכען האָב איך געשיקט אַ דעפּעשע צו מיינע שוואָגערס אין פּאַריז.

איך בין אָנגעקומען קיין פּאַריז אַרום צען אַזייגער ביי נאַכט. מיינע דריי שוואָגערס, יצחק, יודל און הערשל האָבן געוואַרט אויף מיר אויפן וואָקזאַל, וואָס מען האָט גערופן דער אינטערנאַציאָנאַלער וואָקזאַל. דאַכט זיך מיר, אַז דעמאָלט, אין יאָר 1910, איז דאָס געווען דער שענסטער וואָקזאַל אין אייראָפּע. אין פּאַריז בין איך געווען 15 טעג. איך האָב זיך דאָרט געזען מיט אַ סך חברים פון דער לאָדזשער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. איך האָב זיי געפרעגט אַן עצה צי איך זאָל פאַרבלייבן אין פּאַריז, האָבן זיי מיר געזאָגט, אַז ווען איך וואָלט געווען אַ בעל־מלאכה, וואָלטן זיי מיר געראָטן צו פאַרבלייבן אין פּאַריז. אָבער אַזוי ווי קיין פאַך האָב איך ניט, איז בעסער פאַר מיר איך זאָל פאָרן קיין אַמעריקע. אין אַמעריקע איז לייכטער זיך אויסצולערנען אַ פאַך ווי אין פּאַריז. קיין אַמעריקע וועל איך אויך גיכער קענען אַריבערנעמען מיין פרוי

און קינדער. אויך מיינע שוואָגערס האָבן מיר געראָטן איך זאָל פאָרן קיין אַמעריקע.

פון פּאַריז בין איך געפאָרן קיין אַנטווערפּן. פון דאָרט האָב איך געוואָלט באַלד פאָרן קיין ניו־יאָרק, אָבער אין אַנטווערפּן האָב איך ניט געקענט קריגן קיין ביליקע שיפסקאַרטע קיין ניו־יאָרק. אַזוי ווי איך האָב פאַרברענגט אַ פּאָר טעג אין אַנטווערפּן, האָב איך געוואָלט אַריינגיין אין דער דימענטן־בערזע. אָבער מען האָט ניט אַריינגעלאָזט אָן אַ בילעט. האָב איך עטלעכע מאָל אַריינגעקוקט דורכן פענצטער און אָנגעקוקט די דימענטן וואָס זענען געלעגן אויף טישלעך אַזוי ווי אַרבעס, וועלכע מען קלייבט איבער און מען זוכט אויס די ווערטפולסטע. מען האָט מיך אָבער אַפילו ביים פענצטער לאַנג ניט געלאָזט שטיין.

מענטשן האָבן מיר געראַטן, אַז איך זאָל פאָרן קיין ראָטערדאַם, האָלאַנד. אַז דאָרט וועל איך קענען קריגן אַ ביליקן בילעט קיין ניו־יאָרק. ווען איך בין אָנגעקומען קיין ראָטערדאַם בין איך אַריינגעגאַנגען אין אַ האָטעל. דער אייגנטימער פון האָטעל האָט מיר געזאָגט, אַז ער פאַרקויפט בילעטן אויף אַ שיף מיטן נאָמען „קאָמפּאַנעלאַ" וואָס גייט קיין האַליפאַקס און ניו־יאָרק. איך וועל מוזן וואַרטן עטלעכע טעג אויף דער שיף. דערווייל וועל איך קריגן עסן און שלאָפן ביי אים אין האָטעל. אַלץ צוזאַמען וועט מיך קאָסטן 50 רובל. איך האָב אַ ביסל אָפּגעדונגען פון דעם פּרייז און כ'האָב באַצאָלט 45 רובל. פון ביידע זייטן פון האָטעל־הויז איז געווען אַ פאַבריק פון קעז. דער שטאַרקער זוויערער ריח פון דעם רויען קעז האָט אַריינגעשמעקט דורך די פענצטער פון האָטעל. אין דער שטוב וואו איך בין געשלאָפן זענען געשטאַנען אַ סך בעטן, ענג צונויפגעשטעלט. לעבן דער טיר פון דער שטוב וואו איך בין געשלאָפן, איז געשטאַנען אַ לאַנגע באַנק אַרויפצולייגן די קליידער וואָס מען האָט אויסגעטאָן פאַרן שלאָפן גיין. די ערשטע נאַכט האָב איך געמוזט אַרויס־גיין פון בעט און מלחמה־האַלטן מיט די וואַנצן און פליי, וועלכע זענען געווען פלינקער פון מיר, צו ליכטיק איז אין צימער אויך ניט געווען מען זאָל קענען זען וואו דער שפּרינגער איז אַנטלאָפן. נאָך דער דאָזיקער מלחמה האָב איך זיך צוריק געלייגט שלאָפן און כ'בין איינגע־שלאָפן. אין דער פרי האָב איך געזאָגט דעם אויפזעער פון האָטעל וועגן דעם אָנפאַל וואָס מען האָט געמאַכט אויף מיר אין מיטן דער נאַכט, האָט ער צוגעזאָגט, אַז ער וועט באַגיסן אַלע בעטן מיט נאַפט, אָבער קיינער זאָל אין דער שטוב ניט רויכערן, ווייל עס קען אויסברעכן אַ פייער. האָב איך אָבער ניט געקענט שלאָפן צוליבן ריח פון נאַפט אויך די צווייטע נאַכט.

אויף אָנבייסן האָט מען אונדז געגעבן אַלט ברויט, אַ גרויסע שיסל

הערינג מיט ציבעלעס און אַ גלאָז אָפּגעווייסטע ציקאָריע מיט איין שטיקל צוקער. אויף מיטאָג האָט מען אונדז געגעבן אַ טעלער זופּ און דריי שטיקלעך פלייש. יעדעס שטיקל אַזוי גרויס ווי אַ קלעצל צוקער. אויף נאַכט עסן האָט מען יעדן געגעבן צוויי שטיקלעך אַלט ברויט, אַ קליין שטיקל קעז און אַ גלאָז טיי מיט צוויי שטיקלעך צוקער. נאָכן עסן האָבן מיר, עטלעכע פון די וואָס האָבן געהאַט געקויפט שיפסקאַרטן ביים האָטעל־אויפזעער, זיך דורכגערעדט וואָס מיר זאָלן טאָן, ווייל פון דעם עסן וואָס מיר באַקומען אין האָטעל קענען מיר קריגן אָפּצערעניש. מיר האָבן באַשלאָסן צו רעדן וועגן דעם טאַקע מיטן האָטעל־אויפזעער אַליין. מען האָט אויסגעקליבן מיך און נאָך צוויי וואָס זאָלן רעדן מיט אים, ער זאָל אונדז געבן בעסער און מער עסן. מיר האָבן אים געזאָגט, אַז מיר זענען ניט געקומען ער זאָל אונדז אויסהונגערן. ער האָט אונדז געענטפערט אַז ער וועט רעדן מיט די באַאַמטע פון דער שיפס־קאָמפּאַניע מען זאָל אים געבן מער געלט, וועט ער קענען אונדז געבן מער עסן. איך האָב אים געזאָגט: אויב מיר וועלן ניט קריגן מער און בעסער עסן, וועט ער אונדז מוזן צוריק צאָלן דאָס געלט פאַר די שיפס־קאַרטעס. דעם צווייטן טאָג האָבן מיר שוין טאַקע געקריגן אי מער אי בעסער עסן.

ראָטערדאַם איז אַן אַלטע און אַן אינטערעסאַנטע שטאָט. כמעט די גאַנצע שטאָט איז אַרומגערינגלט מיט וואַסער־קאַנאַלן. אין אַ טייל גאַסן מוז מען אַריבערפאָרן פון איין זייט גאַס אויף דער צווייטער מיט אַ שיפל.

איין מאָל, ווען איך בין צוריקגעקומען אין האָטעל פון אַ שפּאַציר איבער דער שטאָט, האָבן עטלעכע יונגעלייט מיר געזאָגט, אַז עס איז אין האָטעל געווען עפּעס אַ מאַן און האָט זיי געזאָגט, זיי זאָלן קומען אין אַ לייען־זאַל וואו זיי וועלן קענען לייענען ביכער און ער האָט איבערגעלאָזט עטלעכע תנכלעך און ביכלעך. זיי האָבן מיר געוויזן איין אַזאַ בוך. איך האָב באַלד דערזען אַז דאָס איז דער ברית־חדשה (דער נייער טעסטאַמענט). איך האָב זיי געזאָגט, אַז דאָס איז אַ מיסיאָנעריש בוך. אַז דער מאַן וואָס איז דאָ געווען, איז מסתמא אַ מיסיאָנער, אַז דאָס הויז וואו ער האָט זיי פאַרבעטן איז זיכער אַ מיסיאָנערן־הויז. איך האָב זיי געזאָגט, אַז מיך גלוסט זיך ניט צו גיין. זיי האָבן מיך געבעטן איך זאָל מיט זיי מיטגיין, אַזוי ווי איך קען לערנען, וועל איך קענען רעדן מיטן מיסיאָנער. דעם צווייטן טאָג בין איך און נאָך דריי יונגעלייט אַוועקגעגאַנגען אין מיסיאָנערן־הויז וואָס האָט זיך געפונען אויף דער צווייטער זייט פון ראָטערדאַמער בריק. מיר זענען אַריינגעקומען אין אַ גרויסער שטוב וואו מענטשן זענען געזעסן ביי טישלעך און האָבן אַריינגעקוקט אין ביכער. די ביכער זענען מערסטנס ניט געווען קיין מיסיאָנערישע. ביי די ווענט זענען געשטאַנען גרויסע שענק מיט ביכער.

אויף איין פּאַליצע איז געשטאַנען אַ ווילנער ש״ס אין גרויסן פאָרמאַט. עס איז דאָרט אויך געווען דער „מורה נבוכים״, תנכן, מדרשים, אַ זוהר און אַ סך יידישע און העברעאישע ביכער. איך האָב אַפילו געפונען צווישן די ביכער סמאָלענסקינס „התועה בדרכי החיים״ און אַ בוך פון יהודה לייב גאָרדאָן. אויך גרעצס יידישע געשיכטע, מאַפּוס שריפטן, מענדעלעס „קליאַטשע״ אאַז״וו. אָבער דאָס רוב ביכער זענען געווען מיסיאָנערישע. איך בין געשטאַנען ביי אַ שאַנק און אַריינגעקוקט אין אַ בוך, איז צוגעקומען צו מיר אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר עטלעכע און דרייסיק, אַ הויכער מיט אַ קאָפּ שוואַרצע געקרייזלטע האָר און מיך געפרעגט וואָס פאַר אַ בוך אָדער ספר איך זוך און צי איך זוך ניט דעם ברית־חדשה. איך האָב אים געזאָגט, אַז ניין, כ׳האָב אַראָפּגענומען פון אַ פּאַליצע דעם „התועה בדרכי החיים״ און כ׳האָב אָנגעהויבן אים לייענען. דער יונגערמאַן האָט געזאָגט צו מיר. אויב איר לייענט דאָס בוך, קענט איר לערנען. ער האָט מיר געוויזן דעם ברית־חדשה און מיך צוגערעדט איך זאָל אים לייענען. איך האָב אים געענטפערט אַז כ׳בין קיין מאָל ניט געווען פאַראינטערעסירט צו לייענען דעם ברית־חדשה. ער האָט מיך פאַרבעטן איך זאָל גיין מיט אים צו זיין טיש, ער וויל מיט מיר רעדן. איך האָב זיך צו אים צוגעזעצט. ער האָט מיך געפרעגט וואָס איך רעכן צו טאָן אין ניו יאָרק, האָב איך אים געזאָגט, אַז איך איך וועל אַרבעטן. זאָגט ער אַז ער האָט אַ זייער גוטן פּלאַן פאַר מיר איך זאָל ניט דאַרפן אַרבעטן. איך האָב פאַרשטאַנען וואָס זיין פּלאַן איז, אָבער איך האָב אים געפרעגט בתמימות וואָס איז דאָס פאַר אַ פּלאַן. האָט ער מיר געזאָגט, אַז אַזוי ווי ער זעט, אַז איך קען לערנען, וועט ער מיר געבן אַ בריוו צו אַ געוויסער אָרגאַניזאַציע אין ניו יאָרק און די אָרגאַניזאַציע וועט זען איך זאָל ניט דאַרפן אַרבעטן. איך וועל אין ניו יאָרק גיין אין אַ שול וואו מען וועט מיך לערנען צו ווערן אַ פּרעדיקער און מען וועט מיר געבן גענוג געלט פאַר מיר און גענוג צו שיקן פאַר מיין פרוי און קינדער. ווען איך וועל אויסשטודירן אויף אַ פּרעדיקער, וועל איך קריגן אַ שטעלע אין אַ גרויסער שטאָט. איך האָב אים געפרעגט וועגן וואָס איך וועל דאַרפן פּרעדיקן. האָט ער מיר געענטפערט, אַז איך זאָל צורעדן יידן, זיי זאָלן אָנהייבן גלויבן אין אותו האיש און זיי זאָלן אָננעמען דעם קריסטלעכן גלויבן. האָב איך צו אים געזאָגט, ער זאָל זיך נישט געפינען באַליידיקט און זאָל מיר ענטפערן אויף די פראַגן וואָס איך וועל אים שטעלן. האָט ער געזאָגט: „נו, פרעגט.״ איך האָב אים געפרעגט צי ער גלויבט אין קריסטוסן. זיין ענטפער איז געווען: „זיכער.״ האָב איך אים געזאָגט, אַז איך גלויב אים נישט, ווייל אַ מענטש וואָס לייענט דעם „התועה בדרכי החיים״, מאַפּוס שריפן, מענדעלע

מוכר ספרימס „די קליאַטשע״, יהודה לייב גאָרדאָנס ביכער, דעם „מורה נבוכים״ אאַז״וו קען ניט גלויבן אין קריסטוסן, אַז ער גלויבט כלומרשט ווייל ער קריגט גוט באַצאָלט דערפאַר. איך האָב אים געפרעגט צי ער גלויבט אין די עשרת הדברות האָט ער געזאָגט אַז יאָ. האָב איך אים געזאָגט, אַז אין די עשרת הדברות שטייט געשריבן לאי יהיה לך אלוהים אחרים על פני (דו זאָלסט מיך ניט פאַרבייטן אויף אַנדערע געטער). אויף דעם האָט ער ניט געענטפערט. האָב איך אים געזאָגט, אַז ניט ענטפערן מיינט מודה זיין זיך און איך האָב צוגעגעבן: איך פאָר קיין אַמעריקע, און וועל זיך דערנערן פון יגיע כפי, און כ׳בין זיכער אַז ער וועט אין אַ קורצער צייט אַרויס פון דעם פלאָנטער אין וועלכן ער האָט זיך אַריינגעפלאָנטערט, ווייל מען גלויבט ניט אין צוויי געטער. „איך בין אין ספק צי איר גלויבט אַפילו אין איין גאָט״, האָב איך פאַרענדיקט און איך האָב זיך מיט אים געזעגנט.

דעם טאָג ווען די שיף האָט געדאַרפט אָפּפאָרן פון ראָטערדאַם האָב איך געשריבן צו מיין פרויס פעטער אין ניו־יאָרק, אברהם וורובעל. ווען און מיט וועלכער שיף איך פאָר אָפּ. איך האָב געקויפט אַ קעז אין דער קעז־פאַבריק וואָס איז געווען אין שכינות מיטן האָטעל וואו איך בין איינגעשטאַנען, כ׳האָב אויך געקויפט גרויסע דיקע קיכלעך, ווייל איך האָב זיך דערוואוסט אַז אויף דער שיף „קאַמפּאַנעלאַ״ גיט מען ניט צו פיל צו עסן. גרויסע וועגענער זענען געקומען און אונדז געפירט צו דער שיף. איך האָב באַטראַכט דעם הויכן וואָגן אויף וועלכן מיר זענען געזעסן. איך האָב זיך דערמאָנט אין די גרויסע וועגענער אין וועלכע מען האָט אין דער אַלטער היים געפירט בהמות. דער אונטערשייד איז נאָר געווען וואָס די בהמות זענען געשטאַנען אויפן וואָגן און מיר, מענטשן, זענען געזעסן אויף האַרטע בענק אַזוי צוזאַמענגעדריקט, אַז דער וועלכער איז געזעסן ביי דעם עק פון באַנק האָט זיך געמוזט אָנהאַלטן אין זיין שכן כדי ער זאָל ניט אַראָפּפאַלן פון דער באַנק.. ווען איך בין אַרויפגע־קומען אויף דער שיף האָט אַ מאַן מיר אָנגעוויזן מיין בעט. צו מיין בעט האָב איך געמוזט אַרויפקריכן דורך אַ לייטער. מיינע זאַכן האָבן איך גע־האַלטן הינטערן בעט. איך האָב געפרעגט אין קאַנטאָר פון דער שיף צי איך קען קריגן אַ בעסער אָרט צו שלאָפן, האָט מען מיר געענטפערט אַז פאַר מער געלט קען איך קריגן אַ בעסער בעט. אָבער קיין געלט האָב איך ניט געהאַט. עס זענען מיר פאַרבליבן בלויז פינף און צוואַנציק רובל, וועלכע איך האָב געמוזט האָבן ווען איך וועל קומען קיין ניו יאָרק צו ווייזן אין קעסל־גאַרדן. דאָס עסן אויף דער שיף איז ניט געווען בעסער ווי אין דער קאָמפּאַניס האָטעל אין ראָטערדאַם די ערשטע טעג. שלאָפן האָב איך נישט געקענט, ווייל דאָס געלעגער איז געווען האַרט און דאָס

בעט איז געווען צו קורץ. איין נאַכט, אַז איך בין שוין איינגעשלאָפן, האָט מיך אויפגעוועקט דאָס פּייפן פון דער שיף. ווי איך האָב אויפגעמאַכט די אויגן, האָב איך געזען ווי אַלע מענטשן טוען זיך אָן די רעטונגס־גאַרטלען. איך האָב ניט געקענט אָנטאָן דעם גאַרטל, האָט אַ באַדינער פון דער שיף מיר צוגעהאָלפן אים אָנטאָן. איך האָב געפרעגט דעם באַדינער אויף „דייטש" פאַר וואָס מיר טוען אָן די רעטונגס־גאַרטלען, האָט ער מיר געזאָגט, אַז עס איז אַ גרויסער שטורעם אויפן ים, אַז די שיף האָט אַרויסגעלאָזט אַ סיגנאַל נאָך הילף. איך האָב געוואָלט אַרויסגיין אויפן דעק פון דער שיף, איז די טיר געווען פאַרמאַכט. מאַטראָסן זענען געשטאַנען ביי דער טיר און קיינעם ניט אַרויסגעלאָזט אויפן דעק, די שיף האָט זיך געוואָרפן און איז געשוואומען אויף אַ זייט. איך האָב געמיינט אַז אָט־אָט קערט זיך די שיף איבער אין וואַסער. אַ סך יידן האָבן זיך אָנגעטאָן די טליתים און האָבן געזאָגט תהילים. זיי האָבן מיך צוגערופן איך זאָל אויך זאָגן תהילים און איך האָב טאַקע אַזוי געטאָן. אויך קריסטן האָבן זיך געצלמט און אַנידערגעקניט און געזאָגט זייערע געבעטן. די שיף האָט זיך געוואָרפן אויפן וואַסער ווי אַ מולטער, דאָס האָט אַזוי אָנגעהאַלטן עטלעכע שעה. דורך אַ פענצטער האָב איך דערזען ווי אַ שיף איז צוגעשוואומען פון איין זייט און באַלד איז צוגעשוואומען אַ צווייטע שיף פון אַ צווייטער זייט. די צוויי שיפן האָבן פאַראַנקערט אונדזער וואַקלדיקע שיף און זיי זענען אַזוי געשטאַנען ביז עס איז ליכטיק געוואָרן און די מעכאַניקער האָבן צורעכט געמאַכט אונדזער שיף. ווען אונדזער שיף האָט אָנגעהויבן צוריק נאָרמאַל שווימען, האָבן די אַנדערע צוויי שיפן איר באַגלייט נאָך אַ היפשע צייט. לסוף האָט מען אויפגעמאַכט די טירן צו דעם דעק און מען האָט אונדז גערופן צו עסן אָנבייסן. אויפן טיש זענען געשטאַנען עטלעכע שיסלען מיט הערינג, אַ שיסל מיט ציבעלעס און צו צוויי שטיקלעך ברויט מיט אַ קליין שטיקל קעז און אַ גלאָז אָפּגעווייסטע קאַווע פאַר יעדן פּאַסאַזשיר. אַז מיר האָבן פאַרלאַנגט פּוטער האָט דער סטואַרט געזאָגט, אַז צו אָונטברויט וועט מען אונדז געבן פּוטער. דאָס מיטאָג איז ניט געווען בעסער ווי ס'נעכטיקע. איך האָב געזען אַז פון אַזאַ עסן וועל איך פאַרלירן די כוחות, בין איך צוגעגאַנגען צו דער קיך, כ'האָב געזען ווי מען באַקט און מען בראָט אין אויוון פיינע קוכנס, הינער און פלייש. האָב איך געבעטן דעם קוכער ער זאָל מיר געבן אַ שטיקל הון אָדער פלייש. האָט ער מיר געזאָגט, אַז אויב איך וועל צוהעלפן אין דער אַרבעט, וועל איך קענען עסן אין דער קיך. האָב איך זיך אָנגעטאָן אַ שירץ און כ'האָב געהאָלפן שיילן קאַרטאָפל, וואַשן דאָס געפעס, צוקערן די קיך און נאָך פאַרשיידענע אַרבעטן און כ'האָב געקריגן גענוג און גוט צו עסן. אָבער

דאָס האָט ניט לאַנג אָנגעהאַלטן, ווייל מען האָט אַרויסגעשטעלט אויפֿן דעק פֿון דער שיף פֿאַנען מיט פֿריש־געבאַקענע קוכנס אָפּצוקילן און איך האָב געדאַרפֿט היטן מען זאָל זיי ניט צונעמען, האָב איך אַוועק־געגעבן אַ פֿאַן מיט קוכן מיינע באַקאַנטע. איין מאָל האָב איך געגעבן מיינע פֿריינד אַ פֿאַן מיט געבראָטן פֿלייש, האָט מיר דער אויבערקוכער געזאָגט, אַז מער וויל ער ניט איך זאָל העלפֿן אין קיך. האָב איך פֿאַרלוירן מיין באַשעפֿטיקונג אין קיך ווי אויך דאָס גוטע עסן און טרינקען.

אַ סך פֿרומע יידן האָבן ניט געוואָלט עסן די עסנס אויף דער שיף, האָבן זיי געגעסן הערינג און האַרטן כשרן וואורשט, וואָס זיי האָבן מיט זיך מיטגענומען פֿון דער היים. נישט געקוקט אויפֿן שלעכטן עסן האָבן מיר אויף דער שיף גוט פֿאַרבראַכט. צווישן די פּאַסאַזשירן זענען געווען אַ סך יונגעלייט און מיידלעך און מען האָט צוזאַמען זיך גוט אונטער־געהאַלטן. יעדן טאָג ,באַלד אין דער פֿרי בין איך אַרויפֿגעגאַנגען אויפֿן דעק פֿון דער שיף צו זען ווי די זון גייט אויף איבערן וואַסער. די כוואַ־ליעס האָבן געהאַט אַ גאָלדענעם אָפּשיין, פֿון מיטן די גאָלדענע כוואַליעס זענען הויך געשפּרונגען גרויסע פֿיש. די פֿיש האָבן אויסגעזען ווי פֿון גינגאָלד. אויך פֿאַר נאַכט, ווען די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזט הינטערן האָריזאָנט, האָב איך ליב געהאַט צו קוקן אויף די פֿלאַם־רויטע פֿאַסן אויפֿן הימל. פֿון מינוט צו מינוט איז דער פּראַכט און גלאַנץ פֿאַר־שוואונדן. עס האָט זיך אָנגעהויבן די דעמערונג. די לבנה איז אַרויס אויפֿן הימל און אומצאָליקע שטערן האָבן גיך באַדעקט דעם גאַנצן הימל, וואָס איז אין דער צווישנצייט געוואָרן שוואַרץ־בלוי. באַלד איז אויפֿן דעק אַרויפֿגעקומען אַ מנין יידן און האָבן מחדש־געווען די לבנה.

ווען אונדזער שיף איז פֿאַרבליבן צו פֿאָרן ביז ניו־יאָרק בלויז דריי טעג, איז ווידער אויסגעבראָכן אַ גרויסער שטורעם אויפֿן ים. די שיף האָט הויך געפּייפֿט און ווידער גערופֿן הילף. מען האָט געהייסן אַלע פּאַסאַזשירן אַראָפּגיין פֿון דעק און זיך אָנטאָן די רעטונג־גאַרטלען. די שיף האָט זיך געוואָרפֿן אויף די כוואַליעס אַזוי ווי אַ שטיק האָלץ. באַלד זענען אָנגעקומען צוויי שיפֿן און האָבן אונדזער שיף איינגעזאַ־קערט פֿוןביידע זייטן און האָבן זי געפֿירט אַ לאַנגע צייט, ביז דער שטורעם־ווינט האָט זיך אָפּגעשטעלט. זי איז פֿריער צוגעפֿאָרן קיין האַליפֿאַקס, קאַנאַדע און אַראָפּגעלאָזט אַ טייל עמיגראַנטן. ווען די שיף האָט זיך דערנענטערט צו ניו־יאָרק, בין איך געשטאַנען אויפֿן דעק און געקוקט אויף ניו־יאָרק. איך האָב ניט געקענט אַראָפּנעמען די אויגן פֿון דער פֿרייהייט־סטאַטוע. איך האָב מורא געהאַט, מען זאָל מיך ניט צו־ריקשיקן, ווייל די אויגן האָבן מיר ווי געטאָן און ווער ווייסט צי די

פיר און צוואַנציק רובל מיינע וועלן זיין גענוג אַז מען זאָל מיך אַריינלאָזן קיין אַמעריקע? (אַן עמיגראַנט האָט דעמאָלט געדאַרפט האָבן פינף און צוואַנציק רובל). אַזוי ווי איך בין אַזוי געשטאַנען פאַרטראַכט, האָט מיך איינער פון מיינע פריינד פון דער שיף געפרעגט וואָס איך טראַכט. האָב איך אים געזאָגט, אַז איך האָב נאָר 24 רובל. האָט ער מיר געגעבן איין רובל. דער איינער רובל האָט מיר לייכטער געמאַכט מיין געמיט. די שיף איז איבער נאַכט געשטאַנען אין סאַנדי הוק. אין דער פרי האָט מען אונדז געגעבן אָנבייסן און די שיף איז צוגעפאָרן צו עליס איילענד קעסל־גאַרדן. מען האָט אונדז אויסגעשטעלט אין רייען. אַ דאָקטאָר האָט אונדז באַטראַכט. ווען מען האָט מיך באַטראַכט, האָט דער דאָקטאָר צוגערופן אַ צווייטן דאָקטאָר ער זאָל אַ קוק טאָן אויף מיינע אויגן. ער האָט אַריינגעגאָסן טראָפּנס אין די אויגן און מען האָט געמאַכט אַ צייכן מיט קרייד אויף מיין פּאַלטן און מיך געשטעלט אין אַ זייט. ווען איך האָב געוואָלט אַרויסגיין פון דער שטוב, האָט אַ מאַן מיך פאַרהאַלטן און מיר געזאָגט אַז איך מוז וואַרטן, ווייל מען מוז מיר נאָך אַ מאָל עקזאַמינירן די אויגן. איך האָב זיך געשראָקן: ווער ווייסט צי מען וועט מיך ניט צוריק שיקן. אָבער אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט מיך אַ דאָקטאָר עקזאַמענירט און האָט מיך געפרעגט צי איך בין ניט געשלאָפן ביינאַכט. דער דאָקטאָר האָט געהייסן מען זאָל אויסמעקן די קרייד פון מיין פּאַלטן. ער האָט מיר געגעבן אַ שטיקל פּאַפּיר און האָט מיר געוויזן אַז איך זאָל אַריינגיין אין אַ צווייטע שטוב און דאָרט אָפּגעבן דאָס שטיקל פּאַפּיר. דער מאַן אין דער צווייטער שטוב האָט מיך געפרעגט וויפל געלט איך האָב. איך האָב אים געוויזן 25 רובל, האָט ער מיך געהייסן אַרויסגיין. ווען איך בין אַרויסגעקומען, האָב איך דורך די שטאַכעטן געזען, אַז עס וואַרט אויף מיר מיין פרויס פעטער, אברהם וורובעל און זיין זון שמעון. דער פעטער האָט מיך געפרעגט פאַר וואָס איך האָב מיר אויסגעקליבן אַ שיף וואָס איז שיעור נישט דערטרונקען געוואָרן, האָב איך אים געזאָגט, אַז איך האָב די שיף ניט אויסגעקליבן נאָר מיין קעשענע האָט זי אויסגעקליבן.

צווייטער טייל

# אין אַמעריקע

# קאַפּיטל 34

## די ערשטע טריט אין אַמעריקע; די לאַנדסלייט, זאָלן לעבן

איך בין אָנגעקומען אויף עליס איילענד דעם צווייטן יוני 1910. פון עליס איילענד קיין ניו־יאָרק זענען מיר געפאָרן מיט אַ „פערי". געפאָרן זענען מיר נישט לאַנג, אָבער אין משך פון דער קורצער צייט האָב איך זיך צוגעקוקט צו דראַמאַטישע סצענעס. מענטשן האָבן געווינט און געלאַכט און זיך געפרייט. אָט האָט אַ פרוי געהאַלטן צווי קינדער, אַז דער פאָטער פון די קינדער, וואָס איז ווי ס'ווייזט אויס אַוועק קיין אַמעריקע ווען די קינדער זענען געווען פּיצעלעך, האָט געוואָלט נעמען איין קינד, האָט דאָס קינד זיך פונאַנדערגעוויינט. די מוטער האָט געזאָגט צום קינד: „וויין ניט, דאָס איז דיין טאַטע, נעם פון אים די צוקערקעס", האָט דאָס קינד זיך נאָך מער צעוויינט. די מוטער האָט זיך קוים איינגעבעטן ביים קינד ער זאָל נעמען די צוקערקעס און געבן אַ קוש דעם טאַטן. אַ מאַן איז געזעסן און געוויינט און געהאַט טענות צו זיין פרוי, פאַר וואָס זי האָט אים ניט געשריבן אַז זיין מוטער איז געשטאָרבן. די פרוי האָט אים געזאָגט: „נו, ווען דו וואָלסט געוואוסט, וואָלסטו זי געקענט צוריק לעבעדיק מאַכן?" האָט ער געזאָגט: „לעבעדיק וואָלט איך זי ניט געקענט מאַכן, אָבער כ'וואָלט געזאָגט נאָך איר קדיש. האָט די פרוי געענטפערט: „נו, קענסט נאָך זאָגן קדיש, זי איז דאָך געשטאָרבן ערשט מיט צוויי חדשים צוריק."

דער פעטער האָט מיך אַרויפגעפירט אויף הויכע טרעפּ. איך האָב אים געפרעגט וואָס דאָס איז. האָט ער מיר געזאָגט אַז מיר פאָרן צו אים אַהיים מיט דעם „עלעווייטעד". מיין פעטער האָט געוואוינט ביים עק צווייטע גאַס און ערשטע עווענין. די פענצטער פון זיין וואוינונג זענען אַרויסגעגאַנגען צו דער ערשטער עווענין. יעדן מאָל ווען דער עלעווייטעד איז אַדורכגעפאָרן, האָט זיך אין דער וואוינונג געהערט אַ שרעקלעך גערויש און די וואוינונג איז פול געוואָרן מיט שטויב. די וואוינונג איז באַשטאַנען פון פיר שטובן. עס האָבן דאָרט געוואוינט אַכט דערוואקסענע. אין דער וואוינונג איז ניט געווען קיין לייטיש אָרט פאַר

מיר צו שלאָפֿן. די מומע האָט געבאָרגט אַ בעט ביי אַ שכן און דאָס בעט האָט מען אַריינגעשטעלט אין קיך און דאָרט בין איך געשלאָפֿן. עס זאָגט זיך אַזוי „געשלאָפֿן", ווי האָב איך געקענט שלאָפֿן, אַז דאָס בעטל איז געווען צו שמאָל און צו קורץ, ס'איז געווען אַ קינדער־בעטל. אָבער איך האָב דערביי געטראַכט: ווער ווייסט צי מיינע קינדער האָבן אַ בעטל צו שלאָפֿן. דער פֿעטער האָט געהאַט אַ געוועלב פֿון צירונג און זייגערלעך. ער האָט אויך פֿאַריכט זייגערלעך. אין זיינע יונגע יאָרן איז ער געווען אַ יודע־ספֿר.

נאָכן אָנבייסן האָט מיך זיין יינגסטער יינגל, פֿרץ, געפֿירט צו אַ שערער מען זאָל מיר אָפּשערן די קליינע באָרד.

אויפֿן צווייטן טאָג האָב איך שוין אָנגעהויבן טראַכטן צו וואָס איך זאָל זיך נעמען. — איך האָב זיך אַן עצה געהאַלטן מיטן פֿעטער און מיט דער מומע, צי איך זאָל ווערן אַן אַרבעטער אין אַ פֿאַבריק. דער פֿעטער האָט געזאָגט, אַז איך זאָל זיך ניט לערנען קיין פֿאַך, ווייל אויב איך וועל נאָר אָנהויבן אַרבעטן אין אַ שאַפּ וועל איך שוין פֿאַר־בלייבן אַן אַרבעטער מיין גאַנץ לעבן. די מומע האָט געזאָגט: „וואָס, אַן אַרבעטער ווילסטו ווערן? — דו וועסט דאָך פֿאַרבלייבן אַ קבצן דיין גאַנץ לעבן! פֿאָלג מיך, נעם אַ פּושקאַרט, לייג אַרויף פֿאַר אַ פּאָר דאָלער סחורה און פֿאָר אַרום איבער די גאַסן. וועט דיר גאָט העלפֿן אַז דו וועסט אין איין טאָג פֿאַרדינען מער ווי אַ גאַנצע וואָך אין אַ פֿעקטאָרי." די מומע האָט דערביי אָנגערופֿן נעמען פֿון גרויסע סוחרים וואָס האָבן אָנגעהויבן מיט פּעדלען אַ ביסל סחורה. און אויב איך וויל נישט שלעפּן קיין פּושקאַרט, — האָט זי ווייטער געזאָגט, — טאָ זאָל איך ווערן אַ קאָסטאָמער־פּעדלער און פֿאַרקויפֿן סחורות אויף אויס־צאָלן. איך האָב געפֿרעגט די מומע פֿון וואַנען איז דער פּעדלער זיכער, אַז דער קונה וועט אים באַצאָלן? האָט די מומע ניט געוואוסט וואָס צו ענטפֿערן. דער פֿעטער האָט געזאָגט, אַז דער קונה שרייבט אונטער אַ פּאַפּיר, אַז ער האָט געקויפֿט די און די סחורה פֿאַר אַזאַ און אַזאַ ווערט, און אויב ער באַצאָלט ניט, קען דער פּעדלער אים אָנקלאָגן אין געריכט. איך האָב דעם פֿעטער געפֿרעגט, וואָס עס איז אַזוינס אַ „פּושקאַרט" און אַ „סטאָר". ער האָט מיר געזאָגט אַז אַ פּושקאַרט איז אַ וועגעלע אויף צוויי רעדער און אַ סטאָר איז אַ געוועלב. איך האָב זיי געענטפֿערט, אַז איך וויל אָפּזוכן עטלעכע פֿריינד וואָס וואוינען שוין לאַנגע יאָרן אין ניו־יאָרק און איך וועל זיי אויך פֿרעגן אַן עצה וואָס איך זאָל טאָן. איך האָב ניט געהאַט קיין חשק אָנצונעמען דעם פֿע־טערס מיט דער מומעס עצה. איך האָב זיך געטראַכט: איך, אַ סאָציאַ־ליסט, זאָל ווערן אַ „פּושקאַרט־פּעדלער" און אַרומפֿאָרן איבער די גאַסן

פון ניו־יאָרק מיט אַ וועגעלע, אָדער איך זאָל ווערן אַן אָפּצעגער און נעמען פאַר אַ זאַך צוויי מאָל אַזוי פיל וויפל די זאַך קאָסט מיך? — איך וועל דאָך זיין ערגער פון אַ פּראָצענטניק!

זונטיק האָב איך געהערט ווי אַ מאַן האָט געשריגן אויפן הויף, אַז ער קויפט אַלטע קליידער, אַלטע שיך. האָב איך געטראַכט, אַז עס איז דאָ פונקט אַזוי ווי אין לאָדזש, אויך אין לאָדזש שרייען די הענדלערס אויף די הויפן „האַנדל, האַנדל" און קויפן אַלטע זאַכן. איך האָב דאָס געזאָגט דער מומען, האָט די מומע מיר געענטפערט: אַברהם־פּנחס, דער מאַן פאַרדינט דערפון גוט, ער מאַכט אַ פיין לעבן און ער שעמט זיך ניט, און דו דאַרפסט זיך אויך ניט שעמען. מען נעמט אַ זאַק אונטערן אָרעם און מען גייט אויף די הויפן און מען שרייט „איך קויפן אַלטע זאַכן". באַלד דעם ערשטן טאָג וועסטו פאַרדינען מער ווי אין אַ פאַבריק". איך האָב איר ניט געענטפערט. זי האָט פאַרשטאַנען וואָס איך טראַכט און האָט געזאָגט: ווי איך זע ווילסטו ווערן אַן אַרבעטער און דו וועסט פאַרבלייבן אַן אַרבעטער דיין גאַנץ לעבן.

איך האָב געהאַט אַ סך פריינד וואָס האָבן געוואוינט אין פּעטערסאָן, ניו דזשוירזי. זיי זענען געווען וועבערס פון זיידענע סחורות. בין איך געפאָרן קיין פּעטערסאָן זיי זען, אפשר וועל איך אויך ווערן אַ וועבער. איך האָב געהאַט אַן אַדרעס פון איינעם פון מיינע דאָרטיקע פריינד. זיין נאָמען איז געווען כאַוויע. ער איז אויך געווען אַ וועבער. ווען כאַוויע און זיין פרוי האָבן מיך דערזען, האָבן זיי זיך מיט מיר זייער דערפרייט. זיי האָבן מיר דערציילט אַז זיי האָבן געקראָגן אַ בריוו פון חיימל אַלטשער פון לאָדזש, אַז איך בין געפאָרן קיין אַמעריקע. איך האָב כאַוויען גע־פרעגט צי איך זאָל ווערן אַ וועבער. האָט ער מיר געזאָגט אַז ער וועט מיך ניט לאָזן ווערן אַ וועבער, ווייל אין פּעטערסאָן זענען שוין פאַראַן גענוג אָרעמעלייט אָן מיר. אַ וועבער פאַרדינט ניט גענוג מפרנס צו זיין אַ פרוי מיט קינדער. אז אַ וועבער פאַרדינט אַכט־ניין דאָלער אַ וואָך, איז ער שוין אַ גוטער וועבער. און ער מוז דערביי שווער אַרבעטן אויף צוויי וועבשטולן, ער זאָל קענען דאָס פאַרדינען. ווען ניט זיין פרוי, וואָס אַרבעט אויך, וואָלט ער ניט געהאַט אויף חיונה. די צוויי קינדער זייערע גיבן זיי יעדן טאָג אַריין אין אַ שטאָטישן קינדער־הויז און נאָך דער אַרבעט נעמען זיי די קינדער אַהיים. כאַוויע האָט צום סוף געזאָגט צו מיר: „אַברהם־פּנחס, פאָלג מיך, פאָר צוריק קיין ניו־יאָרק. צו וועלכן פאַך דו וועסט זיך ניט נעמען, וועסטו פאַרדינען מער ווי ביי וועבעריי. וועבעריי איז ניט פאַר דיר". כאַוויע איז מיט מיר געגאַנגען צו אַנדערע צוויי לאַנדסלייט, מאיר לאקס און שלמה רידל. זיי האָבן מיך אויך אָפּ־געראָדט פון ווערן אַ וועבער, ווייל אין לאָדזש איז אַ וועבער בעסער

געוועזן ווי עס איז אים דאָ. דער אונטערשיד איז נאָר, וואָס אין לאָדזש איז אַן אַרבעטער ניט זיכער געוועזן צי די פּאָליציי וועט אים ניט אַרעס־טירן יעדן טאָג, אָבער עסן האָט ער געהאַט. דאָ, האָבן זיי געזאָגט, וועסטו טאַקע האָבן אַלע פרייהייטן, אָבער צו פאַרדינען אויף פּרנסה וועסטו מוזן זייער שווער אַרבעטן און דיין פרוי וועט ניט קענען צו־פאַרדינען, ווייל זי וועט דאַך מוזן אַכטונג געבן אויף דריי קליינע קינדער. — אַז איך האָב געהערט די ווערטער, איז מיר קאַלט און וואַרעם געוואָרן אין די ביינער. זיי האָבן מיר געגעבן די אַדרעסן פון מיינע יוגנט־פריינד אברהם־אַלטער יאַנאַ און לייבל שיינבערג, וועלכע האָבן געוואוינט אין ניו־יאָרק. אין פּעטערסאָן בין איך געוועזן עטלעכע טעג און כ'בין צוריקגעפאָרן קיין ניו־יאָרק.

איך בין באַלד אַוועק צו לייבל שיינבערג, וואָס האָט געוואוינט אויף דער צווייטער גאַס, פּונקט אַנקעגנאיבער דעם הויז וואו מיין פּעטער האָט געוואוינט. ביי לייבל שיינבערג האָב איך געטראָפן סאול בוירנס, סעמועל גאָלדבערג און נאָך אַ סך אַלטע באַקאַנטע. ביי לייבל שיינבערג זענען זיך צוזאַמען געקומען די היימישע משכילים און סאָציאַליסטן. זיי האָבן מיר דערציילט אַז זיי האָבן געהערט וועגן מיין סאָציאַליסטישער טעטי־קייט אין לאָדזש. ווען איך בין געווען ביי לייבלען איז גראַד אַריינגע־קומען מיין יוגנט־פריינד אברהם אַלטער יאַנאַ. מיר האָבן זיךביידע אַרומגעכאַפּט. ער האָט מיך אויסגעפרעגט ווי דער וועג איז מיר גע־גאַנגען. איך האָב אים דערציילט וועגן מיין וויזיט אין פּעטערסאָן און אַז מאיר לאַקס און שלמה רידל האָבן מיך אָפּגערעדט פון ווערן אַ וועבער. אברהם אַלטער האָט געזאָגט, אַז ער איז מיט זיי מסכּים, ווייל וואָס איך זאָל ניט טאָן אין ניו־יאָרק, וועל איך מער פאַרדינען ווי אין פּעטערסאָן אַלס וועבער. ער האָט מיך געפרעגט וואו איך שלאָף. האָב איך אים דערציילט אַז איך שלאָף ביי מיין פרויס פּעטער און אַז עס איז מיר דאָרט זייער אומבאַקוועם. זיי טוען דאָס נישט צוליב שלעכט־קייט, נאָר זיי וואוינען אַליין זייער ענג און די מומע האָט געמוזט באָרגן אַ בעטל פאַר מיר. דערויף האָט אברהם אַלטער מיך פאַרבעטן צו וואוינען ביי אים ביז איך וועל זיך דינגען אַן אייגענע שטוב צו וואוינען. ער האָט מיך גענומען צו זיך אַהיים. זיין פרוי, בתיה, האָט זיך מיט מיר זייער דערפרייט. זי האָט מיך אויסגעפרעגט וועגן אַלץ, און איך האָב איר אַלץ נאָך אַ מאָל איבערדערציילט. אויך בתיה האָט מיך פאַרבעטן איך זאָל ביי זיי שלאָפן ביז איך וועל זיך דינגען אַ שטוב. נאָכן פאַר־ברענגען אַ ביסל צייט ביי אברהם אַלטערן, האָט ער מיך צוגעפירט צו מיין פּעטערס הויז, און מיר אָנגעזאָגט, אַז מאָרגן זאָל איך קומען צו אים שלאָפן. דער פּעטער און די מומע האָבן מיך געפרעגט צי איך

האָב שוין געפונען אַ באַשעפטיקונג. האָב איך זיי געזאָגט, אַז ניט, אָבער איך האָב דערוויַיל אַן אָרט וואו צו שלאָפן, ביז איך וועל מיר דינגען אַ צימער. די מומע האָט באַמערקט: „ווי איך זע, וועסטו שוין אַרבעטן אין אַ שאַפּ". דאָ האָט זייער טאָכטער, בעקי, זיך אָפּגערופן: „איך פאַרשטיי אייך נישט, פאַר וואָס זענט איר אַזוי דאַקעגן אַז ער זאָל אַרבעטן אין אַ שאַפּ. און איך אַרבעט דען ניט אין אַ שאַפּ? און אייערע זין, ווילי און שמואל אַרבעטן דען ניט אין שאַפּ?" די מומע האָט איר געענטפערט: „בעקי, איך פאַרשטיי דיך ניט. דו פאַרגלייכסט זיך צו אים. דו ביסט איינע אַליין און ער האָט דאָך איבערגעלאָזט אין דער היים אַ ווייב מיט דריי קליינע קינדער צו דערנערן. ווער וועט זיי דאָרט אויסהאַלטן? דער אָרעמער שוואַגער מיינער, וואָס האָט הענגען אַ פּאָר מעשענע זייגערלעך אין פענצטער און אַ פּאָר גרויסע וואַנט־זייגערס אויף דער וואַנט." האָט די טאָכטער געענטפערט: „נו, אַז ער וועט שטופּן אַ פּושקאַרט איז ער שוין זיכער אַז ער וועט גוט פאַרדינען?" און זי האָט זיך געווענדט צו מיר: אברהם־פנחס, הער מיך אויס, הער אויס אַלעמענס עצות און טו אַזוי ווי דו פאַרשטייסט.

צו מאָרגנס אין דער פרי האָב איך צוגענומען מיינע זאַכן פון מיין פעטער און כ׳בין אַריבערגעגאַנגען צו מיין פריינד אברהם־אַלטער יאַנא. ווען איך בין אַריינגעקומען האָט מיר בתיה געזאָגט, אַז ווען איך בין נעכטן אַוועק זענען נאָך דעם געקומען צו זיי אַ סך סטריקאָווער לאַנדס־לייט: מאיר־וואָלף, יצחק פיין, משה שפיגל, אַז איך זאָל היינט ביי נאַכט ניט אַוועקגיין, זיי וועלן היינט ביי נאַכט קומען מיך זען. זיי האָבן גע־רעדט מיט אברהם אַלטערן, אַז דאָס בעסטע פאַר מיר וואָלט געווען, איך זאָל ווערן אַ פּרעסער ביי קלאָוקס (פרויען מאַנטלען). משה שפיגל האָט געזאָגט, אַז ער וועט היינט רעדן מיט זיין בעל־הבית און מיטן „העד־פּרעסער" אַז מען זאָל מיר דערלויבן צו לערנען אין זיין שאַפּ פּרעסעריי. זי האָט מיר פאַרגעלייגט, איך זאָל אַרויסגיין אין גאַס און אַ ביסל אָנקוקן די גרעסטע שטאָט אין דער וועלט. זי איז מיט מיר אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס און האָט מיר געוויזן ווי צו גיין צו די גאַסן גריך, פּרינץ, בראָדוויי און ספּרינג, וואו עס איז דער צענטער פון די קלאָוק־שאַפּס. זי האָט מיר אָנגעזאָגט אַז עס איז זייער ווייט אַהין צו גיין, אָבער איך זאָל גיין פּאַמעלעך וועל איך ניט מיד ווערן. ווען איך וועל דאָרט צוקומען וועל איך זען וועגענער מיט סחורות און וועגענער מיט פאַרטיקע פרויען־מאַנטלען, וואָס מען פירט צו די פאַבריקאַנטן וועלכע גיבן אַרויס גע־שניטענע סחורות פאַר די שעפּער וואו מען מאַכט די מאַנטלען. זי האָט מיר אויפגעשריבן איר אַדרעס אויף אַ שטיקל פּאַפּיר און האָט מיר אָנגעזאָגט: באַהאַלט דעם אַדרעס און פאַרגעסט ניט צו קומען עסן

סאַפּער. האָב איך איר געפרעגט וואָס איז סאַפּער. האָט זי מיר געזאָגט אַז סאַפּער איז אויף יידיש נאַכטעסן. אַז איך בין צוגעקומען צו דער ערשטער עווניו, נאָענט צו האוסטאָן סטריט, האָב איך געזען שטיין אַ הויכן דאַרן ייד מיט אַ האַלב גרוילעכע באָרד, אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן האַרטן קאַפּעלוש. ער האָט געהאַלטן אַ הענטל פון אַ האַנט־וועגעלע. לעבן אים איז געשטאַנען אַ הויכע דאַרע פרוי, אָנגעטאָן אין אַ שייטל. זי האָט געהאַלטן דאָס צווייטע הענטל פון וועגעלע. אויף דעם וועגעלע איז געלעגן אַ גרויסע ניי־מאַשין. פון דעם אויסדרוק פון זייערע פּנימער און פון דעם אופן שלעפּן דאָס וועגעלע אויף צווי רעדער, האָב איך געזען אַז זיי זענען ניט קיין צו גרויסע גבורים. ווען זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַדורכצוגיין אַ גאַס, האָבן זיי מיך געפרעגט וואָס איך קוק אויף זיי. האָב איך זיי געענטפערט, אַז ווי איך זע איז פאַר זיי צו שווער צו שטופּן דאָס וועגעלע, אויב זיי וועלן מיר דערלויבן, וועל איך זיי העלפן אונטערשטופּן און איך וועל דערמיט מקיים זיין די מצווה פון עזוב תעזוב (זאָלסט אַרויסהעלפן דיין פריינד טראָגן אַ שווערע משא). דער מאַן האָט געזאָגט צו מיר: „אויב איר ווילט דורך מיר מקיים זיין אַ מצווה, איז אדרבה, זייט מקיים" און ער האָט צוגעגעבן: „ווי איך זע קענט איר לערנען און איר זענט ניט לאַנג אין ניו יאָרק". האָב איך אים געענטפערט, אַז איך בין געקומען ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק. איך האָב געזאָגט דער פרוי אַז זי זאָל גיין ביי דער זייט און מיר וועלן אין צווייען שטופּן דאָס וועגעלע. איך האָב דעם ייד אויסגעפרעגט וואו ער פירט די מאַשין אאַז"וו. ער האָט מיר אַלץ דערציילט: ער פירט די מאַשין אין אַ שאַפּ פון פרויען־מאַנטלען. דער שאַפּ געפינט זיך אויף אַ דריטן שטאָק און אַז ער און זיין פרוי וועלן מוזן אַרויפשלעפּן די שווערע מאַשין אויף דריי שטאָק. אין דעם שאַפּ אַרבעטן דריי אָפּערייטאָרס. פיר שניידערס און איין פּרעסער. אַז אַ פּרעסער פאַרדינט מער ווי אַן אָפּערייטאָר אָדער אַ שניידער. ער אַרבעט ביי אַ קאָנטראַקטאָר וואָס נעמט אַהיים אַרבעט ביי אַ פאַבריקאַנט. דער שאַפּ געפינט זיך אין דער וואוינונג פון קאָנטראַקטאָר, זי באַשטייט פון דריי שטובן. עס שטייען דאָרט דריי ניי־מאַשינען. אויף איין מאַשין אַרבעט דער בעל־הבית און אויף די רעשט צווי מאַשינען ער און נאָך אַ מאַן. דעם בעל־הביתס ווייב אַרבעט אַלס שניידערין און זיין פרוי אַרבעט אויך אַלס שניידערין. אַחוץ זיי אַרבעטן נאָך צווי פרויען און איין פּרעסער אַרבעט אויך אין דעם שאַפּ. דער בעל־הבית האָט פיר קליינע קינדער און די בעל־הביתטע, די שניידערין, מוז אָפּט אויפשטיין פון דער אַרבעט אַכטונג צו געבן אויף די קינדער אָדער צוהיטן אַז דאָס עסן זאָל ניט אָנברענען. איך האָב דעם מאַן געפרעגט צי ער פאַרדינט גענוג אויף

פרנסה. האָט ער געענטפערט אַז ווען ער וואָלט פאַרדינט גענוג, וואָלט זיין ווייב ניט געדאַרפט אַרבעטן. ווייטער האָב איך זיך פון אים דערוואוסט אַז ער אַרבעט פון האַלב נאָך זעקס אַ זייגער אין דער פרי ביז צוועלף אַ זייגער ביי טאָג, דעמאָלט עסט ער מיטאָג און נאָכן מיטאָג אַרבעט ער ביז אַכט אַזייגער ביי נאַכט. זיין פרוי אַרבעט נאָר ביז זעקס אַ זייגער, ווייל זי מוז אַהיימגיין קאָכן עסן פאַר די קינדער. זיי האָבן דריי קינדער, איין מיידל פון זיבן יאָר, איין מיידל פון דרייצן יאָר און אַ ייִנגל פון דרייצן יאָר, וואָס לערנט שוין אין היי־סקול. נאָך דער שול אַרבעט ער ביי זיין שוואָגער, וואָס האָט אַ געוועלב פון סאָדע־וואַסער, טשאָקאָלאַד, צוקערקעס, פאַפּיראָסן און ציגאַרן. דער שוואָגער צאָלט אים דריי דאָלער אַ וואָך. דאָס ייִנגל באַהאַלט דאָס געלט ער זאָל האָבן צו שטייער צו גיין אין סיטי־קאַלעדזש. איך האָב דעם פאָרפאָלק געהאָלפן צו שטופּן דאָס וועגעלע מיט דער ניי־מאַשין צו אַן אַלט הילצערן הויז אויף האוסטאָן סטריט. איך האָב זיי אויך געהאָלפן אַרויפטראָגן די מאַשין מיטן טיש פון דער מאַשין ביז אויפן דריטן שטאָק. איך האָב באַטראַכט די דריי שטובן וואו עס האָט זיך געפונען די פאַבריק און עס האָבן געוואוינט זעקס מענטשן. אויף דער פּאָדלאָגע זענען געווען אָנגעוואָרפן שטיקלעך סחורה. איך האָב זיך אַרומגעקוקט איבער דער וואוינונג און האָב געטראַכט אַז עס איז דאָ נאָך ענגער און שמוציקער ווי ביי אַ סך וועבערס אין לאָדזש. דער מאַן און די פרוי ווען איך האָב געהאָלפן שלעפּן די מאַשין האָבן מיר זייער באַדאַנקט. זיי האָבן מיר געגעבן זייער אַדרעס און מיך געבעטן אַז כ'זאָל צו זיי קומען צוגאַסט. ווען איך בין אַרויסגעגאַנגען פון הויז בין איך צוגעגאַנגען צו אַ מאַן וואָס איז געשטאַנען מיט אַ וועגעלע מיט זאָקן צו פאַרקויפן. איך האָב אים געפרעגט ווי צו גיין צו דער גרינער גאַס. האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער ווייסט ניט וואו די גרינע גאַס געפינט זיך. אַ צווייטער מאַן, וואָס איז געשטאַנען מיט אַ וועגעלע מיט קאַרטאָפל און גרינוואַרג, האָט זיך אָפּגערופן צום זאָקן־פאַרקויפער: „פאַר וואָס פאַרשטייסטו ניט, דו זעסט דאָך אַז ער איז אַ גרינער. ביי אים איז גרין־סטריט די גרינע גאַס", און ער האָט מיר געוויזן ווי צו גיין. ער האָט געציילט די גאַסן און האָט מיר אָפּגעשילדערט דעם וועג צו גרין־סטריט. גייענדיק איבער גרין־סטריט האָב איך געזען הענגען אויף די טויערן פון די הייזער טאָוולען וואו עס איז געווען אָנגעשריבן אויף ייִדיש אַז מען פאַרלאַנגט אַ גוטן פינישער און אַן אָפּערייטאָר און אַ גוטן פּרעסער צו קלאָוקס, שטענדיקע אַרבעט. אויך זוכט מען אַזעלכע וואָס ווילן זיך לערנען זיין פּרעסערס, אָדער אָפּערייטאָרס אָדער פינישערס. האָב איך פאַרשטאַנען אַז אַרבעט וועל איך לייכט קריגן. איך דאַרף נאָר

באַשליסן וואָס פֿאַר אַ פֿאַך איך זאָל זיך אויסקלייבן. מיטאָג צייט בין איך אַריינגעגאַנגען אין אַ גאַרקיך עסן. זיצנדיק ביי אַ טיש, האָב איך געהערט ווי מענטשן האָבן גערעדט וועגן שטרייק וואָס גרייט זיך ביי די קלאָוקמאַכערס.

איך בין ווייטער געגאַנגען איבער די גאַסן. זיי זענען פֿול געווען מיט וועגעלעך מיט פֿאַרשיידענע סחורות. אַ סך מענטשן זענען געשטאַנען אַרום די וועגעלעך, האָבן זיך געדונגען און געקויפֿט. איך האָב געטראַכט אַז ווען איך וואָלט געהאַט געלט, וואָלט איך אויך געוואָרן אַ פּעדלער און כ׳וואָלט אויך געהאַנדלט ווי יידן האַנדלען דאָ און ניט געאַרבעט אין אַ שאַפּ, וואו מען שטיקט זיך אין דריי קליינע שטיבלעך און וואו עס וואוינט גלייכצייטיק אַ פֿאַמיליע פֿון אַ זעקס מענטשן, וואו די לופֿט איז אַ פֿאַרשטיקטע, אויפֿן הויף זענען די אָפּטריטן אָנגעוואָרפֿן מיט בערג מיסט אַרום זיי. אָבער צו וואָס טראַכטן איצט, אַז קיין געלט האָב איך ניט.

ווען איך בין צוריקגעקומען צו אברהם־אַלטערן אין הויז האָט ער און זיין פֿרוי בתיה מיך געפֿרעגט וואו איך בין געווען און וואָס פֿאַר אַן איינדרוק ניו־יאָרק מאַכט אויף מיר. איך האָב זיי דערציילט אַלץ וואָס איך האָב געזען און ספּעציעל וועגן פֿאַרפֿאַלק וועלכן איך האָב גע־האַלפֿן שלעפּן דאָס וועגעלע מיט דער ניי־מאַשין. איך האָב זיי געזאָגט, אַז איך האָב געזען אַ סך אָרעמקייט ביי לאַדזשער וועבערס און אויך אין די שטעטלעך, וואו איך האָב געלערנט אין די ישיבות, אָבער אַזאַ אָרעמ־קייט ווי איך האָב געזען אין דער וואוינונג פֿון יענעם שאַפּ, האָב איך נאָך ניט געזען. אברהם־אַלטער האָט מיר געענטפֿערט: „דו האָסט געזען ווי עס וואַקסט אויף אַ נייער בלוט־זויגער.“

באַלד ווי מיר האָבן אָפּגעגעסן זענען אַריינגעקומען אַ סך לאַנדס־לייט, וואָס זענען געקומען מיך זען. אַ סך פֿון די לאַנדסלייט האָב איך אין סטריקאָוו ניט געקענט. זיי זענען געווען אַרבעטער און האָבן גע־שטאַמט פֿון אָרעמע היימען. מען האָט ווידער אָנגעהויבן זיך אַן עצה צו האַלטן צו וואָס פֿאַר אַ פֿאַך איך זאָל זיך נעמען: אַן אָפּערייטאָר טויג ניט, ווייל עס דאַרף דויערן אַ פֿאַר יאָר ביז מען קען ווערן אַ גוטער אָפּערייטאָר. אַ צו־שניידער ביי פֿרויען־קליידער טויג אויך ניט, ווייל די וואָס לערנען זיך דאָס פֿאַך, מוזן שלעפּן די שטיקער סחורה און עס דאַרף אויך צו לאַנג דויערן ביז מען לערנט זיך אויס דאָס פֿאַך. אַ צו־שניידער מוז קענען רעדן און שרייבן ענגליש. איז געבליבן אַז דאָס בעסטע פֿאַר מיר איז אַ פּרעסער ביי קלאָוקס.

משה שפּיגל, מיינער אַ גוטער פֿריינד ביזן היינטיקן טאָג, האָט גע־

זאָגט ,אַז ער וועט רעדן מיטן „העד־פּרעסער״ פון זיין שאַפּ, ער זאָל מיך לערנען פּרעסן. אויב דער העד־פּרעסער וועט ניט וועלן, וועט ער רעדן מיטן בעל־הבית פון שאַפּ וואָס איז דעם העד־פּרעסערס שוואָגער, אַז ער זאָל מיך לערנען פּרעסעריי. אברהם־אַלטער און זיין פּרוי בתיה האָבן געזאָגט, אַז זיי האָבן מורא אַז פּרעסעריי איז אַ צו שווערע מלאכה פאַר מיר. אָבער אַלע פאַרזאַמלטע לאַנדסלייט האָבן באַשטימט אַז איך זאָל ווערן אַ פּרעסער. איך האָב זיך צוגעהערט צו די באַראַטונגען און כ׳האָב זיך געטראַכט: איך בין שוין אַ טאַטע פון דריי קינדער, איך האָב שוין אַ סך דורכגעמאַכט אין דער אַלטער היים און דאָ האַלטן מענטשן אָפּ אַן אסיפה וועגן מיר, וואָס איך זאָל טאָן אין אַמעריקע, וואָס פאַר אַ פאַך איך זאָל זיך לערנען, ווי איך וואָלט געווען אַ ניט־דערוואקסענער.

צו מאָרגנס בין איך ווידער געגאַנגען אָנקוקן די שטאָט. איך בין געגאַנגען ביז צו דער 14טער גאַס, וואָס איז צו יענער צייט געווען אַ ווichtיקע האַנדלס־גאַס פון דער איסט־סייד. די ערשטע עוועניו איז געווען פול מיט פּושקאַרטס אויף וועלכע עס זענען געלעגן די פאַרשיידנ־סטע סחורות: קאַרטאָפל און גרינוואַרג, פּרוכטן און שפּייזן, טעפּ, שיסלען, מענער־וועש און פרויען־וועש אאַז״וו. אַ טייל האָבן אויסגערופן זייערע סחורות אויף ענגליש, אַ טייל אויף יידיש. קונים האָבן זיך געדונגען און די סוחרים האָבן זיך געשוואָרן ביי ווייב און קינד, אַז די סחורה קאָסט זיי אַליין מער, ווי דער קונה וויל געבן. איך האָב ביי זיך גע־טראַכט, אַז דאָ גייט צו דער האַנדל פּונקט אַזוי ווי אין לאָדזש אויף אַלט־שטאָט אָדער אין באַלוט. אויף דער גאַס האָט מען אויך אויף די פּושקאַרטס געהאַנדלט מיט פאַרשיידענע אַלטע מענער־קליידער. עס זענען אויך געווען געוועלבער פון מענער־קליידער. דער פּרייז פון אַן אָנצוג איז געווען 8, 10 און 12 דאלער. אַ מאַן וועלכער איז געשטאַנען ביי דער טיר פון געוועלב איז צוגעקומען צו מיר און האָט מיר געזאָגט אַז ער האָט אַ גוטן אָנצוג פאַר מיר און ביליק אויך. ער האָט מיך אָנגענומען ביים אָרבל און האָט מיך געוואָלט אַריינשלעפּן אין געוועלב. ער האָט אָבער באַלד זיך דערוואוסט אַז איך בין נאָך גאָר אַ גרינער, האָט ער מיר אָנגעזאָגט, אַז ווען איך וועל האָבן געלט, זאָל איך קויפן אַ סוט ביי אים, אַז ער וועט מיך ניט אָפּנאַרן. ער האָט מיר געגעבן אַ קאַרטל וואו עס איז געווען אָנגעשריבן זיין נאָמען און דער נומער פון דעם הויז וואו דאָס געוועלב געפינט זיך. אַז איך בין אַוועקגעגאַנגען האָט דער מאַן מיר נאָכגעשריגן: הע׳, לאַנדסמאַן, פאַרלירט ניט דעם אַדרעס, איך וועל אייך געבן אַ גוטן סוט און שפּאָט־ביליק. ווען איך בין אַרויס־געגאַנגען פון געוועלב האָט אַן אַנדער מאַן, אַ הויכער און אַ דיקער מיך גערופן און געשריגן: „הע׳, מיסטער, איך האָב פאַר אייך אַ גוטן

סוט״. און ווידער האָט זיך איבערגעחזרט אַן ערך דאָס זעלבע. איך האָב ווייטער שפּאַצירט איבער דער 14טער גאַס. אומעטום איז געווען פול מיט פּושקאַרטס. אין איין אָרט איז געשטאַנען אַ קאַטערינקע און האָט געשפּילט. לעבן אים איז געשטאַנען אַ בחור און האָט געזונגען פון אַ שטיקל מוזיק־פּאַפּיר אַרויס. אַרום זיי איז געשטאַנען אַ גרויסער עולם און מיטגעהאָלפן זינגען. מען האָט געקויפט מאַסנווייז די קופּלעטלעך. פאַר נאַכט בין איך צוריק געגאַנגען צו אברהם אַלטערן. נאָכן עסן זענען ווידער געקומען לאַנדסלייט, אויך משה שפּיגעל. ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט גערעדט מיטן בעל־הבית פון שאַפּ, משה הילער, וועגן מיר. ער האָט אויך גערעדט מיטן העד־פּרעסער פון שאַפּ וואָס איז דעם בעל־הביתס שוואָגער. זיי האָבן מסכים געווען מיך אויסצולערנען פּרעסעריי. אויפן באַדינג אַז איך זאָל אַרבעטן צוויי וואָכן אָן געצאָלט. נאָך די צוויי וואָכן וועל איך קריגן דריי דאָלער אַ וואָך.

## קאַפּיטל 35

# איך ווער אַ פּראָפעסאָר

צו מאָרגנס אין דער פרי איז משה שפּיגל געקומען נאָך מיר. מיר זענען געגאַנגען צום שאַפּ וואָס האָט זיך געפונען אויף 64 יוניווערסיטי פּלייס, אויפן 11טן שטאָק. מיר זענען אַרויפגעפאָרן צום שאַפּ מיט אַן עלעוויטאָר, אויף וועלכן איך בין געפאָרן צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן. איך האָב גאָר ניט געפילט, אַז איך פאָר. אַז איך בין אַריינגעקומען אין שאַפּ, האָט משה שפּיגעל מיך פאָרגעשטעלט פאַרן בעל־הבית און האָט אים געזאָגט, אַז איך בין אברהם־פּנחס, פערל דער שענקערינס זון פון סטריקאָוו. דער בעל־הבית האָט געזאָגט, אַז ער האָט געקענט מיין טאַטן, ר׳ נחום אונגער, און ער קען אויך מיין מוטער. אין שאַפּ האָבן געאַרבעט אַ סך סטריקאָווער לאַנדסלייט. זיי האָבן מיך אַלע באַגריסט. דער העד־פּרעסער, זיין נאָמען איז געווען פיליפּ זאַוואַדסקי, האָט מיך געפרעגט צי איך באַשטיי אויף די באַדינגונגען. האָב איך געזאָגט, אַז איך באַשטיי. דער העד־פּרעסער, אַ הויכער, דיקלעכער מיט אַ גראָב פּנים און גראָבע הענט איז געווען אַ בעל־עגלה אין זיין היימשטעטל, גלאָוונע, 8 וויאָרסט פון סטריקאָוו. אַז איך האָב אָנגעקוקט מיין אַמעריקאַנער רבין האָב איך געטראַכט: ווי לאַנג איז ווי איך האָב געלערנט גמרא מיט דערוואַקסענע בחורים און עלטערע יידן? איצט וועט מיך דער בעל־עגלה לערנען צו ווערן אַ פּרעסער. אָבער איך האָב זיך דערמאָנט אָן דעם פּסוק אוהב את המלאכה ושנא את הרבנות (ליב די אַרבעט און האָב פיינט די פירערשאַפט). און צוריק געשמועסט, צו וואָס דאָס אַריינטראַכטן? — איך האָב דאָך איבערגעלאָזט אין דער היים אַ ווייב מיט דריי קינדער!

דער העד־פּרעסער האָט מיר געוויזן ווי אָנצוצינדן דאָס פּרעסאייזן, וואָס איז געוואָרעמט געוואָרן מיט גאַז. ער האָט מיר געוויזן ווי אויסצופּרעסן די שטיקלעך וואָס די אָפּערייטאָרס האָבן מיר דערלאַנגט. אַרום 12 אַזייגער האָט מיר שוין די האַנט ווי געטאָן און די פינגער פון

דער רעכטער האַנט האָבן שוין געהאַט מאָזאָליעס. פאַרנאַכט, ווען איך בין אַהיימגעגאַנגען פון דער אַרבעט, האָבן מיר די הענט גוט וויי געטאָן. אויך דער קאָפּ האָט מיר זייער וויי געטאָן. דאָס אייזן מיט וועלכן איך האָב געפּרעסט האָט געוואויגן צוויי און צוואַנציק פונט. נאָך דער אַרבעט האָבן אַ סך אַרבעטער מיך געפרעגט ווי איך גלייך די אַרבעט. האָב איך זיי געענטפערט אַז עס איז ניט קיין פראַגע פון גלייכן נאָר פון מוזן. אויך דער בעל־הבית האָט מיך געפרעגט ווי איז מיר געגאַנגען די אַרבעט דעם ערשטן טאָג. האָב איך אים געזאָגט אַז כל התחלות קשות. ווען איך בין אַהיימגעקומען, האָבן אברהם־אַלטער און זיין פרוי ווידער אַ מאָל מיך געפרעגט דאָס זעלבע. זיי האָבן באַקוקט מיינע הענט. איך האָב זיי באַרואיקט אַז איך וועל זיך צוגעוואוינען. אַז איך האָב געהאַט אָפּגעאַרבעט עטלעכע טעג, בין איך שוין געוואָרן צוגעוואוינט צו דער אַרבעט. איך האָב שוין געקענט אונטערפּרעסן אַ מאַנטל. דער בעל־הבית פון שאַפּ, וועלכער איז אַליין אויך געווען אַ פּרעסער, האָט באַקוקט דעם מאַנטל. ער האָט צוגערופן פיליפּן דעם העד־פּרעסער צו דער פיגור און געזאָגט צו אים: גיב אַ קוק, ווי גוט דער מאַנטל איז אונטערגעפּרעסט. דער העד־פּרעסער האָט געזאָגט צו אים: „פאַר וואָס פרעגסטו ניט ווי לאַנג עס האָט אים גענומען אונטערפּרעסן דעם מאַנטל?‟ האָט דער בעל־הבית געזאָגט צו מיר: „אברהם פּנחס, הער זיך ניט צו וואָס פיליפּ רעדט. צו ערשט לערן זיך אויס גוט פּרעסן, דער נאָך וועסטו שנעל פּרעסן.‟ האָט דער העד־פּרעסער געענטפערט דעם בעל־הבית: „אים הייסטו גוט פּרעסן און דו אַליין ווילסט שלעכט באַצאָלן. איך בעט דיך, מיש זיך ניט אַריין. ער אַרבעט ניט פאַר דיר, ער אַרבעט פאַר מיר.‟ דער העד־פּרעסער האָט זיך געווענדט צו מיר: „העי, פּרעס אַזוי ווי איך וועל דיך הייסן‟. נאָך אַ וואָך האָב איך שוין ניט געפּרעסט קיין שטיקלעך נאָר איך האָב אונטערגעפּרעסט גאַנצע מאַנטלען. איך האָב שוין אויך אַ סך שנעלער געפּרעסט. כ׳האָב שוין אויך די מאָזאָליעס אויף די הענט ניט געפילט. און דער ריח פון גאַז האָט מיך שוין ניט געאַרט.

די אַרבעטער פון שאַפּ האָבן אַ גאַנצן טאָג גערעדט וועגן דער יוניאָן. דער טשערמאַן פון שאַפּ האָט מיר געזאָגט אַז איך זאָל ווערן אַ יוניאָן־מאַן. איך האָב אים דאָס צוגעזאָגט. וואו נאָר איך בין געקומען, צי אין גאַס, צי אין שטאָטגאָרטן, האָב איך אומעטום געהערט רעדן וועגן גרייטן זיך צום שטרייק פון די קלאָוקמאַכערס. אַ געוויסן טאָג, ווען איך בין צוגעקומען אין דער פרי צו מיין שאַפּ זענען פאַרן טויער געשטאַנען צוויי מענער און האָבן געטראָגן פּלאַקאַטן פון דער קלאָוקמאַכער־יוניאָן אויף וועלכע עס איז געווען אָנגעשריבן אויף יידיש און ענגליש, אַז אין דעם שאַפּ שטרייקט מען. די אַרבעטער פון שאַפּ בעטן, אַז קיינער

זאָל ניט פֿאַרנעמען די שטרייקערס פּלעצער. איך האָב איינעם פֿון די פּלאַקאַט־טרעגערס געפֿרעגט פֿאַר וואָס מען שטרייקט. האָט ער מיר גע־זאָגט אַז דער באָס האָט נעכטן אָפּגעזאָגט אַן אַרבעטער. אַז אַ קאָמיטע איז געגאַנגען צו אים ער זאָל צוריקנעמען דעם אַרבעטער צו דער אַר־בעט, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט. „סיי ווי וועט מען אין גיכן שטרייקן", האָט ער צוגעגעבן, „גו, וועלן מיר שטרייקן מיט צוויי וואָכן פֿריער". צו מאָרגנס אין דער פֿרי זענען שוין די מענטשן מיט די פּלאַקאַטן ניט געשטאַנען פֿאַרן טויער.

ביי דער גרויסער מערהייט פֿון די זעכציק טויזנט קלאָוקמאַכערס איז דאָס אָנקומען פֿון טאָג פֿון שטרייק געווען אַזוי ווי ביי אַ פֿרומען ייד ערב יום־כּיפּור. די איבערגעבענע יוניאָן־לייט האָבן זיך שוין נישט געקענט דערוואַרטן אויפֿן שטרייק. אַלע האָבן געהאָפֿט, אַז דער שטרייק וועט שנעל געוואונען ווערן. אַז עס וועט גיך נעמען אַ סוף צו די 12 און 14 שעה אַ טאָג אַרבעט אין די סוועט־שעפּער און צו די בעדרום־שעפּער. צום אַרבעטן שבת ביי נאַכט ביז 12 אַ זייגער און זונטיק אַ האַלבן טאָג אאַז"וו. עס האָבן זיך אָבער געפֿונען צווישן די קלאָוק־מאַכערס אויך אַזעלכע, וואָס האָבן געהאָפֿט און זיך געוואונטשן אַז דער שטרייק זאָל ניט געוואונען ווערן. דאָס זענען קודם־כּל געווען די העד־פּרעסערס, וועלכע האָבן געאַרבעט פֿון שטיק און האָבן געהאַלטן פּרע־סערס צו לערנען. נאָך דער לער האָבן די העד־פּרעסערס זיי געצאָלט 3 דאָלער אַ וואָך. אויב אַ העד־פּרעסער האָט געצאָלט אַ פּרעסער צען דאָלער אַ וואָך, איז ער שוין געווען אַ גוטער פּרעסער. אָפֿט מאָל האָבן די פּרויען פֿון די פּרעסערס געמוזט רייניקן די וואוינונגען ביים העד־פּרעסער, דערפֿאַר האָט דער העד־פּרעסער געגעבן דעם פּרעסער אַ ביסל אַרבעט אין סלעק־צייט ווען עס איז ניט געווען גענוג אַרבעט פֿאַר אַלע. דאָס זעלבע איז אויך געווען מיט די העד־שניידערס, וועלכע פֿלעגן האַלטן אויף לער דריי־פֿיר מיידלעך. אויך די אָפּערייטאָרס האָבן געהאַט צו צוויי און דריי אַרויסהעלפֿערס ביי דער מאַשין. די העד־פּרעסערס, העדשניידערס און העד־אָפּערייטאָרס האָבן געשאָלטן די יוניאָן־פֿירערס, ווי אב. ראָזענבערג, סאָול פּאָליאַקאָף, מ. זיגמאַן און מאיר לאָנדאָן, דעם אַדוואָקאַט פֿון דער יוניאָן. די העד־שניידערס, פּרעסערס און אָפּעריי־טאָרס האָבן אָפֿן געזאָגט, אַז זיי וועלן שוין זען אַז עס זאָל ניט זיין קיין יוניאָן און אַז דער שטרייק זאָל געבראָכן ווערן. אַלע יידישע צייטונגען ווי אויך די ענגלישע האָבן יעדן טאָג געשריבן וועגן דעם קומענדיקן קלאָוקמאַכערס־שטרייק פֿון זעכציק טויזנט. די צייטונגען האָבן אַפּע־לירט צו די קלאָוק־מאַנופֿעקטשורערס אַז זיי זאָלן האָבן אַ קאָנפֿערענץ מיט די יוניאָן־פֿירערס און זיי זאָלן שאַפֿן אַ מעגלעכקייט, אַז עס זאָל

ניט קומען צו קיין שטרייק. די יוניאָן־פירערס האָבן געגעבן סטייט־מענטס אין די צייטונגען אַז זיי זענען גרייט צו קאָנפערירן מיט די מאַנופעקטשורערס און אַדורכקומען, אַז עס זאָל ניט דערגיין צו קיין שטרייק. אָבער די קלאָוק־מאַנופעקטשורערס זענען געווען איינגעשפּאַרט און האָבן ניט געוואָלט צוזאַמענקומען זיך מיט די יוניאָן־פירערס, ווייל זיי האָבן געוואוסט, אַז די יוניאָן האָט ניט קיין געלט אויסצוהאַלטן אַזאַ גרויסן שטרייק פון זעכציק טויזנט אַרבעטער. זיי האָבן געוואוסט אַז די קלאָוקמאַכערס זענען אָרעמעלייט און וועלן ניט קענען לאַנג שטרייקן און די יוניאָן קען זיי ניט געבן קיין שטיצע.

די אַרבעטער פון מיין שאַפּ האָבן מיך געטרייסט: „פּנחס", האָבן זיי געזאָגט, „זאָרג ניט, עס וועט לאַנג ניט דויערן און דו וועסט קריגן 19 דאלער אַ וואָך" (דאָס איז געווען די פאָדערונג פון דער יוניאָן אַז אַן אונטערפּרעסער זאָל קריגן 19 דאלער אַ וואָך). אין שאַפּ איז יעדן טאָג געוואָרן ווייניקער אַרבעט, ווייל דער בעל־הבית האָט ניט געוואָלט, אַז עס זאָל בלייבן קיין נישט־אויסגעפּאַרטיקטע סחורה, ווען עס וועט זיך אָנהויבן דער שטרייק. עטלעכע טעג פאַרן שטרייק איז אין מיין שאַפּ שוין ניט געווען קיין אַרבעט. איך האָב מיר געוואונטשן אַז דער שטרייק זאָל באַלד געסעטלט ווערן, אַזוי, אַז עס זאָל זיין גוט פאַר די מאַנו־פעקטשורערס אי פאַר די אַרבעטער. ער האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל ניט זוכן קיין אַנדערן פּלאַץ, אַז איך וועל ביי אים האָבן אַרבעט נאָכן שטרייק. אויב די אַרבעט וועט קאָסטן טייערער, וועט דער קונה מוזן צאָלן טייערער. דער צווייטער שותף, זיין נאָמען איז אויך געווען הילער, אַ פּלימעניק פון משה הילער, האָט געזאָגט צו אים: „דיר איז גוט צו זאָגן, ווייל דו זיצט אין אָפיס. גיי דו אַרויס פאַרקויפן קלאָוקס, וועסטו זען צי מען וויל צאָלן טייערער." פיליפ דער העד־פּרעסער, וועלכן מען האָט אין שאַפּ גערופן אין דער שטיל „איזוואָז־טשיק"" האָט געזאָגט צו משה הילער: „און דו וועסט אויך צאָלן מער פאַר פּרעסן דיינע שווערע מאַנטלען?" משה הילער האָט אים געענט־פערט: „דו האָסט אויך זיך צו באַקלאָגן? הונדערט דאלער אַ וואָך איז דיר ניט גענוג? אין גלאָזוועע וואו דו האָסט געוואָרט אַ גאַנצן טאָג דו זאָלסט קריגן אַ יאָזדע פאַר איין רובל, האָסטו מער פאַרדינט?" איך האָב ניט געוואָרט ביז משה הילער וועט זיך אויפהערן קריגן מיט זיין שוואָגער און כ׳בין אַוועק פון שאַפּ. משה הילער האָט מיר נאָכגע־שריגן: „אברהם פּנחס, מיר זאָלן זיך זען אין קורצן".

איך האָב זיך געגרייט צום שטרייק מיט יראת־הכבוד. כ׳האָב דער־ביי געטראַכט: ווי לאַנג איז דאָס, ווי איך בין געווען אין לאָדזש, ווי

די פאַרשאָלטענע רוסישע רעגירונג האָט פאַרוועדט צו שטרייקן, און איצט וועל איך פראַנק און פריי זיין אַ שטרייקער צוזאַמען מיט די 60 טויזנט קלאָוקמאַכערס. איך האָב געוואַרט אויף אַ שנעלן זיג, ווייל איך האָב שוין באַלד גאָר ניט געהאַט פון די 24 רובל וואָס איך האָב מיטגעבראַכט קיין אַמעריקע. איך האָב געדאַרפט שיקן מיין פרוי געלט, ווייל קיין סך האָב איך איר ניט איבערגעלאָזט ווען איך בין אַוועקגעפאָרן פון לאָדזש און זי איז געפאָרן מיט אונדזערע דריי פיצלעך קינדער צו איר פאָטער קיין סאָכאַטשעוו.

## קאַפּיטל 36

# דער היסטאָרישער שטרייק פון די קלאָוקמאַכערס

אַ געוויסן טאָג איז געוואָרן געמאָלדן אַז די ניו־יאָרקער קלאָוקמאַכערס יוניאָן רופט אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג פון אַלע ניו־יאָרקער און ברוקלינער קלאָוקמאַכערס אויפן 28טן יוני 1910, פיר אַ זייגער ביי טאָג אין מעדיסאָן סקווער גאַרדען (וואָס איז דעמאָלט געווען אויף דער 26טער גאַס און מעדיסאָן עוועניו). דעם מיטינג האָט די קלאָוקמאַכערס יוניאָן גערופן כדי פאָרצושטעלן פאַר די אַרבעטער די פאָדערונגען וואָס זי שטעלט אַרויס צו די קלאָוק־מאַנופעקטשורערס. אברהם אַלטער יאָנא האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל גיין צו דעם מיטינג, אָבער איך מוז גיין פרי, כדי איך זאָל קענען אַריינקומען אין זאַל. איך וועל דאָרט הערן גרויסע רעדנערס, האָט ער מיר געזאָגט, ווי דעם פּרעזידענט פון דער פרויען באַקליידונגס־יוניאָן, אבר. ראָזענבערג, סעמועל גאָמפּערס, דעם פּרעזידענט פון אַלע יוניאָנס אין אַמעריקע, סאול פּאָליאַקאָף, אב. קאַהאַן, דעם רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס", דעם אַדוואָקאַט און סאָציאַליסט מאיר לאָנדאָן און נאָך אַ סך אַנדערע גוטע רעדנערס. איך בין פרי אַוועק צום מעדיסאָן סקווער גאַרדען. דער זאַל איז אין אַ קורצער צייט אינגאַנצן אָנגעפילט געוואָרן מיט מענטשן. דער עולם האָט אַרויסגעוויזן אַ גרויסן ענטוזיאַזם, ניט אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך געגרייט צו אַ גרויסן שטרייק, וואָס זיי ווייסן ניט צי זיי וועלן אים געווינען, נאָר ווי זיי וואָלטן זיך געגרייט צו אַ גרויסער און רייכער פאַרווײלונג. איך האָב געקוקט אויף די פּנימער פון די מענטשן וואָס זענען געזעסן אַרום מיר, ווי זיי האָבן זיך צוגעהערט צו יעדן וואָרט וואָס אַ רעדנער האָט געזאָגט. די אַפּלאָדיסמענטן האָבן כסדר פאַרהילכט דעם גרויסן זאַל. ווען איין רעדנער האָט זיך אויסגעדריקט אַז פּונקט אַזוי ווי משה רבינו האָט באַפרייט די יידן פון שקלאַפעריי אין מצרים, אַזוי וועט די יוניאָן ניט אויפגעבן דעם שטרייק ביז איר וועט באַפרייט ווערן פון דער שקלאַפעריי אין די סוועטשעפּער און בעדרום־שעפּער, וואו מען אַרבעט 75 און 80 שעה אַ וואָך, — איז אויסגעבראָכן אַ מעכטיקער געשריי: „מיר שווערן". ווען דער פאָרזיצער פון מיטינג האָט פאָרגעלייענט די פאָדערונגען, וואָס די יוניאָן

שטעלט אַרויס, ווי אַן 48שעהדיקע אַרבעטס־וואָך, אָפּשאַפן די שאַפּ־קאָנטראַקטאָרס, אָפּשאַפן די סוועט־שעפּער און נאָך אַנדערע פאָדערונגען, האָב איך געזען ווי אַ סך מענטשן אַרום מיר האָבן זיך געווישט די טרערן פון די אויגן. אַ טייל האָבן מאַרשירט איבערן זאַל מיט געזאַנג. ווען דער פאָרזיצער פון מיטינג האָט געמאָלדן, אַז אין די גאַסן אַרום מעדיסאָן סקווער־גאַרדן זענען פאַרזאַמלט טויזנטער קלאָוקמאַכערס, וואָס קענען ניט אַריינקומען אין זאַל, האָט אויסגעבראָכן אַ הילכיק געשריי פון פריקד. די ניו־יאָרקער צייטונגען האָבן געשריבן גרויסע באַריכטן וועגן דעם מיטינג. זיי האָבן אָפּגעשאַצט אַז אין די גאַסן אַרום דעם סקווער־גאַרדען האָבן זיך געפונען אַרום 30 טויזנט קלאָוקמאַכערס. דער געוואַלטיקער דערפאָלג פון מיטינג האָט דערמוטיקט אַפילו די יעניקע אַרבעטער וועלכע זענען געווען סקעפּטיש וועגן שטרייק.

אַ צווייטע דעמאָנסטראַציע האָבן די קלאָוקמאַכערס געמאַכט, ווען זיי האָבן געשטימט צי זיי ווילן שטרייקן אָדער ניט. דער רעזולטאַט איז געווען אַז מער ווי 19 טויזנט אַרבעטער האָבן געשטימט פאַר אַ שטרייק און נאָר 600 האָבן געשטימט קעגן אַ שטרייק. ווען דער רעזולטאַט איז באַוואוסט געוואָרן, האָבן די צייטונגען נאָך אַ מאָל אַפּעלירט צו די קלאָוק־מאַנופעקטשורערס, זיי זאָלן זיך צוזאַמענקומען מיט די יוניאָן־פירערס און קומען צו אַן אויסגלייך. אָבער די בעלי־הבתים זענען געווען איינגעשפּאַרט, זיי האָבן גערעכנט אַז די קלאָוקמאַכערס וועלן ניט קענען לאַנג שטרייקן, ווייל זיי זענען אָרעם. אָבער אַלע זענען געוואָרן איבעראַשט נאָך דעם ווי עס איז באַוואוסט געוואָרן אַז מער ווי 19 טויזנט האָבן געשטימט פאַר אַ שטרייק און נאָר אַ קליינע צאָל האָבן געשטימט קעגן.

די יוניאָן האָט גערופן דעם שטרייק אויף דאָנערשטיק, דעם 7טן יולי, איך בין געווען אומגעדולדיק, איך וועל דאָך אויך זיין איינער פון די שטרייקערס. מיינע פריינד האָבן מיר געזאָגט אַז איך זאָל שטיין אויף יוניאָן־סקווער ביי דער 14טער גאַס, וועל איך קענען זען ווי די קלאָוקמאַכערס מאַרשירן צו די זאַלן, וואו זייערע שעפּער זאַמלען זיך און וועלן דאָרט וואַרטן ביז זייערע בעלי־הבתים וועלן אַדורכקומען מיט דער יוניאָן.

דאָנערשטיק דעם 7טן יולי, מיטאָג צייט, האָבן אַרבעטער אין די גאַסן וואו עס האָבן זיך געפונען קלאָוק־שעפּער, געטיילט אַ ספּעציעלע אויסגאַבע פון דער יוניאָן־צייטונג „די נייע פּאָסט״, וועלכע האָט אויפגעפאָדערט די קלאָוקמאַכערס, זיי זאָלן וואַרפן די אַרבעט דעם זעלבן טאָג, צוויי אַ זייגער נאָך מיטאָג. זיי זאָלן מיטנעמען מיט זיך אַלע זאַכן וועלכע באַלאַנגען צו זיי, ווי די ניי־געצייג אָדער אייגענע מאַשינען.

איך האָב זיך אָוועקגעשטעלט אויף יוניאָן סקוועד ביי דער 14טער גאַס. באַלד נאָך צוויי אַ זייגער האָבן אָנגעהויבן אָנקומען אַ סך מענטשן. עס האָבן זיך געהערט געשרייען: „לאַנג לעבן זאָל אונדזער יוניאָן! הורריי ברודער ראָזנבערג, אב. קאַהאַן, בענדזשאַמין שלעזינגער!” איך האָב זיך אויסגעמישט מיטן עולם. איך בין צוגעגאַנגען צו מענטשן וואָס איך האָב גאָר ניט געקענט, איך האָב זיי באַגריסט און געזאָגט, אַז איך בין איצט אין אַמעריקע פינף וואָכן און בין שוין אַ שטרייקער. די מאַסן מענטשן זענען געוואָרן אַלץ גרעסער. מען האָט נאָך אַלץ געשריגן: „לאַנג לעבן זאָל אונדזער יוניאָן!” „הורריי פאַר אב. קאַהאַן! לעבן זאָל דער „פאָרווערטס” !” די מאַסן אויף דער גאַס זענען געוואָרן שיטערער, די מענטשן זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען אין די זאַלן.

איך בין צוגעגאַנגען אין דעם זאַל וואו די אַרבעטער פון מיין שאַפּ האָבן זיך געזאַמלט. דאַכט זיך אַז דאָס איז געווען אויף לודלאָוו, אָדער עסעקס סטריט. איך געדענק בלויז אַז אַנטקעגנאיבער דעם זאַל איז געווען אַ פּאָליציי־הויז. אַז איך בין אַריינגעקומען אין הויז, האָט מיך אַ מאַן געפרעגט צו וועלכן שאַפּ איך געהער? איך האָב אים געזאָגט, און ער האָט מיר אָנגעוויזן אַז מיין שאַפּ געפינט זיך אויפן דריטן שטאָק. אַז איך בין אַריינגעקומען אין דער שטוב, האָב איך געטראָפן אַלע אַר־בעטער פון שאַפּ, אַפילו פיליפּ דער העד־פרעסער איז אויך שוין געווען. פיליפּ האָט זיך אָפּגערופן צו מיר: מיר האָבן געמיינט אַז דו גרינער ביסט פאַרלוירן געגאַנגען.

אין דער שטוב וואו מיין שאַפּ האָט זיך פאַרזאַמלט איז געשטאַנען אַן ארון־קודש פאַרדעקט מיט אַ שיינעם פרוכת. אויף דעם פרוכת איז געווען אויסגעניייט מיט גאָלדענע פעדים דער נאָמען פון מנדב און דער נאָמען פון דער חברה. אַזוי איז געווען אין אַלע שטובן וואו די שטריי־קערס זענען געווען פאַרזאַמלט. אין יעדן צימער איז געשטאַנען אַן אָרון־קודש, אַ באַלעמער און אַן עמוד פאַרן בעל־תפילה. אין יעדן צימער האָט געהאַט איר זיך־אָרט אַ חברה, געווייינטלעך פון איין שטאָט. איך האָב זיך פונאַנדערגעשמועסט מיט איינעם פון די שטרייקערס און ער האָט מיר געזאָגט אַז די וואָס באַלאַנגען צו די חברות קומען ניט דאַווענען. כּוֹן אינדערוואָכן איז דאָך אָפּגערעדט, אָבער שבת קומען אויך ניט צו פיל. אַ שבת ווען מען בענטשט ראש־חודש קומען אין מאַנכע חברות ביז צוויי מיניינים. איך האָב אים געפרעגט מכוח די שולן. קומט מען אין די שולן דאַווענען? — האָט ער מיר געענטפערט, אַז אויב די שול האָט אַ חזן, קומען אין אַ שבת ראש־חודש אַ היפּשע צאָל הערן דעם חזן. אָבער ווען מען בענטשט ניט ראש־חודש, דעמאָלט קומט דאַווענען קוים אַ מנין.

איך האָב זיך באַקענט מיט אַ טייל שטרייקערס. איינעם אַ יונגג־מאַן האָב איך אָנגעטראָפן וואָס זיין לעבנס־געשיכטע איז געווען כמעט אין גאַנצן ענלעך צו מיינער, מיט דעם אונטערשייד, וואָס ער האָט ניט גע־האָט קיין שפּייז־געוועלבל נאָר האָט געהאַנדלט מיט תבואה און ער איז שוין אַ יאָר אין אַמעריקע, איז אַן אָפּערייטאָר און פאַרדינט שוין 8 דאָלער אַ וואָך. איך האָב זיך דאָרט באַקענט אויך מיט אַ פרומען ייד. ער האָט שטענדיק געטראָגן אַ קאַפּל אויפן קאָפּ. שטענדיק האָט ער אַריינ־געקוקט אין אַ מוסר־ספר. איין מאָל האָט ער מיך געבעטן, איך זאָל זיך צוזעצן צו אים. מיר האָבן זיך פונאַנדערגעשמועסט, איך האָב אים דערציילט אַז איך קען לערנען און ער האָט מיר דערציילט זיין לעבנס־געשיכטע: ער איז אַנטלאָפן קיין אַמעריקע נאָך 1905 ווען די רוסישע רעוואָלוציע איז אַדורכגעפאַלן. כאָטש ער איז אַ פרומער און טראָגט אַ באָרד און איז געווען אַ שוחט און אַ סופר אין דער אַלטער היים, איז ער אויך געווען אַן איבערגעבענער סאָציאַליסט. ביי אים אין שטעטל האָט זיך געפונען אַ גרופּע פון דער פּפּ״ס. צו איר האָבן געהערט עט־לעכע יידישע יונגעלייט, אויך ער צווישן זיי. נאָך דער דורכגעפאַלענער רעוואָלוציע האָט ער מורא געהאַט פאַר אַן אַרעסט און איז אַנטלאָפן קיין אַמעריקע. איך האָב זיך שפּעטער מיט אים אָפט געטראָפן ביי מי־טינגען פון מיין יוניאָן־לאָקאַל.

אין יעדן שטרייקנדיקן שאַפּ זענען געשאַפן געוואָרן „קאָמיטעס״ פון די אַרבעטער פון דעם שאַפּ. עס איז געווען אַ „בענעפיט־קאָמיטע״ אויס־צוגעפינען ווער עס נויטיקט זיך אין מאַטעריעלער הילף. די קאָמיטע האָט זיך אינטערעסירט וויפל קינדער דער שטרייקער האָט, צי די קינדער אַרבעטן און פאַרדינען, כדי צו וויסן וויפל צו געבן דעם שטריי־קער, אויב ער האָט זיך געמאָלדן נאָך שטיצע. עס איז אויך געווען אַ „קאָנטראָל־קאָמיטע״, וואָס האָט אַכטונג געגעבן אַז יעדער שטרייקער זאָל יעדן טאָג קומען צו דעם אָרט וואו זיין שאַפּ זאַמלט זיך. עס איז אויך געווען פאַר יעדן שאַפּ אַ „פּיקעט־קאָמיטע״, וואָס האָט געהיט דעם שאַפּ אַז מען זאָל דאָרט ניט אַרבעטן. טאָמער איז איינער אַריינגעגאַנגען אין דעם הויז וואו דער שאַפּ האָט זיך געפונען איז אַ מיטגליד פון דער „פּיקעט־קאָמיטע״ מיטגעפאָרן אין עלעווייטאָר אָדער איז מיטגעגאַנגען אויף די טרעפּ צו זען וואו דער חברה־מאַן גייט. אונדזער שאַפּ־טשערמאַן האָט מיך אויסגעקליבן, איך זאָל זיין אין צוויי קאָמיטעס: אין דער „בע־נעפיט־קאָמיטע״ און אין דער „פּיקעט־קאָמיטע״.

איין מאָל האָט מיך דער טשערמאַן פון מיין שאַפּ גערופן אַז איך זאָל גיין מיט אים צום טשערמאַן פון גאַנצן זאַל (וואו עס האָבן זיך געזאַמלט אַרבעטער פון עטלעכע שעפּער). יענער האָט געהערט אַז אין מיין שאַפּ

אַרבעטן סקעבס ביי נאַכט. ער האָט מיר געזאָגט אַז איך מוז גיין זען צי מען אַרבעט דאָרט טאַקע ביינאַכט. מיט מיר וועט מיטגיין נאָך איין מאַן פון אונדזער שאַפּ. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מיר מיין טשערמאַן געזאָגט אַז היינט ביינאַכט זאָל איך גיין היטן דעם שאַפּ און אַז איך זאָל ביי זיך ניט האָבן אַפילו קיין טאַשן־מעסערל, ווייל אויב מען וועט מיך אַרעסטירן, זאָל מען ביי מיר ניט געפינען קיין שום „געווער". אַרום צוועלף אַזייגער ביינאַכט בין איך אַוועקגעגאַנגען צום הויז וואו מיין שאַפּ האָט זיך געפונען. דער צווייטער מאַן, וואָס האָט געזאָלט מיטגיין, איז ניט געקומען. אויף דער גאַס איז געווען זייער שטיל, דאָס גאַנצע הויז איז געווען פינצטער. קיין מענטשן האָט מען אין ערגעץ ניט געזען. איך האָב געגעבן אַ קוק אויף מיין ביליקן אינגערסאָל האַנטזייגער, עס איז שוין געווען נאָענט צו איינס אַ זייגער. אַזוי ווי איך בין געגאַנגען אויף דער גאַס נאָענט פון שאַפּ־בנין, הין און צוריק, האָב איך דערזען ווי אין אַ הויז, לעבן דעם הויז וואו איך האָב געאַרבעט, איז געוואָרן ליכטיק אין עטלעכע פענצטער. איך בין צוגעגאַנגען נאָענט צו דעם הויז, האָב איך געהערט אַ גערויש און אַ קלאַפּן. איך האָב זיך געוואונדערט כּון וועלכער זייט זענען די מענטשן אַרויפגעגאַנגען, ווייל איך האָב קיינעם נישט געזען פאַרבייגיין. איך האָב פּרובירט אויפצומאַכן די טיר פון הויז, איז זי געווען פאַרמאַכט. אַזוי ווי איך בין געשטאַנען אויף דער גאַס און באַטראַכט די סיטואַציע, איז אָנגעקומען אַ פּאָליציימאַן. ער האָט מיך געפרעגט: „וואָט אַר יו דואינג היער סאָ לעיט?" האָב איך ניט פאַרשטאַנען וואָס ער האָט געזאָגט, אָבער ווען ער איז צוגעקומען צו מיר נענטער און האָט מיר געגעבן אַ שטאַרקן קלאַפּ אין פוס מיט אַ גראָבן שטעקן, האָב איך שוין געשפּירט וואָס ער האָט געמיינט. איך האָב דערפילט אַ שטאַרקן ווייטיק אין פוס. האָב איך זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיגל פון אַ הויז. אַז דער פּאָליציימאַן האָט געזען ווי איך הינק אונטער, איז ער צוגעקומען צו מיר און מיך געפרעגט: „דיד אַי הוירט יו? שוד אַי קאָל ען אַמבולאַנס?" לויטן וואָרט „אַמבולאַנס"" האָב איך פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט און איך האָב זיך געטראַכט: איצט האָט ער רחמנות אויף מיר. ער האָט מיך ווייטער געפרעגט: „אַר יו אַ סטרייקער, אַר יו אַ גרינהאָרן?" איך האָב געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ און האָב געזאָגט „אַי פּיקעט אַ שאַפּ". איך בין אַוועקגעגאַנגען. עס זאָגט זיך אַזוי געגאַנגען — איך האָב אַוועקגעלאָמט צו מיין הויז. צוקומענדיק צו דער 14טער גאַס, האָבן מיך אָפּגעשטעלט צוויי נאַכטפייגל. איינע האָט מיר אַריינגעזונגען אין איין אויער אויף יידיש און די צווייטע האָט מיר אַריינגעזונגען אין צווייטן אויער אויף פּויליש. איך האָב אויפגעשוידערט. ביים שיין פון דער עלעקטרישער גאַסן־לאָמפּ האָב איך געזען זייערע יונגע פּנימער מיט

שוין אויסגעלאָשענע אויגן און איך האָב זיך געטראַכט: אָט זענען נאָך צוויי קרבנות פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג.

ווען איך בין צוגעקומען, בעסער געזאָגט, צוגעלאָמט צו אברהם־אַל־טערס הויז, איז שוין געווען האַלב נאָך צוויי ביינאַכט. אין דער פרי האָב איך צוגעלייגט אַ זאַלב צו דער וואונד פון פוס. עס האָט געדויערט גאַנץ לאַנג ביז די וואונד האָט זיך אויסגעהיילט און נאָך דעם איז פאַרבליבן אַ צייכן אויפן פוס אַ לאַנגע צייט. צו מאָרגנס בין איך אַוועק צו דעם זאַל וואו מיינע שאַפּ־אַרבעטער האָבן זיך געפונען. דער טשערמאַן פון שאַפּ האָט מיך געפרעגט פאַר וואָס איך הינק אויף אַ פוס. האָב איך אים דערציילט וואָס עס האָט מיט פּאַסירט נעכטן ביינאַכט און וואָס איך האָב געזען. ער האָט מיך געוואָלט שיקן צו אַ דאָקטאָר אויף דער יוניאָנס חשבון, האָב איך ניט געוואָלט גיין.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מיר דער זאַל־טשערמאַן געזאָגט אַז איך האָב געטאָן אַ גוטע אַרבעט, וואָס איך האָב אויסגעפונען אַז מען סקעבט דאָרט ביי נאַכט, ער האָט מיר דערציילט אַז מען האָט אַרונטערגענומען סקעבס פון צוויי שעפּער פון דעם הויז וואו איך האָב געזען ליכט ביי־נאַכט.

נאָכדעם ווי מיר האָבן געהאַט אָפּגעשטרייקט עטלעכע וואָכן, האָבן זיך די אַרבעטער פון מיין שאַפּ געווענדט צום טשערמאַן, אַז די יוניאָן זאָל זיי געבן אַן אונטערשטיצונג. דער ערשטער האָט זיך געווענדט נאָך שטיצע דער הויכער גבריאל, וואָס איז געווען אַ גרויסער אָרעמאַן, ווייל ער האָט שלעכט פאַרדינט און געהאַט אויסצוהאַלטן אַ פאַמיליע פון אַכט נפשות. מען האָט אים געגעבן פיר דאָלער שטיצע, האָט ער געזאָגט דעם טשערמאַן: „וואָס זאָל איך פריער טאָן מיט די פיר דאָלער? צאָלן דירה־געלט, באַצאָלן וואָס איך בין שולדיק אין שפּייז־געוועלבל, אַז מען זאָל מיר אויפּסניי באָרגן אָדער קויפן שיכלעך פאַר מיינע קינדער? — דער שאַפּ־טשערמאַן האָט צו אים געזאָגט: „ווי איך זע, באַדאַרפסטו דאָס גאַנצע געלט וואָס מען גיט צו אַלע שטרייקערס פון גאַנצן שאַפּ". מיר האָט דער טשערמאַן געגעבן דריי דאָלער שטיצע. איך האָב אים געפרעגט פאַר וואָס ער גיט מיר דריי דאָלער און גבריאלן, וואָס האָט זעקס קינדער, האָט ער געגעבן פיר דאָלער? האָט ער געענטפערט, אַז ער ווייסט, אַז איך האָב ניט קיין געלט. איך האָב צוגענומען די דריי דאָלער און האָב גבריאלן געגעבן דערפון צוויי דאָלער. ווען מיר האָבן אָנגעהויבן שטרייקן, האָב איך אין דער וואָכן ניט געגעסן אין קיין רעסטאָראַן. איך האָב געקויפט דריי גרויסע באַנאַנעס פאַר צוויי סענט און צוויי פונט ווייס ברויט פאַר זיבן סענט, האָב איך געהאַט צו עסן אויף צוויי טעג. אַזוי האָב איך געגעסן איין וואָך. איך האָב זיך דערפילט אָפּגעשוואַכט און כ'האָב געזען

אַז איך קען ווייטער ניט אָנגיין מיט אַזאַ הונגער־דיעטע. איך האָב געפרעגט אברהם־אַלטערן, צי זיי קענען מיר באָרגן עפּעס געלט, האָט ער געפרעגט זיין פרוי וויפל געלט זי האָט נאָך אין דער באַנק? — אַכציק דאָלער, — האָט זי געזאָגט, אָבער פון דעם דאַרף זי צאָלן דירה־געלט. זי קען מיר געבן צען דאָלער, אויב איך וועל דאַרפן האָבן נאָך געלט, וועט זי זיך באָרגן און מיר געבן. איך האָב געוואָלט שיקן מיין פרוי עפּעס געלט, אָבער איך האָב ניט געהאַט.

דער טשערמאַן פון דעם זאַל האָט מיך געבעטן, איך זאָל אים אַרויס־העלפן אין זיין אַרבעט, ווי אַ שטייגער: אויסטיילן די שטיצע־טשעקס פאַר די שטרייקערס, נעמען אונטערשריפטן ביי די וואָס קריגן די שטיצע, אָפּהאַלטן זיצונגען מיט די אַרבעטער פון קליינע שעפּער (ניט אין איין קליינעם בעדרום־שאַפּ האָט אויך געשטרייקט דער בעל־הבית צוזאַמען מיט זיינע אַרבעטער, אָפּט מאָל איז ער אַפילו אויך געווען אַ יוניאָן־מאַן). איך האָב אויך געדאַרפט קאָנטראָלירן צי די אַרבעטער פון די קליינע שעפּער קומען יעדן טאָג אין זאַל אַריין וואו די שטרייקערס זאַמלען זיך און צי זיי האָבן זיך געמאָלדן צו זייער שאַפּ־טשערמאַן, ווייל אויב אַ שטרייקער איז ניט געקומען איין טאָג אין זאַל, איז אַ „קאָמיטע" באַלד געפאָרן צו אים אַהיים אויסגעפינען, פאַר וואָס ער איז ניט געקומען.

אַרומגייענדיק צווישן די שטרייקערס און רעדנדיק מיט זיי, האָב איך צווישן זיי געטראָפן זייער אַ סך אינטעליגענטע מענטשן, וואָס זענען געווען איבערצייגטע סאָציאַליסטן. איך האָב אָנגעטראָפן אויף אַ יונגנמאַן וואָס האָט אין דער היים זיך געלערנט אויף אינזשיניער ,איצט האָט ער בדעה צו גיין אין די אָוונטן אין קופּער־יוניאָן און ענדיקן דאָ אויף אינזשיניער. אַ צווייטער יונגערמאַן האָט אין דער אַלטער היים שטודירט אויף אַפּ־טייקער און ער האָט דאָ בדעה צו גיין אין אָוונט אין סיטי־קאַלעדזש.

דער זאַל־טשערמאַן האָט מיר געגעבן יעדע וואָך פיר דאָלער שטיצע, אַ פאַרגיטיקונג וואָס איך העלף אים אַרויס. ווען די יוניאָן וואָלט געהאַט מער געלט, וואָלט ער מיר געגעבן מער, — האָט ער געזאָגט.

נאָך פינף וואָכן שטרייקן האָט דער שאַפּ־טשערמאַן גערופן די אַר־בעטער פון מיין שאַפּ און האָט אונדז געזאָגט, אַז אונדזער בעל־הבית וויל אונטערשרייבן אַ קאָנטראַקט מיט דער יוניאָן. עס קען זיין, אַז אין אין עטלעכע טעג אַרום וועלן מיר שוין אָנהייבן אַרבעטן. די נייעס האָט מיך דערפרייט. דעם זעלבן טאָג האָב איך אויך געקראָגן פון זאַל־טשער־מאַן די פיר דאָלער. ס'איז געווען פרייטאָג צו נאַכטס, האָב איך מיר פאַרגונען און כ'בין אַוועק אָפּעסן אין גליקשטערנס רעסטאָראַן אויף

ריווינגטאָן גאַס. דער רעסטאָראַן איז געווען אין אַ קעלער שטוב. פֿאַר צוואַנציק סענט האָב איך באַקומען פֿיש און הון. איך האָב שוין גאָר אַ לאַנגע צייט ניט געגעסן קיין פֿלייש און כ׳האָב גרויס הנאה געהאַט פֿון מאָלצייט. ווען איך בין אַהיימגעקומען, האָב איך דערציילט אברהם אַלטערן און זיין פֿרוי בתיהן די גוטע נייעס, אַז איך וועל אָנהויבן אַרבעטן אין עטלעכע טעג אַרום און ווי נאָר איך וועל אָנהויבן אַרבעטן, וועל איך מיר זוכן אַ שטוב צו וואוינען, ווייל עס איז ביי זיי אין די דריי שטובן צו ענג און זיי האָבן אויך אַ מיידל פֿון 13 יאָר. זיי האָבן מיר געזאָגט, אַז איך זאָל נאָך וואַרטן מיטן דינגען אַ שטוב, ביז איך וועל אָנהויבן אַ ביסל בעסער צו פֿאַרדינען.

אונדזער בעל־הבית האָט טאַקע אונטערגעשריבן אַ קאָנטראַקט מיט דער קלאָוקמאַכער־יוניאָן און מיר זענען צוריקגעגאַנגען צו דער אַרבעט. אַזוי ווי אַנדערע שעפּעד פֿון דער זעלבער געגנט זענען אויך צוריק־געגאַנגען צו דער אַרבעט, האָבן מיר צוזאַמען געדונגען אַ קאַפּעלע און מיר זענען צוריקגעגאַנגען צו דער אַרבעט מיט מוזיק. ווען מיר האָבן מאַרשירט איבער די גאַסן, זענען אַ סך מענטשן צוגעקומען צו אונדז און געפֿרעגט צי מיר האָבן געוואונען דעם שטרייק. מיר האָבן געשריגן: „ווי וואָן דהי סטרייק״, און די מענטשן אויף דער גאַס האָבן אונדז אָפּגעענטפֿערט: „גאָד בלעס יו״. אַנדערע האָבן געשריגן: „הורריי פֿאַר דהי קלאָוקמייקערס יוניאָן״. אַז מיר זענען געקומען צו דער גאַס וואו אונדזערע שעפּער זענען געווען, האָבן די מוזיקאַנטן זיך אָפּגעשטעלט און אויפֿגעשפּילט. אונדזערע בעלי־הבתים האָבן אַרונטערגעקוקט פֿון די פֿענצטער און האָבן אונדז באַגריסט. ווען מיר זענען אַריינגעקומען אין שאָפּ, האָבן אונדז די צוויי שותּפֿים, די בעלי־הבתים, געגעבן אַ ברייטן ברוך־הבא און אונדז געוואונטשן גליק. מיר האָבן זיי אויך געוואונטשן גליק. פֿיליפּ דער העד־פּרעסער איז שוין געווען אין שאָפּ פֿון פֿריער. ער האָט גערייניקט די פּרעס־אייזנס און איבערגעצויגן מיט נייע איבער־דעקעס די פּרעס־ברעטער. דער שאָפּ־טשערמאַן האָט אים געפֿרעגט פֿאַר וואָס ער האָט ניט מאַרשירט צוזאַמען מיט אונדז. ער האָט געענטפֿערט: „אַ גליק האָט מיך געטראָפֿן, מען האָט געוואונען דעם שטרייק. דער שטרייק איז נאָך ניט געוואונען. די גרויסע בעלי־הבתים האָבן נאָך ניט געסעטלט. אַ יוניאָן איז נאָר גוט פֿאַר שלעכטע בעלי־מלאכות״. דער שאָפּ־טשערמאַן האָט צו אים געזאָגט: „פֿיליפּ, דו ביסט געווען אַ גראָבער יונג און וועסט פֿאַרבלייבן אַ גראָבער יונג.״ דער בעל־הבית האָט גע־שטעלט פֿאַר די אַרבעטער בראָנפֿן מיט צובייסן.

ווען איך האָב אָפּגעאַרבעט די ערשטע וואָך האָט מיר דער העד־

פרעסער געגעבן דריי דאָלער. די צווייטע וואָך, ביים אויסצאָלן, האָט ער געזאָגט צו מיר: גיב זיך אַ ריר (דאָס האָט ער געמיינט, אַז איך זאָל שנעל פּרעסן). פאַר שבת האָט ער מיר צוגעגעבן פופציק סענט. עט־לעכע וואָכן האָט ער מיר געגעבן די דאָזיקע הוספה פון פופציק סענט. ער האָט געניצט פאַרשיידענע קונצן צו מאַכן איך זאָל שווערער אַרבעטן. צום ביישפּיל: אַז ער האָט גענומען אַ מאַנטל פּרעסן, האָט ער מיר אויך געגעבן אַ מאַנטל, ער האָט זיך זייער געאײַלט מיטן פּרעסן און האָט כסדר געגעבן אַ בייזן קוק אויף מיר און ווען ער האָט געענדיקט זיין מאַנטל, האָט ער אַ זאָג געטאָן צו מיר: „העי, דו האָסט נאָך ניט אָפּגעפּרעסט דעם מאַנטל, איך האָב שוין באַלד אָפּגעפּרעסט אַ צווייטן מאַנטל. דאָס איז ניט אָפּצולערנען אַ בלאַט גמרא אין בית־המדרש, אַז מען לערנט ניט היינט, לערנט מען מאָרגן. דאָ איז אַ שאַפּ, מען מוז אַרבעטן געשווינד. דאָ ביסטו ניט אין סטריקאָוו. דו ביסט דאָ אין אַמעריקע. אַלץ גייט דאָ האָרי אַפּ!" איך האָב אים געזאָגט אַז אויב איך וועל אַזוי לאַנג פּרעסן ווי ער, און כ'וועל פאַרדינען אַזוי פיל ווי ער, וועל איך אויך אַזוי שנעל פּרעסן ווי ער. מיר האָבן זיך גוט צעווערטלט. אַן אָפּערייטאָר אין שאַפּ האָט מיר געעצהט, איך זאָל גיין אין דער יוניאָן און דערציילן, אַז ער טרייבט מיך ביי דער אַרבעט און צאָלט מיר נאָר פינף דאָלער אַ וואָך. איך האָב אָבער ניט געוואָלט גיין אין דער יוניאָן. איך האָב געוואָלט צואַרבעטן נאָך אַ פּאָר וואָכן, כדי זיך אויסלערנען בעסער פּרעסן און צו־צוּוואַרטן ביז עס וועט ווערן מער אַרבעט אין פאַך, אַלע בעלי־הבתים וועלן אונטערשרייבן דעם קאָנטראַקט און עס וועלן זיין גענוג ערטער וואו צו געפינען בעסערע אַרבעט און אַ בעסערן לוין.

די קלאָוק־פּרעסערס האָבן געהאַט אַ צוזאַמענקום־אָרט, אַ מין בירזשע, אויף לודלאָו און ריווינגטאָן גאַס. עס איז דאָרט געווען אַ שענק, וואו מען איז זיך צוזאַמענגעקומען אין דער פרי פאַר דער אַרבעט, און ביי־נאַכט נאָך דער אַרבעט. אויב אַ פּרעסער האָט געדאַרפט אַן אָרט צו אַרבעטן איז ער געקומען אויף לודלאָו גאַס צו געפינען אַ פּרעסער וואָס זאָל אים נעמען, אויב אַ העד־פּרעסער האָט געדאַרפט האָבן אַ פּרעסער אָדער איינעם וואָס וויל זיך לערנען צו זיין אַ פּרעסער, איז ער אויך גע־קומען אויף לודלאָו גאַס. מען האָט דאָס אָרט גערופן דער פערדס־מאַרק, ווייל אויב אַ העד־פּרעסער האָט אין לודלאָו־גאַס געדונגען אַ פּרעסער, פלעגט ער זאָגן אַז ער האָט געקראָגן אַ פערדל צו דער אַרבעט. אַזעלכע פּרעסער־מערק זענען אויך געווען אויף וואַשינגטאָן סקווער און אויף דער 14טער גאַס. אַ געוויסן שבת נאָך מיטאָג בין איך געגאַנגען אויף לודלאָו גאַס צו זוכן אַ העד־פּרעסער וועלכער זאָל מיך דינגען פאַר אַ „פערדל" צום פּרעסן. ווי נאָר איך בין צוגעקומען צום פּרעסער־מאַרק, האָט מיך

אַ פּרעסער אָפּגעשטעלט און געפרעגט צי איך וויל זיך לערנען פּרעסעריי. איך האָב אים געענטפערט אַז איך בין שוין אַ פּרעסער און קען פּרעסן. האָט ער מיך באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס און פון די פיס ביז צום קאָפּ און אַ זאָג געטאָן צו מיר מיט אַ גראָבן קול: דו ביסט ניט קיין פּרעסער, אפשר לערנסטו זיך צו זיין אַ פּרעסער. איך האָב אים גע־פרעגט: ווי אַזוי זעט איר, אַז איך בין ניט קיין פּרעסער. האָט ער גע־זאָגט: „וואָס הייסט, ווי אַזוי איך זע? איך זע פון דיין גרינער קאַפּאָטע וואָס דו גייסט אָנגעטאָן אַז דו ביסט נאָך אַ גרינער. ווען מען ווילסטו נאָרן אַז דו ביסט אַ פּרעסער. איך קען זיך געוועטן מיט דיר, אַז די שיף מיט וועלכער דו ביסט געקומען, שטייט נאָך אין קעסלגאַרדן”. אַזוי ווי איך האָב זיך געשפּאָרט מיט דעם חברה־מאַן, איז צוגעקומען אַ יונגערמאַן און האָט געזאָגט צו אים: „העי, דו שווינדלער, דו זוכסט שוין אַ נייעם קרבן? באַצאָל צו ערשט די פּרעסערס וואָס דו ביסט שולדיק. איצט וועסטו שוין מער ניט קענען זיין קיין שקלאַפן־טרייבער. וועסט מער ניט קענען האַלטן קיין פּרעסערס און צאָלן זיי אַ האַלבן פּרייז. מיר האָבן שוין אַ יוניאָן.” דער פּרעסער האָט אים אָפּגעענטפערט: „פריי זיך נאָך ניט, דו האָסט נאָך ניט קיין יוניאָן. אויב אפילו די גרויסע באָסעס וועלן סעטלען מיט דער יוניאָן, וועט די יוניאָן אָנהאַלטן נאָר איבערן סעזאָן. דער יונגערמאַן האָט אים אָפּגעענטפערט: „דו ביסט געווען אַ סקעב, אָבער מער וועט דיך די יוניאָן ניט לאָזן סקעבן”. דער יונגערמאַן האָט מיך אָוועקגערופן און מיר געזאָגט אַז זיין בעל־הבית האָט אים געזאָגט, אַז די קומענדיקע וואָך וועלן די גרויסע בעלי־בתים וואָס באַלאַנגען צו דער „אַסאָסיאיישאַן”, סעטלען מיט דער יוניאָן, ער וועט באַלד אָנהויבן צו אַרבעטן, וועט ער מיך נעמען אין זיין שאַפּ. ווען איך וועל הערן, אַז דער שטרייק איז געענדיקט, זאָל איך קומען דאָ, אויף דעם פּלאַץ, אים צו טרעפן. ער האָט מיר געזאָגט, אַז זיין נאָמען איז סעם גיטליס. איך האָב זיך אים אויך פאָרגעשטעלט. ער איז שפּעטער געווען זייער אַ טעטיקער מיטגליד אין פּרעסער לאָקאַל נומער 35 און איז געווען אַ לאַנגע צייט מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פון דעם לאָקאַל.

שבת נאָך דער אַרבעט האָט פיליפּ, מיין העד־פּרעסער, מיר געזאָגט אַז איך זאָל מיט אים גיין טרינקען ביר אין אַ שענק. פיליפּ האָט מיר צוגעטראָגן אַ גרויסן קופּעל ביר מיט צובייסן (פאַר וועלכן ער האָט ניט געדאַרפט באַצאָלן, ווייל צובייסן איז געווען פריי) און האָט מיר געגעבן פינף דאָלער מיט פופציק סענט פאַר אַ וואָך אַרבעט. איך האָב דאָס געלט ניט געוואָלט נעמען און האָב אים געזאָגט אַז איך וויל מער, ווייל איך אַרבעט שווער. האָט ער געבראַכט פאַר מיר נאָך אַ קופּל ביר, אַ שטיק ברויט מיט הערינג און אַ קאַרטאָפל. איך האָב דאָס ביר ניט געוואָלט

טרינקען און ניט עסן דאָס צובייסנס. כ׳האָב אים געזאָגט אַז איך אַרבעט ניט פֿאַר ביר מיט צובייסנס. איך אַרבעט אַז איך זאָל פֿאַרדינען אויף אַ לעבן און אַז פֿון דעם געלט האָב איך אַפֿילו ניט קיין מעגלעכקייט זיך צו דינגען אַ צימער, כ׳זאָל ניט דאַרפֿן שלאָפֿן אויף דער פּאָדלאָגע, און איך מוז נאָך אַלץ גיין אָנגעטאָן אין דער קאַפּאָטע אין וועלכער איך בין געקומען פֿון פּוילן. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער ווייסט, אַז איך זוך מיר אַן אַנדער אָרט צו אַרבעטן, און האָט מיר געגעבן זעקס דאָלער, ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז די קומענדיקע וואָך וועט ער מיר געבן זיבן דאָלער. איך האָב ביי אים געאַרבעט בלויז נאָך איין וואָך.

## קאַפּיטל 37

# די חבלי־לידה פון אַ גרינעם ; צוריק אין דער אַרבעטער־באַוועגונג

דער גרויסער קלאָוקמאַכערס שטרייק איז פאַרענדיקט געוואָרן שבת דעם 3טן סעפּטעמבער 1910. דער בעל־הבית פון אונדזער שאַפּ איז גע־קומען מיט די נייעס אַז דער שטרייק איז אָפיציעל פאַרענדיקט געוואָרן. ווען מיר, די אַרבעטער פון שאַפּ, האָבן דערהערט די פריילעכע נייעס, האָט אויסגעבראָכן אַ שטורעם פון הוראַ־געשרייען. „לעבן זאָל די קלאָוק־מאַכערס יוניאָן״, אַז די ווענט האָבן געציטערט. יענעם טאָג, ווען מיר זענען אַהיימגעגאַנגען פון דער אַרבעט, האָט פיליפּ מיך גערופן אין שענק אַריין אויף ביר. ער האָט מיר געגעבן זיבן דאלער. איך האָב דאָס געלט ניט געוואָלט נעמען. איך האָב פאַרלאַנגט אַכט דאלער, האָט ער מיר געגעבן. ער האָט מיך געפרעגט, צי איך וועל מאָנטיק קומען צו דער אַרבעט. האָב איך אים געזאָגט, אַז אויב ער וועט מיר געבן צוועלף דאלער אַ וואָך, וועל איך קומען. ער האָט מיר פאַרגעלייגט ניין דאלער און אויב איך וועל מאַכן גענוג אַרבעט, וועט ער מיר געבן צען דאלער. איך בין דעם זעלבן שבת נאָכמיטאָג געגאַנגען אויפן פרעסער־מאַרק צו זען סעם גיטליס. ער האָט מיר געגעבן אַן אַדרעס פון אַ שאַפּ איך זאָל מאָנטיק דאָרט קומען. ער וועט רעדן מיטן בעל־הבית, אַז ער זאָל מיך נעמען צו דער אַרבעט. אַז איך בין מאָנטיק געקומען אין שאַפּ, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער 21טער גאַס ביי דער 5טער עוועניו, האָט מיך דער בעל־הבית — זיין נאָמען איז געווען סעם פּאָלאַק — אָנגעקוקט פון קאָפּ ביז די פיס און האָט געזאָגט צו מיר: „דו ביסט ניט לאַנג אין אַמעריקע?״ ווייטער האָט ער מיך געפרעגט צי איך בין אַ פריינד פון סעם גיטליס. איך האָב אים געזאָגט אַז יאָ. האָט ער מיך אַריינגעפירט אין שאַפּ, האָט מיך איבערגעגעבן דעם העד־פרעסער. ער האָט מיר באַלד געגעבן אַ פרעס־אייזן, וואָס איז נישט געווען אַזוי שווער און איז גע־גאַנגען אויף עלעקטרי. ער האָט מיר געוויזן ווי אָנצוצינדן און ווי אויס־צולעשן דאָס אייזן. דער העד־פרעסער, זיין נאָמען איז געווען דייוויס, האָט מיר געגעבן אַ רעקל צו פרעסן און האָט מיר געזאָגט איך זאָל

זיך ניט איילן, נאָר כ׳זאָל גוט פּרעסן. איך האָב אָפּגעפּרעסט דאָס רעקל, האָט ער עס באַקוקט און האָט מיר געזאָגט, אַז איך זאָל ווייטער אַזוי פּרעסן. איך האָב אָפּגעאַרבעט די ערשטע וואָך און כ׳האָב געקראָגן פופצן דאלער. דער בעל־הבית האָט מיר געזאָגט אַז די צווייטע וואָך וועל איך קריגן מער. פאַר דער צווייטער וואָך האָב איך שוין גע־קראָגן זיבעצן דאלער. איך האָב וועגן דעם דערציילט מיין פריינד אברהם־אַלטערן, האָט ער געזאָגט צו מיר: וועסט זען, עס וועט לאַנג ניט דויערן און דו וועסט ווערן אַ העד־פּרעסער.

זונטיק בין איך געגאַנגען קויפן זיך אַן אַנצוג און כ׳האָב מיט־גענומען מיין לאַנדסמאַן משה דיימאַנט, וואָס איז געווען אַ שניידער פון דער היים. איך האָב פאַרן אַנצוג באַצאָלט דרייצן דאלער. ווען איך בין אַריינגעקומען צו אברהם־אַלטערן אָנגעטאָן אין נייעם אַנצוג, האָט ער און זיין פרוי אויסגערופן: „זאָל זיין מיט גליק!“ און לכבוד דעם וואָס איך האָב שוין אויסגעטאָן די גרינע קאַפּאָטע, האָבן זיי אונדז מכבד געווען מיט בראַנפן און צובייסן. אַזוי ווי מיר זענען געזעסן האָט מען געהערט שרייען אויפן הויף: „איך קויף אַלטע קליידער, שיך און קאַפּעליושן“, האָב איך דעם מאַן גערופן, ער זאָל אַרויפקומען קויפן מיין פּאַלטן און די הויזן. אברהם אַלטער און משה דיימאַנט האָבן מיך געוואָרנט, אַז דער פּעדלער וועט ניט קויפן קיין אייראָ־פּעאישע קליידער. ווען דער פּעדלער איז אַרויפגעקומען, האָב איך אים געוויזן מיין פּאַלטן און די הויזן, האָט ער מיך געפרעגט מיט איראָניע: „וואָס נאָך האָט איר צו פאַרקויפן“, האָבן איך אים געזאָגט, אַז מער האָב איך ניט. האָט ער זיך אויף מיר אָנגעבייזערט פאַר וואָס איך האָב אים ניט געזאָגט אַז איך האָב צו פאַרקויפן אַ „גרינעם“ פּאַלטן, אויב איך וועל אים צוצאָלן, וועט ער אַרויסוואַרפן פאַר מיר די גרינע מלבושים. אברהם אַלטער האָט אים מכבד געווען מיט אַ גלעזל בראַנפן און צו־בייסן און האָט אים באַראויקט.

נאָך דעם ווי משה איז אַוועק, האָב איך געזאָגט צו אברהם אַלטערן און בתיהן: איצט פאַרדין איך שוין גענוג צו דינגען מיר אַ וואוינונג. האָבן זיי מיך געראַטן, איך זאָל נאָך וואַרטן מיטן דינגען אַ וואוינונג. איך האָב זיי באַדאַנקט פאַר אַלץ וואָס זיי האָבן פאַר מיר געטאָן און כ׳האָב זיי פשוט געבעטן, זיי זאָלן מיך לאָזן דינגען אַ צימער פאַר זיך. זיי האָבן ענדלעך מסכים געווען, עס האָט מיר גענומען עטלעכע טעג ביז איך האָב געדונגען אַ שטוב אויף דער עלפטער גאַס. איך האָב געצאָלט דריי דאלער אַ חודש מיט קאווע צום אָנבייסן. מיין שטוב איז געווען איין גאַס ווייט פון אברהם אַלטערס וואוינונג, איז ווען

נאָר איך האָב געהאַט צייט, בין איך געגאַנגען צו אים, ווייל ביי אים זענען זיך צוזאַמענגעקומען אינטעליגענטע מענטשן.

נאָך דעם ווי איך האָב אָפּגעוואוינט עטלעכע טעג אין מיין צימער האָט דער בעל־הבית פֿאַרדונגען אַ דערבייאיק צימער צו דריי מיידלעך. צווישן מיין שטוב און זייער שטוב איז נישט געווען קיין טיר, נאָר עס איז געווען פֿאַרשטעלט מיט אַ פֿאָרהאַנג. אַז איך האָב ביינאַכט געדאַרפֿט גיין אין אָפּטריט, האָב איך געמוזט אַדורכגיין די מיידלעכס צימער און דאָס איז געווען נישט אַנגענעם נישט פֿאַר מיר, נישט פֿאַר זיי. פֿון דער צווייטער זייט איז געווען די שלאָפֿשטוב וואו דער בעל־הבית, זיין פֿרוי און דריי קינדער זענען געשלאָפֿן. איך האָב ביינאַכט ניט געקענט איינשלאָפֿן. פֿון איין זייט האָט זיך געלאָזט הערן דאָס כראָפּען פֿון די דריי מיידלעך, פֿון דער צווייטער זייט — פֿון דעם בעל־הבית מיט דער בעל־הביתטע. אַחוץ דעם האָט זיך אַ קינד אַ מאָל צעוויינט ביינאַכט. נאָך צוויי וואָכן האָב איך צוגעקראָגן אַ ביישלעפֿער לעבן מיין בעט, אַ הונט. ניט נאָר איז דער הונט געלעגן לעבן מיין בעט, נאָר ער האָט דאָרט אויך דערליידיקט זיינע באַדערפֿענישן. אַז איך האָב געוויזן דער בעל־הביתטע וואָס ער האָט אָפּגעטאָן, האָט זי געזאָגט, אַז עס לאָזט זיך גאָר נישט גלויבן אַז איר הונט זאָל אַזעלכעס טאָן. און זי האָט מיר צוגעזאָגט, אַז מער וועט דער הונט אַזעלכעס ניט טאָן. אָבער דער הונט האָט זי נישט געפֿאָלגט. נו, האָב איך געדונגען אַ שטוב צו שלאָפֿן ביי אַ צווייטער פֿאַמיליע, באַקאַנטע אין לאָדזש. זיי זענען געווען אונדזערע שכנים און פֿלעגן איינקויפֿן ביי אונדז אין געוועלב. די שטוב איז געווען אַ גרויסע און אַ לופֿטיקע. איך האָב אויך ביי זיי געגעסן נאַכטעסן, פֿיינע געשמאַקע מאכלים.

אין מיין שאַפּ איז ניט געווען גענוג אַרבעט אויף אַ גאַנצע וואָך. האָט סעם גיטליס מיר געשאַפֿן אַ צווייט אָרט וואו צו אַרבעטן. דער בעל־הבית פֿון נייעם שאַפּ האָט געהייסן דזשיי ס. ברוידי. דער שאַפּ איז געווען זייער אַ גרויסער, אַ לופֿטיקער און זייער אַ ריינער. בלויז פּרעסערס האָבן דאָרט געאַרבעט 64. מען האָט דאָרט געמאַכט טייערע פֿרויען־קליידער. מען האָט דאָ די אַרבעטער באַהאַנדלט אויפֿן בעסטן אופֿן. ס'איז געווען אַ גוט־אָרגאַניזירטער יוניאָן־שאַפּ. ס'איז געווען אַפֿילו אַ רעסטאָראַן פֿאַר די אַרבעטער פֿון שאַפּ. דער בעל־הבית און דער אויפֿזעער פֿון שאַפּ האָבן אַכטונג געגעבן אַז די עסנס אין שאַפּ־רעסטאָראַן זאָלן זיין פֿרישע און זאָלן ניט קאָסטן צו טייער. איך האָב אין דעם שאַפּ געאַרבעט איין סעזאָן און כ'האָב גוט פֿאַרדינט.

נאָכן סעזאָן איז אויך דאָ נישט געווען קיין פולע וואָך אַרבעט, נאָר בלויז צוויי, דריי טעג אַ וואָך. האָב איך אויסגענוצט די פרייע צייט און כ׳האָב אָנגעהויבן גיין אין אַ אָוונטשול אויף דער פינפטער גאַס, צווישן דער ערשטער און צווייטער עוועניו. איך בין געגאַנגען אין דער שול פיר אָוונטן אין דער וואָך. אין דער שול האָב איך זיך באַקענט מיט אַ היפּש ביסל אינטעליגענטע מענטשן, יונגע און עלטערע, אויך יונגע פרויען און מיידלעך. צווישן זיי זענען געווען אַ סך סאָציאַליסטן פון פּוילן און פון רוסלאַנד. נאָך אַ געוויסער צייט, ווען מיין בעל־הביתטע איז געוואָרן מיט מיר היימיש, האָט זי אָנגעהויבן צו אָפט אַריינצוקומען אין מיין צימער און אויך אָנגעהויבן רעדן צווייטייטיקע ווערטער וועגן פרייער ליבע... איך האָב אָפּגעקערעוועט דעם שמועס צו איר מאַן, האָט זי זיך געקלאָגט, אַז ער איז ניט קיין געזונטער, אַז ער פאַרדינט ווייניק. ער אַרבעט אַלס וועבער אין אַסטאָריע, לאָנג־איילענד. ער וויל פאָרן קיין פּעטערסאָן, ווייל דאָרט קען ער מער פאַרדינען, אָבער ער וועט מוזן דינגען פאַר זיך אַ שטוב און עסן וועט דאָך אים אויך מער קאָסטן ווי אין דער היים. איך האָב איר געעצהט זיי זאָלן זיך אַוועקציען קיין פּע־טערסאָן. האָט זי געענטפערט אַז אין ניו־יאָרק האָט זי אַ סך פריינד. אַזוי פלעגט זי אָפט אַריינקומען אין מיין צימער און זיך חנדלען צו מיר. איך האָב די מעשה דערציילט אברהם אַלטערן. האָט ער געזאָגט, אַז ער וואָלט קיין מאָל ניט געגלויבט אַז די דאָזיקע פרוי זאָל פּעאיק זיין אויף אַזעלכעס. ער האָט מיר געראַטן צו זוכן אַן אַנדערע שטוב. אַזוי האָב איך טאַקע געטאָן.

דאָס נייע צימער וואָס איך האָב געדונגען איז געווען אויף דער פינפטער גאַס ביי דער צווייטער עוועניו, אין זייער אַ פיין הויז. מיט מיר האָט אויך געוואוינט מיינער אַ פריינד איזי שטיינשניידער. אַן אינטע־ליגענטער יונגערמאַן פון סטריקאָוו. איך פלעג אַריינקומען אין הויז צו זיין פאָטער, דעם משכיל אליעזר שטיינשניידער. די וואוינונג איז געווען אַ לופטיקע און אַ ליכטיקע. מיין בעל־הביתטע איז געווען אַן אינטעליגענטע פרוי. איר מאַן איז געווען אַ טישלער (זייער נאָמען איז געווען פּאָמעראַנץ). זיי זענען געווען גאַנץ פאַרמעגלעכע. זיי האָבן גע־האַט צוויי זין. דער יונגערער איז געגאַנגען אין אַן עלעמענטאַר־שול און דער עלטערער איז געגאַנגען אין קאַלעדזש. ער האָט זיך געלערנט אויף אַ צאָן־דאָקטאָר.

אַזוי ווי איך האָב געלערנט אין אַן אָוונטשול און אין די אָוונטן פלעג איך מאַכן די לעקציעס, האָט פרוי פּאָמעראַנץ מיר געהאָלפן מאַכן מיינע לעקציעס. ווען זייער עלטערער זון איז אַהיימגעקומען פון קאַלעדזש, האָט ער מיר אויך צוגעהאָלפן.

דאָס פּאַרפאַלק ביי ווענען איך האָב געדונגען מיין נייע וואוינונג איז געקומען פון רומעניע. פלעגן זיי שבת אָדער זונטיק אין אָוונט גיין אין אַ רומענישן רעסטאָראַן טרינקען ווייַן און צובייסן מיט גוטע רומענישע מאכלים. עטלעכע מאָל האָבן זיי מיך מיטגענומען אין די רומענישע רעסטאָראַנען, וועלכע מען האָט צו יענער צייט גערופן וויינ־קעלערס, ווייל זיי זענען מערסטנס געווען אין קעלער־שטובן. די רעס־טאָראַנען האָבן זיך געפונען אין די גאַסן עלדרידזש, עלען און ברום.

אויף די פענצטער פון די ווייַנקעלערס, וועלכע זענען אַרויסגעגאַנגען אין גאַס, איז געווײנטלעך געווען אויסגעמאָלט אַ גרויסע פלאַש מיט אַן אויפשריפט אַז ס'איז אמתער כשרער רומענישער ווייַן. אויפן צווייטן פענצטער איז געווען אויסגעמאָלט אַ ברוינער אָפּגעבראָטענער אינדיק אָדער אַ גאַנדז. אַחוץ דעם איז אין פענצטער געשטאַנען אַ פּולמיסעק מיט פאַרשיידענע רומענישע מאכלים, ווי קאַרנאַשלעך, אַן אָנגעפּילטער האַלדז פון אַן אינדיק, אַ שטיק מאַמעליגע און אַנדערע רומענישע מאכלים. שבת און זונטיק ביי נאַכט האָט אַ זינגער געזונגען און אַ מוזיקאַנט האָט געשפּילט רוענישע לידער, ווי אַ וואָלעכל, אָדער דודעלע און נאָך אַנדערע רומע־נישע לידער. ווען מענטשן זענען אַהיימגעקומען פון אַ מיטינג אין אַ פאַראיין אָדער אַ שול, זענען זיי אַריינגעגאַנגען אין די ווייַנקעלערן און האָבן דאָרטן פאַרבראַכט היפּשע שעהן. אַז עס איז ביי אַ מיטגליד פון אַ פאַריין געבוירן געוואָרן אַ קינד, אָדער אַן אייניקל און דער בעל־שמחה איז געווען אַ פאַרמעגלעכער מענטש, האָט ער געשטעלט פאַר זיינע פריינד עסן און טרינקען אויף זיין חשבון און מען האָט געהוליעט ביז שפּעט ביינאַכט. ניט איין מאָל איז ביי אַזאַ הוליאַנקע געחתמעט געוואָרן דער גורל פון די באַאמטע פון אַ פאַראיין אָדער פון אַ שול. אַז די מיטגלידער פון אַ פאַראיין אָדער פון אַ שול האָבן געהאַט גענומען צו ביסלעך משקה, און אַ מאָל מער ווי צו ביסלעך, האָבן זייערע צינגער זיך פונאַנדערגעבונדן און מען האָט זיך צונויפגערעדט אַז מען מוז אויסקלייבן אַ נייעם פּרע־זידענט, אָדער אַ נייעם קאַסיר אָדער אַ נייעם פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר, ווייל דער פּרעזידענט איז שוין צו לאַנג אויפן אַמט און עס דאַכט זיך אים שוין אַז דאָס געלט פון פאַראיין באַלאַנגט צו אים. דער סעקרעטאַר שרייבט דעם פּראָטאָקאָל אַזוי, ווי דער פּרעזידענט הייסט אים. טאָמער זאָגט אַ מיט־גליד ביי אַ מיטינג אַז מען האָט ניט באַשלאָסן אַזוי ווי ס'איז פאַרשריבן, גיט דער פּרעזידענט אַ געשריי: „וואָס מיינט איר, וואָס, איר זענט חושד דעם סעקרעטאַר אַז ער שרייבט ניט ערלעך דעם פּראָטאָקאָל? — און עס בלייבט אַזוי ווי עס איז אָנגעשריבן. אַז מען קאָנטראָלירט די פינאַנץ־ביכער און עס פעלט געלט, זאָגט ער אַז עס איז זיינס. אפילו די „אינערע וואַכע" איז אויך שוין צו לאַנג אויפן אַמט. אַז עס קומט אַריין אַ נייער מיטגליד,

היט ער ניט אָפּ די פּונקטן פון פּאַראַיין, וואָס אַ נייער מיטגליד מוז נאָכ־קומען, ווי אויפהויבן זיין האַנט און צולייגן זי געשווינד צו זיין האַרץ. אָט אַזוי פלעגן זיך די ציגנער אָפּט פונאַנדערבינדן נאָך אַ גלעזל משקה.

אין טעג, ווען איך האָב ניט געאַרבעט, בין איך אַוועקגעגאַנגען אין עדיוקיישאָנעל עליינס אויף איסט בראָדוויי, דאָרט האָב איך געליינט יידי־שע און העברעאישע ביכער. דאָרט האָב איך זיך באַקענט מיט אַ סך איני־טעליגענטע מענטשן. אין עדיוקיישאָנעל עליינס פלעגן דעמאָלט זייער אָפּט פאָרקומען יידישע און ענגלישע לעקציעס און זייער אינטערעסאַנטע קאָנצערטן. איך בין אָפּט געקומען צו די פאַרווײַלונגען, וואָס די „עליינס" האָט איינגעאָרדנט.

איין מאָל, ווען איך בין אַהיימגעגאַנגען פון דער שול, האָט אַ יונגע פרוי, וואָס האָט זיך אויך געלערנט אין דעם זעלבן קלאַס, מיך אָפּגע־וואַרט ביים אַרויסגאַנג. זי האָט מיר פאַרגעלייגט, מיר זאָלן אַ ביסל שפּאַ־צירן. מיר האָבן שפּאַצירט. אַן אַנדערש מאָל, ווען מיר זענען געגאַנגען פון שול, האָט זי מיך געפרעגט, וואו איך עס, זי וויל אויך עסן אין דעם זעלבן רעסטאָראַן. מיר האָבן פון דעמאָלט אָן געגעסן ביי איין טיש. אָפּט מאָל האָט זי באַצאָלט פאַר מיין עסן. איין מאָל האָב איך אַליין געוואָלט באַצאָלן, האָט זי מיך ניט געלאָזט. זי האָט געזאָגט, אַז זי האָט גענוג געלט. זי האָט געבראַכט מיט זיך אַ סך געלט קיין אַמעריקע, נאָר עס פעלט איר איין זאַך, עס פעלט איר אַ לעבנס־באַגלייטער. אַז איך האָב געהערט פון איר אַזעלכע רייד, האָב איך געטראַכט, אַז איך מוז זען ווי צום שנעלסטן אָפּשטעלן דאָס עסן און דאָס שפּאַצירן מיט איר צוזאַמען. איין מאָל, ווען איך בין מיט איר אַרויסגעגאַנגען פון דער שול, האָט זי מיר געזאָגט, אַז זי ליבט מיך. איך האָב איר געזאָגט, אַז זי זאָל זיך בעסער זוכן אַן אַנדערן מאַן צו ליבן, ווייל איך האָב אַ פרוי מיט דריי קינדער אין פוילן. זי האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס אַרט איר ניט, אָבער זי וויל זיין מיט מיר באַפריינדעט. האָב איך דעמאָלט איר געזאָגט, אַז מאָרגן וועל איך ניט קענען עסן מיט איר צוזאַמען, ווייל מען האָט מיך פאַרבעטן צו עסן ביי אַ פאַמיליע. איך האָב אָנגעהויבן עסן אין אַן אַנדערן רעסטאָראַן, און כ'האָב אויסגעמיטן ווייטער מיט איר זיך צו טרעפן.

אין ניו־יאָרק האָט זיך דעמאָלט אויך געפונען די „העגרי סטריט סעטלמענט", וואו יידן פון דער העכערער געזעלשאַפט זענען געווען טע־טיק. מען האָט דאָרט געהאַלטן לעקציעס און געגעבן קאָנצערטן פאַר דער באַפעלקערונג פון יענער אַרעמער געגענט, וואָס איז מערסטנס באַוואוינט געווען דורך יידן. איך בין כמעט יעדן שבת צו נאַכטס אָדער זונטיק אָוונט געגאַנגען אין דעם סעטלמענט. נאָך יעדער לעקציע אָדער קאָנצערט האָבן רייכע פרויען סערווירט דעם עולם קאַווע אָדער טיי מיט צובייסן.

אין דער אונטשול האָט דער לערער יעדן אונט געבראַכט אַן ענג־לישע צייטונג, דעם „איוונינג דזשורנאַל", וואָס איז רעדאַקטירט געוואָרן דורך אַרטור בריסביין. יעדן אונט האָט דער לערער געגעבן די שילערס דעם „דזשורנאַל" צו לייענען. צום אָפטסטן האָבן מיר געלייענט די עדיטאָריעלס. מיר האָבן נאָך דעם דיסקוטירט די פראַגע, וואָס דער עדי־טאָריעל האָט באַהאַנדלט. ווי מען האָט געקענט זען פון דעם לערערס מיינונגען, איז ער געווען סאָציאַליסטיש געשטימט. דער לערער האָט מיך געראַטן אַז איך זאָל יעדן זונטיק גיין אין קופּער יוניאָן. איך האָב טאַקע אַזוי געטאָן און כ׳האָב דאָרטן געהערט זייער אינטערעסאַנטע לעקציעס און דעבאַטעס איבער סאָציאַלע פראַגן.

איין מאָל, ווען איך בין געווען צו גאַסט ביי מיין פרויס פעטער אברהם וורובעל, האָט די מומע רייזל מיך געפרעגט ווען איך וועל שיקן נאָך מיין פרוי און קינדער? האָב איך איר געענטפערט אַז איך האָב נאָך ניט קיין געלט. האָט זי געזאָגט: „דו געדענקסט, וואָס איך האָב דיר געזאָגט ווען דו ביסט געקומען צופאָרן קיין אַמעריקע, אַז דו וועסט בלייבן אַ קבצן דיין גאַנץ לעבן, אויב דו וועסט אַרבעטן אין אַ שאַפּ? — ווער ווייסט ווי לאַנג דיין ווייב מיט די דריי קליינע קינדער וועלן זיך נאָך מוזן פּלאָגן ביי איר אָרעמען טאַטן אין סאָכאַטשעוו." איך האָב איר גע־פרעגט: ווי לאַנג בין איך דאָס אין אַמעריקע, אַז איך זאָל שוין האָבן אָפּגעשפּאָרט אויף שיפסקאַרטן און געלט פאַר די רייזע־קאָסטן ביז דער שיף און איינקויפן מעבל און מלבושים פאַר דער פרוי און די קינדער? — האָט די מומע געזאָגט, אַז איך קען קריגן די שיפסקאַרטן און אויך מעבל אויף אויסצוצאָלן. „אויב דו האָסט געהאַט געלט צו קויפן אַ סוט און אַ פּאַלטן, מוסטו אויך האָבן געלט אויף שיפסקאַרטן". דער פעטער האָט זיך צו איר אָפּגערופן: „דו דאַרפסט דאָס אים ניט זאָגן. רייזל איז זיין ווייב און די קינדער זענען זיינע און ער וויל זיי זיכער האָבן מיט זיך. וואָס ווילסטו, ער זאָל נאָך גיין אָנגעטאָן אין דער גרינער אַלטער קאַ־פּאָטע?" און צו מיר האָט ער געזאָגט איך זאָל אַרויסנעמען די ערשטע פּאַפּירן, ווייל עס איז גוט צו האָבן די ערשטע פּאַפּירן ווען מען ברענגט אַהער די פאַמיליע. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָב איך טאַקע אַרויסגענומען מיינע ערשטע פּאַפּירן.

איך האָב זיך דערוואוסט אַז אויף עווענינו סי און זיבעטע גאַס גע־פינט זיך אַ ברענטש פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און אַז עס קומען דאָרט פאָר לעקציעס וועגן סאָציאַליזם, אַרבעטער־פראַגן און אַקטועלע פראַגן. בין איך דאָרט אַהינגעגאַנגען. די לעקציע איז געווען פאַר מיר זייער אינטערעסאַנט, כאָטש איך האָב ניט אַלץ פאַרשטאַנען, דער רעפע־

רענט האָט גערעדט ענגליש, אָבער דאָס וואָס איך האָב יאָ פאַרשטאַנען, האָט ביי מיר אַרויסגערופן אַ שטאַרקע באַגייסטערונג פאַרן סאָציאַליסטישן אידעאַל. ווען איך בין געקומען דאָס צווייטע מאָל, האָט דער לעקטאָר גערעדט וועגן אַקטועלע פראַגן אויף יידיש. נאָך דער לעקציע האָט אַ מאַן געמאַכט אַן אַפּיל אַז מען זאָל ווערן מיטגלידער אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. איך האָב זיך באַלד פאַרשריבן פאַר אַ מיטגליד און כ׳בין געוואָרן אַקטיוו אין דעם ברענטש. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט צו יענער צייט געהאַט אַן השפּעה אין טייל קרייזן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג.

מאיר לאָנדאָן פלעגט קומען צו מיין ברענטש און פלעגט האַלטן לעקציעס וועגן סאָציאַליסטישע און אַרבעטער־פראַגן. אָדער וועגן פראַגן וואָס זענען באַהאַנדלט געוואָרן דורכן קאָנגרעס. ווען ער האָט גערעדט איז דער לאָקאַל געווען איבערגעפּאַקט מיט מענטשן.

## קאַפּיטל 38

# איך ברענג אַריבער מיין פאַמיליע

ווען איך בין שוין געווען אַ יאָר אין אַמעריקע, האָב איך באַקומען אַ בריוו פון מיין פרוי אַז זי וויל קומען צו פאָרן, אַז זי און די קינדער בענקען שטאַרק נאָך מיר, די קינדער פרעגן איר שטענדיק: מאַמע, וואו איז דער טאַטע? זי זאָגט זיי צו, אַז זי וועט פאָרן מיט זיי צום טאַטן קיין אַמעריקע. ווען איך האָב איבערגעלייענט דעם בריוו האָט אַ פרייד מיך אַרומגענומען, אַזש טרערן האָבן מיר געטריפט פון די אויגן. ווען איך האָב געהאַט אָפּגעשפּאָרט אין באַנק צוויי הונדערט און פופציק דאָלער, האָב איך געקויפט שיפסקאַרטן אויף אויסצוצאָלן און איך האָב אָנגעשריבן אַ בריוו צו מיין ווייב אַז איך האָב איר אַרויסגעשיקט די שיפסקאַרטן דריטע קלאַס און כ'האָב איר געגעבן אַלע אינפאָרמאַציעס: אַז זי וועט זיך דאַרפן אויפזעצן אויף דער שיף אין אַנטווערפּן, אַז זי זאָל אויפזוכן מיין פריינד מאיר עוזרן דעם שוואַרצן, וואָס האָט מיך אַריבערגעשוואַרצט איבער דער גרענעץ, זי זאָל זאָגן מאיר עוזרן, אַז ער זאָל פאָר איר מיט די קינדער קריגן אַ פּאַס אַריבערצופאָרן קיין דייטשלאַנד מיט דער באַן. איך האָב איר אויך אָנגעזאָגט זי זאָל ניט פאָרן ווינטער, ווייל זי און די קינדער קענען זיך פאַרקילן. ווייטער האָב איך איר געשריבן אַז איך וועל אָנגרייטן אַ וואוינונג און מעבל און קיך־געשיר און זי וועט קומען צום גרייטן. איך האָב זיך אויך געלאָזט פאָטאָגראַפירן און כ'האָב דאָס בילד געשיקט צו מיין פרוי. זי האָט מיר געשריבן אַז זי און די קינדער האָבן זיך זייער דערפרייט ווען זיי האָבן דערזען מיין פאָטאָגראַפיע. זי מוז כסדר ווייזן די קינדער מיין בילד, אָבער איר פאָטער וויל ניט קוקן אויף מיין פאָטאָגראַפיע, ווייל איך האָב אַראָפּגענומען די באָרד. זי האָט גע־פרעגט איר פאָטער, פאַר וואָס ער איז ניט בייז אויף זיינע זין אין פאַריז, וואָס טראָגן אויך ניט קיין בערד? האָט ער געענטפערט: מיינע זין קענען ניט לערנען, אָבער דיין מאַן קען לערנען, ער איז געוואָרן אין אַמעריקע אַן אַפּיקורס, איך ווייס אויך אַז דיין מאַן אַרבעט אין שבת, איך וואָלט קיינמאָל גישט געגלויבט אַז ער קען אַזאַ זאַך טאָן. עס איז דאָך אַ חרפּה פאַרן סאָכאַטשעווער רבֿ און פאַר די רביצין וואָס זענען

זיינע געשוועסטערקינדער. דער פֿאָטער האָט איר געבעטן זי זאָל אים צוזאָגן, אַז זי וועט אין אַמעריקע נישט עסן קיין טרפֿות, און זי וועט זען אָפּצוהיטן די דריי יידישע דינים: שבת, נידה און מקווה. זי האָט אים געזאָגט אַז אין אַמעריקע איז אין יעדער שטוב דאָ אַ שטוב־מקווה. ער האָט איר אויך געבעטן ,זי זאָל זען אַז די קינדער זאָלן גיין אין אַ חדר און זיי זאָלן לערנען יידישקייט.

איך בין ווייטער געגאַנגען רעגולער אין אָוונטשול, ווייל איך האָב געוואוסט, אַז ווען מיין פֿרוי און קינדער וועלן קומען, וועל איך מער ניט קענען גיין אין שול, און ווער ווייסט צי זי וועט מיך לאָזן גיין אין קופּער־יוניאָן יעדן זונטיק אָוונט צו הערן לעקציעס.

צו יענער צייט האָט אין ניו־יאָרק אויף אָרטשאַרד גאַס נומער 56, זיך געפֿונען אַ „היברו דראַמאַטיק קלוב”. ער האָט פֿאַרנומען אַ גרויסע שטוב מיט אַ זייער קליינער בינע. עס ליגט מיר נאָך גוט אין זכרון איין פֿאָרשטעלונג. דאָס איז געווען „אוי, מיר איז גוט, איך בין אַ יתום” פֿון שלום עליכמען. אויב איך מאַך ניט קיין טעות זענען צווישן די דאַזיקע אַרטיסטן געווען מאַרק שווייד, לאַזאַר פֿריד, מאָריס שוואַרץ און נאָך אַנדערע, וועמענס נעמען איך געדענק שוין ניט. צו די פֿאָרשטע־לונגען פֿלעגן קומען מענטשן וואָס זענען געווען פֿאַראינטערעסירט אין דער דראַמאַטישער קונסט. אַ סך פֿון די אַמאַטאָרן זענען שפּעטער גע־וואָרן באַרימטע אַקטיאָרן. דער קלוב פֿלעגט אויך איינאָרדענען לעקציעס. שרייבערס האָבן געהאַלטן לעקציעס וועגן ליטעראַטור. איך בין אָפּט געגאַנגען הערן די לעקציעס פֿון יואל ענטין וועגן טעאַטער, וועגן דראַ־מען, וועגן ליטעראַטור, ער פֿלעגט האָבן אַ סך צוהערערס.

אַ פּאָר וואָכן פֿאַר פּורים האָב איך באַקומען אַ בריוו פֿון מיין פֿרוי, אַז דאָס וועטער אין פּוילן איז שוין וואַרעם, אַז איך זאָל איר באַלד שרייבן, צי זי זאָל שוין אַרויספֿאָרן פֿון דער היים, כדי זי זאָל קענען זיין אין ניו־יאָרק פֿאַר פּסח. איך האָב איר באַלד געענטפֿערט, זי זאָל תּיכף פֿאָרן. איך האָב איר אַרויסגעשיקט פֿופֿציק דאָלער, זי זאָל האָבן אויף די רייזע־הוצאות. באַלד נאָך פּורים האָב איך באַקומען אַ צווייטן בריוו פֿון מיין פֿרוי אַז זי איז שוין אַרויסגעפֿאָרן. איך האָב אָנגעהויבן זוכן אַ וואוינונג. ביים זוכן האָב איך געהאַט אַזאַ פֿאַל: איך בין אַריינגעקומען צו אַ ווירט אויף דער ערשטער עוועניו ביי דער צווייטער גאַס. דער ווירט האָט מיר געוויזן אַ וואוינונג פֿון דריי שטובן, די פֿענצטער זענען אַרויסגעגאַנגען אויף אַ קריסטלעכן בית־עולם, דער אָפּטריט איז געווען אויפֿן הויף, קאַלטע וואַסער איז געווען אין קאָרידאָר. אין דער קיך איז געשטאַנען אַ קעסל אָנצוואַרעמען וואַסער, אָבער קיין

וואַנע איז ניט געווען. איך האָב געפרעגט דעםווירט, וועלכער האָט גערעדט דייטש, פאַר וואָס ער האָט ניט קיין וואַנע, האָט ער מיר גע־ענטפערט, צו וואָס דאַרף איך אַ וואַנע, אַז אויף דער ערשטער עוועניו און ריווינגטאָן־גאַס איז פאַראַן אַ פאָלקסבאָד. ער האָט מיך געפרעגט צי איך האָב קינדער, האָב איך אים געזאָגט, אַז איך האָב דריי קינדער. האָט ער דערקלערט אַז אַ „יודע" מיט דריי קינדער וויל ער ניט האָבן פאַר קיין איינוואוינער אין זיין הויז. איך האָב אים געפרעגט וואָס איז דער מער מיט אַ „יודע", האָט ער געענטפערט, אַז די „יודען" זענען שלומפערס און שמוציק. איך האָב אים געזאָגט, אַז ער איז אַ „פאַר־דאַמטער דייטשער קערל" און אַ „קאַצנפליקער" און איך בין געשווינד אַוועק. איך האָב געדונגען אַ וואוינונג אויף איסט דריטע גאַס, נומער 223. איך האָב געהאַט דריי גרויסע און ליכטיקע שטובן. אין דער קיך איז געווען אַ קעסל אָנצוואַרעמען וואַסער. דער אָפטריט איז געווען אין קאָרידאָר לעבן די שטיגן. איך האָב געצאָלט פאַר דער וואוינונג 13 ד. מיט 50 סענט אַ חודש. איך האָב געקויפט אויף אויסצאָלן מעבל: אַ מעשן בעט, אַ גרויס איינלייג־בעט און אַ קליין איינלייג־בעטל. אַ טיש פאַר דער קיך מיט פינף שטולן און אַ טיש מיט פינף שטולן פאַר דער גרויסער שטוב. אַ „דרעסער" און נאָך אַנדערע קליינע זאַכן. דאָס גאַנצע מעבל האָט געקאָסט קנאַפע 160 דאָלער. איך האָב דעם פעדלער איינגעצאָלט אויפן מעבל 75 דאָלער און כ'האָב אים געצאָלט אַ ראַטע צוויי דאָלער אַ וואָך. איר קענט זיך פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ מעבל דאָס איז געווען, אַז נאָך עטלעכע וואָכן האָבן אַלע בענקלעך געהינקט. איך האָב באַקומען פון דער „קונאַרד שיפס קאָמפּאַני" אַ בריוו, אַז מיין פרוי און קינ־דער פאָרן אין צוויי טעג אַרום אַרויס פון אַנטווערפּן. אַז איך זאָל זיי אָפּוואַרטן אין עליס איילענד אַ געוויסן טאָג. יענעם טאָג בין איך און מיין פרויס פעטער, אברהם וורובעל, געפאָרן צו עליס איילענד. ווען מיר זענען אָנגעקומען איז מיין פרוי מיט די קינדער שוין דאָרט געווען. דאָס איז געווען אין יאָר 1912, אַן ערך אַ וואָך פאַר פסח. עס שטייט מיר נאָך קלאָר פאַר די אויגן די פריידיקע סצענע ווען איך און מיין פרוי און די קינדער האָבן זיך באַגעגנט. די קינדער האָבן געשריגן: „אונדזער טאַטע איז דאָ, מיר זענען שוין אין אַמעריקע ביי אונדזער טאַטן".

מיר זענען אַוועקגעפאָרן צו מיין פרויס פעטער אין הויז. די קינדער האָבן זיך ניט געקענט אָפּוואונדערן וואָס אין אַמעריקע גייט די באַן אין דער הויך. די מומע און אירע קינדער האָבן געגעבן מיין פרוי אַ ברייטע אויפנאַמע. נאָכן עסן זענען מיר אַוועק אין אונדזער וואוינונג. אַז מיר זענען אַריינגעקומען אין דער וואוינונג, איז זי מיין פרוי באַלד

געפעלן געוואָרן. איך האָב געהאַט איינגעקויפט גענוג עסנוואַרג. מיין פרוי האָט מיר געגעבן אַ קאָמפּלימענט, אַז איך בין אַ גוטער בעל־הבית.

איך האָב איינגעקויפט פאַר מיין פרוי און די קינדער נייע מלבושים. צו צוויי פאַר שיך פאַר יעדן קינד. מיין עלטסטער זון, משה איז אַלט געווען געניי זעקס יאָר. דער צווייטער, דוד, איז אַלט געווען פיר און אַ האַלב יאָר. דער יינגסטער, לייבוש, איז אַלט געווען גענויע דריי יאָר. מיר האָבן משהן אַריינגעגעבן אין אַ פּאַבליק סקול ווי אויך אין אַ תלמוד תורה וואָס האָט זיך געפונען אויף האוסטאָן גאַס, אַנטקעגנאיבער דעם סואַרד גאַרטן. דעם יינגערן יינגל, דודן, האָבן מיר אַריינגעגעבן אין אַ קינדער־גאַרטן ביי דער פּאַבליק סקול. משה האָט זיך גוט געלערנט. סוף זומער האָט ער שוין געקענט רעדן ענגליש. אויך אין דער יידישער שול האָט ער זיך גוט געלערנט.

נאָך פּסח האָב איך ניט געהאַט קיין סך אַרבעט אין שאַפּ. ווען די קינדער זענען אַהיימגעקומען פון דער שול, האָב איך זיי און מיין פרוי אָפט גענומען אין אַ פּאַרק אָדער גאַרטן. אַזוי אויך אין די שבתים און זונטאָגס, אויב דער וועטער איז געווען וואַרעם, בין איך מיט זיי גע־פאָרן קיין קוני איילענד. די קינדער פלעגן פאָרן אויף אַ קאַרוזעלע. איך האָב זיי געפרעגט צי זיי ווילן צוריק אַהיימפאָרן קיין סאָכאַטשעוו, האָבן זיי געזאָגט, אַז זיי וועלן מער קיין מאָל ניט צוריקפאָרן קיין סאָכאַ־טשעוו. דאָ האָבן מיר אַ סך שטובן און אַ סך צו עסן און אַ סך צוקערקעס און לעקעך. אין סאָכאַטשעוו האָט די מאַמע געוואוינט אויף אַ בוידעם און עס זענען דאָרט נישט ניט קיין חיות און אויך ניט קיין ים זיך צו באָדן און אויך ניט קיין קאַרוזעלעס און די, טאַטע, ביסט אויך דאָרט נישט געווען.

ווען איך בין איין מאָל אַ פרייטאָג אַהיימגעקומען פון דער אַר־בעט, האָב איך געזען, אַז מיין פרוי האָט אָנגעגרייט פון כל־טוב. אַפילו ביר. האָב איך איר געפרעגט וויפיל דאָס אַלץ האָט אָפּגעקאָסט. האָט זי מיר געזאָגט, אַז אַלץ אַרום און אַרום האָט געקאָסט איין דאָלער מיט פינף און צוואַנציק סענט. אַז אין סאָכאַטשעוו וואָלט זי דאָס אַלץ ניט געקענט אָנגרייטן אויף שבת פאַר אַזוי ווייניק געלט און עס זאָל איר נאָך איבערבלייבן אויף נאָך אַ שבת. זי האָט געקויפט אַ גוטע הון פאַר עלף סענט אַ פונט, דאָס בעסטע פלייש פאַר עלף סענט אַ פונט און דער קצב גיט איר נאָך צו אָן געלט לונג און לעבער און מילץ; צוויי קאָרט מילך פאַר זיבן סענט, צוויי פונט ברויט פאַר זיבן סענט אאַז״וו.

אין מיין שאַפּ האָט זיך די אַרבעט אָפּגעשטעלט. האָב איך גע־זוכט אַרבעט און געפונען אין אַ פאַבריק פון קליידער אין ברוקלין.

כ׳האָב פאַרדינט צוויי דאלער אַ טאָג. די צווייטע וואָך האָב איך שוין געקראגן פערצן דאלער. איך האָב זייער שווער געאַרבעט. איך האָב געפּרעסט מיט אַ ביגלאייזן, וואָס איז אָנגעגליט געוואָרן אויף אַ גרויסן אויוון וואָס איז געהייצט געוואָרן מיט קוילן. אויפן אויוון איז געווען אָרט וואו מען האָט אַרויפגעשטעלט די ביגלאייזנס. דער ביגל אייזן איז געווען אַזוי שווער, אַז איך האָב געקראגן בלאָזן אויף די הענט פון שלעפּן אים. דער בעל־הבית פון דער פאַבריק איז געווען אַ קריסט. ער איז געקומען פון נאָרוועגיע. ער האָט די אַרבעטער גוט באַהאַנדלט. איך האָב געקראָגן מיט צוויי דאלער מער אַ וואָך ווי די אַנדערע צוויי פּרעסערס, וואָס זענען געווען רוסן. איך האָב געאַרבעט פון זיבן אין דער פרי ביז האַלב נאָך זעקס און עס האָט גענומען אַ שעה פאָרן אין איין זייט. אין דעם שאַפּ האָב איך געאַרבעט ביז יולי. דעמאָלט האָט זיך צוריק געמאַכט אַרבעט אין מיין אַלטן שאַפּ.

## קאַפּיטל 39

# די געבורט פון אַ יוניאָן: דער פּרעסערס לאָקאַל 35

נאָך דעם געוואונענעם קלאָוקמאַכער שטרייק האָבן די לאָקאַלן פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן איינגעפירט סעקציע־מיטינגען אין פאַר־שיידענע געגנטן פון ניו־יאָרק, ברוקלין און בראָנקס. דער פּרעסער לאָקאַל נומער 35 האָט אָפּגעהאַלטן זיינע ערשטע סעקציע מיטינגען אין זאַל „לענאָקס קאַסינאָ" אויף דער צווייטער גאַס ביי עוועניו סי. איך בין געווען אויפן ערשטן מיטינג. ביי די מיטינגען האָט מען פאָרגעלייענט די פּראָטאָקאָלן פון די זיצונגען פון דער עקזעקוטיווע און דער מיטינג האָט זיי געדאַרפט באַשטעטיקן. די באַשלוסן פון דער עקזעקוטיווע האָבן ביי די סעקציע־מיטינגען אַרויסגערופן זייער הייסע דעבאַטעס און אַ סך מאָל זענען די דעבאַטעס געווען אַזעלכע, אַז איין צד איז געשפּרונגען אויפן צווייטן אָדער דריטן צד. אין אונדזער לאָ־קאַל 35 האָבן זיך טאַקע געשאַפן דריי צדדים: איין צד וואָס האָט שטענדיק געהאַט אויסבעסערונגען צו די באַשלוסן פון דער עקזע־קוטיווע. אַ צווייטער צד איז שטענדיק געווען איינשטימיק מיט דער עקזעקוטיווע, דאָס זענען געווען די באַאמטע, די עקזעקוטיוו־מיטגלי־דער גופא און די אַקטיווע מיטגלידער פון לאָקאַל, און אַ דריטער צד וואָס איז שטענדיק געווען קעגן אַלץ און אַלעמען, אַפילו קעגן די בעסטע באַשלוסן. זיי זענען מערסטנס געווען די געוועזענע העד־פּרע־סערס און סקעבס וואָס האָבן אין 1910 געגרינדעט דעם בעסאַראַבער פאַרבאַנד. זייער ציל איז געווען ניט צו לאָזן אָרגאַניזירן דעם לאָקאַל. טאָמער איז אויסגעבראָכן אַ סיכסוך אין אַ שאָפּ צווישן דעם בעל־הבית און די פּרעסערס, האָבן די פּרעסערס פון בעסאַראַבער פאַר־באַנד באַלד געוואָלט פאַרנעמען די ערטער פון די שטרייקערס. עס איז ניט לייכט אָנגעקומען אונדזער לאָקאַל אָפּצושטעלן די צעשטע־רערישע האַנדלונג פון די פּרעסערס פון בעסאַראַבער פאַרבאַנד. זיי האָבן אויך נאָך דעם געוואונענעם שטרייק אין דער שטיל געאַרבעט פון שטיק און האָבן ניט געוואָלט צאָלן די פּרעסערס דעם יוניאָן־פּרייז. צווישן זיי זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געסקעבט בעתן שטרייק

און די יוניאָן האָט זיי געמוזט אַרונטערנעמען פֿון די שעפּער, וואו מען האָט זיי געפֿונען אַרבעטן בעת עס איז אָנגעגאַנגען דער גענעראַל־שטרייק. פֿון אָט די געוועזענע העד־פּרעסערס און סקעבס וואָס האָבן באַלאַנגט צום בעסאַראַבער פֿאַרבאַנד, האָבן די סעקציע־מיטינגען זייער פֿיל געליטן, ווייל אָפֿט מאָל זענען זיי געווען כמעט אַ מערהייט אויף די מיטינגען. עס האָט דעם לאָקאַל 35 גענומען אַ היפּשע צאָל יאָרן ביז זי האָט די העד־פּרעסערס צוגעוואוינט זיי זאָלן ניט שטערן די סעקציע־מיטינגען.

אין יאָר 1910 האָט דער פּרעסערס לאָקאַל 35 ניט געהאַט קיין מענעדזשער, נאָר אַ סעקרעטאַר, זיין נאָמען איז געווען ה. מעניון. אונטער זיין פֿירערשאַפֿט איז די טעטיקייט פֿון לאָקאַל געווען זייער אַ שוואַכע. דער העד־פּרעסער סיסטעם צו אַרבעטן פֿון שטיק, דאָס פֿאַרדינגען פּרעסערס, זיי זאָלן אַרבעטן ביים העד־פּרעסער און ער זאָל זיי צאָלן אַ סך ווייניקער ווי ס׳איז געווען דער יוניאָן־פּרייז, זענען געווען זייער פֿאַרשפּרייט. מעניון איז ניט געווען בכוח אָפּצושאַפֿן די אַלע פּלאָגן, ווייל די פּרעסערס האָבן אים ניט רעספּעקטירט. ער איז געווען סעקרעטאַר פֿון לאָקאַל ביזן יאָר 1911. עס האָט דעמאָלט פּאַסירט אַ מעשה, אַז עס האָט געפֿעלט געלט אין דער קאַסע פֿון לאָקאַל, עס איז ביז היינט ניט קלאָר, ווער עס איז געווען שולדיק אין דעם. מעניון איז געוואָרן אויס סעקרעטאַר, אָבער ער איז געבליבן אַקטיוו אין דער יוניאָן אַזוי ווי פֿריער. אויף מעניונס אָרט איז אויסגעקליבן געוואָרן פֿאַר סעקרעטאַר הערי לובינסקי. ער איז געווען זייער אַן אינטעליגענטער מענטש. אויב איך מאַך ניט קיין טעות איז ער געווען אַנאַרכיסטיש געשטימט. הערי לובינסקי איז געווען סעקרעטאַר ביז מיטן פֿון 1913. (דעמאָלט זענען וואַלן פֿאָרגעקומען יעדעס האַלב יאָר). אויך הערי לובינסקי האָט זיך ניט צו גוט אויסגעטויגט צו די העד־פּרעסערס וואָס האָבן פֿאַר אים ניט געהאַט קיין דרך־ארץ און האָבן ווייטער געאַרבעט פֿון שטיק, אַז מען האָט אַ העד־פּרעסער גערופֿן צו דער „גריוועגס־קאָמיטע” און אים באַשטראָפֿט מיט געלט פֿאַר אַרבעטן אויף שטיק, האָט ער זיך אַרויסגעדרייט פֿון דער שטראָף מיט פֿאַרשיידענע טריקס. נאָך אים איז אויסגעקליבן געוואָרן פֿאַר סעקרעטאַר מאָריס זיגמאַן. ער איז געווען אויף דעם אַמט ביז סוף יאָר 1914. כאָטש מאָריס זיגמאַן איז געווען אַן איבערגעגעבענער יוניאָן־פֿירער, האָט ער זיך ניט געקענט גוט צוזאַמענלעבן מיט די עקזעקוטיוו־מיטגלידער און מיט די ביזנעס־אַגענטן און אויך ניט מיט אַ ריי אַקטיווע מיטגלידער פֿון לאָקאַל. די סיבה איז געווען דאָס, וואָס טאָמער האָט עמיצער אים דערציילט אַז דער און דער האָט געזאָגט אַז ער איז ניט קיין גוטער סעקרעטאַר, האָט ער געטראָגן אויף יענעם אַ האַס. דאָס האָט

געבראַכט דערצו, אַז זיגמאַן איז ניט געווען שוה־בשוה מיט אַ גרויסער צאָל אַקטיווע מיטגלידער פון לאָקאַל. נאָך זיגמאַנען איז סאול מעץ געוואָרן סעקרעטאַר. אין יענער צייט האָט דער לאָקאַל אָפּגעשאַפט דעם טיטול סעקרעטאַר און האָט אים געענדערט אויפן טיטול מענעדזשער. סאול מעץ איז געווען מענעדזשער ביזן יאָר 1916. נאָך דעם איז ער געוואָרן מענעדזשער פון ריפער־מאַכער־יוניאָן, לאָקאַל 17. מעצס אָרט האָט צוריק פאַרנומען הערי לובינסקי. צו יענער צייט האָבן זיך צווישן די פּרעסערס געפונען פאַרשיידענע טיפּן. ניט איין מאָל האָט אַ פּרעסער געזידלט דעם צווייטן ביי דער אַרבעט, אָדער גאָר געשלאָגן. דאָס איז דעמאָלט ניט געווען קיין זעלטנהייט, ווייל צווישן זיי האָבן זיך געפונען אי געוועזענע בעלי־עגלות אי געוועזענע לומדים, שוחטים און סופרים. געשעפטס־מענטשן, אַפילו אַזעלכע וואָס האָבן זיך פריער געלערנט אין אוניווערסיטעטן. ווען אַזעלכע פאַרשידענע טיפּן האָבן געאַרבעט ביי איין פּרעס־טיש, האָט דער אינטעליגענטער ניט געקענט דולדן די גראָבע רייד און זידל־ווערטער וואָס דער צווייטער צד האָט באַנוצט ביים טיש. דאָס האָט אַרויסגערופן שטאַרקע רייבונגען. דער שאַפּ־טשערמאַן האָט געוויינטלעך גערופן די צעקריגטע פּרעסערס אין דער יוניאָן. דער מענעדזשער האָט זיי אויסגעגלייכט. אָבער דער אויסגלייך האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן.

ביי די סעקציע־מיטינגען פון לאָקאַל 35 פלעגט זייער אָפט נעמען אַ וואָרט אַ יונגערמאַן וואָס פלעגט אַלע מאָל רעדן לאָגיש און פלעגט אַרויסווייזן אַ פאַרשטענדעניש פאַר פּראַקטישע ענינים. מיר, די אַקטיווע מיטגלידער פון לאָקאַל, האָבן צווישן זיך אָנגעהויבן שמועסן, אַז דער יונגערמאַן — יוסף ברעסלאַוו איז געווען זיין נאָמען — וואָלט געווען אַ גוטער מענעדזשער פון אונדזער לאָקאַל, ווייל לויט זיין רעדן איז ער זייער אַ פּראַקטישער מענטש. אין יאָר 1916 איז יוסף ברעסלאַוו טאַקע געוואָרן אויסגעקליבן פאַרן מענעדזשער פון לאָקאַל 35. פּאַקטיש האָט ער איבערגענומען זיין אַמט אין 1917. מיט זיין אַריינקומען אין לאָקאַל אַלס מענעדזשער האָט זיך די טעטיקייט שטאַרק אויסגעברייטערט. די עקזעקוטיווע האָט אַרויסגעוויזן אַ סך מער איניציאַטיוו. די סעקציע־פאַרזאַמלונגען זענען אַ סך מער באַזוכט געוואָרן און דער לאָקאַל האָט בכלל באַקומען גרויס אָנזען צווישן די לאָקאַלס פון דער קלאָוקמאַכערס יוניאָן.

די גאַנצע צייט נאָכן פאַרענדיקטן שטרייק זענען שטענדיק אָנגעגאַנגען רייסערייען צווישן דער יוניאָן און דעם פאַרבאַנד פון די בעלי־הבתים, די „קלאָוקמייקערס פּראָטעקטיוו אַסאָסיאיישאָן". די בעלי־הבתים האָבן ניט געוואָלט אויספירן די פאַרפליכטונגען וואָס זיי האָבן אויף זיך גענומען ווען זיי האָבן אונטערגעשריבן דעם אָפּמאַך מיט דער קלאָוק־

מאַכער־יוניאָן. ברעסלאַוו האָט שטענדיק אַנטייל גענומען אין די באַראַ־טונגען פון דער אָנפירונג פון דער יוניאָן און מען האָט זיך אַלע מאָל צוגעהערט צו זיינע פּראַקטישע פאָרשלאָגן. ער האָט באַקומען אַ נאָמען אין די יוניאָן־קרייזן פון אַ פּראַקטישן מענטש, וואָס פליט ניט אין די הימלען, נאָר זוכט צו געפינען אַן אויסוועג וואָס זאָל זיין אָננעמבאַר סיי פאַר דער יוניאָן און סיי פאַר די בעלי־בתים. ער האָט אַלע מאָל געפונען אַ געלונגענעם אויסוועג ווי אַזוי אַרויסצוקריגן אַ לוין־העכערונג פאַר זיינע מיטגלידער.

מען האָט דערציילט אַזאַ פאַל: ברעסלאַוו איז אַנומלט אַריינגעקומען אין אַ קלאָוק־פאַבריק אויסגלייכן אַ סיכסוך צווישן די פּרעסערס. ברעסלאַוו האָט גערעדט מיט די פּרעסערס וועגן דעם ענין, האָט דער בעל־הבית זיך אָפּגערופן צו אים, אַז ער שטערט אין דער אַרבעט. האָט ברעסלאַוו אַרויסגענומען אַ פאַר דאָלער און האָט דערלאַנגט דעם בעל־הבית און האָט געזאָגט צו אים: דאָ האָט איר באַצאָלט פאַר דער צייט וואָס איך נעם צו ביי די פּרעסערס. דער בעל־הבית האָט זיך צעשריגן: וואָס מיינט איר, וואָס איר ווילט מיר באַצאָלן פאַר דער צייט וואָס איר רעדט מיט זיי? רופט זיי אין דער יוניאָן און רעדט מיט זיי ווי לאַנג איר ווילט. ברעסלאַוו האָט געזאָגט צו די פּרעסערס: „לעשט אויס די פּרעסאייזנס און קומט מיט מיר אין דער יוניאָן, מיר וועלן דאָרט רעדן אַזוי לאַנג, ביז דער בעל־הבית וועט קומען נאָך אייך". אַזוי איז געשען. דער בעל־הבית האָט געזען אַז די פּרעסערס האָבן טאַקע באַלד אויסגעלאָשן די פּרעס־אייזנס, האָט ער אָנגעהויבן צו בעטן, אַז ער זאָל אויסגלייכן דעם סיכסוך אויפן אָרט און ניט צונעמען די פּרעסערס פון שאַפּ.

אין יאָר 1910 האָבן די לויוויטשער לאַנדסלייט געגרינדעט אַ ברענטש פון אַרבעטער־רינג. דאָס איז געווען דער ברענטש נומער 465. דער סעקרעטאַר פון ברענטש, דזשייקאָב פרידמאַן, האָט מיט מיר גערעדט, איך זאָל ווערן אַ מיטגליד פון ברענטש און איך האָב אַזוי געטאָן. ביי די נאָענטסטע וואַלן האָט מען מיך אויסגעקליבן פאַר אַ מיטגליד אין דער עקזעקוטיווע פון ברענטש. איך בין געוואָרן דאָרט זייער אַקטיוו און אין אַ צייט אַרום האָט דער ברענטש מיך אויסגעקליבן פאַרן פּראָטאָקאָל־סעק־רעטאַר. איך בין פאַרבליבן סעקרעטאַר פון ברענטש, מיט קליינע איבער־רייסן — ווען איך האָב ניט געאַרבעט אין ניו־יאָרק — ביזן יאָר 1949, ווען איך האָב צוליב מיין געזונט זיך באַזעצט אין מיאַמי־ביטש.

דאָס לעבן איז געלאָפן נאָרמאַל: איך האָב געאַרבעט, כ'בין געווען אַקטיוו אין דער יוניאָן און אין ברענטש, די קינדער האָבן זיך גוט געלערנט — פּלוצלינג האָב איך געקריגן אַ ידיעה וואָס האָט מיך אויפ־

גערודערט און צעשטערט מיין געמיט. איך האָב געקריגן אַ בריוו פון מיין ברודער וואָס האָט געוואוינט אין לאָדזש — געווען איז דאָס אין 1911 — אַז מיין מוטער איז געשטאָרבן. אין מיין זכרון איז פאַרבייגע־לאָפן מיין גאַנץ לעבן מיט דער מאַמען: עס האָט זיך ווידער אין זכרון אויפגעוועקט דאָס בילד ווי דער טאַטע שטאַרבט און די מאַמע שרייט צו אים: „נחום, וואו לאָזט דו מיך איבער מיט פינף קליינע קינדער!" אַזוי ווי דער ברודער האָט מיר געשריבן אַז ס'איז שוין פינף וואָכן ווי זי לעבט נישט, בין איך געזעסן נאָר איין שעה שבעה. ער האָט מיר נישט געשריבן וועלכן טאָג זי איז געשטאָרבן, האַלט איך מיין מאַמעס יאָרצייט אין „מוטערס טאָג" („מאדערס דעי").

### קאַפּיטל 40

## דאָגות פּרנסה און צער־גדול־בנים

אין ווינטער סעזאָן פון 1912 האָב איך זייער ווייניק געאַרבעט. מיין מאַטעריעלע לאַגע איז געווען זייער ניט קיין גוטע. איך האָב אַפילו ניט פאַרדינט אויף חיונה פאַר מיין פאַמיליע. איך בין שולדיק געווען פאַר דריי חדשים דירה־געלט. דער ווירט פון הויז האָט מיר געגעבן צו וויסן דורכן סופּעראינטענדענט, אַז ער וועט ביי מיר ניט מאָנען קיין דירה־געלט ווי לאַנג איך וועל ניט אַרבעטן, ווייל ער איז זיכער אַז איך וועל אים אָפּצאָלן דעם חוב, ווען איך וועל אָנהויבן אַרבעטן. אויך דער בעקער — איך געדענק נאָך זיין נאָמען, דיימאָנד, — האָט געזאָגט מיין פרוי, אַז זי זאָל זיך ניט שעמען און זאָל נעמען ברויט וויפיל זי וועט נאָר דאַרפן, ער וועט איר געבן אויף באָרג, ביז איך וועל אָנהויבן אַרבעטן. אַזוי אויך דער קצב און דער גראָסערי־סטאָר־מען. דאָס ביסל געלט וואָס מיר האָבן געהאַט איז געוואָרן ווייניקער פון טאָג צו טאָג. איך בין אַ גאַנצן טאָג אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן פון ניו־יאָרק און כ׳האָב געזוכט אַרבעט, אָבער כ׳האָב ניט געפונען. איך בין אַפילו געגאַנגען צום פּאָרט וואו מען האָט אַרויפגעלאָדעוועט און אַראָפּגעלאָדעוועט סחורות פון די שיפן. איך האָב געפרעגט אַ מאַן ביים דאָק, צי ער האָט אַרבעט פאַר מיר, דער מאַן האָט מיך באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס און האָט געזאָגט אַז איך טויג נישט פאַר אַזאַ שווערער אַרבעט. ווען איך בין פאַרנאַכט אַהיימגעקומען אַ מידער נאָך אַ גאַנצן טאָג גיין איבער די ניו־יאָרקער גאַסן זוכן אַרבעט, האָב איך זיך געשעמט אַריינצוגיין אין מיין הויז, ווייל איך האָב זיך באַטראַכט פאַר אַ לא־יצלח. מיין פרוי האָט באַמערקט, אַז איך בין פאַרטרויערט, האָט זי געזאָגט אַז איך זאָל זיך ניט זאָרגן, ווייל דירה־געלט דאַרף מען דערווייל ניט צאָלן און עסן קריגט מען געבאָרגט און קיין איינער פון די קרעמערס ביי וועמען זי באָרגט, זאָגט איר ניט קיין בייז וואָרט און זיי קוקן ניט קרום אויף איר.

איין מאָל האָט מיין פרוי מיר פאַרטרויט אַ סוד, אַז זי איז שוואַנגער, אַז זי איז היינט געווען אין אַ שפּיטאָל פאַר קימפּעטאָרינס. א

דאָקטאָר האָט זי באַטראַכט און האָט איר געזאָגט, אַז מען וועט איר שיקן אַ דאָקטאָר פון שפּיטאָל אָן געלט און אויך אַ ווירטספרוי וואָס וועט אין דער צייט פון דער קימפּעט אַכטונג געבן אויף די קינדער און קאָכן עסן אויך פאַר מיר. זי האָט אויך געזאָגט, אַז ביינאַכט וועט זי גיין צו איר פעטער אברהם וורובעל, ער זאָל איר באָרגן אַ ביסל געלט. איך האָב איר געבעטן, זי זאָל ניט גיין. איך האָב זיך משער געווען אַז די מומע וועט אָנהויבן טענהן, אַז זי האָט מיך פריער גע־וואָרנט, איך זאָל ניט ווערן קיין אַרבעטער, ווייל איך וועל זיין אַ קבצן מיין גאַנץ לעבן. איך האָב געזאָגט מיין פרוי, אַז איך וועל ליבערשט גיין צו איר געשווסטערקינד הערי לאַשקאָוויטש, אַ זייגערמאַכער, וואָס האָט געהאַט אַ צירונג־געוועלב אויף דער ערשטער עוועניו ביי דער דריטער גאַס, און אַז ער וועט מיר זיכער באָרגן עפּעס געלט. ווען איך בין אָריינגעקומען צו אים האָט ער מיך געפרעגט, וואָס איז די מעשה וואָס איך בין געקומען אַזוי פרי, האָב איך אים געענטפערט אַז איך אַרבעט שוין ניט עטלעכע וואָכן. האָט ער מיך געפרעגט: „און וואָס איז מכוח אכילה?"" האָב איך אים געזאָגט, אַז מיין פרוי איז געוואָרן אַ בוכהאַלטערין, זי פירט ביכלעך פון חובות פון קצב, דעם בעקער און דער גראָסערי. האָט ער מיך ווייטער געפרעגט: „וואָס איז מיט דירה־געלט?" האָב איך אים דערציילט ווי אַזוי כ'האָב אַראַנזשירט מיטן דירה־געלט. האָט מיר הערי לאַשקעוויטש געבאָרגט פינף און צוואַנציק דאָלער און האָט מיך געעצהט, כ'זאָל גיין אין דער גמילות־חסדים־קאַסע, וואָס איז געווען אויף דער צווייטער עוועניו און כ'זאָל מיר דאָרטן באָרגן פופציק דאָלער, ער וועט פאַר מיר גוט זאָגן, כ'וועל דאַרפן אָפּצאָלן איין דאָלער אַ וואָך. מיין פרוי האָט באַלד באַצאָלט אַ טייל חובות וואָס זי איז שולדיק געווען — דעם קצב, דעם בעקער און דעם גראָסע־רימאַן — מיט דירה־געלט האָבן מיר געוואַרט ביז איך האָב אָנגעהויבן אַרבעטן.

דעם 25סטן מאַי 1913 האָט מיין פרוי געבוירן אַ קינד, אַ יינגל. מיר האָבן אים אַ נאָמען געגעבן פרץ, נאָך מיין מוטער ע"ה, וועלכע האָט גע־הייסן פערל. פון שפּיטאָל האָט מען טאַקע געשיקט אַ דאָקטער ווי אויך אַ מוהל און אַ פרוי וואָס האָט אַכטונג געגעבן אויף דער קימפּעטאָרין און אויף די קינדער. די מומע האָט געברענגט צום ברית לעקעך מיט בראָנפן און ברויט מיט הערינג. דער דאָזיקער זון מיינער, פרץ, איז איצט אַ באַרימטער האַרץ־ספּעציאַליסט, וואָס פּראַקטיצירט אין מייאַמי־ביטש. צו מאָרגנס בין איך אויפגעשטאַנען פרי, כ'האָב געקויפט אַ צייטונג און געזוכט אַן אַנאָנס וואו מען דאַרף האָבן אַ פּרעסער. איך האָב געפונען אַז מען זוכט אַ פּרעסער צו אַלטע קליידער אין אַ רייניקונג־גע־

שעפּט אין ברוקלין. איך בין דאָרט געפֿאָרן. פֿאָרנדיק אַזוי האָב איך געטראַכט וועגן אונדזער לעבן אין לאָדזש. דאָרט האָט מיין פֿרוי געהאַט דריי ייִנגלעך און יעדעס מאָל זענען מיר אימשטאַנד געווען צו מאַכן אַ לייטישן ברית, און דאָ, אין אַמעריקע, האָט דאָס שפּיטאָל געדאַרפֿט מיר שיקן אַ בחינמדיקן דאָקטאָר און אַ בחינמדיקן מוהל. טרערן האָבן אָנגעהויבן רינען פֿון מיינע אויגן און מענטשן וואָס זענען לעבן מיר געזעסן און האָבן געזען ווי איך וויין, האָבן מיך געפֿרעגט צי עס טוט מיר עפּעס וויי, האָב איך געזאָגט אַז ניין, נאָר מיין פֿרוי איז ניט געזונט. זיי האָבן מיך געטרייסט, אַז גאָט וועט איר העלפֿן.

ווען איך בין צוגעקומען צו דעם אָרט וואו מען האָט געדאַרפֿט דעם פּרעסער, זענען שוין געשטאַנען אַ סך מענטשן, וואָס זענען אויך געקומען קריגן די אַרבעט. מיר זענען אַלע געשטאַנען און געוואַרט. אַ מאַן האָט געפֿרעגט עטלעכע מענטשן, צי זיי קענען פּרעסן אַלטע קליידער און וואו זיי האָבן געאַרבעט. זיי האָבן געענטפֿערט, אַז זיי וועלן זיך צוגעוואוינען ווען זיי קענען. האָט מען זיי אַוועקגעשיקט. דער מאַן האָט באַקוקט די רעשט מענטשן אַזוי ווי אַ פֿערדס־הענדלער באַקוקט פֿערד איידער ער קויפֿט אים. נאָך דעם ווי ער האָט אונדז אַלע באַטראַכט, האָט ער מיך אַרויסגערופֿן פֿון דער ריי און מיך געפֿרעגט, צי איך קען פּרעסן אַלטע גערייניקטע און געוואַשענע קליידער. איך האָב אים געזאָגט אַז איך קען און כ׳האָב אים געזאָגט וואו איך האָב געאַרבעט. ער האָט מיך אַריינגעפֿירט אין דעם שאַפּ און האָט מיר געגעבן אַ מענער־אָנצוג און אַ פֿרויען־אָנצוג צום פּרעסן. איך האָב אָפּגעפּרעסט די צוויי אַנצוגן, האָט ער מיר געזאָגט, איך זאָל נעמען אַרבעט פֿון טיש און פּרעסן. צוועלף אַ זייגער האָט דער בעל־הבית מיר געזאָגט אַז איך זאָל גיין עסן און קומען צוריק צו דער אַרבעט האַלב נאָך צוועלף. איך האָב געאַרבעט ביז האַלב נאָך זעקס פֿאַרנאַכט. נאָך דער אַרבעט האָט ער מיר געזאָגט אַז ער וועט מיר צאָלן צוויי דאָלער אַ טאָג. איך מוז אָנהויבן אַרבעטן זיבן אין דער פֿרי און אויב איך וועל מאַכן גענוג אַרבעט, וועט ער מיר צוגעבן נאָך איין דאָלער אויף דער וואָך. ווען איך בין אַהיימגעקומען האָב איך מיין פֿרוי געזאָגט אַז איך האָב געאַרבעט, האָט זי מיך געקושט פֿאַר פֿרייד. נאָכן עסן האָב איך איר דערציילט, וואָס פֿאַר אַן אַרבעט דאָס איז: איך וועל מוזן אויפֿשטיין אַרום פֿינף אַ זייגער אין דער פֿרי, ווייל פֿאָרן צו דער אַרבעט געדויערט מער ווי אַ שעה. איך האָב דאָרט געאַרבעט איין וואָך. שבת האָט מיר דער בעל־הבית געזאָגט, אַז ער האָט ניט גענוג אַרבעט אויף מאָנטיק, איך זאָל קומען דינסטיק צו דער אַרבעט. איך האָב געאַרבעט דינסטיק, מיטוואָך און דאָנערשטיק. נאָך דער אַרבעט האָט מיר דער בעל־הבית געהייסן קומען קומענדיקן דינסטיק. די צווייטע וואָך

האָב איך געאַרבעט דריי טעג און ער האָט מיר באַצאָלט פאַר די דריי טעג זיבן דאָלער. מיין פרוי האָט מיך מער ניט געלאָזט גיין צו דעם בעל־הבית אַרבעטן. יעדן אין דער פרי האָב איך געקויפט אַ ציימונג און געזוכט אַן אַנאָנס וועגן אַרבעט, אָבער איך האָב ניט געפונען. אַזוי אַ גאַנצע וואָך. פון די פופציק דאָלער וואָס איך האָב געהאַט געבאָרגט אין דער גמילת חסדים־קאַסע, האָבן מיר שוין באַלד ניט געהאַט. איך בין געגאַנגען אין דער קאַסע און כ׳האָב זיי געזאָגט, אַז איך האָב ניט צו צאָלן דעם דאָלער אַ וואָך, ווייל איך אַרבעט ניט. האָט מען מיר געזאָגט, אַז איך זאָל ניט זאָרגן, ווען איך וועל אָנהויבן אַרבעטן זאָל איך דעמאָלט אָנהויבן צאָלן.

איין פרימאָרגן האָב איך געפונען אַן אַנאָנס אין דער ציימונג, אַז מען דאַרף האָבן אַ פּרעסער אין ברוקלין צו אַלטע געוואַשענע קליידער. איך האָב ביי זיך געהאַט צוואַנציק סענט. איך האָב געקויפט אויף דער גאַס צוויי זעמל און כ׳האָב זיי געגעסן גייענדיק צו דילענסי גאַס. כ׳האָב ביי זיך געטראַכט, אַז מיין אָרעמקייט האָט מיך געבראַכט צו דער שטופע פון אַ הונט, ווייל די גמרא זאָגט דאָך, אַז „האוכל בשוק דומה לכלב״ (דער וואָס עסט אין גאַס איז ענלעך צו אַ הונט). איך בין געקומען דער ערשטער אויף יענעם אָרט און מען האָט מיך צוגענומען צו דער אַרבעט. צוועלף אַזייגער בין איך ניט געגאַנגען עסן. דער בעל־הבית האָט מיך געפרעגט פאַר וואָס איך גיי ניט עסן. איך האָב אים געזאָגט, אַז כ׳האָב ניט קיין געלט. ער האָט זיך זייער געוואונדערט און האָט מיר געגעבן פופציק סענט אויף לאַנטש. נאָך דער אַרבעט האָט ער מיר געהייסן קומען מאָרגן זיבן אַ זייגער אין דער פרי און ער וועט מיר געבן 12 דאָלער אַ וואָך. איך האָב אים געבעטן, ער זאָל מיר געבן איין דאָלער צו געבן מיין פרוי, האָט ער מיר געגעבן צוויי דאָלער. ווען איך בין אַהיימגעגאַנגען האָב איך געגעבן מיין פרוי איין דאָלער מיט פופציק סענט. צו מאָרגנס האָב איך געוואָלט אָפּגעבן דעם בעל־הבית די פופציק סענט ,אָבער ער האָט זיי ניט געוואָלט צוריקנעמען און ער האָט מיר נאָך געפונדעוועט אַ לאַנטש. איך האָב אויף יענעם אָרט געאַרבעט צוויי וואָכן. דער בעל־הבית האָט מיך זייער גוט באַהאַנדלט, ער איז געווען אַ שוועד.

ענדלעך האָט מען מיך גערופן צו דער אַרבעט אין דער פאַבריק וואו איך האָב שטענדיק געאַרבעט. איך האָב אָנגעהויבן גוט פאַרדינען און אין מיין הויז איז געוואָרן פריילעכער. מיר האָבן אָפּגעצאָלט די חובות פאַרן שפּייז, פאַרן דירה־געלט און אין דער גמילות־חסדים. מיר האָבן אויסגעקליידט די קינדער און זיך איבערגעצויגן אין אַ נייער דירה פון פיר שטובן.

מיין פרוי האָט זיך ווידער געריכט אין קימפּעט. זי איז געגאַנגען

אין שפיטאָל אויף דער 17טער גאַס און צווייטער עוועניו. מען האָט איר דאָרט צוגעזאָגט אַז צום געבוירן וועט מען איר שיקן בחינם אַ דאָקטאָר ווי אויך אַ פרוי, וואָס וועט אַכטונג געבן אויף איר און אויף די קינדער אין דער צייט פון דער קימפעט. ווען מיין פרוי האָט מיר דאָס דער־ציילט, האָב איך געגעבן אַ זיפץ. זי האָט מיך געפרעגט פאַר וואָס איך זיפץ? האָב איך איר געזאָגט: „איך זיפץ, ווייל מיר מוזן נאָך אַלץ אָנ־קומען צו קהלשער הילף, און דאָס טוט מיר וויי".

אַ פאָר וואָכן שפּעטער האָט מיין פרוי באַקומען ווייען, ס'איז געווען אין אָוונט. איך בין געלאָפן אין שפיטאָל. דער דאָקטאָר איז באַלד גע־קומען מיט אַ וואָרט־פרוי. ער האָט מיט זאָרג באַטראַכט מיין פרוי און האָט געזאָגט אַז ער וועט צוריקקומען אין אַ פאָר שעה אַרום. די וואָרט־פרוי איז ביי אונדז געבליבן. אין מיטן דער נאַכט זענען געקומען צוויי דאָקטוירים. זיי האָבן שווער געאַרבעט ביז זיי האָבן אָפּגענומען אַ יינגל. אָבער צום באַדויערן האָט דאָס קינד געהאַט פאַרדרייטע הענט, פאַר־דרייטע פיס און אַ צעקאַלעטשעט פנים. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז מען זאָל דאָס קינד ניט מל־זיין, ווייל עס וועט לאַנג ניט לעבן. מיין פרוי האָט יאָמערלעך געוויינט. די דאָקטוירים האָבן זי געטרייסט, אַז זי זאָל זיין צופריידן וואָס זי אַליין לעבט, ווייל מען האָט דאָס קינד געמוזט אַרויס־נעמען מיט אינסטרומענטן. דער דאָקטער איז געקומען צו מיין פרוי אַ היפשע צייט, ביז זי איז געזונט געוואָרן. די וואָרט־פרוי איז געווען אין אונדזער הויז צוויי וואָכן. מיין פרוי האָט איר געוואָלט געבן עפּעס געלט ווען זי איז אַוועקגעגאַנגען, האָט זי ניט געוואָלט נעמען. נאָך דריי וואָכן איז דאָס קינד געשטאָרבן.

## קאַפּיטל 41

# אַ קריטישע צייט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג

אין 1915 איז ביי קלאָוקמאַכערס געווען אַ גרויסע אַרבעטלאָזיקייט. די בעלי־הבתים האָבן אויסגענוצט די שווערע לאַגע און האָבן פּראָוואָצירט אַן אָפענע מלחמה מיט דער יוניאָן. דער סוף איז געווען אַז זיי האָבן געבראָכן דעם אָפּמאַך, וואָס זיי האָבן געהאַט מיט דער יוניאָן, דעם אַזוי גערופענעם „פּראָטאָקאָל". די יוניאָן־פּרעסערס האָבן געוואוסט אַז זיי וועלן זיין געצוואונגען צו רופן אַ סטרייק. מען האָט אַרעסטירט די יוניאָן־פירערס מאָריס זיגמאַן, סאול מעץ, י. סטופּניקער, דזשאָו וואָלף, ל. האָלצמאַן, א. וועדינגער, מאַקס סינגער און י. אשפּיז. זיי זענען אַרעסטירט געוואָרן אויף דער מסירה פון מאַקס סילקעס, וואָס האָט געהאַט אַ פּריוואַטע דעטעקטיוו־אַגענטור, אַז די אויבן־דערמאָנטע האָבן אין 1910 דערהרגעט אַ שטרייקברעכער מיטן נאָמען ל. לייבאָוויטש אין דער צייט פון גרויסן סטרייק. דאָס געריכט האָט די אַרעסטירטע באַפרייט פון יעדער שולד. די דאָזיקע געשעעניש — דאָס ברעכן דעם „פּראָטאָקאָל" מצד די בעלי־הבתים און דער אַרעסט פון די אַקטיווע יוניאָן־טוערס — האָט אריינגעבראַכט אַ פאַרצווייפלונג און אַ טרויער צווישן די איבערגעבליבענע יוניאָן־מיטגלידער און מיך בתוכם. מיין בעל־הבית האָט מיך אַוועקגעשיקט פון דער אַרבעט און האָט מיר געזאָגט, אַז ער וועט זיך באַגיין אָן אַ הונדערט־פּראָצענטיקן יוניאָן־מאַן. אַ לאַנגע צייט האָט געדויערט ביז איך האָב געקראָגן אַן אַנדער אָרט צו אַרבעטן. דער דלות האָט ווידער אָנגעהויבן צו הערשן אין מיין הויז. מיר האָבן ווידער אָנגעהויבן הונגערן. ביז איך האָב ענדלעך ווידער געקראָגן אַרבעט. דער זעלבער מסור, סילקעס, האָט אין דעצעמבער 1913 אָרגאַניזירט אַ סקעב־יוניאָן אונטער דעם נאָמען „אינטערנייציאָנעל ליידיס גאַרמענט אָוו דהי וואָירלד". עס האָבן זיך געפונען עטלעכע הונדערט סקעבישע קלאָוקמאַכערס וואָס זענען געוואָרן מיטגלידער פון סילקעסעס סקעבישער יוניאָן. די קלאָוקמאַכערס יוניאָן האָט געהאַט אַ סך צרות אויסצושטיין פון דער סקעבישער יוניאָן. ביז עס האָט זיך איינגעגעבן מאָריס הילקוויטן, דעם באַוואוסטן סאָציאַליסט און אַדוואָקאַט פון דער יוניאָן, צו קריגן אַ פאַרבאָט

פון געריכט קעגן דעם וואָס סילקעס באַנוצט זיך מיטן נאָמען „אינטערניישאָנעל". אויך זענען די אַרעסטירטע אַקטיווע טוערס פון דער קלאָקמאַכערס יוניאָן באַפרייט געוואָרן. אין דער זעלבער צייט האָט זיך יוסף ברעסלאַוון, דעם מענעדזשער פון פּרעסערס לאָקאַל 25 איינגעגעבן איבערצייגן די מיטגלידער פון בעסאַראַבער פאַרבאַנד, זיי זאָלן אויפגעבן זייערע אָפּאָזיציאָנעלע טעטיקייט אין לאָקאַל 35, וואָס זיי האָבן געפירט פאַר און זינט 1910.

אין 1916 האָב איך געאַרבעט אין דער פאַבריק פון גאַרפינקל און ראָזענבלאַט. זיי האָבן באַלאַנגט צו דער „קלאָק מאַנופעקטשורערס פּראָטעקטיוו אַסאָסיאיישאָן". צו יענער צייט זענען פאָרגעקומען גרויסע רייסערייען צווישן דער יוניאָן און די בעלי־הבתים. דער דעמאָלדיקער ליבעראַלער מעיאָר פון ניו־יאָרק, מיטשעל, האָט פּרובירט מאַכן שלום און אויסגלייכן די צדדים. אָבער עס האָט זיך אים ניט איינגעגעבן. די בעלי־הבתים האָבן געסטראַשעט אַז אויב די יוניאָן וועט ניט נאָכגעבן זייערע פאַרלאַנגען, וועלן זיי מאַכן אַ לאָקאַוט. די בעלי־הבתים האָבן באַשטימט דעם לאָקאַוט אויף שבת דעם 28סטן אַפּריל, 1916. איך בין יענעם טאָג זייער פרי געגאַנגען צו דער אַרבעט. אין די פלעצער וואו די קלאָקמאַכערס זענען זיך צוזאַמענגעקומען האָט זיך זייער געטומלט. אַ סך קלאָקמאַכערס האָבן געהאַלטן אַז די יוניאָן דאַרף נאָכגעבן, ווייל זי האָט ניט קיין געלט צו פירן אַ שטרייק און ווער ווייס ווי לאַנג אַזאַ שטרייק וועט דויערן. איך האָב אַגיטירט די אַרבעטער פון מיין שאַפּ, זיי זאָלן ניט צונעמען דעם פּאַפּיר וועגן לאָקאַוט וואָס דער בעל־הבית אָדער דער פאָרמאַן וועט זיי געבן. בעת דער אַרבעט איז דער בעל־הבית צוגעקומען צום טיש פון די פּרעסערס און האָט געקוקט אויף די פּרעסערס און ספּעציעל אויף מיר מיט אַ בייזן בליק. די פּרעסערס האָבן געזאָגט צו מיר: „זאָרג זיך ניט, עס וועט לאַנג ניט דויערן און ער וועט זיך מיט אונדז איבערבעטן". אַז אַן אָפּערייטאָר אָדער אַ שניידער איז צוגעקומען צו אונדזער טיש, האָב איך אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל ניט צונעמען דעם פּאַפּיר וועגן לאָקאַוט וואָס דער בעל־הבית אָדער דער פאָרמאַן וועט אים געבן. נאָך דער אַרבעט האָט מען טאַקע יעדן אַרבעטער פון מיין שאַפּ געגעבן אַ פּאַפּיר וועגן לאָקאַוט און אים באַצאָלט פאַר דער וואָך אַרבעט. דער רוב אַרבעטער האָבן דאָס פּאַפּיר צוריקגעגעבן. דער בעל־הבית האָט יעדן אַרבעטער געפרעגט, צי ער וועט קומען מאָנטיק צו דער אַרבעט? יעדער האָט געענטפערט „ניין". דער בעל־הבית האָט געזאָגט צו מיר: „אונגער, איך ווייס אַז דו האָסט אָנגערעדט די אַרבעטער זיי זאָלן ניט צונעמען דעם פּאַפּיר וועגן לאָקאַוט." דעם קומענדיקן מאָנטיק זענען אַרום פינף און צוואַנציק טויזנט קלאָק־

מאַכערס, וואָס האָבן געאַרבעט ביי די בעלי־הבתים וואָס האָבן געהערט צו דער „פּראָטעקטיוו אַסאָסיאיישאָן‟, ניט געגאַנגען צו דער אַרבעט. די קלאָוק־בעלי־הבתים האָבן אָפיציעל געמאָלדן אין די צייטונגען אַז זיי האָבן געמאַכט אַ לאָקאַוט און די קלאָוקמאַכערס וואָס ווילן אַרבעטן אויף זייערע נייע באַדינגונגען, קענען קומען צו דער אַרבעט.

אין פינף טעג אַרום, דעם 3טן מאַי, האָט די קלאָוקמאַכער דזשאָינט באָארד און די „אינטערנעישאָנעל‟ גערופן אַ גענעראַל־שטרייק אין דער גאַנצער אינדוסטריע פון פרויען־קליידער. אַרום זעכציק טויזנט אַר־בעטער זענען אַרויס אין שטרייק, וועלכער איז געווען זייער אַ פאַר־ביטערטער. די יוניאָן האָט פאַרמאָגט זייער ווייניק געלט צו פירן דעם שטרייק. דערפאַר האָט זי געהאַט די גאַנצע עפנטלעכע מיינונג פון ניו־יאָרק אויף איר זייט, אַפילו די קאָנסערוואַטיווע צייטונגען האָבן פאַראורטיילט די בעלי־הבתים פאַר ברעכן דעם „פּראָטאָקאָל‟. בלויז דערפאַר וואָס אַן אומפּאַרטייאישער קאָמיטעט האָט אַרויסגעגעבן אַ דע־ציזיע, וואָס איז די בעלי־הבתים ניט געפעלן געוואָרן. פּראָמינענטע מענטשן, פּראָפעסאָרן, גייסטלעכע, רבנים אאַז״וו האָבן געשאַפן קאָמי־טעטן צו העלפן די שטרייקנדיקע מאָראַליש און פינאַנציעל. אַ דאַנק דער זייער גינסטיקער עפנטלעכער מיינונג זענען אויסגעמיטן געוואָרן אַרעסטן פון די שטרייקערס.

נאָך פערצן וואָכן שטרייקן האָבן די בעלי־הבתים נאָכגעגעבן די פאָדערונגען און דעם פערטן אויגוסט 1916 האָבן זיי אונטערגעשריבן אַ נייעם אָפּמאַך מיט דער קלאָוקמאַכערס יוניאָן. אין משך פון שטרייק האָט דער דלות זיך ווידער אַריינגעצויגן צו מיר אין הויז. דאָס אָפּגע־שפּאָרטע ביסל געלט וואָס מיר האָבן געהאַט איז גיך אויסגעגעבן גע־וואָרן. מיר האָבן דאָך געהאַט פיר קינדער.

איין מאָל, אַ פרייטיק צו נאַכטס, בין איך שפּעט אַהיימגעקומען פון אַ מיטינג, האָב איך געזען אַז מיינע צוויי קינדער משה און דוד זענען ניטאָ אין דער היים. האָב איך געפרעגט מיין פרוי וואו די קינדער זענען. האָט זי מיר געזאָגט, אַז זיי זענען געגאַנגען צו זייערס אַ פריינד און זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי וועלן שפּעט אַהיימקומען, ווייל מאָרגן דאַרפן זיי ניט גיין אין דער שול. זיי זענען אַהיימגעקומען ערשט אַרום צוויי אַ זייגער ביינאַכט. איך און מיין פרוי האָבן זיי געפרעגט וואו זיי זענען געווען אַזוי לאַנג און וואָס זיי האָבן געטאָן ביז אַזוי שפּעט ביי־נאַכט. האָבן זיי אַרויסגענומען פון זייערע קעשענעס אַ סך קליינגעלט, האָבן עס אַרויפגעלייגט אויפן טיש און האָבן עס אויסגעסאָרטירט. מיר האָבן זיי געפרעגט, וואו זיי האָבן גענומען דאָס געלט? — האָבן זיי גע־זאָגט, אַז זיי האָבן פאַרקויפט צייטונגען און דאָס געלט איז זייער פאַר־

דינסט. מיר האָבן זיי געפרעגט, ווער עס האָט זיי געהייסן פאַרקויפן צייטונגען און דערצו נאָך ביז אַזוי שפּעט אין דער נאַכט, האָבן זיי געענטפערט אַז אויב דער טאַטע אַרבעט ניט שוין אַ לאַנגע צייט און אין הויז איז ניטאָ פאַר וואָס צו קויפן עסן, האָבן זיי באַשלאָסן צו פאַרקויפן צייטונגען און דאָס פאַרדינסט זייערס געבן צושטייער אויף חיונה. אַז מיר האָבן דאָס דערהערט האָבן אונדז טרערן געשטיקט אין האַלדז און מיר האָבן זיי געזאָגט, אַז מער זאָלן זיי ניט גיין פאַרקויפן צייטונגען. האָבן זיי געפרעגט: וואָס פאַר אַ שלעכטס טוען זיי דען? אַפילו רייכע קינדער גייען פאַרקויפן צייטונגען!

נאָך צען וואָכן שטרייקן האָט מיינער אַ שכן מיך געפרעגט צי איך וויל פאַרן אַרבעטן אין שטעטל יוניאָן היל, נ. דזש. איך האָב מסכים געווען. איך בין קודם כל געגאַנגען אין דער יוניאָן געוואויר צו ווערן, ס'איז אַ יוניאָן־שאַפּ. האָט מען מיר געענטפערט אַז יאָ. יענער שאַפּ נעמט אַרויס אַרבעט פון אַ ניו־יאָרקער פאַבריקאַנט וואָס האָט שוין אונטערגעשריבן אַן אָפּמאַך מיט דער יוניאָן. איך בין געפאָרן דאָרט אַרבעטן (דאָס איז געווען די פירמע פלאַטקין און שניידערמאַן). דער שאַפּ איז געווען זייער אַ לופטיקער און אַ ליכטיקער. איך האָב זייער גוט פאַרדינט ווייל עס איז געווען זייער אַ סך אַרבעט.

אין לאָקאַל פון די אָפּערייטאָרס, וואָס האָט זיך צו יענער צייט גע־רופן לאָקאַל נומער איינס, זענען פאָרגעקומען גרויסע רייסערייען צוליב דער אַקציע פון אַ געוויסן משה רובין, אַז דער לאָקאַל זאָל זיך אָפּרייסן פון „דזשאָינט באָארד״ פון דער קלאָוקמאַכערס־יוניאָן. ביי די וואַלן אין יאָר 1916 איז משה רובין אויסגעקליבן געוואָרן פאַר מענעדזשער פון לאָקאַל איינס. נאָך דעם ווי ער איז געוואָרן מענעדזשער, האָט ער נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם קאַמף אַז דער לאָקאַל זאָל זיך אָפּרייסן אי פון דער „דזשאָינט באָארד״ אי פון דער „אינטערנײשאַנעל״. ער האָט אַרויסגעגעבן מיטגליד־ביכלעך מיטן נאָמען פון לאָקאַל איינס. אַז איך האָב אָפּגעאַרבעט אין שאַפּ אין יוניאָן היל אַן ערך צוויי וואָכן, האָב איך אויסגעפונען אַז דער רוב פון די אָפּערייטאָרס ווי אויך עטלעכע שניידערס האָבן מיטגליד־ביכלעך פון משה רובינס יוניאָן. האָב איך זיך אַדורכגעשמועסט מיט אַ צווייטן פּרעסער, מאיר וואָלף, מיינער אַ לאַנדס־מאַן (ער לעבט שוין איצט ניט), אַז מיר זאָלן צוזאַמען זיך באַמיען צו אָרגאַניזירן די אָפּערייטאָרס און די שניידערס אין „דזשאָינט באָארד״ פון די קלאָוקמאַכערס־יוניאָן. איך האָב גערעדט מיט די אָפּערייטאָרס און שניידערס אָבער איך האָב אָנגעטראָפן אויף גרויסע שוועריקייטן. דער עיקר צוליב דעם, וואָס איין אָפּערייטאָר, אַ געוויסער שקלאַר, אַ היצקאָפּ, און דער טשערמאַן פון שאַפּ, זענען געווען גרויסע פּאַטריאָטן

פון משה רובין און האָבן מיר געשטערט אין דער אַרבעט. עס איז אינ־טערעסאַנט, אַז שקלאַרס זון וואָס האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט זיין פאָטער, איז געווען קעגן משה רובינס יוניאָן.

עס האָט מיר גענומען עטלעכע וואָכן ביז איך האָב געווירקט אויף די אַרבעטער פון מיין שאַפּ, זיי זאָלן זיך אָנשליסן אין דער ניו־יאָרקער דזשאָינט באָארד. דעמאָלט בין איך אַוועק צו הערי גרינבערג, איצ־טיקער מענעדזשער פון לאָקאַל 91 און כ'האָב אים געבעטן, ער זאָל קומען צו אַ מיטינג פון אונדזער שאַפּ. ווען הערי גרינבערג איז גע־קומען, האָבן אים די אַרבעטער אויפגענומען גאַנץ פריינדלעך. מיר האָבן אָפּגעהאַלטן אַ מיטינג אין אַ שטוב הינטער אַ סאַלון. הערי גרינבערג האָט זיי אויפגעקלערט ווי אַזוי עס איז געקומען דערצו, אַז משה רובין האָט אָרגאַניזירט זיין אייגענע יוניאָן. ווען הערי גרינבערג האָט גע־ענדיקט, האָב איך אויך גערעדט. און כ'האָב געזאָגט די אַרבעטער פון שאַפּ, זיי זאָלן אַוועקגעבן גרינבערגן די ביכלעך פון משה רובינס יוניאָן. אַזוי האָבן אַלע טאַקע געטאָן. ווען מיר זענען צוריקגעקומען אין שאַפּ, האָבן די בעלי־הבתים אויסגעדריקט זייער צופרידנקייט דערמיט, ווייל זיי ווילן אויך אַז אַלע זייערע אַרבעטער זאָלן באַלאַנגען צו איין יוניאָן. אין דעם שאַפּ האָב איך געאַרבעט עטלעכע סעזאָנען און כ'האָב דאָרט זייער גוט פאַרדינט. איך האָב זיך דעמאָלט אַריינגעצויגן אין אַ וואוינונג פון פינף שטובן.

# איך ווער קראַנק

## קאַפּיטל 42

אַ געוויסן טאָג, ווען איך האָב נאָר וואָס געהאַט אָפּגעגעסן לאַנטש, האָב איך פּלוצלינג געקראָגן אַ ווייטיק אין בויך. איך האָב אויסגעבראָכן דאָס עסן, אָבער איך האָב זיך באַלד צוריק אָוועקגעשטעלט צו דער אַרבעט. ביי נאַכט האָב איך ווידער דאָס עסן באַלד אויסגעבראָכן. אין דער פרי האָב איך זייער ווייניק געגעסן און כ׳בין געפאָרן צו דער אַרבעט. אין מיטן דער אַרבעט האָב איך געקראָגן אַ שטאַרקן בויך־ווייטיק און כ׳האָב געמוזט איבעררייסן די אַרבעט. דער בעל־הבית האָט מיך געוואָלט נעמען צו אַ דאָקטאָר, האָב איך ניט געוואָלט גיין. איך בין אַהיימגעפאָרן און כ׳בין אַוועק צו אַ דאָקטאָר. דער דאָקטאָר האָט מיר געזאָגט, אַז איך האָב גאַל־שטיינער און כ׳מוז ווערן אָפּערירט. ער האָט מיר געגעבן אַ דיעטע. איך האָב געמוזט אַוועק פון דער אַרבעט. צו־מאָרגנס בין איך געגאַנגען צו אַ כירורג. אויך ער האָט געזאָגט, אַז איך מוז ווערן אָפּערירט אויף גאַל־שטיינער. ער האָט טעלעפאָנירט אין אַ שפּיטאָל וועגן אויפנעמען מיך, האָט מען אים געענטפערט אַז עס קען זיין אַן אָרט פאַר מיר ערשט אין צוויי וואָכן אַרום. בין איך צו מאָרגנס געגאַנגען אין ניו־יאָרקער שפּיטאָל, וואָס איז דעמאָלט געווען אויף דער 16טער גאַס צווישן בראָדוויי און 5טער עוועניו. אַ דאָקטאָר האָט מיך באַטראַכט און האָט מיר געזאָגט דאָס זעלבע: אַז איך מוז האָבן אַן אָפּעראַציע אויף גאַל־שטיינער. און וואָס שנעלער איך וועל מאַכן די אָפּעראַציע — אַלץ בעסער. ער האָט געוואָלט איך זאָל שוין פאַרבלייבן אין שפּיטאָל. האָב איך אים געזאָגט, אַז איך מוז אַהיימגיין אָנזאָגן מיין פרוי וועגן דעם און אַז מאָרגן אין דער פרי וועל איך קומען. ווען איך האָב מיין פרוי געזאָגט וועגן דער אָפּעראַציע, האָט זי זיך שטאַרק צעוויינט. צו מאָרגנס אין דער פרי איז געקומען דער פעטער אברהם וורובעל צו פאָרן מיט מיר אין שפּיטאָל אַריין. איך האָב זיך געזעגנט מיט מיין פרוי און קינדער. זיי האָבן שטאַרק געוויינט, מיין פרוי האָט געזאָגט צו מיר: „קוש מיך און אונדזערע קינדער נאָך אַ מאָל״, און פון אירע אויגן האָב איך אַרויסגעלייענט די מורא: ווער ווייסט צי מיר

וועלן זיך נאָך אַ מאָל זען. אויפן וועג צום שפּיטאָל האָב איך זייער געוויינט און כ׳האָב זיך ניט געקענט איינשטילן. איך האָב זיך דערמאָנט דעם טאָג ווען מיין פאָטער ע״ה איז געשטאָרבן, ווי ער האָט אונדז געבענטשט, די פינף קינדער זיינע. איך האָב זיך דערמאָנט אין מיין מוטערס געשריי: „נחום, ווי לאָזט דו מיך איבער מיט פינף קליינע קינדער!״ איך האָב זיך געטראַכט: מיין מוטער האָט כאָטש געהאַט אַ שענק און זי האָט געקענט ווי עס איז מפרנס זיין די קינדער, אָבער אַז איך וועל שטאַרבן, ווער וועט מפרנס זיין מיין פרוי און קינדער? קיין געלט האָב איך ניט. די הונדערט דאָלער וואָס איך האָב אין אַ באַנק איז דאָך קיין געלט ניט. דער פעטער האָט מיך געפרעגט: וואָס וויינסטו? דו וועסט בשלום אַהיימקומען געזונט און וועסט צוריק פאַרדינען מפרנס צו זיין דיין פרוי און קינדער.

אין שפּיטאָל האָט מען מיך געוואויגן און געמאָסטן. מען האָט מיך געפרעגט צי איך האָב געלט צו באַצאָלן פאַרן דאָקטאָר און פאַרן שפּיטאָל, האָב איך געזאָגט, אַז איך בין אַן אַרבעטער און כ׳האָב ניט צו באַצאָלן. מען האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ זייער גרויסער שטוב וואו עס זענען געשטאַנען איבער צוואַנציק בעטן פאַר קראַנקע. צו מאָרגנס אין דער פרי האָט מען מיך געוואַשן און אָפּגעגאָלט. אַרום ניין אַ זייגער האָט מען מיך אַרויפגענומען אין אָפּעראַציע־שטוב. מען האָט מיר געגעבן שלאָפגעטראַנק. אָבער אין מיטן דער אָפּעראַציע בין איך אויפגעקומען. האָט מען מיר געגעבן אַ צווייט מאָל שלאָפגעטראַנק. פאַר איין וועגס האָט מען מיך אויך אָפּערירט אויף דער בלינדער קישקע. איך האָב שפּעטער זיך דערוואוסט האָט די אָפּעראַציע געדויערט 55 מינוט. אין שפּיטאָל בין איך געלעגן 15 טעג. פון שפּיטאָל האָט מען מיך געשיקט אין אַ קאָנוואַלעסענט־היים, איך זאָל זיך אָפּרוען. אין דער קאָנוואַלעסענט־היים, וואו עס האָבן זיך געפונען ביי אַ דרייסיק קראַנקע, בין איך געווען זעקס וואָכן. ווען איך בין אַהיימגעקומען איז די פרייד און דאָס געוויין פון מיין פרוי און קינדער געווען אין לשער. איך האָב מיין פרוי געפרעגט צי זי האָט נאָך עפּעס פון דעם געלט וואָס איז געווען אין דער באַנק, האָט זי מיר געזאָגט, איך זאָל זיך ניט זאָרגן וועגן געלט, נאָר איך זאָל וואָס שנעלער אין גאַנצן געזונט ווערן. איך בין געגאַנגען אין שפּיטאָל צוויי מאָל אַ וואָך מען זאָל מיך באַנדאַזשירן. דער דאָקטאָר האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל ניט גיין אַרבעטן ביז ער וועט מיר זאָגן, איך האָב ניט געאַרבעט גאַנצע זעכצן וואָכן. ווען דער דאָקטאָר האָט מיר געזאָגט, אַז איך קען שוין אַרבעטן, בין איך געגאַנגען אין קלאָוקפּרעסערס מאַרקעט, וואָס איז דעמאָלט געווען אויף דער 21סטער גאַס ביי דער 5טער עוועניו, צו געפינען אַן אָרט צו אַרבעטן. אַ מאַן האָט

מיך אָפּגעשטעלט און געפרעגט צי איך בין אַ פּרעסער. ער האָט מיך געפירט אין אַ שאַפּ אויף דער זעלבער 21סטער גאַס לעבן דער 6טער עוועניו. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט עטלעכע „סעמפּלס" צו פּרעסן. אויב איך וועל גוט מאַכן די „סעמפּלס" וועט ער האָבן אַ סך אַרבעט. איך בין אין דעם שאַפּ שוין פאַרבליבן. כ'האָב דאָרט געאַרבעט פיר סעזאָנען און האָב זייער גוט פאַרדינט און אַפילו אָפּגעשפּאָרט אַ ביסל געלט.

אַ יאָר נאָך מיין אָפּעראַציע האָט מיין פרוי פאַרשוואַנגערט. זי האָט געוואָלט אַז דער דאָקטאר זאָל אָפּטרייבן דאָס קינד. אָבער אונדזער מומע האָט זיך דערוואוסט דערפון, האָט זי געזאָגט צו מיין פרוי, זי זאָל זיך ניט דערוועגן דאָס צו טאָן. אויב עס וועט זיין צו עסן פאַר פיר קינדער וועט אויך זיין פאַר אַ פינפטן קינד. מיין פרוי האָט געבוירן אַ מיידל. מיר האָבן איר אַ נאָמען געגעבן טילע. זי איז היינט אַ מאַמע פון צוויי קינדער. זי איז זייער אַן אינטעליגענטע פרוי און מיר האָבן זייער פיל נחת פון איר. איר מאַן איז אַ „סערטיפייד אַקאַונטענט".

אַמעריקעס אַריינטריט אין דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט אַריינ־געבראַכט אַ סך אומעט אין די יידישע היימען וואו עס האָבן זיך גע־פונען זין וואָס מען האָט צוגענומען צום מיליטער. אַ סך פון די דאָזיקע יידישע פאַמיליעס זענען נישט לאַנג געקומען קיין אַמעריקע. זיי זענען אַנטלאָפן פון אַנטיסעמיטיזם און אונטערדריקונג אין צאַרישן רוסלאַנד, איצט האָבן זיי געדאַרפט שיקן זייערע זין אין מיליטער צו פאַרגיסן בלוט פאַר רוסלאַנד, ווייל אַמעריקע האָט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון רוסלאַנד. זייער אַ סך ליבעראַלן און סאָציאַליסטן זענען געווען קעגן דער מלחמה. אַ סך יונגעלייט האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו גיין אין דער מלחמה צוליב געוויסן־טעמים. דער סאָציאַליסטישער פירער יודזשין דעבס האָט עפנטלעך גערעדט קעגן דער מלחמה. דער דעמאָלטדיקער הויפּט־פּראָקוראָר, פּאַלמער, האָט אָנגעקלאָגט דעבסן אין געריכט און מען האָט אים פאַרמשפּט צו צען יאָר תפיסה. נאָך דעם האָט פּאַלמער פאַר־ווערט עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען קעגן דער מלחמה. דער אַריינטריט פון אַמעריקע אין דער מלחמה האָט שטאַרק פאַרבעסערט די לאַגע אין דער אַמעריקאַנער אינדוסטריע. אין אַ סך פאַכן האָבן אויסגעפעלט אַרבעטער. אויך די קלאָוק־אינדוסטריע האָט פון דער מלחמה היפש געוואונען. אַרבעט איז געווען זייער אַ סך.

## קאַפּיטל 43

# נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה

אין יאָר 1920 האָב איך באַקומען אַ בריוו פון מיין היימשטעטל סטריקאָוו, אונטערגעשריבן פון רב, פון מיין פעטער אברהם מאָרגענשטערן, פון לאה קאָנשטאַם און פון דעם סטריקאָווער דאזאר (זיין נאָמען געדענק איך שוין ניט). אין דעם בריוו האָבן זיי געשריבן אַז אין שטאָט געפינען זיך זייער אַ סך אָרעמעלייט וואָס האָבן ניט אַ מאָלצייט אָפּצועסן; אַז די שניידערס, די וועבערס און די שוסטערס האָבן ניט קיין אַרבעט און זיי בעטן מיך, אַז איך זאָל שאַפן געלט פאַר מיין היימשטאָט צווישן די סטריקאָווער לאַנדסלייט אין אַמעריקע. די הילף מוז מען שיקן באַלד, ווייל עס איז אַ פראַגע פון חיי־שעה. איך האָב זיך באַלד געזען מיט עטלעכע סטריקאָווער לאַנדסלייט. מיר האָבן גערופן אַ מיטינג ביי משה שפּיגעל אין הויז (ער האָט דעמאָלט געוואוינט אויף דער 13טער גאַס, צווישן דער ערשטער און צווייטער עוועניו). אַלע גערופענע זענען געקומען צום מיטינג. איך האָב פאָרגעלייענט דעם בריוו פון סטריקאָוו. עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן אַ סטריקאָווער הילפס־קאָמיטעט. און מען האָט מיך אויסגעקליבן פאַר סעקרעטאַר און קאַסיר פון קאָמיטעט. אַחוץ דעם איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ קאָמיטעט וואָס זאָל באַזוכן אַלע סטריקאָווער לאַנדסלייט וואָס וואוינען אין פאַרשיידענע געגנטן פון ניו־יאָרק און ברוקלין.

איך האָב אַפּעלירט אַז די וואָס זענען פאַרזאַמלט, זאָלן זיי באַלד אויפן אָרט זיך באַשטייערן פאַר דעם הייליקן צוועק. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ היפּשע סומע געלט. אין זייער אַ קורצער צייט איז געשאַפן געוואָרן די סומע פון 800 ביז 900 דאָלער. איך האָב דאָס געלט באַלד אַוועקגעשיקט קיין סטריקאָוו. אין אַ קורצער צייט אַרום איז צו מיר אָנגעקומען אַ בריוו פון סטריקאָווער רב און פון דאָרטיקן קאָמיטעט מיט אַ צעטל פון די פּערזאָנען און די סומעס געלט וואָס זיי האָבן געגעבן יעדן נויטבאַדערפטיקן. איך האָב אויך באַקומען אַ בריוו מיט גוטע וואונטשן פאַר דעם, וואָס איך האָב געטאָן פאַר דער אָרעמער באַפעלקערונג פון סטריקאָוו. פאַר פּורים האָב איך ווייטער באַקומען אַ בריוו

פון סטריקאָווער רבֿ מען זאָל שיקן געלט אויף מצות. פון דעמאָלט אָן האָבן מיר יעדעס יאָר, ביז צו דער צווייטער וועלט־מלחמה, געשיקט יעדן פּאָר פּסח געלט אויף מעות־חטין.

אין 1921 האָב איך געקראָגן זייער אַ גוט אָרט צו אַרבעטן. דאָס איז געווען אַ שאָפּ מיט 12 מאַשינען. איך בין דאָרט געווען אַ „סעמפּל״־פּרעסער. איך האָב פֿאַרדינט הונדערט דאָלער אַ וואָך — אַ חוץ דעם וואָס איך האָב צו־פֿאַרדינט פֿון אַרבעטן איבער־שעהן. דאָס ערשטע יאָר האָב איך פֿאַרדינט נאָענט צו פֿינף טויזנט דאָלער. איך האָב זיך אַריינגעצויגן אין אַ נייער דירה אויף עוועניו סי, נומער 73.

איין מאָל, ווען איך בין אַהיימגעקומען פֿון דער אַרבעט, האָט מיר מיין פֿרוי געזאָגט אַז אונדזער זון דוד שפּילט ביליאַרד אויף דער 6טער גאַס. איך בין באַלד דאָרט אַוועקגעגאַנגען. ווען איך בין אַריינגעגעקומען אין דעם ביליאַרד־זאַל, האָב איך געהערט ווי מען האָט געזאָגט: „דוד, אַנטלויף, דיין טאַטע איז דאָ״. איך האָב געזען ווי מיין דוד איז אַרויסגעלאָפֿן דורך אַ זייטיקער טיר. איך בין אַוועק צוריק אַהיים און כ׳האָב אים שוין געטראָפֿן אין דער היים. איך האָב אים געפֿרעגט וואו ער איז געווען און נישט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפֿער האָב איך אים נאָכגעלאָזט אַ פּאַטש. האָט ער זיך פֿאַר מיר פֿאַרענטפֿערט אַז זיינער אַ חבֿר האָט אים מיטגענומען און אים אויסגעלערנט שפּילן און ער האָט פֿאַרענדיקט: „טאַטע, איך וועל מער ניט שפּילן אין ביליאַרד״, און ער האָט טאַקע מער ניט געשפּילט, ביזן היינטיקן טאָג שפּילט ער אַפֿילו ניט אין קאָרטן.

נאָך דער דאָזיקער פּאַסירונג מיט מיין זון האָב איך באַשלאָסן אַז מיר מוזן זיך אַרויסציִען פֿון דער געגנט וואָס איז לעצטנס געוואָרן באַוואוינט פֿון ניט קיין פֿיינעם קלאַס מענטשן. מיינע פֿיר יינגלעך האָבן ניט געהאַט קיין גוטע חבֿרים מיט וועמען זיי זאָלן זיך חברן. דאָס זעלבע איז אויך געווען מיט די פּאַבליק סקולס, וואו זיי האָבן געלערנט. מיר האָבן געטראַכט אַז מיר מוזן זוכן אַ וואוינונג אין אַ יידישער געגנט, אַ שטייגער אין ברוקלין. לאַנגע וואָכן בין איך אין די שבתים און זונטיקן אַרומגעפֿאָרן איבער פֿאַרשיידענע געגנטן אין ברוקלין זוכן אַ וואוינונג. אָבער איך האָב ניט געקענט געפֿינען, ווייל דער פּרייז וואָס מען האָט פֿאַרלאַנגט פֿאַר אַ לייטישע וואוינונג איז געווען צו טייער פֿאַר מיר. אין אַ סך ערטער האָט מען אונדז ניט געוואָלט פֿאַרדינגען קיין וואוינונג, ווייל מיר האָבן פֿינף קינדער. האָב איך געקויפֿט אַ צוויי־פֿאַמיליעס הויז. צוויי וואָכן נאָך דעם ווי מיר האָבן זיך אַריינגעצויגן אין דעם הויז, איז מיין פֿרוי קראַנק געוואָרן און איז לאַנגע וואָכן געלעגן אין בעט. ווען מיין פֿרוי איז געזונט געוואָרן, איז מיין זון לואיס אַפּע־

רירט געוואָרן אויף אַ „ראַפּטשור" און איז דריי טעג נאָך דער אָפּעראַציע אין בליענדיקן עלטער געשטאָרבן. ווען איך האָב אָפּגעוואוינט אַ יאָר אין דעם הויז האָבן מיינע בעלי־הבתים באַנקראָטירט. איך האָב ניט געקענט קריגן קיין ניי אָרט צו אַרבעטן, ווייל עס איז גראָד געווען אין דער צייט פון דעם נאָך־מלחמה קריזיס אין אַמעריקע.

---

אין יאָר 1925 האָב איך דורך מיין לאָקאַל 35 געקראָגן אַרבעט ביי אַ פירמע דזשאָזעף עט קאָהען. דער שאַפּ איז געווען אַ גרויסער. אַז איך האָב אָפּגעאַרבעט צוויי וואָכן און בין שוין געוואָרן אַ תושב אין שאַפּ און מען האָט מיך מער ניט געקענט אַוועקשיקן, האָב איך אָנגע־הויבן צו מישן זיך אין די שאַפּ־ענינים. דאָרט האָבן געאַרבעט קאָמוניסטן און זיי האָבן געפּרואווט אַרויסרופן רייסערייען צווישן די מיטגלידער פון „אינטערנייִשאָנעל" און די אַנדערע אַרבעטער און צווישן דעם בעל־הבית און די אַרבעטער. דער טשערמאַן פון שאַפּ פלעגט זיך כסדר מיט מיר האַלטן אַן עצה ווי צו האַנדלען אין פאַרשיידענע שאַפּ־פראַגן. איזי־דאָר נאַגלער, דער איצטיקער מענעדזשער פון „דזשאָינט באָארד" פון דער קלאָוקמאַכערס יוניאָן, האָט מיך גערופן צו זיך און האָט מיר גע־זאָגט, אַז איך זאָל ווערן אַקטיוו אין שאַפּ און כ'זאָל ניט דערלאָזן, אַז די קאָמוניסטן זאָלן קריגן די אויבערהאַנט.

ביי אַ שאַפּ־מיטינג בין איך אויסגעקליבן געוואָרן פאַר געהילפס־טשערמאַן. די קאָמוניסטן האָבן געמאַכט אַ טומל: אונגער, אַ רעכטער סאָציאַליסט, און אַרבעט ערשט אַ פּאָר וואָכן אין שאַפּ, וועט אונדז גיין לערנען ווי זיך צו פירן אין שאַפּ?... דער ביזנעס־אַגענט פון שאַפּ, וואַרשאַווסקי, האָט מיר אָבער געגעבן גערעכט. פון דעמאָלט אָן האָבן די קאָמוניסטן מער קיין דעה אין שאַפּ ניט געהאַט.

עס זענען דעמאָלט כסדר אָנגעגאַנגען גרויסע רייסערייען צווישן דער קאָמוניסטישער פירערשאַפט אין דער קלאָוקמאַכערס־יוניאָן און דער „מאַנופעקטשורערס אַסאָסיאיישאָן". די ניט־קאָמוניסטישע פירערס אין דער יוניאָן האָבן געזוכט מיטלען צו פאַרמיידן אַ שטרייק. דער גאָ־ווערנאָר סמיט האָט אויסגעקליבן אַ קאָמיטעט פון ליבעראַלע מענטשן, זיי זאָלן אויסגלייכן די סיכסוכים צווישן דער יוניאָן און די בעלי־הבתים. דער קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון זייער אָנגעזעענע מענטשן פון ניו־יאָרק, ווי דזשאָרדזש גאָרדאָן באַטעל, אַ באַוואוסטער אַדוואָקאַט, הערבערט לעהמאַן, דעמאָלט אַ באַוואוסטער באַנקיר און שפּעטער גאָ־ווערנאָר פון ניו־יאָרק סטייט, אַרטור ז. וואָלף, אַ באַוואוסטער באַנקיר, לינדזער ראָדזשערס, פּראָפעסאָר פון קאָלומביאַ אוניווערסיטעט, און בער־נאַרד שיינטאַג, אַ ניו־יאָרקער „סטייט אינדאַסטריעל קאָמישאָנער". די

רעקאָמענדאַציעס פון דעם קאָמיטעט האָבן געקענט זיין אַ באַזע פאַר אַ נייעם אָפּמאַך. אָבער די בעלי־הבתים האָבן ניט געוואָלט פאַרהאַנדלען מיט דער יוניאָן, ווייל זיי האָבן געוואוסט וועגן די רייסערייען וואָס גייען אָן אין דער יוניאָן צווישן די רעכטע און די קאָמוניסטישע פירערס. די קאָמוניסטישע פירערס פון דער יוניאָן האָבן דעם 29סטן יוני 1926 גערופן אַ מאַסן־מיטינג אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן. דאָרט האָבן זיי דערקלערט אַ גענעראַל־סטרייק אָן אַ רעפערענדום צווישן די יוניאָן־מיטגלידער. דער שטרייק האָט געדויערט מער ווי 20 וואָכן. די קאָמוניסטן האָבן ניט צוגעלאָזט צו דער פירערשאַפט פון שטרייק ניט פרעזידענט זיגמאַן און ניט דוד דובינסקי און ניט אַנדערע ניט־קאָמוניסטישע טוערס פון דער יוניאָן. דעם שטרייק האָבן זיי געפירט לויט די אינסטרוקציעס פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. דער שטרייק האָט אָפּגעקאָסט מער ווי דריי און אַ האַלב מיליאָן דאָלער. פון דעם געלט האָבן זיי אויסגעצאָלט שטרייק־אונטערשטיצונג ניט מער ווי איין מיליאָן דאָלער. די רעשט האָבן די קאָמוניסטן פאַרטאַכלעוועט פאַר גענגסטערס אָדער צוגענומען פאַר פּאַרטיי־צוועקן. עס איז באַקאַנט אַ פאַקט, אַז אין צייט פון שטרייק האָט איינער פון די שטרייקערס געפונען אין זאַל פון סטייוועסענט קאַסינאָ אַ קאָנווערט מיט אויסגעצאָלטע וועקסלען פאַר 52 טויזנט דאָלער וואָס איין קאָמוניסטישער שטרייק־פירער האָט געגעבן צו אַ צווייטן קאָמוניסטישן שטרייק־פירער. די קאָמוניסטן האָבן דעם שטרייק פאַרשפּילט. די יוניאָן איז נאָך דעם שטרייק געוואָרן גוואַלדיק אָפּגעשוואַכט.

---

צוליב שלעזינגערס קראַנקהייט איז דוד דובינסקי דעמאָלט באַשטימט געוואָרן פאַרן ציטטווייליקן פּרעזידענט. דאָס איז געווען אין חודש אַפּריל 1929. נאָך פריער, ווען דובינסקי איז געווען מענעדזשער פון „קאַטערס לאָקאַל 10", האָט ער ענערגיש געהאָלפן שלעזינגערן אין דער פירערשאַפט פון דער „אינטערנעשאָנעל". דובינסקי האָט דורכגעפירט די צוגרייטונגען צו דעם קורצן אָבער דערפאָלגרייכן גענעראַל־שטרייק, און ער האָט ... געהאָלפן דער קלאָוקמאַכערס יוניאָן צו ראַטעווען זי פון אונטערגאַנג.

אין סעפּטעמבער 1929 איז געקומען דער קראַך אויף וואָל־סטריט. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער לענגסטער און שווערסטער קריזיס אין דער געשיכטע פון אַמעריקע, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויפן גורל פון דער גאַנצער וועלט.

פון די ווייטערדיקע יאָרן האָב איך נישט צו דערציילן קיין ספּעציעל וויכטיקס פון מיין פּערזענלעכן לעבן, און די אַלגעמיינע געשעענישן

אין אַמעריקע און אויף דער וועלט זענען דאָך גוט באַקאַנט: דאָס קומען צו דער מאַכט פון דער רוזוועלט־אַדמיניסטראַציע; די אַרבעטער־פריינט־לעכע געזעצגעבונגען; די נר״א, דער וואוקס און די געווינסן פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג; היטלערס קומען צו דער מאַכט; די רואין פון דייטשן יידנטום; די צווייטע וועלט־מלחמה; אונדזערע זעקס מיליאָן אייראָפּעאישע קדושים; די מפּלה פון נאַציזם; דער אויפקום פון מדינת ישראל.

## קאַפּיטל 44

# מיין משפּחה און מיינע לאַנדסלייט פון יענער זייט ים

אַזוי ווי איך האָב אין מיין לעבנס־געשיכטע אַריינגעפּירט אַ סך פּערזאָנען פון מיין סביבה: משפּחה, קרובים און אַנדערע, וויל איך צום סוף דערציילן וואָס איז מיט זיי אַלעמען געוואָרן, אויף וויפל איך אַליין ווייס.

וועגן טויט פון מיין מוטער האָב איך דערציילט פריער.

מיין עלטערער ברודער דוד־זעליג איז אַוועק קיין לאָדזש און איז דאָרטן געוואָרן אַ וועבער. ער האָט שפּעטער חתונה־געהאַט מיט אונדזערס אַ געשוועסטערקינד, אַ טאָכטער פון פעטער יצחק סאַפּירשטיין פון עלקיש, אַ יפת־תואר. מיין ברודער איז דעמאָלט אַריבערגעפאָרן קיין עלקיש, ער האָט זיך גענומען צום האַנדל מיט מילך, אייער און אַנדערע מילכ־וואַרג. זיי האָבן געהאַט 5 קינדער. נאָך דער מלחמה האָב איך אָנגעשריבן אַ בריוו אויפן אַדרעס פון רב אין עלקיש מיט אַן אָנפראַגע וועגן גורל פון מיין ברודער און פון מיין עלקישער משפּחה, אָבער דער בריוו איז צוריקגעקומען. האָב איך דעמאָלט אַדרעסירט אַזאַ בריוו צום עלקישער גלח. אויף דעם האָב איך געקראָגן אַן ענטפער פון אַ געוויסן טוביה זילבערשאַץ — ווייזט אויס איינער פון די לעבן־געבליבענע עלקישער יידן — אַז מיין ברודער, זיין פרוי און קינדער און מיין גאַנצע עלקישער פאַמיליע זענען אַוועקגעפירט געוואָרן קיין אוישוויץ און קיינער פון זיי איז נישט צוריקגעקומען. זיי זענען אַלע אומגעקומען אין דעם טרויעריק־באַרימטן נאַצישן טויטנלאַגער. דער דאָזיקער זילבערשאַץ האָט מיר צו־געשיקט עטלעכע פאָטאָגראַפיעס פון מיין ברודער מיט זיין משפּחה, וואָס איך האַלט ווי אַן אָנדענק פון זיי. מיין קאָרעספּאָנדענץ מיט זילבער־שאַצן האָט אָנגעהאַלטן אַ לאַנגע צייט, איך האָב דורך אים געשיקט אַ ביסל שטיצע קיין עלקיש. אָבער נאָך אַ צייט האָט ער אויפגעהערט צו ענטפערן אויף מיינע בריוו.

מיין עלטערע שוועסטער, מלכה, האָט חתונה געהאַט מיטן ברעזינער שמש׳ס זון, אברהם. זיי האָבן געהאַט איין קינד, אַ מיידל. זי האָט זיך געגט מיטן ערשטן מאַן און האָט חתונה געהאַט אַ צווייט מאָל פון לאָדזש

מיט אַ געוויסן רעדליך. זיי האָבן געהאַט צוויי קינדער, אַ טאָכטער און אַ זון, יעקבֿ. דער זון האָט זיך געראַטעוועט פֿון היטלערס גהינום און איז אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל. ער איז געווען זייער אַקטיוו אין „אירגון" און צוליב דער דאָזיקער טעטיקייט זיינער איז ער דורך דער ענגלישער מאַנדאַטן־מאַכט געווען פֿאַרמשפּט צו טויטשטראָף, וואָס איז אים פֿאַרביטן געוואָרן אויף 20 יאָר תּפֿיסה. נאָכן אויפֿקומען פֿון מדינת־ישראל איז ער באַפֿרייט געוואָרן. ער האָט דעמאָלט געגעבן אַן אָנאָנס אין „פֿאָרווערטס" אַז ער זוכט זיין פֿעטער אברהם־פּינחס אונגער פֿון לאָדזש. איך האָב דעם אָנאָנס לכתּחילה נישט באַמערקט, אָבער פֿריינד האָבן אים דערזען און מיר וועגן דעם דערציילט. איך האָב זיך אָנגעהויבן מיט אים איבערשרייבן און אים העלפֿן. ער האָט שפּעטער געדינט אין דער ישראל־אַרמיי. נאָכן צוריקקומען פֿון דער אַרמיי האָט ער חתונה געהאַט און האָט שוין מיט מזל איין קינד.

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט מיך אָפּגעזוכט דאָ אין אַמעריקע מיין שוועסטערס טאָכטער פֿון ערשטן מאַן, נחמה. זי האָט איבערגעלעבט די היטלערישע לאַגערן און איז נאָך דער מלחמה אָנגעקומען קיין שוועדן, וואו זי האָט עטלעכע יאָר געאַרבעט ביי שניידעריי און האָט גוט פֿאַרדינט. נאָך דעם איז זי געקומען קיין אַמעריקע און האָט חתונה געהאַט מיט אירס אַ פֿעטער. זי וואוינט אין ניו־יאָרק.

מיין צווייטע שוועסטער, דבֿורה, האָט חתונה געהאַט מיט מיין פּרוים אַ געשוועסטערקינד, ברוך גערשט. זיי האָבן זיך באַזעצט אין סאָכאַטשעוו. מיין שוואָגער איז געווען אַ סוחר און אַ רייכער מענטש, אָבער עטלעכע יאָר נאָך דער חתונה איז ער געשטאָרבן. מיין שוועסטער האָט חתונה געהאַט מיט אַ צווייטן מאַן, אַ געוויסן פּשיגורסקי, אַן אינטעליגענטן מענטש. זיי האָבן געהאַט צוויי קינדער, אַ טאָכטער און אַ זון. די טאָכטער האָט שטודירט אין לאָדזש און דער זון האָט אויסשטודירט אויף דאָקטאָר־מעדיצין. ער איז געווען טעטיק אין דער אונטערערדישער באַוועגונג אין לאָדזשער געטאָ און די נאַציס האָבן אים דערהרגעט. מיין שוועסטער און איר טאָכטער זענען אומגעקומען אין די נאַצישע גאַז־קאַמערן. מיין שוואָגער איז געשטאָרבן האַרט פֿאַר דער מלחמה.

מיין אינגסטע שוועסטער, רחל, איז געשטאָרבן אין לאָדזש פֿאַר דער מלחמה. איר מאַן און זייערע פֿיר קינדער, צוויי זין און צוויי טעכטער, זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַציס.

דער סטריקאָוער רבֿ, ר' בעריש ראָזענבערג, ביי וועמען איך האָב געלערנט היפּשע עטלעכע זמנים, איז געשטאָרבן נאָך פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה.

ווען איך האָב שוין געוואוינט אין ניו־יאָרק האָב איך זיך דערוואוסט

אַז דער סטריקאָווער רבי, ר׳ מאָטל, ביי וועמען איך האָב אויך געלערנט, האָט זיך אַריבערגעצויגן קיין סאָכאַטשעוו. וואָס ס׳איז מיט אים ווייטער געשען, ווייס איך נישט.

אַ סך פון מיינע קרובים און פריינד פון סטריקאָוו און לאָדזש האָבן עמיגרירט — פריער אָדער שפּעטער פון מיר — קיין אַמעריקע. וועגן אַ טייל פון זיי האָב איך דערציילט אין די דאָזיקע קאַפּיטלען. די וואָס זענען פאַרבליבן אין פּוילן זענען כמעט אַלע אומגעקומען צווישן אונדזערע זעקס מיליאָן אייראָפּעאישע קדושים.

נאָך דער מלחמה האָבן אָנגעהויבן קומען צו אונדז בריוו פון דעם קליינעם ביסל לעבן־געבליבענע סטריקאָווער לאַנדסלייט. זיי האָבן געבעטן מען זאָל זיי שיקן שפּייז, קליידונג, הילף. איך האָב דעמאָלט פאַררופן אַ פאַרזאַמלונג פון די מיטגלידער פון דער אַלטער סטריקאָווער סאָסייעטי ווי אויך אַנדערע סטריקאָווער, וואָס האָבן צו דער סאָסייעטי נישט באַלאַנגט. כמעט אַלע זענען געקומען. עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן אַ הילפס־קאָמיטעט פאַר די סטריקאָווער שארית־הפליטה. עס איז אויסגעקליבן געוואָרן אַן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט. מיך האָט מען אויסגעקליבן פאַר סעקרעטאַר און קאַסירער. ווייטער זענען אויסגעקליבן געוואָרן: משה דיימאָנד — פאַר פאָרזיצער, מאָריס שפּיגעל — וויצע־פאָרזיצער. אין קאָמיטעט זענען אויסגעקליבן געוואָרן: מיין אַלטער פריינד פון די חדר־יאָרן אב. יאָנאַ, ל. מאָרגענשטערן, מר. און מרס. ל. מורא, בעני סיין, גרשון סיימאָן, סאָל סיימאָן, מ. העלער, א. קאהן, דוד ראָזענבוים, אברהם שפּילקין, טשאַרלס שפּילקין, דוד שפּיגעל און פאַר די פּעטערסאָנער לאַנדסלייט: א. פּין, שלמה רידעל און בייטן קאהן.

מיר האָבן אויפגעקליבן און איבערגעשיקט קיין לאָדזש דורכן יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט איבער 2,000 דאָלאַר. אַחוץ דעם האָבן מיר איבערגעשיקט אַ סך שפּייז און איבער 500 פונט נייע מלבושים. מיר האָבן אויך נישט פאַרגעסן אין „דזשאָינט" און מיר האָבן אַחוץ דעם אַלעם איבערגעגעבן דעם „דזשאָינט" איבער 1,400 דאָלאַר. ווען איך האָב אָפּגעשלאָסן דעם חשבון מיט נחמיה גילמאָווסקי, דעם אָנפירער פון „דזשאָינט"־אָפּטייל פאַר לאַנדסמאַנשאַפטן, האָט ער מיר געזאָגט, אַז אונדזער סטריקאָווער סאָסייעטי, וואָס האָט געציילט אין גאַנצן 35 מיטגלידער, האָט פּראָפּאָרציאָנעל מער אויפגעטאָן פאַר אונדזער שארית־הפליטה ווי אַ סך גרויסע אָרגאַניזאַציעס.

אין 1949 האָבן מיר, איך און מיין פרוי, פאַרלאָזט ניו־יאָרק, צוליבן געזונט־צושטאַנד, און מיר האָבן זיך באַזעצט אין מייאַמי.

## קאַפּיטל 45

# אונדזערע קינדער און קינדס־קינדער

מיין פרוי איז געקומען קיין אַמעריקע מיט דריי קינדער: משה — איז אַלט געווען פינף און אַ האַלב יאָר, דוד — פיר יאָר און לייבוש — צוויי יאָר מיט צוויי חדשים.

אונדזער עלטסטער בחור, משה, האָט זיך זייער גוט געלערנט סיי אין דער פּאַבליקסקול סיי אין דער תלמוד־תורה. ער האָט געענדיקט די פּאַבליקסקול און שפּעטער הייסקול מיט די בעסטע אויסצייכענונגען. נאָך דעם האָט ער זיך אָנגעהויבן לערנען אין דעם ניו־יאָרקער סיטי־קאַלעדזש. ער האָט זיך באַקענט מיט אַ מיידל, האָט אויפגעהערט גיין אין קאַלעדזש און האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אין אַ יוּוועליר־געשעפט. דער בעל־הבית, מאיר ווייסמאַן, האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט אויספּרובירט די ערלעכקייט פון מיין זון; ער האָט אויף דער פּאַדלאָגע פונאַנדערגע־וואָרפן צוויי פינף־דאָלאַרדיקע גאָלד־שטיקלעך. זיי זענען דאָרט געלעגן עטלעכע טעג נישט גערירט. דעמאָלט האָט ער מיין זון אָנפאַרטרויט אַפילו די שליסלען פון געשעפט; האָט אים געלאָזן פאַרקויפן צירונג און האָט אים געהעכערט די שכירות. נאָך אַ צייט האָט דעם מיידלס שוואָגער, דזשאָזעף דזשייקאָב, אַריינגענומען מיין זון אין דער אַנאָנסן־אַגענטור פון „מאָרגן־זשורנאַל" און האָט אים אָנגעהויבן צאָלן 25 דאָלאַר אַ וואָך. ער איז דאָרט כסדר געוואַקסן ביז ער איז געוואָרן מענעדזשער פון דער אַגענטור. מיין זון מיט דעם מיידל האָבן דעמאָלט חתונה געהאַט.

זיי האָבן זיך געקויפט אַ הויז אין בעי־סייד, לאָנג־איילאַנד. עס זענען ביי זיי געבוירן געוואָרן צוויי זין. דער עלטערער, סטענלי, האָט שוין געענדיקט קאַלעדזש, האָט אויסשטודירט באַנק־בוכהאַלטעריע. צוויי יאָר האָט ער געדינט אין דער אַרמיי. נאָכן צוריק קומען פון מיליטער האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ קרובה, אַ פּלימעניצע פון דזשאָזעף דזשייקאָב, האָט באַקומען אַ פּאָזיציע אין ניו־יאָרקער „סטאַק עקסטשענדזש". ער איז איצט אַ רייכער מאַן.

דאָס צווייטע איינִיקל, לואיס, גייט נאָך אין הייסקול.

דעם 13טן פעברואַר 1952 איז אונדזער זון משה געגאַנגען אויף דער פינפטער עוועניו ביי 42סטע גאַס און איז אַריין אין אַ רעסטאָראַן. ווי נאָר ער איז אַריינגעקומען איז ער אַנידערגעפאַלן. אַ האַרצשלאַג האָט מאָמענטאַל געמאַכט אַ סוף צו זיין לעבן. ער איז אַלט געווען קוים 45 יאָר.

ער האָט געהאַט אַ גרויסע לויה. עס זענען געקומען צו דער לויה רבנים, חזנים, אַקטיאָרן און אַ סך מענטשן פון דער ביזנעס־וועלט. אין די הספדים האָט מען אים באַצייכנט ווי דער גאון פון דער אַדווערטייזמענט־ביזנעס. מיין זון איז געווען אַ גרויסער בעל־צדקה און זייער באַליבט אין דער ניו־יאָרקער יידישער געזעלשאַפט. מיר האָבן אים צו פרי פאַרלוירן.

אונדזער צווייטער זון, דוד, האָט זיך אויך זייער גוט געלערנט אין פּאַבליקסקול און אין הייסקול און האָט זיי געענדיקט מיט אויסצייכענונגען. ער איז אויך געגאַנגען אין דער אַרבעטער־רינג שול (אויף דער זיבעטער גאַס, צווישן די עוועניוס עי און בי). שפּעטער האָט ער זיך געלערנט אין סיטי־קאָלעדזש און האָט שטודירט אין דער אָפּטיילונג פאַר ביזנעס. נאָך 3 יאָר גיין אין קאָלעדזש האָט זיך אין אים פאַרליבט אַ פּאַבליק־סקול־לערערין. עס האָבן זיך צו אים דעמאָלט געשדכנט אויך אַ סך מיידלעך פון רייכע היימען, אָבער מיר האָבן אים אָפּגערעדט פון די רייכע שידוכים (ווייל די רייכע טעכטער וועלן פאָדערן טייערע קליידער און וועלן פירן אַ רייך לעבן). האָט ער חתונה געהאַט מיט דער פּאַבליק־סקול־לערערין. ער האָט פאַרלאָזט דעם קאָלעדזש און האָט געעפנט בשותפות מיט זיין שוואָגער אַ הורטאָוונעם געשעפט פון אייער. זיי האָבן געהאַט איין קינד, אַ מיידל. נאָך אַ געוויסער צייט איז די פרוי קראַנק געוואָרן. מען האָט איר געמאַכט אַן אָפּעראַציע. מיט 4 יאָר צוריק איז זי ווידער קראַנק געוואָרן און איז צום באַדויערן געשטאָרבן.

אונדזער דריטער זון, לייבוש, איז געווען זייער אַ גוט יינגל. ער איז געווען זייער אַ שטאַרקער און האָט זיך אויך אויסגעצייכנט אין לערנען. ווי איך האָב שוין פריער דערציילט, איז ער געשטאָרבן נאָך אַלס הייסקול־שילער פון אַן אָפּעראַציע אויף אַ ברוך.

אונדזער פערטער זון, פאָול, איז געבוירן געוואָרן אין 1913, שוין אין ניו־יאָרק. ער האָט זיך גאָר גוט געלערנט. ער האָט געענדיקט סיטי־קאָלעדזש מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל און איז אַריינגענומען געוואָרן אין פּיי־בעטא־קאַפּאַ. ער האָט נאָך דעם געענדיקט מעדיצין און האָט געקראָגן אַ גאָלדענעם מעדאַל פון דער מעדיצינישער אָרגאַניזאַציע אַלפאַ־אָמעגאַ־אַלפאַ. נאָך דעם האָט ער געדינט אין דער אַרמיי אין טאַלאַהאַסי, פלאָרידאַ. דאָרט האָט ער זיך באַקענט מיט אַ מיידל, אַ טאָכטער פון אַ דאָקטאָר־מעדיצין, וואָס האָט זיך געלערנט אין דאָרטיקן קאָלעדזש. ער האָט מיט

איר חתונה געהאַט. אין דער אַרמיי האָט ער זיך דערדינט צום טיטול ליוטענאַנט־קוירנעל. ער האָט זיך באַזעצט אין מייאַמי וואו ער איז באַקאַנט ווי אַן אָנגעזעענער האַרץ־ספּעציאַליסט. זיי האָבן דריי קינדער, צוויי ייִנגלעך און איין מיידל. דער עלטסטער זון זיינער לערנט אויך אין אַ „היברו סקול". ער האָט שוין געהאַט אַ בר־מצווה און ווייסט אַ היפּש ביסל וועגן יידישקייט.

אונדזער איינציקע טאָכטער, טילע, האָט אויך געענדיקט פּאַבליק־סקול און הייסקול מיט אויסצייכענונגען. זי איז אויסגעוואַקסן אַ שיין מיידל (און זי איז נאָך ביז היינט אַ שיינע, מוז איך מודה זיין). זי האָט זיך באַקענט מיט אַ בחור, אויך אַ שיינער, אַ הויכער, וואָס האָט זיך געלערנט אין קאָלעדזש אויף אַ בוכהאַלטער. באַלד נאָך זייער חתונה האָט מען אים גענומען אין דער אַרמיי. ער האָט געדינט אין סאַוט־קאַראָליינאַ און מיין טאָכטער איז מיט אים דאָרט מיטגעפאָרן און האָט געאַרבעט אין אַן אַרמיי־אָפיס. נאָכן צוריק קומען פון דער אַרמיי האָט ער געענדיקט קאָלעדזש אויף „סערטיפייד אַקאַונטן". זיי האָבן צוויי קינדער, אַ מיידל — סוזי — וואָס גייט שוין אין פּאַבליקסקול, און אַ ייִנגל — מאַרק — וואָס גייט אין קינדערגאָרטן.

זיבן קינדער האָבן מיר געהאַט. איינס איז אַוועק פון דער וועלט נאָך ווי אַן עופעלע. איין זון איז געשטאָרבן ייִנגלווייז און איינער איז פרי אַוועק פון דער וועלט, אָבער ער האָט באַוויזן איבערצולאָזן נאָך זיך אַ שיינע פאַמיליע און אַ בכבודיקן נאָמען. דער גורל איז נישט געווען צו גוט צו אונדזערע קינדער. אָבער דאָך קען איך זאָגן אַז מיר האָבן געהאַט נחת פון אונדזערע קינדער און מיר זענען שטאָלץ מיט זיי, סיי ווי מענטשן סיי מיט זייערע דערגרייכונגען.